STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03100

# IBER DI DEKHER FUN PARIZ

Moses Schulstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

**משה שולשטיין**

*

# איבער די דעכער פון פאַריז

משה שולשטיין

# איבער די דעכער פון פאַריז

## ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
תל־אביב 1968

**MOSCHE SCHULSTEIN / IBER DI DECHER FUN PARIS**

**משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז**

Publishing-House "Israel-Book", Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

**נדפס בישראל תשכ"ט**

**Printed in Israel, 1968**

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מיטהילף פון אַ קרייז פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור אין פאַריז, פון מיינע לאַנדסלייט אין ישראל און פראַנקרייך און פון יוסף־ווינעצקי־פאָנד ביים יידישן פען־קלוב אין ניו־יאָרק.

דפוס לינו־טור, רח' יסוד המעלה 39, תל־אביב



דער דיכטער משה שולשטיין סקולפּטאָר: מיכאַל מילבערגער (גיפּס)

מיינע עלטערן רויזע־גיטל און בנימין,
מיינע ברידער אברהמטשע, יחזקאל און מאיר,
מיינע שוועסטערן רחל, מרים־רבקה און חנה,
אומגעקומען אין די יאָרן פון דער צווייטער
וועלט־מלחמה, — דאָס בוך געהייליקט.

# דער בלינדער און זיין באַגלייטער

# דער בלינדער און זיין באַגלייטער

מיט דעם בלינדן האָב איך זיך געקענט פון זען. ס׳הייסט, איך האָב אים געקענט פון זען, נאָר ער מיך, פאַרשטענדלעך, האָט פון זען נישט געקענט. איך פלעג אים זייער אָפט טרעפן פאַרנאַכט ביים אויסשטייגן פון דער מעטראָ, שטענדיק אין דער זעלבער צייט און שטענדיק אין זעלבן הולך, מיט זיין אַלטן אויסגעריבענעם מאַנטל און ברוינלעכן אָפּגעשאָסענעם בערעטל, מיט זיין ווייסן שטעקן, וואָס איז געווען ווי באַהאָפטן צו אים, ווי זיינער אַן אבר, און אונטער זיין אָרעם האָט ער געהאַלטן אַן אָפּגענוצטע טעקע, וואָס האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון עפּעס אַ שטיקל באַאַמטן. אָבער טאַקע זיין אייגענער ווייסער שטעקן אַליין האָט מיר צעקלאַפּט מיין השערה: וואָס פאַר אַ באַאַמטער קען ער דאָס זיין, דער דאָזיקער מענטש, בלינדערהייט? אָבער טשיקאַווע, ער מוז דאָך פאָרט זיין ערגעץ־ווו ביי עפּעס באַשעפטיקט, אַפּילו בלינדערהייט, אויב איך זע אים אַזוי אויסשטייגן יעדן אָוונט פון דער מעטראָ, מער־ווייניק שטענדיק אין דער זעלבער צייט. אַלנפאַלס, האָט די טעקע זיינע צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט און מיך שטאַרק פאַראינטריגירט. וואָס פאַר אַ געשעפטן, פּאַפּירן, סודות קען דער בלינדער האָבן אין איר?

וועגן אַנדערע מעטראָ־פּאַסאַזשירן פון דער קאַרטיע, וואָס איך פלעג אָפט באַגעגענען ביי דער זעלבער סטאַציע, קען איך טאַקע זאָגן, אַז מיר האָבן זיך געקענט פון זען, ס׳הייסט קעגנזייטיק; אונדזערע בליקן פלעגן זיך שוין היימישלעך אַנטרעפן ביים באַגעגענען זיך, צי ביים וואַרטן אויפן אָנקומען פון צוג, נישט ווי מיטן בלינדן... מיט געוויסע פון זיי פלעג איך זיך שוין אַפילו גריסן, אויסטוישן אַ שמייכל. אָבער פון אים, פונעם בלינדן,

ווי האָב איך געקענט דערוואָרטן אַ שמייכל פון זיינע אויגן, וואָס זענען שטענדיק געווען פאַרשטעלט מיט זיינע טונקל־בלויע ברילן־גלעזער, וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון אימה? עפּעס האָבן זיי מיר אויס־געזען ווי די פינצטערע אויגן־לעכער פון אַ טויטן־שאַרבן און טייל מאָל האָבן זיי מיר אויך דערמאָנט אין די שערבעלעך אויפן געזיכט פון אַ ייִדישן בר־מינן אין די אַמאָליקע פּוילישע שטעטלעך.

די קאָנטשאַפּט מיטן בלינדן איז, אַלזאָ, געווען פון מיין זייט בלויז. דאָס האָב איך בלויז, אָנהאַלטנדיק זיך ביי אַן אָנשפּאַרשטאַנג פון מעטראָ־וואַגאָן, געקוקט אויף אים, נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. מיין בליק האָט אים כסדר אָבסערווירט, באַטראַכט, געפאָרשט, נישט זייענדיק זשעניִרט אַז ער וועט עס באַמערקן. אָבער ער מיר, דאַקעגן, האָט זיין בליק, ליידער, נישט געקענט שענקען. אַלץ אין דער וועלט יאָ, נאָר נישט זיין בליק. און ער האָט אַפילו נישט געוווּסט אַז איך קוק אויף אים, אַז איך זע אים, איך קען אים... שטייענדיק אינעם אָנגעפּראָפּטן מעטראָ־וואַגאָן, קוק איך לאַנג אויף זיין געזיכט, וואָס האָט עפּעס אַ געלבלעך־קרענקלעכן אויסזען, ווי פון אַ געמיש פון וואַקס־ און ערדקאָליר, און איך באַמי זיך אומזיסט צו שאַצן זיין עלטער, צו טרעפן זיינע יאָרן. מען האָט אים געקענט געבן עטלעכע און דרייסיק יאָר, עטלעכע און פערציק און אויך עטלעכע און פופציק.

אין דער מעטראָ פלעג איך דעם בלינדן שטענדיק טרעפן אין דעם ערשטן וואַגאָן. ער האָט זיך דאָ געפונען בכדי צו זיין נאָענט צום אַרויסגאַנג, ווי עס טוען דאָס מיט אויסגערעכנטקייט כמעט אַלע. איך האָב באַמערקט, אַז ווען עס קומט אָן זיין סטאַציע ווייסט ער אַליין ווען אויסצושטייגן אָן קיינעמס אָנווייזונג, אָדער הילף. איך האָב זיך אין אָנהייב געחידושט, אָבער שפּעטערצו בין איך זיך משער געווען, אַז עס איז שוין ביי אים אַזאַ גע־וווינהייט, אָדער ער אָריענטירט זיך לויטן אָפּציילן די סטאַציעס, וואָס ער פאָרט פאַרביי. איך האָב ביי אים געזען אַ האַלטונג פון אַ געוויסן זעלבסט־שטאָלץ און ווירדיקייט. ער האָט, קענטיק, נישט פאַרטראַגן, אַז מען האָט אים אַרויסגעוויזן געפילן פון רחמנות און באַרעמהאַרציקייט. איין מאָל, ווען אין וואַגאָן איז געווען גאַנץ ענגלעך און אַלע זיצפּלעצער זענען געווען פאַרנומען, האָב איך באַמערקט ווי ער האָט נישט אָנגענומען דאָס פּלאַץ וואָס עמעץ האָט אים געוואָלט אָפּטרעטן. „אַ דאַנק — האָט ער געזאָגט — איך שטיי גוט“...

איך האָב זיך געפונען גראָד לעבן אים און איך האָב זיך אַריינגעמישט:
„אַנטשולדיקט מיר, האָב איך זיך אָנגערופן צו אים, איך דערלויב זיך אייך צו פרעגן פאַר וואָס איר האָט נישט אָנגענומען דאָס אָרט צום זיצן, וואָס מען האָט אייך אָנגעבאָטן? איר זענט דאָך מיד".

„איך בין נישט מער מיד פון אַנדערע. איך זע צו שטיין"... — האָט ער מיר געענטפערט און איך האָב געזען דערביי אַ ביטערן שמייכל זיך אָנציי־כענען אַרום זיינע ליפן, בלויז אויף זיינע ליפן. זיינע אויגן האָט מען קיין מאָל נישט געקענט זען שמייכלען. ווען דער שמייכל איז אַוועק, האָט זיך זיין געזיכט ווידער פאַרצויגן מיט דער שטענדיקער אומבאַוועגלעכקייט ווי פון אַ מאַסקע. ווען ער האָט געזאָגט עפּעס, האָט עס אויסגעזען ווי ער רעדט פאַר זיך, אין דער וועלט אַריין, צו קיינעם נישט. טייל מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז זיין קול זוכט אַרום אין חלל דעם, צו וועמען ער רעדט.

ביים אויסשטייגן האָט דער מעטראָ־אָנגעשטעלטער, דער וואָס עפנט און פאַרמאַכט די טיר פון ערשטן וואַגאָן, אים אָנגענומען בלויז לייכט ביים אָרעם און אים אַרויסגעפירט אויף דער ראַמפּע. ווייטער האָט שוין דער בלינדער געוווּסט צו גיין אַליין, האַלטנדיק שטענדיק זיין שטעקן פאַר זיך, פאַרויס. ער האָט נישט געדאַרפט קיינעמס הילף. זעט אויס, אַז אַלע האָבן דאָס שוין געוווּסט און דעריבער אים מיט אַ לייכט האַרץ געלאָזט גיין אַליין. אַרויפשטייגנדיק אויף די דרויסנדיקע טרעפּ צום אַרויסגיין אויף דער גאַס, פלעגט ער זיך האַלטן ביי דער וואַנט און קלאַפּן מיט זיין שטעקן גיך און דראָבנע אין די ווייסע קאַכליעס. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פאַר אַלעמען, אַז מען זאָל דעם בלינדן אָפּטרעטן דעם וועג. די קלעפּ פון זיין שטעקן האָבן זיך געשאָטן ווי קליינע צעבראָקטע שטיינדלעך. דער שטעקן האָט גערעדט פאַרן בלינדן, ער איז איצטער געווען פאַר אים נישט בלויז זיין טרייער וועגווייזער און באַגלייטער, נאָר אויך זיין לשון. זיין יעדער קלאַפּ האָט ווי געזאָגט: „אַכטונג, איר זעעוודיקע! פאַרזיכטיק, דאָ גייט אייך אַקעגן דער בלינדער!"

אַרויסקומענדיק פון מעטראָ אין דרויסן, האָט ער געוואַרט אַ ווײַלע. אַריבערגעגאַנגען די גאַס איז ער קיין מאָל נישט אַליין. שטענדיק האָט זיך שוין געפונען עמעצער וואָס האָט אים פאַרגעלייגט דעם אָרעם צום אַריבער־

פירן אים. זעענדיק אים בלייבן שטיין אַ פֿאַרלוירענעם און אפשר אויך אַ צעטומלטן, בין איך צוגעגאַנגען צו אים און אָנרירנדיק אים לייכט ביי אַ האַנט, האָב איך אים געפרעגט:

— איר ווילט אפשר, אַז איך זאָל אייך אַריבערפירן?

— אַ דאַנק — האָט ער מיר געזאָגט — אָבער איך דאַרף נאָך דאָ צוּוואַרטן אַ ביסל.

איך בין אַוועק און איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס איך האָב, נאָכן האָבן אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט צום אָרט וווּ דער בלינדער איז געשטאַנען. איך האָב געזען ווי ער באַוועגט זיך עפּעס אומרויִק, האַלטנדיק דעם שטעקן פּאַרויס, עטוואָס אויפגעהויבן און פּאַכעט און מאַניפּולירט מיט אים אַרום זיך, ווי ער אַליין, דער שטעקן, וואָלט געשפּירט לעבן זיך נישט-זיכערע ערטער, וואָס דראָען מיט סכנה, און באַמערקנדיק אַזוי דעם בלינדן ביים ראַנד פון טראָטואַר, האָט עס אויס-געזען ווי ער וואָלט געשטאַנען ממש פאַר אַ תהום. פּלוצים האָב איך דערזען ווי אַ יונגע פרוי איז צו אים צוגעגאַנגען און קענטיק אים פאַרגעלייגט אַריבערצופירן אים אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר און איך האָב געזען אַ דערשטוינטער ווי ער דערלאַנגט איר זיין אָרעם צום אַריבערפירן אים און זיי נעמען ביידע אַריבערגיין די גאַס. זעט אויס, אַז די פרוי איז געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג וואָס דער בלינדער האָט געדאַרפט גיין, איז זי, אַריבערקומענדיק אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר, נאָך געגאַנגען מיט אים אַ שטיקל וועג.

איך האָב איצטער געהאַט אַ חשד, אַז דער בלינדער האָט בכיוון נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אים פירן; אַז ער האָט זיך זיינע פּרעפערענצן ביים אַריבערפירן אים; אַז ער וויל ליבערשט, אַז אַ פרוי זאָל אים פירן. און ס׳איז מיר גלייך געקומען אויפן זינען אַז איך האָב טאַקע עפּעס קיין מאָל נישט געזען, אַז אַ מאַן זאָל אים ווען עס איז האָבן אַריבערגעפירט איבער דער גאַס.

דאָס נאָענטסטע מאָל בין איך שוין געווען אויפמערקזאַמער, בכדי צו זיין איבערצייגט אין מיין השערה. איך האָב געזען ווי אַרויסקומענדיק פון מעטראָ אויף דער גאַס, האָט אַ מיידל פאַרגעלייגט דעם בלינדן איר אָרעם

און ער איז גלייך באַשטאַנען. אַ צווייט מאָל האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס מיט מיר: אַ מאַן האָט אים אַנגעבאָטן אַריבערצופירן אים און ער האָט אָפּגעזאָגט און ער האָט געוואַרט ביז אַ פרוי איז צו אים צוגעקומען. איצטער איז עס שוין געווען פאַר מיר אין גאַנצן קלאָר. איך האָב אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויפן בלינדן, מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט, ווי אויף איינעם וואָס איז עפּעס פאַרפאָלגט פון אַ מאַניע און האָט עפּעס נישט־נאָרמאַלע און נישט־איידעלע כוונות אין זיינע דרכים און פירעכצער. דערנאָך האָב איך זיך באַרעכנט און זיך אַליין געפרעגט: וואָס, אייגנטלעך, איז דאָס מיין עסק נאָכצוקוקן דעם בלינדן? וואָס גייט עס מיך אָן? וואָס בין איך עפּעס אַן אָפּהיטער פון מאָראַל? זאָל זיך יעדער פירן ווי ער וויל און ווי אים איז ליב און דער בלינדער אַוודאי און אַוודאי. און איך האָב נאָך גענומען גאָר אויסזוכן אַ זכות אויפן בלינדן: וואָס האָט ער דען, מישטיינס געזאָגט, אין זיין לעבן? ער האָט דאָך זיכער קיין מאָל נישט געפילט די נאָענטקייט פון אַ פרוי, ווייל וועלכע פרוי וועט דען וועלן נעמען אַזאַ מענטש ווי ער. די איינציקע נאָענטקייט פון אַ פרוי, וואָס ער פילט לעבן זיך, איז דאָך זיכער דעמאָלט ווען מען פירט אים אַריבער אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. איז ווי קום איך אים אויסצורעדן און מאַכן אים פאָרווורפן, זאָל זיין אַפילו בלויז אין געדאַנק?

אַ צווייט מאָל, ווען איך האָב געזען ווי ער גיט אַ יונגער פרוי זיין אָרעם, אויף אַריבערצופירן אים איבער דער גאַס, בין איך אויך אַריבערגעגאַנגען, כאָטש דאָס איז נישט געווען מיין וועג. מיר איז אויסגעקומען צו גיין לעבן זיי ביידע. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דער בלינדער טוליעט זיך צו דער פרוי, וועלנדיק איר עפּעס זאָגן, אָדער אפשר טוליעט ער זיך סתם אַזוי, לשם טוליען זיך. איך האָב אָבסערווירט זיין געזיכט. דער וואַקס פון זיין מאַסקע האָט אָנגעהויבן צו שמעלצן, פאַרווייכט צו ווערן אונטער דער גוטער מילדער וואַרעמקייט, וואָס ער האָט געפילט. אַ שמייכל פון גליקזעליקייט האָט זיך צעגאָסן דערויף און די שטרענגע פאַרגליווערטקייט האָט נאָכגעלאָזט. שוין זייענדיק אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר זענען זיי נאָך געגאַנגען צוזאַמען אַ פּאָר טריט. איך האָב באַמערקט ווי ער שעפּטשעט עפּעס שטילערהייט נאָענט פון דער פרוי. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און קוים געהערט:

— איך פיל, אַז איר האָט אַ גוט האַרץ, מאַדמואַזעל, צי אפשר מאַדאַם...

לויטן קלאַנג פון אייער שטימע פיל איך אַז איר זענט אַ פיינע און אַ גוטע און אַז איר קענט אויסשטרעקן עמעצן אַ האַנט אין אַן עת־צרה...

— צי איר האָט געטראָפן, אַז איך בין אַ גוטע, ווייס איך נישט, אָבער אַז אַ מענטש דאַרף אונטערהאַלטן אַ צווייטן מענטש, פון דעם האַלט איך — האָט די פרוי געזאָגט און אַרויסגענומען איר האַנט פון זיין אָרעם אַ קרעמ־פירטע — איך מיין אַז איצטער וועט איר שוין אַליין טרעפן דעם וועג... באָן קוראַזש... — און זי האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק אין דער פאַר־קערטער ריכטונג.

דער בלינדער איז אַ ווילע געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער און אַ פאַר־לאָזטער, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, און ער האָט בלויז נערוועז געפאָכעט אַרום זיך מיטן שטעקן, ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאָט און עס פאַרלוירן, ווי אַ מענטש וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף נאָך אַ גליקלעכן חלום און באַנעמט, אַז עס איז געווען נישט מער ווי אַ חלום און ער באַדויערט אים... אויך איך האָב זיך הינטער דעם בלינדן אָפּ־געשטעלט, ווי אויטאָמאַטיש, נישט געגאַנגען ווייטער. ווען ער האָט ענדלעך גענומען גיין בין איך אים נאָכגעגאַנגען ווי זיין שאָטן.

איך האָב זיך איצטער אַליין געמוסרט פאַר וואָס איך האָב זיך אונטער־געהערט צום שמועס צווישן אים און דער פרוי בשעת זי האָט אים געפירט. נישט שיין פון מיין זייט, וואָס איך האָב אויסגענוצט דאָס, וואָס ער זעט נישט און זיך דערלויבט צו גיין נאָענט פון אים און זיך צוהערן. פון דער צווייטער זייט האָב איך זיך געפּרוווט לייכטער מאַכן מיין שווער געפיל דערמיט וואָס איך האָב עס נישט געטאָן בכיוון; איך בין געגאַנגען ווי אַ געוויינלעכער דורכגייער און נישט טראַכטנדיק, אַז דער בלינדער קען דער פרוי זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איך דאַרף נישט הערן.

איך בין שוין איצטער געגאַנגען נישט פון הינטן, נאָר כמעט לעבן אים, ביי זיין זייט. איך האָב אים אָבסערווירט אָן מורא, וויסנדיק אַז ער זעט מיך נישט. פון זיין געזיכט איז פולשטענדיק אַוועק די גוטע מילדע ווייכקייט, וואָס איך האָב פריִער באַמערקט בעת די פרוי האָט אים געפירט; עס האָט אָנגענומען צוריק די געוויינלעכע פאַרגליווערטקייט און פינצטערקייט און עפּעס נאָך מער ווי געוויינלעך, האָט זיך מיר געדאַכט. ער האָט געפאָכעט מיט זיין שטעקן, ווי ער וואָלט מיט אים אָפּגעטריבן פון זיך בייזע גייסטער

און רוחות. באַלד האָט ער גענומען קלאַפּן מיט אים אין דער וואַנט אַריין נערוועז און צאָרנדיק, אַז עס האָט אויסגעזען ווי נישט ער קלאַפּט אין דער וואַנט, נאָר ער שלאָגט זי מיטן שטעקן פאַר פאַרדראָס און כעס...

פאָכענדיק אַזוי און מאַכנדיק פאַר זיך אַ וועג, האָט דער בלינדער פאַר־קערעוועט צום קליינעם סקווערל הינטער דער מערי. ער איז אַהין אַריין און קלאַפּנדיק אין די ביימער, האָט ער געזוכט אַ באַנק ווו אַנידערצוזעצן זיך. איך בין אויך אַריין אין סקווער און ס׳איז מיר פיינלעך געווען צו זען זיין זוכן און נישט טרעפן, אָבער איך האָב נישט געקענט עפּעס גלייך פועלן ביי זיך צוצוגיין צו אים און אים העלפן, נאָך דעם ווי ער האָט עטלעכע מאָל נישט אָנגענומען מיין אָרעם ביים אַרויסגאַנג פון דער מעטראָ. אָבער לאָזן אים אַזוי טאַפּן אין חלל וואָלט דאָך געקענט אויסזען נישט מענטשלעך, האָב איך זיך געטראַכט. און טאָמער באַמערקט עמעצער ווי דער בלינדער גייט און זוכט אַ באַנק און איך גיי לעבן אים און העלף אים נישט? יענער וועט דאָך מיט רעכט מיך קענען אָננעמען פאַר אַ ווילדע בריאה, אַן אַכזר. איך האָב דעם בלינדן לייכט אָנגערירט ביי אַן אַרבל, נישט אָנרופנדיק זיך מיט אַ וואָרט און אים צוגעפירט צו דער נאָענטסטער באַנק. ער האָט נישט דערווידערט. פאַרקערט, ער האָט מיר נאָך געדאַנקט. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון מיר און אַנידערזעצן.

נאָך דעם ווי ער איז שוין געזעסן, האָב איך זיך אויך צוגעזעצט אויף דער באַנק לעבן אים. איך האָב געזוכט ווערטער צו פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. אַרום איז געווען אויפגייענדיקער פרילינג. פון די צווייגן האָבן זיך געשפּאַרט די קנאָספּן מיט סאַמע ערשטע גרינע אָנזאָגן און בשורות. אויף די בענק אַרום זענען געזעסן מערסטנס יונגע מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך ביי דער זייט. עטלעכע פרויען זענען געזעסן און האָבן געשטריקט מיט מעכאַנישע באַוועגונגען, אַריינגעוואָרפן פון צייט צו צייט אַ וואָרט צו אַ שכנה וועגן יקרות. אַלטע לייט, שוין אויף פּענסיע, האָבן געפירט צווישן זיך שמועסן, גערעדט וועגן זייערע מיחושן און שלאָפלאָזיקייט. ייִנגעלעך האָבן זיך געשפּילט אין קאָוובאָיען, אָנגרייפנדיק זיך מיט צוויי פּיסטאָלעטן אין די הענטלעך און אימיטירנדיק מיט די שטימעלעך די קלאַנגען פון סער־יעס שאָסן. קינדער, אַריינגעטאָן אין דער שפּיל פון זאַמד, האָבן זיך געפלייסט ביים אויפבויען פאַנטאַסטישע שלעסער, טונעלן, אָדער ביים באַקן טאָרטן

און קוכנס. נאָענט פון מיין באַנק האָב איך געזען אַרויסשיינען פון אַ קינדער־וועגעלע אַן עופהלע מיט אַ ראָז פנימל, וואָס איז געשלאָפן אין פרידן, נישט מאַכנדיק זיך גאָרנישט פון דעם גאַנצן געטומל אַרום אים. אַ גומען סמאָ־טשיקל האָט געשטעקט צווישן זיינע ליפּעלעך, ווי עס וואָלט פאַרשרויפט זיין פּיסקעלע בכדי עס זאָל קיין פּיפּס נישט קענען אַרויסגעבן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער בלינדער לעבט פון דעססטוועגן איבער אַ פאַרבאָרגענעם נחת און צופרידנקייט ביים איינהערן זיך צו די פריילעכע קינדערישע קולעכלעך, צום טשוויטשעריי און פליגל־געפלאַטער פון די פאַרבייפליִענדיקע פייגל, צום זיסן גערויש פון אָנקומענדיקן פרילינג. איך האָב באַמערקט, אַז יעדן פאַרבייפלי פון די פייגל, וואָס ער הערט, פאָלגט ער נאָך מיט באַוועגונגען פון זיין קאָפּ, אויסדרייענדיק אים אַהין, אין דער ריכ־טונג וווּ די פייגל זענען פאַרשוווּנדן. איך האָב געפילט ווי די רגע איז הייליק און אַז איך טאָר אים אפשר נישט שטערן מיט אָנרופן זיך צו אים. מיין חוב, האָב איך געפילט, איז צו שווייגן. אפשר גייט איצטער אויף אין אים אַ תפילה צו די ביימער, צו די גראָזן, צו די פייגל, וואָס קיינער טאָר אים נישט איבעררייסן, ברענגען אים דערצו, אַז ער זאָל דאַרפן מפסיק זיין.

איך האָב זיך געוואַקלט און איבערגעוואַרט ביז איך האָב געוואָגט עפּעס צו זאָגן אים. איך האָב באַשלאָסן אָנצוהייבן רעדן וועגן וועטער, טאַקע וועגן דעם פרילינג, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף דאָ זיין פאַר־זיכטיק, נישט אַרויסכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט, פון וועלכן דער בלינדער קען האָבן עגמת־נפש, נישט אויסדריקן התפעלות פאַר דעם וואָס איך זע, דאָס וואָס עס קען אים נאָך אפשר פאַרשאַפן ווייטיק; נישט אַרויסברענגען אַזוינס, אויף וואָס דער בלינדער קען זיין פילבאַר, דער עיקר, אויסמיידן ווערטער וואָס האָבן אַ שייכות מיט זען, מיט ראיה.

— מען פילט שוין גוט דעם פרילינג אין שטאָט — האָב איך צו אים געזאָגט — איר הערט די פייגל? — און איך האָב דערביי געלייגט דעם טראָפּ אויף דעם „איר הערט"...

— איך הער, איך הער — האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון זיך זיינע רייד ווי נישט צו מיר, נאָר סתם אַזוי, פאַר זיך, אין דער וועלט אַריין. און אַ מילדער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַרום זיין מויל און פאַרכאַפּט אַ שטיק פּנים. אויך אויף דעם געזיכט פונעם בלינדן האָט זיך שוין דער פרילינג

באַזעצט און פאַרטריבן פון אים די חשכות, האָב איך פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט.

— דאָס גרינס שמעקט שוין אומעטום — האָב איך ווייטער געזאָגט און גלייך איינגעזען, אַז עס האָט אפשר נישט געטויגט צו באַניצן זיך מיטן וואָרט „גרינס״, וואָס איז אַ קאָליר און מען דאַרף דאָס זען. דערפאַר האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט הויך: „אַך, ווי עס שמעקט, ווי עס שמעקט!״... — ווענלדיק דערמיט אָפּשוואַכן ביי אים דעם איינדרוק פונעם וואָרט „גרינס״, פאַרטויבן עס, צו נישט מאַכן...

— יאָ, עס שמעקט, עס שמעקט... — האָט ער ווי סקעפּטיש באַוועגט מיטן קאָפּ און עס האָט עפּעס ווי געקלונגען פון זיינע רייד מיט צווייטייטיקייט און רמזים.

איך בין שוין איצטער געווען פאַרזיכטיקער און פשוט געקליבן די ווערטער. איך האָב בכיוון געזאָגט: „די זון וואַרעמט שוין גוט״, אַנשטאָט „די זון שיינט שוין גוט״, ווי איך האָב געוואָלט זאָגן, ווייל „וואַרעמט״ פילט מען און „שיינט״ זעט מען... איך האָב בכלל באַשלאָסן צו ענדערן דעם שמועס.

— איר ווייסט? — האָב איך צו אים געזאָגט — איך קען אייך... יאָ, איך קען אייך פון זען... — און איך האָב זיך גלייך געוואָלט אָפּבייסן די צונג פאַר דעם וואָס איך האָב געזאָגט: „פון זען״... אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט, ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן און ער האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— און איך קען אייך אויך... איך קען אייך פון הערן... — האָט ער געלאָסן געצויגן די ווערטער ווי מיט אַ מיין...

איך האָב נישט געוווסט צי דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ מין אָפּענטפערן מיר, בכדי צו געבן מיר אַ שטאָך, אָדער ער האָט געמיינט גאַנץ פשוט מיר צו זאָגן, אַז ער קען מיך טאַקע פון הערן, בלויז פון הערן...

— איך האָב אייך עטלעכע מאָל געהערט רעדן צו מיר אין מעטראָ, אין גאַס — האָט ער פאַרגעזעצט — איך דערקען אייך לויט אייער שטים, און טאַקע לויטן קלאַנג פון אייער שטים דאַרפט איר זיין, דאַכט זיך מיר, אַן איידעלער און פיינער מענטש. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט איר מיר שוין אַפילו איין מאָל פאַרגעלייגט אַריבערצופירן מיך איבער דער גאַס, נישט אמת?

— יאָ, עס שטימט — האָב איך געזאָגט — נו, און איך האָב אײַך איבערגעפירט ?...

— איך געדענק נישט. אַ מאָל וואַרט מיך אָפּ בײַ דער מעטראָ אַ קרובה מײַנע. האָב איך אײַך מסתמא פאַרשפּאַרט די טירחא...

איך האָב געוווּסט, אַז דער בלינדער באַהאַלט עפּעס אויס פאַר מיר און אַז די מעשׂה מיט דער קרובה איז נישט מער ווי אַ באָבע־מעשׂה. אָבער איך האָב אים נישט אין דער מינדסטער מאָס געוואָלט געבן צו פילן אַז איך ווייס דאָס. איך האָב אים מיט גאָרנישט נישט געוואָלט קוועלן און אַוודאי נישט פאַרשעמען. און איך האָב ווידער באַשלאָסן אַראָפּצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנדערן ענין.

— כ׳באַמערק אײַך כמעט יעדן טאָג אין דער זעלבער צײַט אַרויסגיין פון דער מעטראָ מיט אײַער טעקע אין האַנט — האָב איך צו אים געזאָגט — איר מוזט אַוודאי זײַן באַשעפטיקט בײַ אַ וויכטיקער אַרבעט — האָב איך געכאַפּט אַ בליק אויף זײַן טעקע — מען קען אפשר וויסן בײַ וואָס איר זענט באַשעפטיקט ?

— איך בין דירעקטאָר פון אַן אַנשטאַלט פאַר בלינדע — האָט ער מיר געענטפערט.

— אָ, דאָס איז דאָך וווּנדערבאַר! — האָב איך אויסגערופן און נישט פאַרשטאַנען דערבײַ ווי אַזוי מען קען זײַן אַ דירעקטאָר פון אַן אַנשטאַלט פאַר בלינדע, נישט זענדיק. און אויב, האָב איך געטראַכט, איז דאָ דער בלינדער מיט עפּעס מגזם, מעג איך אים אויך מוחל זײַן. מעגלעך, אַז ער טוט עפּעס דאָרטן אין דעם אַנשטאַלט פאַר בלינדע און אויב ער וויל זיך אויספּײַנען פאַר מיר מיטן אָנגעבן זיך פאַר דירעקטאָר, דאַרף איך זיך נישט מאַכן וויסן און איך מעג עס אים פאַרגינען.

— נעכטן, זונטיק — האָט ער פאַרגעזעצט — האָט איר אפשר באַמערקט אין גאַס יונגעלײַט און מיידלעך זאַמלען געלט אויף צו העלפן בלינדע.

— וואָס הייסט, צי איך האָב באַמערקט ? נישט אפשר, נאָר אַוודאי האָב איך באַמערקט, און נישט בלויז איך האָב באַמערקט, נאָר טאָקע אויך גע־האָלפן, זיך באַשטייערט ווי עס געהער צו זײַן מיט אַ ברייטער האַנט — האָב איך פאַרזיכערט דעם בלינדן.

איך האָב זיך טאָקע דערמאָנט ווי אויף אַלע ראָגן זענען נעכטן געשטאַ־

נען בחורים און מיידלעך און געקלונגען מיט פושקעס, און יעדן, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אין דער פושקע אַ מטבע, האָט מען אים אַריינגעשטעקט אין לאַץ אַ ווייסן שטעקן אין מיניאַטור, די גרויס פון אַ שוועבעלע, דעם צייכן פון די בלינדע.

— אַלע האָבן מיר נעכטן געטראָגן דעם ווייסן שטעקן אין די לאַצן — האָב איך באַטאָנט מיט שטאָלץ, וועלנדיק אים דערמיט זאָגן, אַז אַלע סאָלי־דאַריזירן זיך מיט די אומגליקלעכע מענטשן וואָס זעען נישט.

— בלויז אין די לאַצן... — האָט ער אַרויסגעזאָגט געלאַסן מיט זיין צווײדייטיקייט און ביטער־ער איראָניע און דאָס מאָל האָב איך אָפּגעפילט אין זיינע רייד אַ שאַרפע קנאה צו די מענטשן וואָס זעען.

„בלויז אין די לאַצן”, האָב איך איבערגעוואוויגן אין געדאַנק מיט גע־קרענקטקייט זיינע רייד. וואָס וואָלט ער געוואָלט, דער בלינדער, אַז מיר זאָלן אַלע אויך טראָגן ווייסע שטעקנס אין די הענט? אַז מיר זאָלן אַלע בלינד ווערן מיט אים צוזאַמען? וואָס אַזוינס בין איך אים דען שולדיק, דעם בלינדן, מיט דעם וואָס איך זע?

עס איז אַריינגעטרעטן אַ שווערע שטילקייט צווישן אונדז. דער בלינדער האָט זי סוף כל סוף איבערגעריסן און ווידער מיט פּרובירן אויספּיינען זיך פאַר מיר:

— און ווער, מיינט איר, האָט אָרגאַניזירט די געלטזאַמלונג נעכטן איבער די גאַסן פון פּאַריז?

— נו, טאַקע ווער? — בין איך נייגעריק געוווען.

— איך — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט אַ האַנט אין האַרצן — איך, אַלס דירעקטאָר פונעם אַנשטאַלט צוזאַמען מיט די וווילטעטיקע אָרגאַני־זאַציעס פאַר העלפן בלינדע.

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז איך האָב מער נישט געצווייפלט אַז ער איז נישט דער דירעקטאָר פונעם אַנשטאַלט פאַר בלינדע.

— איר האָט טאַקע, באמת, אַ גרויסן פאַרדינסט — האָב איך אים אויס־געדריקט מיין אַנערקענונג — נישט וועלנדיק מער וויסן צי דער בלינדער טרייבט דאָ אַ ביסל איבער וועגן זיך — נו, און אייער שטעלע גיט אייך כאָטש געגנוג אויף חיונה? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס הייסט גענוג? איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך האָב נאָך אויך

אויסצוהאַלטן אַן אַלטע קראַנקע מוטער און איך פֿאַרזיכער איך, אַז זי ליידט נישט קיין הונגער ביי מיר.

— אָט דאָס, זעט איר, איז זייער שיין פֿון אייער זייט — האָב איך אים געלויבט און גלייך איינגעזען דעם אומזין, מיט וועלכן איך האָב זיך אַרויס־געכאַפּט, זאָגנדיק אים: „זעט איר", אָבער איך האָב דאָס שוין נישט געקענט צוריקכאַפּן. דער בלינדער איז זיכער נישט געווען אויפֿמערקזאַם צו דעם, האָב איך זיך געטראַכט, וועלנדיק זיך אַליין באַרויִקן.

נישט ווייט פֿון אונדזער באַנק האָבן יִינגלעך געשפּילט אין פֿוטבאָל, אַנמאַכנדיק אַ טומל. איך האָב געציטערט, אַז די פּילקע זייערע זאָל נאָך אַ מאָל נישט טרעפֿן דעם בלינדן אין קאָפּ אַריין און איך האָב זיי שטרענג אָנגעוויזן אויף אים און מיט שטום־לשון זיי געוואָרנט און זיך געבעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען און שפּילן ערגעץ־אַנדערש. ווי ווייט זיי האָבן זיך נישט אָפּגערוקט, האָט נאָך אַלץ פֿון צייט צו צייט זייער פּילקע אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט און יעדע רגע האָב איך זיך אויסגעמאָלט ווי זי טרעפֿט אַריין דעם בלינדן אין פּנים, שלאָגט אים אַראָפּ די ברילן און אַנטפּלעקט פֿאַר מיר זיינע אויגן, זיינע אומהיימלעכע נישט־זעענדיקע אויגן...

עס איז געוואָרן שפּעטלעך און עס איז סיי ווי גוט אויסגעפֿאַלן וואָס עס איז שוין געווען צייט אַהיימצוגיין. די ווייבער אַרום אויף די בענק האָבן שוין גענומען צונויפֿלייגן זייער געשטריקעכץ, אַריינגעלייגט די קיילעכיקע קנוילן וואָל אין זייערע קיישלעך אַריין און די יונגע מאַמעס, נאָכן אָנזייגן די קינדער, האָבן אַריינגעלייגט די בריסט אין זייערע בלוזקעס, וואָס זיי האָבן נאַכלעסיק צוגעקנעפּלט, געלאָזט האַלב אָפֿן. זיי האָבן זיך געקליבן אין וועג אַריין, זיך געפּאַרעט ביי די וועגעלעך, איינגעדעקט די עופּהלעך. די קינדער ביים זאַמד האָבן צונויפֿגענומען זייערע כלים, די עמערלעך און לאָפּאַטקעלעך, מיט וועלכע זיי האָבן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג אויפֿגעטאָן ווונדער און אַנטדעקט ממש וועלטן. דאָס עופּהלע אין וועגעלע לעבן מיר איז נאָך אַלץ געשלאָפֿן ווי קיין מאָל גאָרנישט, זיין פּיסקעלע איז ווי פֿריִער נאָך אַלץ געווען פֿאַרשלאָסן מיטן זיסן אָפּנאַרערל, דעם גומענעם סמאָטשיקל.

— עס ווערט שפּעט — האָב איך זיך אָנגערופֿן צום בלינדן — מענטשן פֿאַרנעמען זיך שוין אַהיימצוגיין.

— ווי שפּעט איז? — האָט ער געפֿרעגט.

איידער איך האָב באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף מיין האַנטזייגערל האָט דער זייגער פון דער מערי געגומען קלינגען זיבן, ווי ער וואָלט זיך געפּלייסט צו ענטפערן דעם בלינדן פאַר מיר.

— אָט הערט איר. דער מערי־זייגער קלינגט זיבן — האָב איך אים געזאָגט און זיך פּשוט מחיה געווען וואָס דער בלינדער קען געוויער ווערן ווי שפּעט ס'איז, הערנדיק, נישט דאַרפנדיק אָנקומען צו מיר, אַז איך זאָל זען פאַר אים...

— יאָ, שוין צייט אַהיימצוגיין — האָט ער געזאָגט — שוין צייט צו דער זופּ... — האָט ער זיך געריבן אַ האַנט אין אַ האַנט, צוגעבנדיק זיך קוראַזש, און ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ מונטערער און אויפגעהייטערטער.

איך האָב זיך אויך אויפגעהויבן און אים באַגלייט צום אַרויסגאַנג, צוהאַלטנדיק אים לייכט ביי אַן עלנבויגן. איך האָב אים אַרויסגעפירט דורכן אייזערנעם שטאַכעטן־טירל פון סקווער און אים געלאָזט ביי דער נאָענטסטער וואַנט. ווייטער אים באַגלייטן האָב איך נישט געהאַט קיין העזה, טראַכטנדיק אַז אפשר וויל ער נישט, אַז איך זאָל וויסן ווו ער וווינט. נעמענדיק פון אים אָפּשייד האָב איך אים געגעבן די האַנט, ס'הייסט איך האָב פּשוט אָנגענומען זיין האַנט, ווייל מיין זשעסט פון אויסשטרעקן צו אים די האַנט וואָלט ער דאָך סיי ווי נישט געזען. איך בין נישט גלייך אַוועקגעגאַנגען און כ'האָב נאָכגעקוקט זיין אומעטיקן סילועט וואָס האָט זיך דערווייטערט, האַלטנדיק זיך לענגאויס דער וואַנט. איצטער גייט ער מסתמא אַ צופרידענער, אויפגעלעבט פון די גוטע און וואַרעמע ווערטער „היים" און „זופּ", האָב איך געטראַכט. צוקומענ־דיק צו זיין טיר, וועט ער אפשר נאָך מער ווי אַנדערע גלייך דערפילן דעם פיינעם ריח פון אַ געשמאַקן מאכל, וואָס פילט אויס נישט בלויז זיין מאָגן, נאָר אפשר אויך זיין וועלט. ער האָט זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט, שאַרנדיק זיך ביי דער מויער און געבנדיק אין איר לייכטע קלעפּ מיט זיין שטעקן. יעדער קלאַפּ זיינער איז איצטער געווען מסתמא מילד און באַרויקט און געפאַלן ווי אַ ברכה אויף דער וואַנט, וועלכע איז אַזאַ נאָענטער און גוטער אָנהאַלט אין זיין פאַרלאָשענעם אוניווערס.

אין א וואָך אַרום לערך האָב איך ווידער באַגעגנט דעם בלינדן ביי דער מעטראָ, אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אין אַ פרימאָרגן, ביים איינשטייגן.

איך בין אַריין אין דעם זעלבן וואַגאָן וואָס ער. אויסגעפינענדיק מיט די הענט אַ זיצאָרט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט. ס׳איז גראָד געווען לעבן אים נאָך אַ פריי פּלאַץ און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער אים, נישט מאַכנדיק זיך וויסן און נישט אָנרופנדיק זיך צו אים מיט אַ וואָרט. דאָס געזיכט זיינס איז ווי תמיד געווען אומבאַוועגלעך, געוואָנדן אין איין ריכטונג, אָדער אין קיין שום ריכטונג נישט. זיין טעקע האָט ער געהאַלטן אונטערן אָרעם און דער גוטער, געטרייער שטעקן האָט גערוט צווישן זיינע קני. איך האָב אים נישט געוואָלט שטערן אין זיין פאַרטראַכטקייט. אפשר מאַכט ער איצטער אין געדאַנק זיינע פּלענער און חשבונות פאַרן גאַנצן טאָג אַרבעט אין זיין אַנשטאַלט און מען דאַרף אים לאָזן צו רו, נישט שטערן אים, און איך האָב זיך אַריינגעטאָן אין מיין לעקטור, זיך פאַרשטעלט מיט מיין צייטונג דאָס פּנים, גלייך ווי איך וואָלט געקענט מורא האָבן אַז ער וועט מיך נאָך דערזען און דערקענען.

איך האָב געדאַרפט אין דעם פּרימאָרגן מאַכן ערגעץ אַ לאַנגן וועג, אָבער ס׳איז נישט געווען ביי מיר אויסגערעכנט צו דער מינוט. איך האָב געקענט קומען דערליידיקן מיין ענין אין אַ שעה אַרום, אָדער אַפילו שפּעטער אויך. איך האָב געהאַט צייט און איך האָב באַשלאָסן אַרויסצוגיין אויף דער זעלבער סטאַציע וואָס דער בלינדער. איך וויס נישט פאַר וואָס מיך האָט אָנגענומען אַ חשק אָנצוקוקן כאָטש פון אויסנווייניק דעם אַנשטאַלט ווו ער איז באַשעפטיקט אַלס דירעקטאָר. איך האָב געוואַרט אויף זיין אַרויסגיין. איך האָב זיך נישט געוואָלט אויסגעבן פאַר אים מיט מיין שטימע, מיט אַ וואָרט, מיט אַ קלאַנג, נישט געבן זיך צו דערקענען מיטן מינדסטן זשעסט מיינעם. איך האָב מורא געהאַט, אַז אַפילו אינעם געשאָרך פון מיין צייטונג זאָל ער מיך נישט אַ מאָל דערקענען.

נאָך אַ האַלבע שעה פאָרן, ווען די מעטראָ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איינער פון די באַלעבטסטע סטאַציעס פון שטאָט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט צום אויסשטייגן און דער מעטראָ־אָנגעשטעלטער האָט אים, ווי תמיד, געהאָלפן אַרויסגיין אויף דער ראַמפּע. אין וואָס פאַר אַ שיינער און רייכער געגנט עס געפינט זיך דער אַנשטאַלט פונעם בלינדן, האָב איך זיך געטראַכט אַ פאַרחידושטער און איך בין אויך אַרויס פון וואַגאָן.

דער בלינדער האָט זיך געשלייכט לענגאויס די לאַנגע באַלויכטענע

קולוירן, שיטנדיק פאַרויס דעם דראַבנעם געקלאַפּ פון זיין שטעקן. פּלוצלינג איז ער ביי אַ קרייצונג פון די קולוירן שטיין געבליבן. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך אַ ווײַלע געוואָלט אָפּרוען, אָדער אָריענטירן זיך ווו וויטער צו גיין. נישט ווייט פון אים האָבן מיידלעך אָנגעבאָטן די פאַרבייאיילנדיקע פאַסאַזשירן בוקעטלעך מימאָזאַ. אַ מאַן האָט אויסגערופן די נעמען פון פאַר־עלטערטע אילוסטרירטע זשורנאַלן מיט האַלב־נאַקעטע און דריי־פערטל־נאַקעטע פילם־אַקטריסעס אויף די פאַרביקע שער־בלעטער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דרערד. אַ קאַמלאַ האָט געמאַכט אַ געטומל אַרום זיך און זיין סחורה, פאַרקויפנדיק קאָלירטע זיידענע טיכלעך אין אַן איבערגע־קערטן פאַראַסאָל מיטן שטעקן אַרויף, צולייגנדיק מיט ברייטהאַרציקייט נאָך אַ טיכל און נאָך אַ טיכל בחינם צום אָנגעבאָטענעם ביליקן פּרייז. און אויב איז עס נאָך ווינציק געווען האָט ער צוגעפּאַטשט איין האַנט צו דער אַנדערער מיט נאָך אַ טיכל און גלייך נאָך דעם צוגעגעבן נאָך אַ טיכל פאַר אַ צולאַג.

דער בלינדער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און פּלוצלינג האָב איך דערזען ווי ער לענט אָן דעם שטעקן אָן דער וואַנט, ער עפנט די טעקע און, גאָט מיינער, וואָס איך דערזע! ער נעמט אַרויס פון איר אַ קליין לייוונטן צונויפלייג־בענקעלע און זעצט זיך אַוועק דערויף האַרט ביי דער וואַנט. דערנאָך נעמט ער אַרויס פון דער טעקע אַ טונקעלן מעטאַלענעם בעכער, אַ קלאַרנעט, און דערנאָך עפּעס אַ טאַוול, וואָס ער טוט אים אָן אויפן האַלדז און וואָס בלייבט הענגען ביי אים אויף דער ברוסט... איך בין געבליבן שטיין נבהל ונשתומם. אָט דאָס, הייסט עס, איז ער, דער אַנשטאַלט פונעם בלינדן, ווו ער איז באַשעפטיקט אַלס דירעקטאָר?!... האָט ער דאָס מיך אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, אויסגעטראַכט וועגן זיך פּשוט נישט געשטויגנס און נישט גע־פלויגנס... און פאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן, האָב איך זיך באַמיט אויסצו־געפינען די סיבה פאַר זיין אויסטראַכטן די גאַנצע מעשה וועגן זיין באַשעפ־טיקונג אַלס דירעקטאָר פונעם אַנשטאַלט פאַר בלינדע. ער האָט זיך זיכער געוואָלט אַרויסשטעלן שיין פאַר מיר, זיך אויספּיינען, באַרימען זיך, געוואָלט אָנגייען אין מיינע אויגן פאַר אַ נאַרמאַלן, ניצלעכן מענטש אין לעבן, זיך באַווייזן פאַר אַזאַ, וועגן וועלכן ער חלומט אפשר אַלע זיינע יאָרן.

ווי קען איך האָבן תרעומות אויף אים דערפאַר און טראָגן אויף אים

פאַרדרוס פאַר זיין אָפּנאַרן מיך? מיין איינציקע זאָרג בלויז איז איצטער געווען, אַז דער בלינדער זאָל, חלילה, זיך נישט דערוויסן אַז איך ווייס, אַז אַלץ וואָס ער האָט מיר דערציילט וועגן זיך אויף דער באַנק אין סקווער הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס... דערווייל, איידער וואָס־ווען, איז שוין דער מעטאַלענער נדבה־בעכער געשטאַנען אין זיין שויס אין דער געהעריקער בעטל־פּאָזיציע. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים און איך האָב געקענט איבערלייענען דאָס, וואָס עס איז געשטאַנען אָנגעשריבן אויף זיין טאָוול, וועלכער איז אים אַראָפּגעהאָנגען אויף זיין ברוסט:

אַ בלינדער, וואָס האָט נישט אויף חיונה פאַר זיך
און פאַר זיין אַלטער קראַנקער מוטער, ווענדעט זיך
צו אייער גוט הארץ נאָך הילף און שטיצע. אַ דאַנק.

לייענענדיק אַזוי די אויפשריפט אויף דעם בלינדנס שילדל, האָב איך דערהערט ווי ער שפּילט־אויף אויף זיין אינסטרומענט. זיינע אומעטיקע האַרצרייסנדיקע קלאַנגען האָבן מיך ווי אויפגעוועקט און מיך צענומען, ווי דאָס וואָלט ער אַליין, דער בלינדער, געשריגן מיט באַנומענע קולות וועגן זיין גורל און וועגן זיין פינצטערער וועלט. איך האָב זיך דערווייטערט פון אים, ווי איך וואָלט מורא געהאַט אַז די קלאַנגען וואָלטן נאָך, אָניאָגנדיק מיך, געקענט מיך אויסגעבן פאַרן בלינדן, אים צוטראָגן וועגן מיר און ער וואָלט זיך געפילט זייער געטראָפן צוליב מיין אָנוועזנהייט דאָ, און ער וואָלט זיך פאַרשעמט און איך וואָלט מיך נאָך געדאַרפט שעמען פאַר זיין שעמען זיך. איך וואָלט פּשוט איבערגעקרענקט דאָס וואָס אים האָט זיך נישט איינ־געגעבן מיך אָפּצונאַרן, וואָס איך האָב אים אומגערן געשטערט אין דעם.

איך ווייס נישט צו וואָס מיר איז איינגעפאַלן אים נאָכצופאָרן, צו זיין אַזוי נייגעריק אָנצוקוקן זיין אַנשטאַלט, אים נאָכצוגיין ווי זיין באַגלייטער? צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט? צו וואָס האָט דאָס מיר געטויגט? ווען איך וואָלט אים דאָ נישט געווען דערזען אַלס בלינדן בעטלער וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען. איך וואָלט אים נישט געווען געגעבן די שלימזלדיקע געלעגנהייט מיך צו אַנטוישן און ער וואָלט פאַרבליבן ביי מיר דער חשובער דירעקטאָר פונעם אַנשטאַלט פאַר בלינדע, וואָס קערט זיך אום יעדן אָוונט פון זיין אַמט, אויסשטייגנדיק מיט מיר צוזאַמען פון דער מעטראָ. אָבער אַזוי גאָר? ווי אַזוי וועל איך זיך איצטער פילן לגבי אים? וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן?

און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי כ׳וואָלט אומגערן צעשטערט דעם בלינדנס אַ גאַנצע וועלט פון חלומות. נאָך גוט וואָס ער ווייסט נישט אַז איך ווייס — אַז איך ווייס פון אַלץ...

איך האָב זיך אויסגעדרייט און אים נאָכגעקוקט פון דער ווייטנס. איך האָב געזען ווי די מעטראָ־פּאַסאַזשירן איילן פאַרביי לעבן אים און קיינער פאַרהאַלט זיך נישט און וואַרפט אים נישט אַריין קיין מטבע אין זיין בעכער. איך וואָלט עס זיכער געדאַרפט טאָן. איך וואָלט אים געדאַרפט אַריינוואַרפן אַ היפּשע מטבע מיט אַ שטאַרקן קלונג, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן גרויס הנאה. אָבער איך האָב עס נישט געקענט פועלן ביי זיך. איך, וואָס האָב זיך שוין געהאַלטן פאַר זיינעם אַ פריינד, וועל אים קענען מביש זיין דורך געבן אים אַ נדבה? אמת, ער וואָלט עס נישט געוווסט און במילא וואָלט ער זיך נישט געקענט פאַרשעמען, אָבער איך וואָלט עס דאָך געוווסט און וואָלט זיך פאַר־שעמט פאַר זיין נישט פאַרשעמען זיך... דערוויטערנדיק זיך פון אים וואָס אַ מאָל מער, האָב איך זיך פאַרגעשטעלט ווי איך גיי צו צו אים נאָענט, איך נעם אַרויס אַ מטבע און גיב זי מיט פאַרזיכטיקייט אַ וואַרף אַריין אין זיין בעכער און כאַפּ גלייך צוריק די האַנט ווי אַן אָפּגעבריטע, גלייך ווי דער בלינדער וואָלט נאָך געווען ביכולת מיך צו דערקענען לויטן קלאַנג פון מיין מטבע... איך זע דערביי דעם שמייכל וואָס איר קלאַנג רופט אַרויס אויף זיין פנים און איך הער זיין הכנעהדיקן „מערסי״, דעם דאַנק פאַר דער נדבה צו דעם אומבאַקאַנטן באַרעמהאַרציקן מענטש.

איך אייל זיך צום אַרויסגאַנג פון דער מעטראָ און זאָג זיך צו, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן אַהיים פון שטאָט, וועל איך זיך באַמיִען אַדורכצופאָרן די זעלבע סטאַציע, בכדי צו זען נאָך אַ מאָל דעם בלינדן.

ווען איך בין שפּעטער, אַהיימפאָרנדיק, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיין אין שטאָט, אַרויס אויף דער סטאַציע, וווּ דער בלינדער האָט זיך געפונען, איז שוין געווען אַרום זעקס פאַרנאַכט. ס׳איז שוין געווען די שעה ווען מען הייבט זיך אָן אומצוקערן פון די ביוראָען, פאַבריקן, געשעפטן און אַטעליעס. דער עולם מעטראָ־פּאַסאַזשירן, וואָס האָט זיך געאיילט און געשטופּט אין די קולוואַרן, איז געוואָרן בהדרגהדיק היפּשער און געדיכטער, די באַוועגונג אַ שטאַרקערע, אַ האַסטיקע און נערוועזע. מענטשן האָבן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פאַר־

זאָרגטע און פאַרמאַטערטע געאײלט צו די קאָרעספּאָנדאַנס־צוגן, וועלנדיק וואָס גיכער אַהײמקומען צו זיך, צום אײגענעם ווינקל, צו די ליבע דלד אמות, צום נאָענטן הויזגעזינד, צום הײמישן טיש, צום וואַרעמען טעלער. גאַנצע מחנות מענטשן האָבן זיך געשטויסן, אײנער נאָכן אַנדערן, זיך געקרײצט, זיך באַמיט אויסצומײדן און זיך ווידער אָנגעטראָפן, מאַכנדיק פאַרשידענע זשעסטן און באַוועגונגען, ווי אויספּירנדיק עפּעס אַ משונהדיקן באַלעט.

די מאַסע האָט דעם בלינדן פאַרשטעלט און איך האָב אים קוים אַרויסגעזען, הגם ער איז איצטער נישט געזעסן, נאָר געשטאַנען. איך האָב דערהערט די קלאַנגען פון זײן אינסטרומענט, וואָס האָבן מיר פאַרזיכערט, אַז ער איז דאָ. זײ זענען ווי פריִער געווען אומעטיק און האַרצרײסנדיק, אָבער איך האָב זיך כמעט דערפרײט מיט זײ, ווי מיט אַ הײמישער נאָענטער שטימע.

איך האָב געזען ווי אַלע אײלן פאַרבײ פאַרן בלינדן און קײנער קוקט זיך נישט אום אויף אים. קײנעם רירט נישט זײן שילדל און זײנע רופנדיקע, בעטנדיקע קלאַנגען. איך האָב באַשלאָסן דאָס מאָל אָנצוטאָן זיך אַ כוח און אַרײנוואַרפן אין זײן בעכער אַ מטבע. אפשר וועט דאָס נאָך אויך זײן אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע און זײ אָנשטעקן מיט חשק מיר נאָכצוטאָן. דער טומל איז גרויס און נאָכן אָפּטאָן ס׳מײניקע וועל איך גלײך פאַרלוירנגײן צווישן דעם געדיכטן עולם, האָב איך געטראַכט. מיט שוועריקײטן האָב איך זיך איצטער דערנענטערט צום בלינדן. איך האָב זיך געדאַרפט דורכמאַכן אַ וועג מיט די עלנבויגנס דורך דעם אײלנדיקן און פאַרדרײטן המון. ווען איך האָב אַרײנגעשטעקט די האַנט אין מײן הויזן־קעשענע צו נעמען געלט האָט זיך אַ פרישע געדיכטע מענטשן־מאַסע אָנגעטראָגן און מיך געשטופּט און געשטויסן פאָרויס און נישט ווילנדיק מיר געשטערט אַרויסצונעמען מײן האַנט פון דער קעשענע, וואָס איז דאָרטן שטעקן געבליבן. ווען איך האָב קוים מיט צרות זי באַוויזן אַרויסצוקריגן פון דאָרטן און צו עפענען דאָס בײטעלע מיט קלײנגעלט, האָט אײנער, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסן שווערן פּאַק, מיר אונטערגעשלאָגן און אַלע מטבעות זענען אַרויסגעפאַלן און זיך פאַנאַנדערגעקאָלערט אין אַלע זײטן. אַז איך האָב זיך אַראָפּגעבויגן, וואָס אויך דאָס איז מיר נישט לײכט אָנגעקומען, מאַכנדיק אַ באַוועגונג צו זוכן דאָס געלט, האָט מיר עמעצער אומגערן געגעבן אַ שטויס און מיך אומגעוואָרפן. מיט מײן ווילן געבן אַ נדבה דעם בלינדן האָב איך איצטער פּשוט געשטערט די

מענטשן אין זייער ציל, אין זייער איילן זיך און גיין פֿאָרויס. זיי זענען געווען אין כעס אויף מיר, און אַנדערע האָבן געקוקט אויף מיר ווי אויף עפּעס אַן אויסטערלישן מענטש, אַ טשודאַק, וואָס האָט שוין נישט געפֿונען קיין אַנדערע צייט ווען צו געבן נדבות, ווי נאָר איצטער, אין דעם מעטראָ־געדראַנג.

עס איז מיר שווער געווען אויפֿצוהייבן זיך און מען האָט מיר געדאַרפֿט העלפֿן אויפֿצושטעלן זיך. מען האָט נישט געהאַט קיין צייט צו דעם און אַחוץ דעם האָבן זיך מענטשן הינטער מיר געדאַרפֿט פֿאַרהאַלטן, אָבער מען האָט מיך געמוזט אויפֿהייבן, ווייל אַנדערש האָט מען נישט געקענט גיין ווייטער, און איך בין געלעגן פֿאַר אַלע ווי אַ באַריערע, אַ צוים, אַ שטער און מען האָט געדאַרפֿט אַריבערגיין איבער מיר און מיך צעטרעטן. די מענטשן זענען געוואָרן געשטויסן פֿון הינטן דורך אַנדערע מענטשן און די אַנדערע פֿון נאָך אַנדערע, און איך פֿון אַלע צוזאַמען, וואָס איך האָב זיך געפֿילט צווישן זיי אַן איינגעקלעמטער, אַן אויסגעלאַכטער און אויסגעחוזקטער. איך האָב שוין נישט געטראַכט מער פֿון אָפּגעפֿינען דאָס געלט, נאָר בלויז ווי אַזוי אַרויס־צובאַקומען זיך פֿון דעם מענטשן־געפּלאָנטער מיט גאַנצע ביינער. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי צו לאָזן זיך טרייבן און שטויסן פֿאָרויס פֿון דער מענטשן־כוואַליע צו די טרעפּ אַרויף, צו דער נאָענטסטער ראַמפּע.

שוין זייענדיק אויף די טרעפּ איז מיר געלונגען אויסצודרייען דעם קאָפּ צום קולואַר, פֿון וואַנען איך בין געקומען, און צו כאַפּן נאָך אַ בליק צום בלינדן. איך האָב אים קוים געזען אין פּראָפֿיל מיט זיין אינסטרומענט אין מויל. זיין פּנים איז צוליבן שפּילן געווען אָנגעבלאָזן, וואָס דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ לעכערלעכן אויסזען. איך האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פֿון אים און בין געלאָפֿן גיך מיט אַלע פּאַסאַזשירן אַרויפֿצו מיט די טרעפּ, מורא האָבנדיק אַז דאָס אויטאָמאַטישע טירל זאָל זיך נישט אין מיטן דרינען פֿאַר־קלאַפּן און מיך איבערלאָזן אַ וואַרטנדיקן און אויסשטעלן מיך צום נאַר. איך האָב געוואָלט אַנטרינען ווערן פֿון אַלעמענס בליקן, אַלע איינס צי פֿון די, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט מיטגעפֿיל, צי פֿון די, וואָס האָבן געקוקט אויף מיר מיט חוזק. איך בין געלאָפֿן, און פֿון דער ווייטנס האָב איך נאָך אַלץ אויפֿגעכאַפּט דעם בלינדנס אומעטיקע שפּילן אויף זיין קלאַרנעט. אַלע זיינע קלאַנגען האָבן מיך נאָכגעיאָגט, מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און זיך אַוועקגעלייגט פֿאַר מיינע פֿיס מיט דאַנקבאַרקייט און מחילה־געבעט.

# אַ בינטל בלומען

# אַ בינטל בלומען

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה, בעת איך האָב נישט איין מאָל אָפּגעפּילט שאַרף די איינזאַמקייט און דעם עלנט, ווען קיינער האָט נישט אַנגעקלאַפּט אין מיין טיר, סיידן אַז עמעצער האָט זיך טועה געווען, פלעגט עס מיך אָפּט טרייבן פון אָרט, מיך אַרויסיאָגן פון די ענגע ד׳ אמות פון מיין קליין צימערל אויפן זיבעטן שטאָק, ערגעץ ביי אַן עק פון פּאַריז.

להיפּוך צו מיין חדרל, ווו איך האָב זיך רעכט נישט געקענט דורכ־שפּרייזן הין און צוריק, ווען דער אומרו האָט מיך געמאַטערט, איז די פּאַנאָ־ראַמע, געזען פון מיין באַלקאָן, געווען אַ פרייע און אַ רחבותדיקע. די לעצטע גאַסן און הייזער פון פּאַריז און די ערשטע פון די פּאַרשטעטלעך פּאַנטען און סען־זשערווע האָבן זיך געשפּרייט פאַר מיין בליק, וועלכער האָט פון אויבן אַרומגענומען אַ ריזיקן שטח. איך האָב ליב געהאַט צו לאָזן אים זינקען מינוטן־לאַנג אין דעם גרוילעכן נעפּל, אין וועלכן עס איז געווען פאַרהילט אַ מאַסע דעכער, מאַנסאַרדעס און קוימענדלעך. דער בלוילעכער רויך, וואָס האָט זיך פויל געצויגן פון זיי, האָט אַרויסגערופן ביי מיר אַ ביטער געפיל פון קנאה און בענקשאַפט. ער האָט מיר דערציילט פון היימישע שטובן, פון גליקלעכע משפּחה־נעסטן, פון געמיטלעכע טישן, פון זיסן קינדערישן געפּלאַפּל, פון וואַרעמע טעלער. נישט איין מאָל פלעג איך נאָכקוקן נישט־גלייכגילטיק פון דער הייך אַראָפּ דאָס פאַרבייגיין פון אַ פּאָרל, וואָס האַלט זיך אַרומגענומען; אַ מאַן, באַגלייט פון אַ הונט; אַ פרוי, וואָס פירט אַ קינד ביי אַ הענטל. אַלץ באַוועגט זיך צו אַ ציל ערגעץ־ווו, צו אַ באַשטימטער שוועל, צו אַן אייגענעם טויער, צו וועלכן מען קען שוין אַפילו בלינדערהייט טרעפן און וואָס וואַרט אָפּ מיט אַ שטענדיקן ברוך־הבא.

אין די אָונטן, אַז עס פלעגט זיך אָנצינדן ליכט אין די ווייטע פענצטער, פלעגט דאָס נאָך ביי מיר, אַחוץ דער בענקשאַפט, אויפוועקן אויך אַ נייגערי־קייט צו יענע פרעמדע בלישטשענדיקע שויבן פול מיט סודות. וואָס קומט דאָרטן פאָר הינטער זיי? וואָס טוען דאָרטן די מענטשן, די מאַנצבילן, די פרויען, די קינדער? וועלכע זענען זייערע באַגערן און טרוימען הינטער די ציכטיקע פאַרהענגלעך פון די קיכן און אויף די וויכע, גנעדיקע מאַטראַצן? דער נייגער אַליין האָט געקענט אויסציִען מיין האַנט און אַ זעץ טאָן מיט איר אין אַ שויב, זי אויסהאַקן, און איך זאָל אַפילו בשעת־מעשה נישט פילן דעם ווייטיק פונעם שאַרפן שניט פון גלאָז.

דער דרויסן אַרום האָט מיך געלאָקט. עס האָט מיך געצויגן אין גאַס אַריין. איך האָב געפילט ווי עס רופן מיך פון אונטן די שאָטנס פון די אומ־באַקאַנטע פאַרבייגייער, מיט וועלכע איך האָב נישט געהאַט קיין שום שייכות; די פאַרבייפאָרנדיקע גרינע אויטאָבוסן, וואָס האָבן מיך געקענט אַוועקפירן פון איין עק שטאָט צום אַנדערן. און דאָס האָב איך נאָך מער געפילט אין יענעם זונטיק־פרימאָרגן, ווען דער שפּרייז פון די מענטשן אונטן איז געווען אַ געלאַסענער, אַ נישט־געאיילטער און אַ באַזאַכטער; ווען די לופט איז געווען דורכגענומען מיט יום־טובדיקע ריחות, שלווה־דיקייט און ווען אַפילו דער אַספאַלט אויף די טראָטואַרן איז עפּעס געווען אַן אַנדערער, אַ געמיטלעכער, אַ נאָכגיביקער.

אין יענעם פרימאָרגן האָט מיך אַפילו געצויגן צו פאַרלאָזן מיין צימער די אויפגעשפּילטע מוזיק פון דער „אַרמעי די סאַלי", וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אונטן ערגעץ, אין דער נאָענט, לכבוד זונטיק. כאָטש די דאָזיקע קריסטלעכע „רעטונגס־אַרמיי", אַ וווילטעטיקייט־אינסטיטוציע, ווו פאַרזעסע־נע, געעלטערטע פרייליִנס פאַרנעמען זיך מיטן מצב פון פאַרשטויסענע מענטשן, רופט ביי מיר אַרויס אַ געפיל פון שפּלדיקייט, האָט אויך איר מוזיק מיך איצטער אויפגעוועקט און מיר צוגעגעבן קוראַזש צו לאָזן זיך אין גאַס אַריין. איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש צו גיין ערגעץ־ווו, צו זען זיך מיט מענטשן, גוטע פריינד. אָבער צו וועמען גיין? איך האָב זיך דאָך מיט קיינעם נישט אָפּגעשמועסט. מען קען דאָך נישט צו עמעצן סתם אַזוי אַריינפאַלן אומגעריכט, בפרט נאָך אין דער צייט פאַר מיטאָג.

איך האָב באַשלאָסן צו גיין צו די עטינגערס. צו זיי קום איך דאָך אָפט

אומגעריכט, אָן צערעמאָניעס, אָן איינלאַדונגען. ביי זיי איז דאָך שטענדיק מיין קומען אַ פרייד, זיי נעמען מיך שטענדיק אויף מיט אַ שמייכל פון צופרידנקייט, זיי זענען היימישע, פשוטע מענטשן, און אַחוץ דעם פאַרבינדן מיך מיט זיי אַזויפיל געמיינזאַמע איבערלעבענישן פון דער אָקופּאַציע־צייט. מיר האָבן זיך אַ שטיק צייט אויסבאַהאַלטן צוזאַמען אין איין הויז אויף די זעלבע טרעפּ, אַ טיר ביי אַ טיר. איצטער וווינען מיר ווייט איינער פון צווייטן, מיר זענען מער נישט קיין שכנים און דאָך מער ווי שכנים.

די עטינגערס האָבן געוווינט אין אַ פאַרשטופּט שמאָל געסל נאָענט פון דעם קלויסטער סען־פּאָל, הינטער דער רי דע ריוואָלי, טאַקע אין דעם זעלבן פאַרחושכטן הויז, ווו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. פון דעם הויז שיט זיך שוין פּרוכנע. דער טינק איז געפּלאַצט און אָפּגעשפּרונגען פון די גרויע פאַרסאַזשעטע מויערן. פון דעם אייזנוואַרג פון די רערן טראָגט זיך מיט אַלט־קייט און זשאַווער. אַז מען קוקט אויף די פאַרשטויבטע אָפּגעשיילטע ווענט, דאַכט זיך, אַז מען דאַרף זיי אונטערשפּאַרן מיט סלופּעס, זיי זאָלן נישט איינפאַלן, ווי מיט אַ שטעקן אַ מענטש אין טיפן עלטער. די מוניציפּאַליטעט האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף דעם הויז און עס געפינט זיך ביי איר אויף דער רשימה פון הייזער, וואָס האָבן שוין מיט כבוד אָפּגעדינט זייערס און מען דאַרף זיי שוין איינלייגן; אָבער פון דעסטוועגן שטייט עס נאָך אַלץ, עס לעבט נאָך אַלץ, חרובדיק און גרוי, ווי די איינוווינער זיינע...

יאָ, איך בין אַראָפּ אין גאַס און זיך געלאָזט מיט דער מעטראָ צו די עטינגערס. צוליב דעם וואָס עס איז פאַר מיטאָג וועל איך זיי זאָגן, אַז איך בין דאָ געווען אין דער געגנט, בין איך אַרויפגעפאַלן צו זיי, זען וואָס זיי מאַכן, נישט אויף לאַנג. און אפשר דאַרף איך זיי נישט אָפּנאַרן, און אויך נישט זיך, און זיי גאָרנישט זאָגן? אָט אַזוי, איך בין געקומען ווייל מיר האָט זיך פאַרוואָלט און איך דאַרף נישט קיין תירוץ... מען דאַרף זיי אפשר ברענגען אַ בוקעט בלומען, האָב איך געטראַכט. ס'איז דאָך זונטיק און זיי וועלן אַזוי חושכדיק, וועלן מיינע בלומען זיי ברענגען כאָטש אַ ביסל פרייד און יום־טובדיקייט. און אפשר דאַרף מען דאָס נישט, ווייל עס וועט דאָך נאָך קענען אויסזען בפירוש, אַז איך לאַד זיך אַליין איין צו מיטאָג... ניין, איך וועל נישט קויפן קיין גרויסן בוקעט, פאַרשלייפט מיט שיינע בענדעלעך און פאַרחתמעט

מיט גאָלדענע פּאַפּירעלעך, וואָס דאָס טראָגט דעם סימן פֿון אָפּיציעלקייט. אָט אַזוי, היימיש, דריי־פּיר בלומען בלויז, צוגעמישט מיט אַ ביסל גרינס, אָפּן, פּשוט, אַ צייכן פֿון גוטפֿריינדשאַפֿט.

אַלט־באַקאַנט איז מיר געווען דאָס שמאָלע טונקל־גרויע געסל און דאָס פֿאַרהוילענע הייפֿל. ווי אַלע טאָג, האָב איך איצטער געטראָפֿן אין דרויסן אָן השגחה קינדער און קעץ. לכבוד זונטיק האָבן די קינדער אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש. עטוואָס אַרומגעוואַשן און ווינציקער אָפּגעשליסן. די קעץ האָבן אויסגעזען ווי אַלע טאָג. אין לויפֿנדיקן וואַסערל פֿון רינשטאָק האָבן די קינדער געלאָזן פּאַפּירענע שיפֿן, וואָס האָבן אַוועקגעצויגן מיטן שטראָם און מיט דער גאָלדענער שנור פֿון זייערע חלומות, צו די פּאָרטן פֿון מאַרסעי און לע האַוור, איבער ווייטע ימען און אָקעאַנען.

כ׳בין אַריין אין פֿינצטערן איינגאַנג און זיך געלאָזט מיט די אַלטע קרומע טרעפּ צום פֿערטן שטאָק, ווו די עטיגגערס האָבן געוווינט. אויף יעדן שטאָק זענען די טירן פֿון די קלאָזעטן געווען אויפֿגעפּראַלט, עס זאָל אַריין אַהער דורך זייערע פֿענצטערלעך לופֿט און ליכט... איך האָב זיך פֿאַרזיכטיק אָנגעהאַלטן אין דעם צעטרייסלטן פּאָרענטש און איך האָב זיך געלאָזט אַרויף גאַנץ שווערלעך און דערביי האָבן מיר אונטערגעקרעכצט ביידע: איך און דער פּאָרענטש...

איך בין אָנגעקומען אויפֿן פֿערטן שטאָק. פֿון אַ ווינקל האָט אַן איבער־געשראָקענע קאַץ געהיימנישפֿול אַ בליץ געטאָן אויף מיר מיט אירע גרינע קוקערס און איז אַנטלאָפֿן. פֿון אַ פֿאַרזשאַווערטן קראַן האָבן געקלונגען טראָפּנס וואַסער מאָנאָטאָן, געלאַסן און געדולדיק. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, אָבער פֿון יענער זייט איז נישט געקומען קיין שום ענטפֿער. איך האָב נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט, געפּרוּווט אַ דריי טאָן די קליאַמקע. די טיר איז געווען פֿאַרמאַכט, קיינער איז נישט געווען אינעווייניק. ווי קומט עס? איצטער אין אָט דער שעה?... אַן אַנטוישטער בין איך געשטאַנען אַ ווײַלע, נישט אָפּגעטרעטן פֿון דער טיר, ווי זי וואָלט מיר עפּעס שולדיק געווען, ווי איך וואָלט געהאַט אַ טענה צו איר. פֿאַרפֿאַלן. מען דאַרף אַוועקגיין, האָב איך זיך געטראַכט, עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען פֿון דעם שטיין דאָ. ווּ וועל איך זיך אָבער איצטער אַהינטאָן און ווּ וועל איך זיך אַרומדרייען מיט די בלומען?

איז אפשר כדאי ערגעץ־ווו אין דער באַװנט צוװאַרטן און צוריקקומען אין אַ האַלבע שעה אַרום? אפשר זענען די עטינגערס אַראָפּ עפּעס איינקויפן און װעלן זיך באַלד אומקערן?

אַ שכנותדיקע טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַרויס אַ יונגע פרוי. זי איז זיכער נישט אַרויסגעקומען צוליב מיר. זי איז געװען אָנגעטאָן צום אַװעקגיין ערגעץ. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוקעט בלומען, פאַרהילט אין אַ דורכזיכטיקן פּאַפּיר.

— אָ, איר האָט, ליידער, נישט אויף װאָס צו װאַרטן, מיסיע — האָט זי מיר געזאָגט מיט באַדויער און גענוג העפלעך — איך האָב זיי געזען אַװעקפאָרן. זייערע פריינד פון דאָרף זענען נאָר װאָס געקומען נאָך זיי.

— איך האָב נישט געהאַט קיין מזל צו זיי — האָב איך איר געזאָגט און איר באַדאַנקט.

איך האָב געװוּסט, אַז די עטינגערס האָבן באַקאַנטע, פּראָװינציזן, אויפן דאָרף, ביי װעמען זייער איינציק טעכטערל האָט זיך אויסבאַהאַלטן בעת דער אָקופּאַציע, און זומערצייט, אין שיינע װעטערן, פאָרן זיי אָפט אַרויס צו זיי אויף װיקענד, פון װאַנען זיי קומען צוריק מיט אַ ביסל זון אויף די געזיכטער, מיט בינטלעך פעלדבלומען און עטלעכע טוץ פרישע אייער. אָבער עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז שוין איצטער, אין אָנהייב פרילינג, זאָלן זיי אַרויספאָרן.

די פרוי האָט פאַרשלאָסן די טיר און זיך גענומען אַראָפּגיין מיט די טרעפּ און איך האָב זיך געלאָזט אַן אַנטוישטער נאָך איר. מיר זענען געגאַנגען צוזאַמען, װי מיר װאָלטן זיך געקענט. אמת, פון די טרעפּ אַראָפּ איז עס געװען אומפאַרמיידלעך, אונדזער גיין צוזאַמען, אָבער װאָס װעט זיין, אַז מיר װעלן אַרויסקומען אויף דער גאַס? װאָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט איר אויף צו גיין מיט איר װייטער צוזאַמען? איך האָב זיך אָנגעהאַלטן אינעם צעשאָקלטן פאַרענטש און יעדעס מאָל, ביים פאַרדרייען זיך פון די שטיגן, האָב איך זי לייכט, קוים־קוים, אָנגענומען ביים אָרעם, מעשה דזשענטלמען, אַז זי זאָל נישט אומפאַלן, אין דער אמתן אָבער גאַנץ פשוט אויך צוליב דעם, װייל איך האָב זי געװאָלט אָנרירן.

איך האָב אָפּגעפילט, אַז די פרוי, הגם זי איז געװען גענוג העפלעך און

אפילו ליבלעך, איז נישט געווען געניגט קיין סך צו רעדן, ווי זי וואָלט געווען פאַרטאָן מיט זיך, אָדער וויל זיך אפשר בכלל נישט אַריינלאָזן אין קיין צופיל עסקים מיט מיר. און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב וויל איך ווייטער גיין מיט איר דעם וועג, וואָס זי דאַרף דאָ גיין, און ווערן באַקאַנט מיט איר, וועט פאַלן אויף מיר די גאַנצע לאַסט פון זיין דער אָנהייבער, דער רעדער און אונטערהאַלטער פונעם שמועס. איך האָב, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן פונעם וועטער. נאָך לאַנגע, כסדרדיקע מיאוסע וועטערן, רעגנס, בלאָטעס, ווינטן און גרויע הימלען, איז היינט צום ערשטן מאָל אַ שיינער, זוניקער טאָג. וועגן דעם אליין, וואָס אַן אמת, לאָזט זיך ציִען אַ לאַנג שטיקל שמועס, עס אויסציִען און זיך האַלטן דערביי, בפרט נאָך, אַז איך קען דאָס פאַרבינדן מיטן אַרויספאָר פון די עטינגערס, מיינע פריינד און אירע שכנים. יאָ, אירע שכנים און מיינע פריינד — דאָס אַליין קען שוין שאַפן אַ געוויסע נאָענטקייט צווישן מיר און איר.

אַרויסקומענדיק אויפן הייפל האָב איך איר געזאָגט:

— מיינע פריינד, און אייערע שכנים, האָבן מזל. אַ ווונדערבאַרער טאָג היינט. אמת, צוליבן שיינעם וועטער האָב איך היינט נישט געהאַט דאָס מזל זיי צו טרעפן. אָבער פאַרפאַלן. זאָלן זיי כאָטש גוט פאַרברענגען און געניסן. איך פאַרגין זיי דאָס, עס קומט זיי.

— אָ, יאָ — האָט די פרוי צוגעשטימט — זייער פיינע מענטשן, זעלטענע גוטע שכנים. איך האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן.

— מיר איז זייער אָנגענעם, וואָס איר האָט פאַר שכנים מיינע פריינד און דער עיקר, וואָס מיינע פריינד האָבן אַזאַ סימפּאַטישע שכנה — האָב איך איר געזאָגט און דערביי געטראַכט, אַז עס איז אפשר פון מיין זייט איבערגעכאַפּט די מאָס. עס קען אפשר קלינגען נישט ערנסט, ווי אַ קאָמפּלי־מענט פון אַ דאָן־זשואַן, נאָך דערצו נאָכן אַרויסרעדן די ערשטע עטלעכע ווערטער מיט איר און נאָכן מאַכן די ערשטע עטלעכע טריט. זי קען נאָך אפשר זיין באַליידיקט... און אפשר איז זי גאָר צופרידן — דאָס וואָס איך וואָלט זיך, אייגנטלעך, געוווּנטשן... אָבער עס איז שווער געווען צו וויסן ווי אַזוי זי האָט אויפגענומען מיינע רייד. הינטער איר דינעם דיסקרעטן שמייכל, און אויבנאויפיקער, הגם נישט געמאַכטער העפלעכקייט, איז געווען ביי איר עפּעס אַן אינערלעכע פאַרשלאָסנקייט, אַ צוריקגעהאַלטנקייט און אַ ווילן

אויסצומיידן באַרעדעוודיקייט. אפשר דאַרף זי דאָ עמעצן באַגעגענען און איך שטער איר? געוויס איילט זי זיך צו אַ באַקאַנטן מענטש, ווייל ווו וועט זי דען איצטער גיין מיט אירע בלומען?

אַז מיר זענען אַרויסגעקומען פון די שמאָלע הינטער־געסלעך אויף דער צענטראַלער רי דע ריוואָלי האָבן מיר אינסטינקטיוו פאַרלאַנגזאַמט אונדזערע טריט, ווי דאָ וואָלט געדאַרפט זיין אונדזער צעשיידונג.

— איך גיי דאָ — האָט זי געזאָגט, צ׳ענדיק לייכט אויף רעכטס.

האָט עס געדאַרפט הייסן פאַר מיר, אַז זי גייט „דאָ״ און איך זאָל גיין דאָרט, זי לאָזן צו רו און זיך נעמען מיין וועג?... אָדער אפשר גאָר האָט איר „איך גיי דאָ״ געמיינט צו זאָגן, אַז אויב איך וויל קען איך אויך גיין דאָ?... אַזוי צי אַזוי, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך גיי אויך דאָ, אויב עס מאַכט איר נישט אויס, און אַז נישט האָבנדיק געטראָפן די עטינגערס איז מיר אַלץ איינס וווהין צו גיין, און פאַר זיך האָב איך זיך געטראַכט, אַז עס איז מיר שוין גאָרנישט אַלץ איינס וווהין צו גיין; אַז איך וואָלט איצטער גערן מיט אָט דער פרוי געמאַכט אַ שפּאַציר. אָבער וואָס, אייגנטלעך, וויל איך דאָ פון איר? זי האָט דאָך זיכער אַ ציל מיט איר גיין. זי גייט דאָך געוויס מיט די בלומען אויף מיטאָג צו משפחה, גוטע פריינד, אָדער צו אַ געליבטן. אירע בלומען האָט זי וועמען צו דערלאַנגען, נישט ווי איך, האָב איך געטראַכט מיט ביטערניש. און טאַקע מיינע פיר בלומען אין האַנט האָבן מיר איצטער פאַרשאַפט אַ סך ערגערניש און קוועל. איך בין געווען מיט זיי אין אַ גאָר שטאַרקער פאַרלעגנהייט, איך האָב געפילט ווי כ׳בין באַלאָדן מיט זיי ווי מיט אַ משׂא. ווו וועל איך זיך מיט זיי אַרומדרייען? און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז צוליב זיי נעמט מען קוקן אויף מיר ווי אויף אַן אויסטערלישן מענטש, עפּעס אַ יאָלד און שלימזל.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס עס איז געווען זונטיק, ווען די מאַגאַזינען אויף דער גרויסער האַנדלסגאַס און דער עיקר, דאָס ריזיקע אַלגעמיינע געשעפט „באַזאַר האָטעל דע וויל״, זענען פאַרמאַכט, איז געווען אַרום אונדז אַ גרויסע באַוועגונג פון מענטשן. די מילדע זון, דער אָנזאָג פון פרילינג, זעט אויס, האָט אַלעמען איינגעלאַדן אין גאַס אַריין אויף אַ יום־טובדיקן ראַנדעוווּ. די טראָטואַרן, וואָס זענען נאָך נעכטן געווען נאַסלעך־בלאָטיק, זענען איצטער געווען אויסגעטריקנט־ריין, די פייכטקייט איז געווען אויס־

געדעמפט, ווי אויסגעלעקט פון דער וואַרעמקייט און לינדע ווינטעלעך. פאַר די גרינוואַרג־וועגעלעך פון די גאַסן־הענדלער איז געווען אַ געשטופעריי פון באַלעבאָסטעס מיט האַנטקיישלעך. זונטיקדיקע ציַיטונגס־פאַרקויפער האָבן אויסגערופן די נעמען פון זייערע בלעטער. אַ קליין פּיטשינקע הינטעלע, פאַרהילט אין אַ רויטלעך וועסטעלע מיט טראַלדעלעך און גלעקעלעך, האָט פאַרעקשנט געצויגן און געשלעפּט אַ שווער־לייביקע פרוי, וואָס זי האָט עס געפירט ביי אַ שיין קייטעלע. דאָס פּיטשינקע הינטעלע האָט טומלדיק געקלונגען מיט די גלעקעלעך, ווי עס וואָלט געוואָלט איבערקלינגען מיט זיי די דערבײַיקע זונטיקדיקע קלויסטער־גלעקער.

מיר זענען צוגעקומען צו דעם קלויסטער סען־פּאָל. עס איז איצטער דאָרטן אָנגעגאַנגען די זונטיקדיקע פרימאָרגן־מעסע. דורך דעם פּאַס שוואַרצקייט, דורכגעזייט מיט בלישטשענדיקע ליכט־פונקטן, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אינעווייניק דורך דעם עטוואָס אָפּגעשפּאַרטן האַלבן טויער, האָבן זיך אַרויסגעטראָגן קלאַנגען פון אָרגל־שפּיל און זיך אויסגעמישט מיטן גאַסן־געליאַרעם.

דעם קלויסטער סען־פּאָל האָב איך גוט געקענט נאָך פון דער אָקופּאַציע־צייט, ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם פאַרשטופּטן געסל, הינטער זיינע שוואַרצע מויערן. עס איז מיר שוין נאָענט געווען זיין גלאָקן־געקלאַנג און דער עיקר, דאָס אויסקלינגען פון זיין זייגער יעדע שעה, יעדע האַלבע שעה און פערטל שעה. עס איז מיר אַזוי גוט געווען איינצוהערן זיך אין זיין אויסקלינגען די צייט, ווייל כל־זמן איך האָב אים, דעם קלויסטער, געהערט, איז עס געווען פאַר מיר אַ פאַרזיכערונג, אַז איך בין נאָך דאָ, אַז איך געפין זיך נאָך אַלץ דאָ פאַרשטעקט אין גענאַד פון זיינע טונקעלע שאָטנס.

איין מאָל האָט אין מיין אָפּגעשלאָסענער איינזאַמקייט מיך אָנגעכאַפּט אַ באַגער צו זען מענטשן, אַ סך מענטשן, אַ המון, וואָס איך האָב נאָר געקענט זען אויף דער רי דע ריוואָלי, אָבער דאָרטן, אויף דער צענטראַלער גאַס, איז געווען אַ ביסל אַ סכנה אַרומצודרייען זיך. עס איז געווען אַ זונטיק־פרימאָרגן, אַזוי ווי איצט. מיר איז איינגעפאַלן צו פאַרלאָזן מיין באַהעלטעניש־צימערל און אַריינצוגיין אין דעם קלויסטער, אויסצומישן זיך מיט די בעטנדיקע בעת דער מעסע, זיין צווישן מענטשן, דערפילן זייער אָטעם און ריח. איך בין

אַריין אינעווייניק און איך האָב באַמערקט, אַז מען אָבסערווירט מיך, אַז פון דאָ און דאָרטן וואַרפט מען אויף מיר אויגן, מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַ זייטיקן, אַ פרעמדן. אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל איך האָב זיך נישט אויפגעפירט ווי אַלע, איך האָב נישט איינגעטונקען מיינע פינגער אין דער כלי מיטן ביסל הייליקן וואַסער ביים איינגאַנג און איך האָב זיך נישט געצלמט און נישט געקניט. און אפשר האָט מען דערקענט אין מיינע אויגן דעם געהיימען גלי פונעם געיאָגטן און געפּלאָגטן?

הגם איך האָב געהאַט אמונה, אַז קיינער וועט מיר דאָ קיין שלעכטס נישט טאָן, האָב איך זיך זייטיק צוריק אַרויסגעשאַרט אויף דער גאַס, איך בין גיך צוריק אַוועק צו מיין געסל, צו מיין הייפל, צו מיין אָפּגעשלאָסן ווינקל. אָבער איך האָב דאָך, פון דעסטוועגן, מיטגענומען אַהין דאָס גוטע געפיל, אַז איך בין געווען צווישן מענטשן.

— — — — — — — — — — — — —

ווען דער קלויסטער האָט זיך שוין געפונען הינטער אונדז, האָב איך זיך אָנגערופן צו דער פרוי:

— איר האָט מזל. איר האָט כאָטש וועמען צו געבן אייערע בלומען — האָב איך איר אָנגעוויזן אויף איר בוקעט — נישט ווי איך.

— יאָ, איך האָב מזל... — האָט זי געזאָגט ווי מיט אַ טאָן פון יוצא וועגן, וועלנדיק מסתמא אויס העפלעכקייט מיר ענטפערן אַ וואָרט. און עפּעס האָב איך אין אירע רייד אָפּגעפילט צווייִדייטיקס און נישט־דערזאָגטס.

איך האָב שוין געהאַט חרטה אויף מיינע רייד. געוויס האָט דער דאָרן פון קנאה מיך געשטאָכן, ביז פּיין, ביז ווייטיק, און איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן... איך האָב זיך איצטער פאָרגעשטעלט ווי זי וועט באַלד דער־לאַנגען די בלומען איר געליבטן און זיך צעקושן מיט אים, ווי זי וועט מיט פרוייִשער בריהשקייט און צאַרטקייט אַריינשטעלן דעם בוקעט אין אַ וואַזע מיט וואַסער... דערנאָך, דער ווייס־געדעקטער טיש, באַשטעלט מיט אַפּע־ריטיוון, מיט ווייסן, רויטן און ראָזן ווייַן... זיי וועלן פּלאַפּלען און לאַכן, זיך קוקן אין די אויגן אַריין מיטן אָפּשיין פון די פינקלענדיקע פלעשער, באָקאַלן און גלעזעלעך...

זאָל איך איר נאָך אפשר דערציילן עפּעס וועגן די עטינגערס? פּרובירן נאָך, דורכן רעדן וועגן זיי, זיך מאַכן היימיש מיט איר? צו וואָס? וואָס וועט עס ניצן?...

צווישן מיינע פינגער האָבן זיך געפּלאָנטערט מיינע פיר שלימזלדיקע בלומען, ווי איבעריקע. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיי. אפשר זאָל איך זיי איר אַוועקגעבן?... וואָס? איך דאַרף נאָך, הייסט עס, שענקען איר געליבטן בלומען? — האָב איך איבערגעלייגט אין געדאַנק און זיך געוואָלט ביטער צעשמייכלען...

ביי אַ ראָג האָט זי זיך פּלוצים פּאַרהאַלטן:

— נו, איך בין שוין אָנגעקומען — האָט זי מיר אויסגעשטרעקט איר האַנט — אַ רעוווּאַר, מיסיע. — און איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז מיר אַ שאָד וואָס זי גייט שוין אַוועק, אַז ס'איז מיר געווען אָנגענעם דער קורצער שפּאַציר מיט איר, אָבער איך האָב זיך באַרעכנט, אַז ס'איז נישט כדאי, ווייל וואָס וועט עס געבן?

איך האָב פאַרגעזעצט ווייטער דעם וועג אַליין, נישט וויסנדיק, אייגנ־טלעך, וווּהין. אַריבערגייענדיק די צווייטע זייט טראָטואַר, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ וויטרינע און זיך געמאַכט כלומרשט אַריינקוקן דאָרטן צו די אויסגעשטעלטע זאַכן. איך האָב זייטיק געכאַפּט אַ בליק צו דער פרוי, געוואָלט זען וווּהין זי גייט, כאָטש צוליב וואָס, אייגנטלעך, האָב איך אַליין נישט געוווּסט. איך האָב אָבער געזען, אַז זי גייט נישט אַוועק פון דעם אָרט. האָט זי, הייסט עס, דאָ, ביי אָט דעם ראָג, די ראַנדעוווּ מיט איר געליבטן... זיכער, זיכער. און צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרף איך נאָך, דער נאַר, דאָ שטיין און קוקן?...

פּלוצים האָב איך דערזען ווי די פרוי נעמט אַראָפּ געלאַסן דאָס דורכ־זיכטיקע פּאַפּיר פונעם בוקעט, ווי זי וואָלט אויסגעטאָן מיט צערטלעכקייט און ליבשאַפט אַן עופהלע. פונעם בוקעט פלאַטערט אַראָפּ עפּעס אַ רויט־ראָזלעך בענדל, אַ לענטע. זי טשעפּעט גאָר צו די בלומען אירע צו דער וואַנט ביים ראָג, ווו עס איז צוגענאָגלט אַ מאַרמאָרנער געדענק־טאָוול.

איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער, זעענדיק אויף וואָס די פרוי פאַרווענדט אירע בלומען. אין אָט דער רגע האָב איך זיך דערמאָנט, אַז נעכטן

האָבן די צייטונגען גערופן די פראַנצויזן צו באַדעקן היינט מיט בלומען אַלע דענקמעלער און אָנדענק־טאָוולען לכבוד די ווידערשטעגדלער, די געפאַלענע אין קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט.

איך האָב געזען ווי די פרוי פאַרעט זיך עפּעס דאָרטן מיטן בוקעט, גלייכט אויס דאָס בענדל, וואָס הענגט אַראָפּ פון אים, שטייט אַ ווײַלע פאַרן מאַרמאָרנעם טאָוול ווי פאַרטיפט אין מחשבות, און נאָך דעם קערט זי זיך אום מיטן זעלבן וועג, פון וואַנען זי איז געקומען. איך האָב איר נאָכגעקוקט ווי עפּעס אַ פאַרשולדיקטער. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך דאַרף איר נאָכלויפן און בעטן ביי איר פאַרגעבונג. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פאַרשעמטער, אַן אויסגעלאַכטער פאַר אַלע מיינע געדאַנקען, השערות און פאַרשטעלונגען וועגן דער כוונה פון דער פרוי מיט אירע בלומען. זיי האָבן אויף מיר געשוווירט, גלייך ווי דורך זיי וואָלט איך נאָר וואָס באַגאַנגען אַ זינד, און גלייכצייטיק האָב איך זיך דערפילט דערלייכטערט אין מיינע געפילן, זעענדיק אַז די בלומען דינען נישט צו דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט.

איך בין צוריק אַריבער די אַנדערע זייט גאַס און צוגעגאַנגען נאָענט צום אָנדענק־טאָוול. איך האָב איבערגעלייענט דאָס, וואָס איז געווען אויף אים אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות:

> דאָ ביי אָט דעם אָרט איז דעם 22־טן אויגוסט 1944
> געפאַלן פון דייטשע קוילן פאַר דער באַפרייונג פון
> פּאַריז מאַרסעל פּעראָ, 26 יאָר אַלט. רום זיין אָנדענק.

דאָס ראָזלעך־רויטלעכע בענדל האָט געפלאַטערט אין ווינט, עס האָט אַראָפּגערונען ווי אַ ריטשקע בלוט. איך האָב איבערגעלייענט וואָס עס איז געווען אויסגעמאָלט דערויף מיט זילבער־קאָליר:

פאַר מיין טייערן, הייס־געליבטן, אין אייביקן באַדויער.

דיין זשאַקלין.

איך האָב גלייך דערפילט, אַז איך דאַרף געבן אַ תּיקון מיינע פיר בלומען מיטן צושפּיליען זיי אויך צום טאָוול, צו דער פרויס בוקעט. איך האָב דאָס געטאָן מיט ציטערנדיקע הענט און מיט אַ געוויסער מורא. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך דאַרף זיך היטן מיט דעם פאַר די פאַרבייגייער, ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן אַ גנבה, אָדער עפּעס אַ שלעכטע פאַרבאָרגענע זאַך; און

ווירקלעך, האָט מיך גלייך באַהערשט אַ ספק צי איך האָב עס געמעגט טאָן. ווייל ווי קום איך, דער פרעמדער, צוצולייגן מיין בינטל בלומען, וואָס איך האָב זיי נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן, צו אירע פאַרהייליקטע בלומען? און מיר האָט זיך געדאַכט ווי איך וואָלט דערמיט אויף אַ נישט־אָנשטענדיקן אופן צוגעלייגט מיין גוף צו איר גוף...

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג, ווו די פרוי איז אַוועק. איך האָב געזוכט צווישן די מענטשן אויף דער גאַס דעם וויין־רויט־קאָליר פון איר מאַנטל, וואָס איז מיר שוין געווען נאָענט, אָבער איך האָב אים מער נישט געזען, ער איז שוין געהאַט געווען פאַרלאָשן, אויסגעגאַנגען אין דער מאַסע פון די זונטיק־שפּאַצירער, און בחינם האָבן מיינע אויגן גענישטערט, זוכנדיק אים אין איר געדיכטעניש.

# דער טעלעפאָן קלינגט אין מיטן דער נאַכט

## דער טעלעפֿאָן קלינגט אין מיטן דער נאַכט

דער דאָקטער אַבראַשאַ לעווקאָוויטש האָט אָפֿט קאָנפֿליקטן מיט זיין ווייב צוליב זיינע נאַכט־וויזיטן פון צייט צו צייט, צוליבן אויפוועקן אים אין מיטן דער נאַכט, בעת וועלכן זי גופא מוז שוין אויך אויפכאַפּן זיך פון שלאָף, ווייל דער טעלעפֿאָן ווייסט נישט פון קיין חכמות און ווען ער קלינגט, וועקט ער זי אויך איבער.

זי, דאָס ווייב פונעם דאָקטער, האַלט אים כסדר פאַר זיין לייכטן מסכים זיין צו גיין שפעט ביינאַכט אויף אַ וויזיט. זי פאַרטראַגט עס נישט און וויל סוף כל סוף נישט ליידן פון דעם. דערפאַר דאָס אָפטע אַרויסוואַרפן אים איר אומצופרידנקייט, איר ווילן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו מאַכן מיט די נאַכט־וויזיטן. זי בעט זיך דאָס ביי אים צוליב זיין אייגענעם שוואַכן געזונט, וואָס ער מוז אויך שוינען, נישט ווינציקער ווי דאָס געזונט פון אַנדערע.

וויפל דער דאָקטער זאָל נישט האַלטן, אַז זיין ווייב איז גערעכט, קען ער גאָרנישט מאַכן; ווען דער טעלעפֿאָן קלינגט אַ מאָל ביינאַכט, קען ער בשום־אופן נישט פועלן ביי זיך, נישט צו גיין נעמען דאָס טרייבל. אים דאַכט זיך דעמאָלט, אַז נישט דער טעלעפֿאָן קלינגט, נאָר ער וויינט, ער יאָמערט, ער בעט זיך רחמים ביי אים. און ער נעמט דאָס טרייבל אין האַנט, ווי ער וואָלט גענומען דעם פולס ביי אַ שווער־קראַנקן.

ער איז טאַקע אַליין אויך נישט ביים בעסטן געזונט, דער דאָקטער, און ער דאַרף זיך אָפּהיטן. מיט אַן אַכט יאָר צוריק האָט ער געקריגן אַ לייכטן האַרץ־אַטאַק, אויף וואָס אַ דאָקטער האָט אויך רעכט, חזרט ער אָפט איבער, חכמענענדיק זיך. אָבער טאָמער זאָל ער נישט נעמען דאָס טרייבל ביינאַכט,

ווען דער טעלעפאָן קלינגט, און נישט צופאָרן תיכף אויפן אָרט, ווו מען רופט אים אַרויס, וואָלט ער זיך דאָס שפּעטער נישט געקענט שענקען, זיין געוויסן וואָלט אים געפּלאָגט און ער וואָלט זיך נאָך געקענט נעמען צום האַרצן און עס וואָלט ערשט אפשר געקענט נאָך ערגער ווערן מיט זיין געזונט, מיטן דאָקטערס אייגענעם געזונט.

די אַלע, וואָס קלינגען אַ מאָל צו אים ביינאַכט, זענען ס׳רוב זיינע פּאַציענטן, וועלכע קענען דעם דאָקטער לעווקאָוויטש ווי אַ היימישן ייִד און דערצו נאָך ווי אַן עסקן, וועלכער האָט טויזנטער קהלשע געשעפטן אויף זיין קאָפּ, און טאָמער וועט ער אָפּזאָגן צו קומען צו עמעצן אין אַט דער שפּעטער שעה, וועט עס אויסגיין נישט בלויז צו זיין אייגענעם גוטן נאָמען, נאָר אויך צו כלל־ישראל. ער איז, אייגנטלעך, נישט מחויב צו גיין ביינאַכט אויף אַ וויזיט. דאָס געזעץ קען אים נישט צווינגען צו דעם, און ער קען אויך, וואָס אַן אמת, ווען עס טרעפט אַ מאָל און דער טעלעפאָן קלינגט ביינאַכט, ענטפערן, אַז מען זאָל זיך ווענדן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט נאָך אַ דאָקטער, אָבער פאַר אַן עצה זענען זיינע ייִדן אויסגעזאָרגט... און ווי וועט ער אויסזען פאַר זיינע פּאַציענטן, אַז ער שיקט זיי אָפּ אין קאָמיסאַריאַט אַריין, בעת ער ווייסט, אַז ייִדן האָבן נישט ליב צו האָבן צו טאָן מיט פּאָליציי און מיט אַ פרעמדן אָפיציעלן צוגעשיקטן דאָקטער, אַ קאַלטן לונג־און־לעבער, און אַז מיט אים, דעם דאָקטער לעווקאָוויטש, וואָס אַ סך פון זיי רופן אים צווישן זיך פּראָסט־פּשוט אַבראַשאַ, פילן זיי זיך היימיש, און פון הערן, אָדער אַרויסזאָגן בלויז דעם נאָמען אַבראַשאַ, פון דעם אַליין ווערט זיי שוין בעסער...

געוויינלעך ווייסט ער שוין, דער דאָקטער לעווקאָוויטש, וואָס עס קומט נאָך אַ ביינאַכטיקן טעלעפאָן־קלונג, וואָס טרייסלט אויף דאָס הויז: אַן איבערגעשראָקענע פרויען־שטימע, כמעט שטענדיק אַ פרויען־שטימע, געדיכט און האַסטיק: „דאָקטערשי, האָט רחמנות און קומט שוין צו גיין צו אונדז, איך בעט אייך זייער. מיין מאַן פילט זיך נישט גוט". אָדער: „דאָקטער־לעבן, מיין מאַן איז פאַרביי. נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך האָב אייך איבערגעוועקט. קומט גלייך אַרויף צו אונדז. איר וועט זיך פאַרדינען אַ מצווה"...

ער איז נישט צופרידן, דער דאָקטער, און נאָך מער איז נישט צופרידן

פון דעם זיין ווייב. פון דעסטוועגן פאַרצייכנט ער גיך דעם אַדרעס, זאָגנדיק אין טרייבל: „איך קום גלייך". און שטענדיק לאָזט עס זיך אויס מיטן זעלבן: ער כאַפּט אויף זיך אַרויף אין איילעניש די הויזן. דאָס ווייב גרייט אים צו בחפזון דאָס רענצל, וווּ עס געפינען זיך זיינע אינסטרומענטן, דער סטעטאָ־סקאָפּ, דער בלוטדרוק־מעסטער, דער איינשפּריצער און קאָנפער, און ער איילט זיך אַראָפּ אונטן, צו זיין אויטאָ, וואָס שטייט ביים טויער.

אַדעלאַ, דעם דאָקטערס ווייב, ווייסט, אַז איר מאַן און אויך זי זענען פאַרמשפּט צו אָט דעם מצב. ער איז אַ לעמעשקע, נישט קיין דאָקטער, טראַכט זי אָפּט מיט פאַרדרוס. ער לאָזט זיך קריכן אויפן קאָפּ פון זיינע יאַכנעס, ער איז צו היימיש מיט זיי, מיט זיינע פּאַציענטן, און זיי האָבן דעריבער צו אים נישט קיין קליין ביסל חוצפּה, האַלט זי. ער האָט זיי דאָס אַזוי צוגעוויינט, אַז זיי זאָלן נישט האָבן צו אים קיין איבעריק גרויסן דרך־ארץ. אַז נאָר ער טענהט זיך אויס מיט זיי ווי מיט זיינס גלייכן; ער דאַרף אַלץ וויסן וואָס עס טוט זיך ביי זיי, ווי עס גייען ביי זיי די געשעפטן און אפילו ווי עס האַלט מיטן סעזאָן, גלייך ווי דאָס אַלץ וואָלט געהאַט אַ שייכות צום אַרויסטראָגן דעם דיאַגנאָז פון דער קראַנקייט.

אחוץ דעם פאַרדריסט עס איר שטאַרק וואָס די פּאַציענטן, באַזונדערס די פּאַציענטינס, רופן צווישן זיך איר מאַן בלויז ביי זיין פאָרנאָמען אַבראַשאַ, וואָס דאָס געהערט, אייגנטלעך, בלויז צו איר. אפילו נישט דאָקטער אַבראַשאַ, נאָר גאָר פּשוט, אַבראַשאַ, גלייך ווי זיי וואָלטן מיט אים אין איינעם חזירים געפּאַשעט... און גלייך ווי עמעצער קומט צו אים אויף אַ קאָנסולטאַציע מיט אַ געוויינלעכן פאַרקילעכץ, אָדער לויזן מאָגן, אַזוי מוז ער, נישט אַנדערש, נאָר פאַררופן זיך פאַר יענעם אויפן רמב"ם, אַז דער רמב"ם האָט אַזוי געזאָגט און אַז דעם רמב"מס שיטה איז אַזוי און אַזוי, פּונקט ווי ער אַליין, איר אַבראַשאַ, וואָלט שוין גאָרנישט געווען און זיינע יאָרן פון שטודיום און פּראַקטיק וואָלטן גאָרנישט ווערט געווען.

— „וואָס דרייסטו זיי אַ קאָפּ מיטן רמב"ם? וואָס גייט דאָס זיי אָן? האָט שוין איין מאָל אפילו אַדעלאַ געזאָגט מיט אַ רוגזהדיקן טאָן צו איר מאַן — זיי קומען דען אויף אַ קאָנסולטאַציע צום רמב"ם, אָדער צו דיר?"

דערפאַר ווייל איר אַבראַשאַ — טראַכט זי — האָט נישט געוווּסט ווי צו האַלטן זיך, ווי צו זיין פאַר זיי אַן אויטאָריטעט און ווי אויפצוהאַלטן

אַ דיסטאַנץ צווישן אים און זיינע פּאַציענטן, איז ביי יעדער נאַרישקייט, וואָס עס מאַכט זיך זיי נאָר, דערלויבן זיי זיך אים גלייך צו רופן אַהיים צו זיך אויף אַ וויזיט, אפילו אין מיטן דער נאַכט, און שטענדיק, צו יעדער צייט, דאַרף ער זיין צו זייער דיספּאָזיציע.

און ס'איז גאָרנישט קיין וווּנדער, מיינט אַדעלאַ, וואָס זיי האַלטן זיך אַזוי ביי אים, וואָס זיי קלעפּן אַזוי אין אים, אין איר אַבראַשאַ. צוליב זיין היימישלעכער צוגעלאָזנקייט צו זיי, האַלטן די פּאַציענטן איר מאַן פאַר אַן איידעלן מענטש, זיי קענען זיך נישט אָפּליבן פון זיין העפלעכן באַנעמען זיך מיט זיי. זיי זאָגן צווישן זיך וועגן אים: „אַ גוטע נשמה", „אַ טאַטע"... אַז ער היילט זיי בלויז מיט זיין ליבלעכן שמייכל... זיי פילן זיך, וואָס אַן אמת, גוט מיט אים, ער טרעפט זיי צו אין זייערע קראַנקייטן און צו וואָס ער רירט זיך נאָר צו, איז ווי מען וואָלט מיט דער האַנט אַוועקגענומען, טענהן זיי. און דאָס, וואָס ער קען אויך זיין אַ מאָל שטרענג צו זיי ווי אַ דאָקטער, און ער וואַרפט אפילו אַן אויף זיי אַ מורא — דאָס אימפּאָנירט זיי אויך. ס'הייסט ביי זיי, אַז דער דאָקטער באַציט זיך צו זייערע קראַנקייטן ערנסט, געוויסנהאַפט און מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ביי יעדער קלייניקייט, אפילו ביי אַ נאַרישן קאַטער, הייסט ער זיי גלייך מאַכן אַ ראַדיאָ און אַנאַליזן און ער פאַרשרייבט זיי אַ באַרג מיט מעדיקאַמענטן. ווייל טאָמער וועט ער זיי פאַרשרייבן ווינציק און ער וועט זיי זאָגן, אַז ער געפינט ביי זיי גאָרנישט אויס, קענען זיי נאָך אַוועקגיין פון דער קאָנסולטאַציע אַנטוישטע.

אַדעלאַ האָט לעצטנס איינגעפירט, אַז אויף יעדן וויקענד זאָלן זיי אַרויספאָרן אין זייער קליינער ווילע, נאָענט פון פּאַריז. זי האָט דאָס געטאָן אויס זאָרג פאַרן געזונט פון איר מאַן, אָבער אין דער אמתן איז דאָס געווען קודם־כל צוליב דעם, אַז זי זאָל איינשפּאָרן פאַר אים כאָטש צוויי נעכט אין דער וואָך צו דאַרפן הערן קלינגען אַ פּאַציענט.

אין אָנהייב האָט דאָס דער דאָקטער לעוואָקאָוויטש אויפגענומען מיט איינזעעניש און גינציקייט. אין די צוויי מעת־לעתן פונעם וויקענד האָט ער זיך באַפרייט פון אַזוי פיל ראַנדעוווען, זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען, סימפּאָזיומס, קאָמיסיעס, אַלערליי שתדלנותן, שוין אָפּגערעדט פון קאָנסולטאַציעס און וויזיטן... און טאָמער וועט עמעצער פון זיינע פּאַציענטן קלינגען אַ מאָל שפּעט ביינאַכט צו אים אין פּאַריז און דער טעלעפאָן וועט,

נאַטירלעך, נישט ענטפערן, איז ער, דער דאָקטער, אין אָרדענונג, ער איז נישטאָ אין דער היים, ער איז אַרויסגעפאָרן.

אויפן דאָרף האָט דער דאָקטער לעווקאָוויטש בעת די וויקענדן געפירט אַ רויִק לעבן, אַזוי ווי ער רעקאָמענדירט שטענדיק זיינע פּאַציענטן. ער פלעגט זיך דאָ אַרויסלאָזן פון אַלע זיינע התחייבותן און פון אַלע געזעל־שאַפטלעכע האַלאַבאַליעס און פענטעס און ער האָט געלעבט אָן זאָרגן, נאָענט ביי דער פלאַנץ, ביים גראָז, זיך אָפּגעגעבן מיט זיין גאָרטן, געשטאַנען מיט אַ רידל און מיט פאַרקאַשערטע הויזן, אָדער געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ליגשטול מיט אַ בלאַט אין האַנט. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך גוט אָפּגערוט, אויף וואָס אַ דאָקטער האָט אויך רעכט, ווייל אַ דאָקטער איז אויך נישט מער ווי אַ מענטש, פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן. ער פלעגט אָפט מאַכן לאַנגע שפּאַצירן מיט זיין ווייב אויף די אָפּגעלעגענע וואַלדשטעגן, וווּ קיין אויטאָס קענען נישט אַדורכפאָרן, כאָטש זיי שפּאַרן שוין אומעטום אָן די לעצטע צייט, האָט ער איינגעזען, אפילו אין די וועלדער, און פאַרסמען די לופט.

דער דאָקטער פלעגט אויך אָפּזיצן שעהען לאַנג ביים ברעג פונעם טייכל, פאַרברענגענדיק ביי פישפאַנג, וואָס דאָס איז געווען ביי אים זיינס אַ האָבי, אַזאַ מין באַליבטער ספּאָרט און צייטפאַרטרייב, אַ באַרויִקונגס־קוראַציע, אַן אָפּלאָזן זיך פון אַלע קהלשע געשעפטן און קאָפּ־פאַרדרייעניש, זיך באַפרייען פון די נערוון־שפּאַנונגען, אַ רעזולטאַט פון דער היינטיקער טומל־דיקער וועלט. עס איז אים דאָ, דעם דאָקטער לעווקאָוויטש, נישט געגאַנגען אַזוי אין דעם בידנעם פישל, וואָס ער האָט אפשר געקענט אַרויסציִען פון וואַסער נאָכן אָפּזיצן שעהען גאַנצע און צו מאָל דאָס אויך נישט. עס האָט אים נישט צוגעפעלט אין טאָפּ אַריין, דאָס פישל. אָבער האַלטנדיק די ווענטקע־שנור אין דער האַנט, האָט ער געפילט, ווי ער איז צוגעבונדן דורך איר צו דער שבת־זונטיקדיקער שלווהדיקייט, צו זיין נחלה, צו זיין ווילע, צו זיין פּריוואַט־לעבן.

אין שטאָט איז דאָקטער לעווקאָוויטש אַ גאַנצער כלל־טוער. אָפט ביי צונויפקומען און פאַרזאַמלונגען פּאַסט ער זיך זייער גוט צו זיין דער פאָרזיצער, אויף וואָס ער האָט שוין חזקה און עס פּאַלט גאָר קיין מאָל קיינעם נישט איין פאַרצולייגן אַן אַנדערן. מיט זיין שיינעם לייבנקאָפּ מיט

דער זילבער־ווייסער שעוועליורע, וואָס איז טראָץ זיינע עטלעכע און זעכציק יאָר נישט שיטערער געוואָרן, מיט זיינע אַלטמאָדישע בינאָקלען מיטן קיטעלע, מיטן זיידענעם שלייפל אויפן שניי־ווייסן קאָלנער פון העמד און מיט זיין פּייקע, וואָס ער האַלט שטענדיק אין מויל און זי זעט אויס ווי צוגעוואַקסן צו זיין געזיכט — צייכנט ער זיך אויס מיט אַ הדרת־פּנימדיקייט, וואָס טיילט אים אויס פון גאַנצן עולם און די פּאָרזיצערשאַפט איז אים ממש ווי אָנגעמאָסטן און זי איז שוין געוואָרן זיינע אַ סטאַלע פונקציע און די מענטשן פון די געזעלשאַפטן רופן אים טאַקע: דער געשווירענער פּאָרזיצער.

אָבער דאָ,ביים ברעג פון טייך, ווו ער באַרויקט זיינע נערוון דורכן באַאומרויקן די פיש, איז אים בעסער צו לאָזן זינקען זיין בליק אין דעם גרינלעכן קילן וואַסער, איידער צו לאָזן אים זינקען אַ צעטראָגענעם אין די אָנגעפּאַטשקעטע נאָטיצן פון זיינע רעדעס. און איידער צו זיין פּאָרזיצער ביי זיינע ייִדן אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי געדעקטע טישן, איז אים שוין ליבער צו זיין דאָ אַ פּאָרזיצער ביי די פיש... ער דאַרף דאָ נישט אויסזוכן קיין שיינע רייד, קיין קנאַקעדיקע פראַזן און אויך דאַרף ער זיך נישט אויספּוצן פאַר זיי. ער איז פּטור פון זיין עלעגאַנץ, ס׳איז אים גענוג אַ ספּאָרט־העמדל, עלעהיי אַ ייִנגל, אַ פולאָוועראַ, אַ בלוזאָן. ער דאַרף נישט די ווייסע שטייף געפּרעסטע העמדער און דאָס זיידענע טיכעלע איבערן ברוסטטעשל פון זיין רעקל, וואָס הענגט ביי אים אַראָפּ ווי אַ ליילעך איבער אַ באַלקאָן.

אַדעלאַ ווייסט, אַז זי דאַרף דעמאָלט לאָזן צו רו און נישט שטערן איר מאַן, ווי בעת אַ קאָנסולטאַציע אין זיין קאַבינעט, ווען ער קען זיך אַזוי היימישלעך געבן אַ ווענד צו זיינער אַ פּאַציענטין: „נו, מאַדאַמעשי, איר האָט מיר שוין אַלץ דערציילט, און איצטער קענט איר זיך שוין אויסטוען״... דאָ, ביים פישפאַנג זיצט דער דאָקטער ווי ביי אַ הייליקער עבודה. ס׳מוז דאָ זיין זייער שטיל, אַזוי שטיל ווי ביים אויסהערן דאָס האַרץ ביי אַ קראַנקן, אַנדערש וועלן זיך נאָך די פיש אָנשטויסן, אַז דאָס מיינט מען זיי, אַז מען וויל זיי כאַפּן, און זיי וועלן עוקר זיין. אַדעלאַ זיצט דעמאָלט לעבן איר מאַן און טוט עפּעס, אויף פאַר צייטפאַרטרייב. זי לייענט אַ בוך, אָדער זי שטריקט עפּעס פאַר איר אייניקל. אירע גיך־באַוועגנדיקע פינגער מיט די שפּיזלעך שפּרינגען יעדעס מאָל אויף און אָפּ ווי די צאַפּלענדיקע מאַריאָנעטן.

זי זיצט דעמאָלט און שווייגט. ס'איז די איינציקע צייט ווען זי מוז זיך אָנטאָן אַ כוח און שוויגן, נישט צו רעדן און נישט אָקעגנרעדן איר מאַן.

פון דעסטוועגן האָט דער דאָקטער לעווקאָוויטש אָנגעהויבן צו פילן אין די וויקענדן אויפן דאָרף, אַז עפּעס פעלט אים דאָ. עס האָט אים שוין פּשוט אויסגעפעלט אַ מאָל שפּעט אין דער נאַכט אַ קלונג אין טעלעפאָן, אַז מען רופט אים צו קומען דרינגענדיק צו אַ קראַנקן, צו וואָס ער איז שוין געווען צוגעוווינט. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז טאָמער וועט מען אַ מאָל אין אַ שבת־ אָדער זונטיק־ביינאַכט אָנקלינגען צו אים אין זיין וווינונג אין פּאַריז און קיינער וועט זיך דאָרט נישט אָפּרופן, וועט מען אים נאָך קענען חושד זיין, אַז ער נעמט בכיוון נישט אָפּ דעם טעלעפאָן, ווייל ער וויל נישט גיין אויף דער וויזיט. ער האָט אָנגעהויבן צו פילן ווי ער וואָלט אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן פון זיינע פּאַציענטן, ווי ער וואָלט פאַרלאָזט זיינע ייִדן. און ווי קען ער דאָס לאָזן אָננעמען זיך ביי זיי אַזאַ חשד און איינדרוק? ער, וואָס האָט זיך געעלטערט מיט זיי צוזאַמען דאָ, אין פּאַריז, געקומען מיט זיי צוזאַמען פון פּוילן ווי עמיגראַנטן, געיאָגטע פון גראַבסקיס עגלה און אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אויף די אוניווערסיטעט־בענק; וואָס ער געדענקט זיי נאָך פון דער צייט ווען ער האָט דאָ ווי אַ יונגער דאָקטער געאַרבעט אין פאַרשידענע דיספּאַנסערן און פּאָלקס־קליניקעס און יונגע ייִדישע מאַמעס, וועלכע זענען שוין איצטער באָבעס, זענען געקומען צו אים מיט זייערע פּיצלעך קינדער, וואָס זענען שוין אַליין היינט דאָקטוירים, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן און נישט ווי זייערע טאַטעס — קאָנפעקציאָנערן, טריקאָטערן, מאַראָקיניערס, קאָמערסאַנטן.

דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט שוין נישט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין פאַרברענגען דעם וויקענד אין דרויסן ווי אַ ייִדישן פאַרראַט און פאַרקערט, זיין גיין צו יעדער שעה פון מעת־לעת צו אַ שווער־קראַנקן אויף אַ וויזיט — ווי אַ נאַציאָנאַלע שליחות ממש. ער האָט זיך דעמאָלט געגעבן כמעט אַ נדר, נישט אָפּצוזאָגן קיין מאָל צו גיין אויף אַ נאַכט־וויזיט, בפרט נאָך דעם ווי עס האָט זיך מיט אים געהאַט געטראָפן מיט אַ צייט צוריק אַן אויסטערלישער, ער וואָלט געזאָגט אפילו — עפּעס אַ גורלדיק־פאַטאַלער פאַל:

אַ טעלעפאָן־קלונג האָט אים איין מאָל אין מיטן דער נאַכט אויפגעו־

וועקט, ווי עס פלעגט נישט איין מאָל טרעפן. אַז ער האָט גענומען דאָס טרייבל, האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. ס׳איז געווען שאַ־שטיל. אויס־טערליש־פאַרדעכטיק שטיל. ער האָט פאַרעקשנט גערופן איין מאָל און נאָך אַ מאָל: „האַלאָ!‟ אָבער אויף יענער זייט האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן. ער האָט באַין־ברירה צוריק אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל אויפן אַפּאַראַט און געבליבן אַ ווײַלע זיצן אַן אומבאַהאָלפּענער אין דער נאַכט־פּיזשאַמע, נישט קענענדיק פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. עפּעס אַ שטיק מיסטעריע, וואָס האָט אים אויסערגעוויינלעך פאַראינטריגירט. און ווער דאָס האָט איצטער געקענט קלינגען, האָט ער בשום־אופן נישט געקענט וויסן, נאַטירלעך. זאָל דאָס עמעצער האָבן זיך טועה געווען מיטן נומער? — האָט ער געטראַכט. אָבער אין דער איצטיקער שפּעטער שעה? אָדער זאָל ער זאָגן, אַז ס׳איז געווען אַ שפּאַס, אַזאַ מין אָפּטאָן אים אַ שפּיצל פון עמעצן? לוינט זיך דאָס וועמען אויפצוּוועקן זיך דריי בײַנאַכט און זיך מטריח זיין אויף אָפּצוטאָן עמעצן אַ שפּיצל? ניין, דאָס ווילט זיך אים נישט גלייבן.

אַ ווײַלע האָט דער דאָקטער לעווקאָוויטש נישט אַראָפּגענומען זיין פאַרשלאָפענעם, אָבער פאַרשנדיקן בליק פונעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיין שווייגן כאָטש אַ רמז צו אָט דער שפּעט־נאַכטיקער אויסטערלישקייט. ווער האָט דאָס געקענט איצטער קלינגען? — האָט עס אים נישט צו רו געלאָזט... ווי דאָס קליינע אַפּאַראַטל, דאָס שוואַרצע שטיקל חומר, קען אַ מאָל זיין פול מיט פאַרבאָרגעניש און מיסטעריע, מיט רעטעניש און סוד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער דאָקטער לעווקאָוויטש געפונען אַ באַשייד צו אָט דעם אויסטערלישן רעטעניש. ער האָט זיך דערוווסט, אַז איינעם פון זיינע באַקאַנטע יידן האָט מען געפונען אַ טויטן ביי זיך אין שטוב דריי מעת־לעת נאָך דעם ווי ער איז פּלוצלינג געשטאָרבן. דעם דאָקטער לעווקאָוויטש איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז דאָס טאַקע געווען דער געהיימנישפולער טעלעפאָן־קלינגער ביי אים אַנומלט ביי־נאַכט, ווייל די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז יענער איז טאַקע געשטאָרבן אין אָט דער נאַכט און אַזוי ווי ער איז געווען דעם דאָקטער לעווקאָוויטשס אַ באַקאַנטער און שטענדיקער פּאַציענט, האָט ער, דערפילנ־

דיק זיך שלעכט, געקענט קלינגען נאָר צו אים, צום דאָקטער לעוווקאָוויטש. דער מענטש האָט געלעבט איינער אַליין, אָן משפחה, און ווען ס׳איז אים ביינאַכט נישט גוט געוואָרן — איז זיך דער דאָקטער לעוווקאָוויטש משער געווען — איז יענער נאָך אַראָפּ פון בעט, בכדי אָנצוקלינגען אין טעלעפאָן נאָך הילף. אָבער מער ווי אָנדרייען דעם נומער האָט ער, זעט אויס, שוין נישט באַוויזן... און ווען מען איז אין דריי טעג אַרום אַריין צו אים אין שטוב, האָט מען אים געטראָפן זיצן טויטערהייט ביים טיש מיט אַ געזונקע־נעם קאָפּ אַראָפּ און דערלעבן, אויפן טיש, איז געלעגן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, וואָס איז אים, קענטיק, אַרויסגעפאַלן פון האַנט... דריי טעג האָט מען געקלונגען צו אים, ווי קיין מאָל גאָרנישט, און ס׳איז „געווען פאַרנומען״, האָט עס געהייסן, „מען האָט גערעדט״, בעת אין דער אמתן האָט יענער שוין געשוויגן מיט אַן אייביקן שוויגן...

די דאָקטוירים האָבן דעמאָלט פעסטגעשטעלט, אַז ווען דער פאַרשטאָר־בענער וואָלט אין יענער נאַכט נישט געווען אַליין אין שטוב און מען וואָלט באַוויזן צו קומען אים צו הילף צו דער צייט, וואָלט מען אים געווען געקענט אָפּראַטעווען.

דער דאָקטער לעוווקאָוויטש האָט זיך נאָך דעם אויסטערלישן פאַל געגעבן אַ שבועה, נישט אָפּצואָגן קיינעם, וואָס וועט אים אַ מאָל ביינאַכט רופן צו אַ דרינגענדיקער וויזיט, כאָטש פערזענלעך האָט ער זיך דאָ גאָר־נישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפן און ער איז דאָ אין גאָרנישט שולדיק געווען. ער האָט געהאַלטן זיין צוזאָג, הגם ער האָט שוין געהאַט אויך דורכפאַלן. ס׳הייסט, ער איז שוין געגאַנגען אויף וויזיטן ביינאַכט, אויף וועלכע ער האָט בפירוש נישט געדאַרפט גיין; ער האָט זיך מטריח געווען אויף גאָרנישט, ס׳איז לחלוטין נישט נייטיק געווען אים אַרויסצורופן. מענטשן דאַכט זיך אַ מאָל אויס ביינאַכט, אַז ס׳איז ביי זיי אַ געפערלעכער פאַל, און אין שרעק און אין פאַניק קלינגט מען צום דאָקטער, און דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז געווען בחינם דאָס אַרויסנעמען פון בעט דעם דאָקטער אין מיטן דער נאַכט.

פון דעסטוועגן ווען דער טעלעפאָן האָט נאָך דעם נאָך אַ מאָל געקלונגען און מען האָט דעם דאָקטער דרינגענדיק אַרויסגערופן, האָט ער נישט געטראַכט,

אַז דאָס קען אפשר זיין אַ נישט־נויטיקע וויזיט און ער האָט זיך אָנגעטאָן הענדום־פּענדום, ווי געוויינלעך, און שנעל צוגעפּאָרן אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. ווייל ווען דער טעלעפאָן קלינגט און מען רופט אים, קען ער קיין מאָל נישט וויסן צי ס׳איז אַ דרינגענדיקער פאַל, צי נישט. דער טעלעפאָן זאָגט קיין מאָל גאָרנישט אויס. ער קלינגט בלויז. און שטענדיק מיטן זעלבן קלאַנג, סיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אמת און סיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליגן, סיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן גוטס און סיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן שלעכטס.

אָבער אַנומלט האָט דער דאָקטער ווידער געהאַט אַן אויסטערלישן פאַל מיטן טעלעפאָן. מען האָט געקלונגען אין מיטן דער נאַכט, וואָס צו דעם איז ער שוין, ווי געזאָגט, צוגעוווינט. דער דאָקטער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַראָפּ פון בעט, אַריין אין די שטעקשיך, און צוגייענדיק צום טיש, זיך שוין געריכט, ווי געוויינלעך, צו הערן אין טרייבל אַ פאַרצווייפלטע און איבערגע־שראָקענע שטימע, אָבער דאָ האָט ער גאָר דערהערט אַ פריילעכע און צופרידענע שטימע: „העלאָ, קאָזין! מען רעדט צו דיר פון ניו־יאָרק! שרעק זיך נישט. עקסקיוז מי וואָס מען האָט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף... ביי אייך איז איצטער נאַכט, אָבער ביי אונדז איז טאָג... טייערער קאָזין! די גאַנצע פעמילי וויל דיר גראַטולירן צו דיין געבורטסטאָג, צו דיינע פינף און זעכציק יאָר און ווינטשט דיר, אַז דו זאָלסט זיין אַל רייט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר צוזאַמען מיט דיין אַדעלאַ. גיב זי נאָר אונדז אַהער״.

איידער דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט באַוויזן רעכט צו דאַנקען פאַר דער אומגעריכטער נאַכט־באַגריסונג, האָט שוין אַדעלאַ אַרויסגעכאַפּט דאָס טרייבל פון איר מאַנס האַנט. פאַרן דאָקטער איז דער דאָזיקער נאַכט־קלונג געווען אַ פריילעכער סורפּריז און זיך אונטערשיידט פון אַלע נאַכט־קלונגען ביי אים אין הויז. אַדעלאַ איז געשטאַנען אין נאַכטהעמד און געכאַפּט אַ מוטל מיט ניו־יאָרק. זי האָט גערעדט געדיכט און הויך, נישט קימערנדיק זיך וועגן דעם, אַז דאָס קען שטערן די שכנים אין מיטן דער נאַכט, ווייל מען איז געוווינט גאַנץ אָפט צו הערן ביים דאָקטער רעדן אין טעלעפאָן אין אַט דער צייט. עס האָט איר בלויז פאַרדראָסן וואָס פון ניו־יאָרק האָט מען איר אויסגעכאַפּט און קאַליע געמאַכט איר סורפּריז, וואָס זי האָט געגרייט פאַר איר מאַן אויף צו מאָרגנס צו זיין געבורטסטאָג.

ווי עס זאָל נישט זיין, האָט זיך פאַרן דאָקטער לעווקאָוויטש דער דאָזיקער ביינאַכטיקער טעלעפאָן־קלונג נישט פאַרענדיקט ווי אַלע מאָל: מיט אַרויפכאַפּן אויף זיך די הויזן און איילן זיך צום אויטאָ. און מאַן־און־ווייב האָבן זיך לכל הפּחות געקענט צוריקלייגן אין בעט אַריין און רו׳קער־הייט ווידער איינשלאָפן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי אויף דאָס ניי געהאַט שפּעט ביינאַכט אַ טעלעפאָנישן קלונג, וואָס האָט זיך אויך, דאָס מאָל, פאַרענדיקט פאַרן דאָק־טער מיט אַריינלייגן זיך צוריק אין בעט, אָבער שוין גאָר אויף אַן אַנדערן אופן.

עס איז געווען אין אַ שבת ביינאַכט. דער טעלעפאָן האָט זיך פּלוצלינג צעקלונגען. דער דאָקטער איז אַראָפּ פון בעט און גענומען דאָס טרייבל און נאָכן אָנרופן זיך „האַלאָ!" האָט ער געהערט ווי אין אַ געטומל פון אויסגעמישטע פריילעכע און צעלאָזטע קולות, ווי אויף עפּעס אַ שׂמחה, פרעגט אים עמעצער, נישט קענענדיק אַרויסזאָגן זיין נאָמען:

— דאָס זענט איר, דאָקטער לעוו... קאָוויטז?...

און נאָך זיין באַשטעטיקונג, האָט דער דאָקטער ווידער געהערט די זעלבע שטימע, אַ שטימע פון אַ יונגן חברה־מאַן:

— טראָגט אייך אָפּ פון דאַנען, מעטעק, אויסלענדער און ייִד. קערט אייך אום אין אייער לאַנד אַריין!...

דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט אַריינגעשריגן בלויז איין איינציק וואָרט אין טעלעפאָן, וואָס איז פול געווען פון הילכיקע געלעכטערס, אַ ווילד כאַכעניש:

— מערד!...

און ער האָט האַסטיק אַראָפּגעקנאַקט מיט כעס דאָס טרייבל. עס האָט אין אים איצטער געקאָכט און געזאָטן פאַר בושה און באַליידיקונג. ער האָט אַ ווײַלע נישט אַראָפּגענומען זיין רוגזהדיקן בליק פונעם טעלעפאָן, ווי ער גאָר וואָלט געווען עפּעס שולדיק אין דעם געמיינעם שטערן די רו פונעם דאָקטער לעווקאָוויטש. דער טעלעפאָן־אַפּאַראַט אויפן טיש האָט געשוויגן. עס האָט זיך געדאַכט, ווי ער זיצט אין זיין ווינקל און קאָרטשעט זיך איין, ווי אַן איבערגעשראָקן עוף, וואָס וויל אַריין אין זיינע פעדערן, זיך באַהאַלטן אין זיי, מורא האָבנדיק פאַר קלעפּ, וואָס מען גייט אים דערלאַנגען...

גראַד דאָס מאָל איז אַדעלאַ האַסטיק געשלאָפֿן און דער טעלעפֿאָן האָט זי נישט אויפֿגעוועקט און זי האָט נישט גליך געוווּסט וואָס פֿאַר אַ נאַכט־קלונג איר מאַן האָט נאָר וואָס געקריגן.

דער דאָקטער לעווקאָוויטש איז נאָך אַ ווײַלע געזעסן אין דער נאַכט־פּיזשאַמע ביים טיש פֿון זיין קאַבינעט און זיך נישט געקענט באַרויִקן. וואָס? אים, דעם דאָקטער אַבראַשאַ לעווקאָוויטש, וועט דאָס עפּעס דאַרטן אַ לאַבוז און אויסווּרף, וועלכער הוליעט ערגעץ שפּעט ביינאַכט מיט אַ באַנדע זיינס גלייכן, גיין זאָגן, אַז ער זאָל זיך אָפּטראָגן פֿון פֿראַנקרייך? אַז ער איז נישט קיין פֿראַנצויז? ער, דער דאָקטער אַבראַשאַ לעווקאָוויטש, וואָס האָט זיך פֿרייוויליק אַנגאַזשירט אין דער פֿראַנצויזישער אַרמיי בעת דער מלחמה, זיך געשלאָגן פֿאַר פֿראַנקרייך און וואָס איצטער קען מען אים טאַקע נישט איין מאָל זען ווי ער שטייט אַ שטאָלצער אונטער די פֿענער פֿון דער קאַמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציע מיט פֿולע קלאַפּעס בענדעלעך און אויסצייכע־נונגען, ביי פֿאַרשידענע אָפֿיציעלע פֿייערלעכקייטן, אָדער ביים אַנצינדן דעם פֿלאַם אויפֿן קבר פֿון אומבאַקאַנטן זעלנער ביים אַרק דע טריִאָמף... אים וועט דאָס אַזאַ איינער גיין זאָגן, אַז ער, דער דאָקטער לעווקאָוויטש, זאָל זיך אומקערן אין זיין לאַנד אַריין?... און ווו געפֿינט עס זיך, אָט דאָס לאַנד זיינס און ווו האָט ער זיך אומצוקערן?... אַזאַ פּחדן!... זאָל ער וואַגן דאָס צו זאָגן אים אין פּנים אַריין און נישט באַהאַלטן זיך הינטערן טעלעפֿאָן!...

דאָס דערמאָנט אים, דעם דאָקטער, אין די שיינע מעשׂים פֿון די אַנאָנימע חברה־לייט, די יונגע דעגענעראַטן, וואָס שרייבן־אויף אין געהיים מיט קויל אָדער קרייד אין די עפֿנטלעכע פּיסואַרן: „אַ טויט די יידן!“ מיט אַ האַקנ־קרייץ פֿאַר אַ צולאָג, ווי די חתימה אָדער מאַרקע פֿון זייער פֿירמע... דאָס הייסט, אַז ווען זיי שטייען אינעם פּיסואַר אויף דער גאַס און טוען זייער מענטשלעכן געברויך, טוען זיי אויך אין איין וועגס זייער חיהשן געברויך מיטן קוילשטיפֿט אָדער קרייד און פֿאַרשטעלן זיך נאָך דערביי אויף אַ פּחדנישן אופֿן מיטן השתנה־פּאַראַוואַן...

דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט איצטער געפֿילט ווי זיין פּויסט גיסט זיך אָן מיט אַ צאָרנדיקער גבֿורה. ער וואָלט געקענט דערלאַנגען אין די ציין אַריין, אָדער געבן אַ „ליאַפּ אין דער מאָרדע“, ווי ער האָט זיך ליב פֿאָלקס־טימלעך אויסצודריקן בעת ער דערציילט פֿון זיינע סטודענטישע יאָרן, ווען

ער האָט דאָס טאַקע געטאָן אויפֿן וואַרשעווער אוניווערסיטעט איינעם אַן ענדעקישן סטודענט, וועלכער האָט אים, לעווקאָוויטשן, נישט געלאָזט זיצן אויף דער באַנק לעבן אים. דאָרטן האָט ער כאָטש געזען פֿאַר זיך מיט וועמען ער האָט צו טאָן. אָבער דאָ, וועמען זאָל ער געבן אין די ציין אַריין, אַז ער האָט נישט קיינעם פֿאַר זיך, אחוץ דעם טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, וואָס זיצט אויפֿן טיש ווי אַן איינגעקורטשעטער און שוויגט מיט אַ סודותפֿולן שוויגן. און דאָס האָט אים נאָך מער געערגערט אין אָט דער שפּעטער שעה פֿון מיטן דער נאַכט.

אַז דער דאָקטער איז ענדלעך צוריק אַריין אין בעט, האָט זיך אַדעלאַ איבערגעוועקט. ער האָט נישט געקענט זיך אַרויסדרייען פֿון נישט אויסזאָגן איר וועגן דעם אויסטערלישן טעלעפֿאָן־קלונג, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט. זי האָט געבעטן איר מאַן צו באַרויִקן זיך, צוריק איינשלאָפֿן און זיך נישט מאַכן דאָרטן פֿון אַ שפּאַס פֿון עפּעס אַ לייכטזיניק לאַבוסל און געטראַכט האָט זי דערביי, אַז זי וועט פֿון מאָרגן אָן אויסשליסן דעם טעלע־פֿאָן אויף איבער נאַכט.

שפּעטער, בערך אין אַ צוויי שעה אַרום, האָט דער טעלעפֿאָן ווידער געקלונגען. דאָס מאָל איז שוין אַדעלאַ אַראָפּ פֿון בעט צו נעמען דאָס טרייבל. מען האָט געבעטן דער מאַדאַם לעווקאָוויטש איבערצוגעבן דרינגענ־דיק דעם דאָקטער, אַז ער זאָל תּיכף צוקומען צו עמעצן, וואָס האָט געקריגן אַן אַטאַק, אַז דער דאָקטער זאָל האָבן רחמנות.

אַדעלאַ האָט געזאָגט, אַז דער דאָקטער קען נישט קומען, ער פֿילט זיך נישט גוט און אַז מען זאָל האָבן אויך אויפֿן דאָקטער רחמנות... זי האָט געהייסן ווענדן זיך אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און אויך אָנגעגעבן דורכן טעלעפֿאָן עטלעכע אַדרעסן פֿון דאָקטוירים, אַבראַשאַס באַקאַנטע.

אין אַ שעה אַרום האָט מען ווידער געקלונגען. דער דאָקטער אַליין איז איצטער אַראָפּ פֿון בעט אָפּנעמען דעם טעלעפֿאָן. עס האָט גערעדט די זעלבע שטימע וואָס פֿריִער. מען האָט נישט געפֿונען קיין דאָקטער און מען בעט רחמים.

דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל, זיך אָנגע־טאָן אין איילעניש און אַוועק אויפֿן אָנגעגעבענעם אַדרעס. דאָרטן האָבן שוין

איבערגעשראָקענע מענטשן אים אָפּגעוואָרט אויף דער שוועל. אויפן ערשטן בליק איז דעם דאָקטער דער שווער־קראַנקער גלייך נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט אָנגעקלונגען אין נאָענטסטן שפּיטאָל, אַז מען זאָל תיכּף קומען, אָבער נאָכן אונטערזוכן דעם חולה, איז ער געווען מסופק צי מען וועט אים נאָך דאָרטן דעררעטעווען.

צו מאָרגנס, בעת דער קאָנסולטאַציע ביי זיך אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט איז דער דאָקטער לעווקאָוויטש נישט געווען אַזוי צוגעלאָזן צו זיינע פּאַציענטן ווי אַלע מאָל. די צוויי טעלעפאָן־קלונגען די לעצטע נאַכט האָבן נישט בלויז צעטרייסלט זיין הויז, נאָר אים אין גאַנצן. ווי נאָר מען האָט איצטער, בייטאָג, געקלונגען אין זיין טיר, אָדער אין טעלעפאָן, האָט ער אויפגעציטערט. ער האָט פאַרטוישט נעמען פון מענטשן און אויך זאַכן. ווען ער האָט געדאַרפט נעמען דעם בלוטדרוק־מעסטער, האָט ער גענומען דעם סטעטאָסקאָפּ און פאַרקערט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט אַ מאָל פאַרשרייבן עמעצן אַ נישט־געהעריקן מעדיקאַמענט. ער האָט אַלץ נאָך געהערט יענע צוויי שטימען אין טעלעפאָן פון דער לעצטער נאַכט — איינע, וואָס קלינגט אים ספּעציעל אָן בכדי אים צו באַליידיקן און ווי טאָן, און איינע, וואָס ער אַליין האָט באַליידיקט און פאַרשעמט און אפשר נאָך ערגער — דורך דעם, וואָס ער איז נישט אַראָפּ פון בעט אַרויסצונעמען פון אַדעלאַס האַנט דאָס טרייבל און נישט געזאָגט, אַז ער, דער דאָקטער, קומט גלייך צו גיין... און אפשר, אפשר... ווען ער וואָלט געקומען פריִער, צו דער צייט, וואָלט ער נאָך דאָרטן דעם שווער־קראַנקן געטראָפן אין אַ לייכטערן מצב...

דעם טאָג איז דער דאָקטער לעווקאָוויטש געווען שלעכט געשטימט און די פּאַציענטן זיינע אויך. בעת דער קאָנסולטאַציע האָבן זיי זיך געשראָקן, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דער דאָקטער איז דאָס אַזוי באַאומרויִקט צוליבן שלעכטן מצב פון זייער געזונט, וואָס ער באַהאַלט אויס פאַר זיי... ביים אַרויסבאַגלייטן דעם פּאַציענט צו דער טיר האָט היינט דער דאָקטער אים נישט געקלאַפּט היימישלעך איבער דער פּלייצע, ווי געוויינלעך, צוגעבנדיק אים קוראַזש און האָפענונג, און מען איז אַוועק דעמאָלט פון דאָקטערס קאַבינעט עפּעס ווי דערשלאָגן, אַנטוישט און פול מיט מאַטערנדיקע ספקות.

שפעט אין אָונט, אַרום צוועלף, ווען דער דאָקטער לעווקאָוויטש האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון גאַס מיט זיין ווייב, האָט ער עפּעסביים אויסטאָן דאָס רעקל פּלוצלינג זיך אַ וואַקל געטאָן. ער האָט דערפילט, אַז ער קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס און זיך אָנגעכאַפּט אין אַ דערבײַיִקן פאָטעל־אָנלען. ער האָט נישט באַוויזן צו מאַכן דעם צוגעאײַלטן שריט צו דער נאָענט־שטייענדיקער קאַנאַפּע און זיך אַראָפּגעלאָזט דערלעבן. אַדעלאַ האָט דאָס דערזען און אַן איבערגעשראָקענע זיך געמיט אים בעסער אַרויפצולייגן. זיין בלאַסקייט און דער אַרויסגעזעצטער שווייס אויף זיין געזיכט האָבן זי באַאומרויִקט. זי האָט גיך, מיט ציטערנדיקע פינגער אים צעעפנט דעם קראַוואַט, לויז געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד און אויפגעמאַכט דעם פּאַסיק פון די הויזן. זי האָט ברייט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער, ווי זי וואָלט דערוואַרט פון דרויסן אַ באַלדיקע דערלייכטערונג פאַר איר מאַן. אַ ווינט האָט באַוועגט און אויפגעבלאָזן דעם ווייסן גאַרדין. דער דינער פּאַרהאַנג איז אַריין אַ שטיק אין שטוב אַריין, זיך אָנגעטראָגן ווי אַ פרעמדער שליח פון ערגעץ און זיך געאײַלט צום ליגנדיקן מענטש אויף דער קאַנאַפּע מיט געפּאַך, ווי אויף צו מינטערן אים. דער ווינט האָט געפלאַטערט און געשפּילט מיט דער זילבערנער שעוועליורע פונעם דאָקטערס פאַרוואָר־פענעם קאָפּ.

אין יענער נאַכט האָט דעם דאָקטערס ווייב אַליין געדאַרפט אָנקלינגען אין טעלעפאָן נאָך הילף. אַדעלאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרייבל, ווי אַ פאַרצווייפלטער מענטש כאַפּט זיך אָן אין אַ רעטונגס־ברעט. נישט לאַנג האָט געדויערט איז אַרויפגעקומען אַ דאָקטער מיט אַן אַמבולאַנס, וואָס איז גרייט געווען אַוועקצופירן דעם דאָקטער לעווקאָוויטש אין שפּיטאָל אַריין.

# מיין פריינד, דער וועוריק

# מיין פריינד, דער וועוריק

פון צייט צו צייט האָב איך ליב אַראָפּצוכאַפּן זיך אין זאָאָלאָגישן פּאַרק ביי פּאָרט דאָרעי אין פּאַריז, וועלכער איז איינגעפּאַסט, מיט זיינע פאַרשי־דענע און מערקווירדיקע חיות פון אַלע מינים, אין פּליושענעם גרין פונעם ווענסענער וואַלד.

וואָס ציט מיך דאָס, אייגנטלעך, אַזוי אַהין? זאָל דאָס זיין דער פאַרשלו־מערטער רוף פון פאַר טויזנטער יאָרן צוריק צום אורשטאַם פון אונדזער לעבן? אָדער איז עס אפשר אַ ווילן, פון וועלכן איך גיב זיך נישט אָפּ קיין חשבון, צו אַנטלויפן פונעם שלעכטס פון די מענטשן, פון זייערע מיאוסע געווינהייטן, אַמביציעס, ענגהאַרציקייט און שׂנאה, און צו זיין נאָענט אַ שעה־צוויי אין דער סביבה פון די חיות, פון זייער אומשולד, זייער תמימות?

דאָרטן, אין פּאַרק, ווייסט מען נישט פון קיין רכילות און קיין ביטול, פון קיין גרינגשעצונג און קנאה. דאָרטן שרייבט מען נישט קיין ווערק, מען מאָלט נישט קיין בילדער און מען שפּילט נישט אויף דער בינע. וואָס אַן אמת, פאַרווילן יאָ געוויסע חיות און מאַכן לוסטיק די מענטשן, וואָס קומען צו זיי, אָבער זיי אַליין, די חיות, ווייסן גאָרנישט דערפון און זיי דערוואַרטן נישט דערפאַר קיין שכירות, קיין האָנאָראַר און אויך נישט קיין אַפּלאָדיס־מענטן, קיין שבחים, קיין בלומען, נישט קיין גוט־ברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע, נישט קיין וואַרעמען האַנטדרוק און נישט קיין גוטע רעצענזיעס...

הגם עס דראָט נישט איצטער קיין מבול, בפרט נאָך אַז גאָט האָט געגעבן אַ מאָל אַ שבועה, נישט צו ברענגען מער קיין מבול אויף דער וועלט און געלאָזט אפילו פאַר דעם אויפהענגען איבערן הימל אַ וואָרצייכן — דעם רעגנבויגן, מאַכט אויף מיר פון דעסטוועגן אָפּט דער זאָאָלאָגישער פּאַרק

דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען נחס תיבה; ווי מען וואָלט דאָרטן איצטער ווידער הענדום־פּענדום צונויפגעברענגט די פאַרשטייער פון אַלע מינים חיות, בכדי זיי זאָלן זיך אין זייער אָפּגעזונדערטן שטח אויפהאַלטן, פּרוכפּערן און מערן און איבערלעבן דעם אונטערגאַנג פון אַלע באַשעפענישן. אין דער אמתן ווייס איך אָבער, אַז מען האָט זיי אַלע דאָ אַהערגעברענגט בכדי מיר זאָלן זיי באַוווּנדערן, קוקן אויף זיי מיט התפעלות, זיך נאַריש מאַכן, צעשטרייען זיך אַ ביסל און פאַרווײַלן זיך מיט זיי אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג. מאַכן אונדז לוסטיק — דאָס איז דאָ זייער שליחות און עובדא, הגם זיי גופא זענען דאָס לחלוטין נישט אויסן און ווייסן נישט פון דעם. אַזוי איז עס פונעם בושל, וואָס שטייט על רגל אחת, ביז צו דער שלאַנג, וואָס פויזעט מיטן גאַנצן גוף; פונעם ריזיקן, שווערן העלפאַנט ביז דעם לײַכטן צאַרטן שוואַן, פאַרשלייערט אין ווײַסן ווי אַ כלה. אַלע האָבן זיי דאָ די אויפגאַבע אונדז לײַכטער צו מאַכן דאָס געמיט: די גלאַנציקע, גליטשיקע פאַקע, בלוילעך־שוואַרץ ווי טינט, מיט אירע עלאַסטישע, אַקראָבאַטישע שטיק אין וואַסער; דער וואָלף אפילו, וועלכער שפּאַנט אַרום נערוועז הין און צוריק אין זײַן אײַזערנער שטײַג און וואָס קינדער האָבן דאָ אַ נקמה אין אים, ווײַל פאַרמאַכ־טערהייט שרעקט ער זיי נישט מער און זיי פײַפן אויף אים; דער מגושמדיקער גאָרילע, איינער פון אונדזערע ווײַט־ווײַטע אָבות, מיט זײַן אומהיימלעכער געשפּענסטיקייט און שטרענגער, ווי אויסגעהאַמערטער, מאַסיווקייט; די קאָקעטיש־געשלייערטע פּאַנטערע אין וווּנדער־שיינע שטרייפעלעך און פּאַ־סיקלעך, צי חן־פּינטעלעך; די שלאַנקע הויכע זשיראַפע, וואָס שלײַכט זיך מיט געמאָסטענע, דראָבנע טריטעלעך, שטאָלץ און פאַרריסן, ווי אַ שיינע פרײַלין וואָס איר זגראַבנע פיגורקע ציט צו אַלעמענס אויגן, נאָר זי שענקט קיינעם נישט קיין בליק, קוקט זיך נישט אום אויף קיינעם און גייט זיך איר וועג, ווי כלומרשט נישט זי מיינט מען דאָס און עס גייט איר נישט אָן וואָס מען ווערט פאַר איר די כפרה... דער פּאַרק איז גרויס און רחבותדיק און זײַנע אײַנוווינער דאָ זענען אַ סך אין צאָל און ס'איז מיר באמת נישט מעגלעך אַלעמען אויסצורעכענען... ווער־ווער, נאָר די חיות, ווײַל איך האָפן, וועלן מיר דאָס זיכער מוחל זײַן...

צי טוען די מענטשן אַן עוולה די חיות דערמיט וואָס מען האַלט זיי דאָ אַלע צוזאַמען, אָפּגעזונדערט אויף איין אָרט, אָפּגעשלאָסן און פאַרמאַכט?

איך ווייס נישט. אויב יאָ, קויפן זיך שוין אפשר אויס די מענטשן זייערע זינד דורך דעם, וואָס די חיות זענען דאָ פאַרזאָרגט מיט אַלעם, עס פעלט זיי פון גאָרנישט, זיי זענען אויף שטענדיקער קעסט און ווייסן נישט אין גאַנצן פון קיין עול חיונה. זיי קענען דאָ, הייסט עס, די חיות, זיין רויִק מיטן ביסן און די מענטשן — מיטן געוויסן־ביסן...

ווען איך שפּאַציר זיך אַרום אין פּאַרק פון פּאַוויליאָן צו פּאַוויליאָן, פון שטייג צו שטייג, ווו די חיות געפינען זיך, טראַכט איך, אַלנפאַלס, נישט וועגן דעם. נישט א י ך האָב זיי דאָך דאָ אַריינגעזעצט, פאַרמאַכט און איזאָלירט. געוויס האָבן עס געטאָן מיינע מיטמענטשן, אָבער איצטער געדענק איך לחלוטין נישט אין דעם. איך בין דאָ געקומען אַהער, צו די חיות, בכדי אויסצוטאָן זיך פון אַלע מענטשלעכע זאָרגן און מאַטערנישן. אַן אויסנאַם איז בלויז דעמאָלט, ווען איך קום צו צו דער שטייג מיט דעם ספּעציעל אַריינגעשטעלטן ביימל מיט די עטלעכע צווייגלעך, ווי אַ דעקאָראַ־ציע, ווו עס געפינט זיך דער וועוויריק.

אַז איך קום צו צו אים שטעל איך זיך אָפּ אַ ביסל לענגער ווי ערגעץ־אַנדערש. איך שענק דעם וועוויריק אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

פאַר וואָס, אייגנטלעך? געהערט דען דער וועוויריק צו די אַטראַקציעס פונעם זאָאָלאָגישן פּאַרק? צו די, וואָס האָבן דאָרטן דעם גרעסטן דערפאָלג ביי די באַזוכער? זיכער נישט. אָבער מיין שטיין דאָרטן לעבן אים און מיין באַטראַכטן אים איז אַ סוד, וואָס בלויז איך אַליין ווייס וועגן אים, ווייל ווען איך קום צו צו אים ווער איך, ווי ער אינעווייניק, צוגעקלעמט צו דער דרויסנדיקער זייט פון דער שטייג. איך ווער דאַן באַפאַלן דורך אַ געפיל פון אַ באַהאַלטענער שולד לגבי אים, דעם וועוויריק.

און דאָס דאָזיקע געפיל פירט מיך אָוועק צו דער צייט פון מיין פריִער יוגנט.

אין איינעם אַ זומער האָט מיינער אַ חבר, וועמענס עלטערן האָבן געהאַט אַ זומער־ווינונג הינטער וואַרשע, מיך פאַרבעטן אַרויסצוקומען צו זיי אויף אַ שבת. ס׳איז געווען אין דעם דאַטשע־שטעטל יאַבלאָנע, פול מיט זאַמד, מיט סאָסנעס און מיט יידן. נאָך אַ גאַנצער וואָך בריִען זיך אויף דער „ווילדער פּליאַזשע״ ביי דער ווייסל, הינטער דער גרויסער שטאָט, אין דעם

געפּילדער און געווימל פון דער גרויסער צאָל כמעט נאַקעטע מענטשן, ס׳רוב אַרבעטסלאָזע, פּוסט־און־פּאַסניקעס, איז דער אַרויספאַר פאַר מיר געווען אַ נישט־געוויינלעכע איבערלעבונג. צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט דעם טעם און תענוג פון דאַטשע. כאָטש איך בין נישט געווען ביי זיך, נאָר אַ גאַסט ביי מיין חבר, וואָס די באַלעבאַטים פון דער דאַטשע זענען געווען זיינע עלטערן און נישט ער, האָב איך זיך דאָך באַמיט צו פאַרגעסן אין אַלע קוועלענישן, בכדי איינצוזאַפּן אין זיך די גאַנצע שלווהדיקייט און גוטסקייט פון דעם דרויסנדיקן אַרום. אויסגעטאָן האַלב־נאַקעט, און אויסגעטאָן פון אַלע זאָרגן, כאָטש אויף איין טאָג, האָב איך געהאַלטן אין איין שעפּטשען שטילערהייט אַ לויב צו דעם באַריר פון מיינע באָרוועסע פּיאַטעס מיט די גרינלעכע סאָסנע־נאָדלען, די ברוינע, טרוקענע שישקעס און דעם ליבלעך־וואַרעמען זאַמדיקן באָדן. איך האָב געאָטעמט טיפער און טיפער, ווי איך וואָלט געוואָלט אין דעם איינעם טאָג אַריינגעמען אין זיך די פרישע לופט פונעם גאַנצן אַרום און אַלע גוטע געשמאַקע ריחות פון דער ערד.

אין דעם קליינעם גאָרטן, געדיכט באַשטעלט מיט סאָסנעס, בין איך געלעגן אויפן גראָז און געלייענט אַ בוך. איך האָב געפילט ווי איך האַלט אַרומגענומען די מחיהדיקע ערד ווי אַ גרויס גליק, אַ זעלטן געפינס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַנטפּלעקט צו מיר. איך האָב די ערד צוגעהאַלטן אי אויס ליבשאַפט און אי אויס מורא, אַז מען זאָל זי נישט מיט כוח און געוואַלד אָפּעררייסן פון אונטער מיר.

פּלוצלינג האָב איך אָפּגעריסן מיינע אויגן פונעם לייענען.

דורך דער נידעריקער הילצערנער גאָרטנצוים פון דער זייט פון דער גאַס איז אַריין מיט אַ בליצשנעלקייט עפּעס אַ זאַך, וואָס איך האָב נישט באַוויזן צו באַשטימען גענוי וואָס דאָס איז אַזוינס, אַריין און דורכגעלאָפן ווי אַ שאָטן, ווי עפּעס אַ ברוינלעכער פלעק, צוגעשפּרונגען צו אַ בוים, גיך־גיך אַרויף אויף אים און פאַרשוווּנדן אויבן. ערשט דאָן בין איך זיך משער געווען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ וועווריק. באַלד איז דורך דער זעלבער זייט פון דער צוים אַריבער צו אונדז אין גאָרטן אַ מאַן, אַ קריסטלעכער שכן, מיט אַ יינגל,ביידע צעטראָגן און צעיאָכמערט. עס איז געווען קענטיק, אַז זיי האָבן זיך געיאָגט נאָכן וועווריק, וועלכער האָט זיך דאָ אַהער געוואָלט ראַטעווען און זיי זוכן אים דאָ אַרום, פאַרפאָלגן אים און ווילן אים כאַפּן.

איך האָב דאָס לכתחילה אָנגענומען פאַר אַ שפּיל, זי האָט מיך פאַרלאָקט און איך בין געוואָרן, נישט ווילנדיק, אַריינגעצויגן אין איר.

דאָס יינגל האָט געהאַלטן אין האַנט אַ זשמעניע שטיינדלעך און דער מאַן אַ „פּראַצע", אַזאַ מין יינגלש ביקסל, געמאַכט פון האָלץ, גומי און לעדער, אויף צו שליידערן שטיינדלעך, מיט וואָס איך אַליין פלעג זיך אויך שפּילן יינגלוויז, דער עיקר ביים פירן מלחמות.

איך האָב זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון ווי איך בין געוואָרן אַ שותּף צו זייער געיעג נאָכן וועוורק. ס'איז ביי מיר זיכער נישט געווען אַזוי דער גיר ווי דער נייגער. און איך האָב נישט געטראַכט דערביי, אַז איך העלף־צו כאַפּן דעם וועוורק און אפשר נאָך ערגער: צו הרגענען אים... פּונקט ווי זיי, האָב איך אויך פאַרהויבן דעם קאָפּ צו די ביימער־שפּיצן, צו דעם מיט סכך באַדעקטן הימל, און מיין בליק האָט גענישטערט צווישן די צווייגן. אויבן, צווישן די מיט זון באַגילדעטע קרוינען איז געשפּרונגען דער וועוורק, ער איז ממש געפלויגן פון בוים צו בוים. ס'איז פאַר מיר שווער געווען צו דערכאַפּן אים מיטן אויג. ער האָט דורכגעטונקלט צווישן דעם געצווייג ווי אַ רוח, אָט באַוויזן זיך און אָט נעלם געוואָרן מיטן אויגנבליק.

צי איז דאָס געווען זיינער אַ געווינלעכער וואַלדשפּאַציר, אָדער אַן אומרויק און פאַרצווייפלט זוכן אַ מקום־מקלט, אַן אַנטרינונג און רעטונג? באַלד האָט זיין אַרומשפּרינגען אויפגעהערט. ער האָט זיך, זעט אויס, באַזעצט ערגעץ־ווו צווישן די צווייגן אויף אַ בוימשפּיץ, בכדי זיך אַזוי אַרום צו באַשיצן קעגן זיינע יעגערס. איך האָב אים קוים־קוים באַמערקט. זיינע קאַנטורן זענען געווען צעשוווּמען און פאַרווישט. עס האָט זיך נישט לייכט אַרויסגעזען אויבן אַ מטושטשער פלעק, עפּעס אַ פאַרטונקלטקייט, ווי אַ ליקוי־חמה. דער וועוורק איז געווען גוט פאַרשטעלט מיטן סכך, ווי אויסגעמישט מיט אים, אַזוי אַז עס איז געווען שווער אים אויסצוטיילן פון דער פאַרצווייג־טער טונקלעניש און דעם פלאַנטער.

צי האָט זיך דער וועוורק אָפּגעשטעלט אויפן בוימשפּיץ, זייענדיק זיכער אַז קיינער וועט אים דאָרטן נישט באַמערקן? אָדער האָט ער זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אַ רעזיגנירטער, נישט קענענדיק זיך מער ראַנגלען מיט זיינע יעגערס און פאַרפאָלגערס?

דער מאַן האָט געצויגן די גומי פון דער פּראַצע, וואָס האָט געצילט און

געשליידערט שטיינדלעך צום אָרט, ווו דער וועווריק איז געווען פֿאַרשטעקט. אויך איך האָב געגומען אַ שטיינדל און עס אַרויפֿגעוואָרפֿן צום וועווריק. גלייך נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ געשאָרך צווישן די צווייגן פֿונעם בוים, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט וואָס אַ מאָל נידעריקער און נידעריקער. אַ געטראָפֿענער, האָט דער וועווריק זיך אַראָפּגעשאָטן פֿון זיין באַהעלטעניש, פֿאַרטשעפּענדיק זיך אין צווייגן און נאָדלען, און באַלד האָט ער, ווי אַ זעלטענע אַנטפּלעקונג, זיך באַוויזן אין אַ ווערטיקאַלער פּאָזיציע אויפֿן שטאַם. ער האָט זיך געקלאַמערט מיט די נעגל אין דער קאָרע, זיך באַמיט אָנצוהאַלטן מיט אַלע כּוחות, און לסוף זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ אויף דרערד, זיך איבערגעקייקלט עטלעכע מאָל און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, צופֿוסנס פֿון דער סאָסנע. ערשט איצט האָב איך דערזען אַ טונקל־רויטן בלוטפּלעק אין זיין קאָפּ. זיינע בורשטינענע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ־ווו סתּם אין דער וועלט אַריין און דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי קוקן בלויז אויף מיר און דער עיקר, אויף מיין האַנט, ווו עס איז נאָר וואָס געלעגן דאָס שטיינדל... זיין גרויסער, אויפֿגעבלאָזענער עק, שיין און מאַיעסטעטיש, האָט צוגעגעבן דעם וועווריק אַ דיסטינגירטקייט און שטאָלץ און געשאַפֿן דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געלעבט. דער עק, האָט זיך מיר געדאַכט, איז געלעגן אויף דרערד אויסגעבויגן אין אַ האַלבקיילעך, ווי אַ פֿרעגצייכן: פֿאַר וואָס און פֿאַר וואָס?

נאָך גוט וואָס דער מאַן מיט דער פֿראַצע האָט שנעל גענומען דעם טויטן וועווריק און איז אַוועק מיט אים, צוזאַמען מיטן ייִנגל, אויף יענער זייט גאָרטנצוים.

איך בין אַוועק צו דעם אָרט, ווו איך בין פֿריִער געלעגן און געווען אַריינגעטאָן אין מיין לעקטור. אָבער איך האָב נישט געוווסט וואָס איך לייען און יעדעס מאָל, נאָכן אָפּלייענען אַ זייטל, האָב איך זיך אומגעקערט צום אָנהייב, ווייל איך האָב נישט געוווסט ווו איך האַלט. און לייענען האָב איך דווקא געוואָלט. אפֿשר וועט דאָס פֿאַרנעמען זיך מיינס מיטן לייענען דאָס בוך אַרויסשלאָגן מיך פֿון די אומהיימלעכע מחשבֿות און פֿאַרלעשן פֿאַר מיר דאָס בילד פֿון דעם געהרגעטן וועווריק, האָב איך געטראַכט. אָבער עס האָט זיך דורך די שורות, ווי דורך שטאַכעטן, אַדורכגעריסן צו מיין זין און מיר נישט געגעבן קיין רו. ערשט איצט האָב איך דערפֿילט דעם גאַנצן קנויל פֿון איבל

נאָך דעם געשעענעם. צו וואָס האָב איך זיך געדאַרפט אַריינמישן אין העלפן טויטן דעם וועווריק? — האָב איך זיך געפרעגט. אמת, איך האָב עס נישט געוואָלט, אָבער צי נעמט דאָס אַראָפּ פון מיר די שולד, אָדער מיטשולד?... געהרגעט האָט דאָך זיכער דער מאַן מיט דער פּראָצע, וועלכע קען אַרויס־שלײדערן דאָס שטיינדל מיט אימפּעט און קראַפט... געוויס האָב איך נישט געקענט וואַרפן מיין שטיינדל מיט אַזאַ ראַזמאַך און כוח, אַז עס זאָל זיין מסוגל צו דערהרגענען... אָבער אינעם געיעג נאָכן וועווריק האָב איך זיך דאָך זיכער באַטייליקט... צו וואָס האָט עס מיר געטויגט?...

אַזוי צי אַזוי, די שיינקייט און גוטסקייט פון יענעם גאָלדענעם זומערטאָג זענען מיר שוין נישט באַקומען. מיין אויפגעלייגטקייט און גוטע שטימונג זענען קאַליע געוואָרן און איך האָב זיך עס אפילו געשעמט צו זאָגן מיין חבר, ווייל ער וואָלט מיך זיכער געוועזן אויסגעלאַכט.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָב איך זיך באַמיט נישט צו געדענקען די גאַנצע מעשה מיטן וועווריק, אָבער נישט אַלץ, וואָס מען וויל פאַרגעסן, לאָזט זיך פאַרגעסן. דערנאָך זענען געקומען יאָרן פון גרויסע שטראָמען פון בלוט־פאַרגיסונגען, פון מענטשן־ און פעלקער־מאָרדן. און וואָס האָט זיך געקענט ביי זיי אָנזען דער בלוטפלעק אינעם קאָפּ פון עפּעס דאָרטן אַ וועווריק? אָבער שפּעטער, נאָך דעם ווי דער בלוטיקער שטראָם האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט און דער ביטערער גראַנגל פאַרן אייגענעם נפש האָט אויפגעהערט, איז יענער בלוטפלעק ווידער פון צייט צו צייט אַרויפגעשווומען אין מיין זכרון. זעט אויס, אַז דער אָנגעהויפטער שיכט פון צייט האָט אים נישט געקענט אין גאַנצן פאַרווישן. און ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם וועווריק אַ לעבעדיקן אין זיין שטייג אין זאָאָלאָגישן פּאַרק אין פּאַריז, האָט יענער זומערטאָג פון מיין פריִער יוגנט ווידער זיך אומגעקערט צו מיר. איך האָב איצטער אויף ס׳ביי געזען אין זיין גאַנצער בולטקייט דעם אַמאָליקן קליינעם דאַטשע־גאָרטן, די באַגילדעטע סאָסנעס, דעם געיעג נאָך דעם וועווריק און זיין טויט. איך האָב דאָס אַלץ נאָך אַ מאָל געזען איצטער מיט אַזאַ אומהיימלעכקייט, פאַרדראָס און מיט געפילן פון חרטה. בעת מיינע באַזוכן אין זאָאָלאָגישן פּאַרק האָב איך שוין די פּאַוויליאָנען און שטייגן מיט די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע חיות אָפּגעפּטרט בחפזון. דער עיקר האָט

מיך געצויגן צום וועוריק. איך קען זאָגן, אַז בלויז צוליב אים, אייגנטלעך, פלעג איך קומען אין פּאַרק.

נאָך מיין ערשטן באַזוך דאָרטן, נישט געדענקענדיק ווו עס געפינט זיך זיין שטייג, האָב איך אַ זשענירטער געפרעגט דעם וועכטער ווי אַזוי מען גייט צום וועוריק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט מיך אָן עטוואָס פאַרחידושט און אפילו מיט אַ באַהאַלטענעם ביטול. מעגלעך, אַז ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ טשודאַק, אָדער חסר־דעה. און אין דער אמתן, ווער פרעגט זיך דען דאָ אויפן וועוריק? דער וועכטער איז געוווינט, אַז מען זאָל זיך פרעגן ביי אים ווי אַזוי מען גייט צו די העלפאַנטן, צו די וועלף, צו די בערן, צו די מאַלפּעס, צו דער זשיראַפע, צום היפּאָפּאָטאַם, אָבער קיין מאָל נישט צום וועוריק. מיר איז געווען פריקרע פונעם געדאַנק, אַז דער וועכטער קען נאָך קוקן אויף מיר ווי אויף אַ מאַניאַק, אַן אויסטערלישן מענטש. געוויס, האָב איך נישט געקענט, און איך בין אויך נישט געווען מחויב, צו דערציילן אים די אמתע סיבה פון מיין אינטערעס פאַרן וועוריק, אָבער איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב צו זאָגן אים אַזוינס, וואָס זאָל אָפּשוואַכן ביי אים זיין פאַרדאַכט צו מיר, גלייך ווי איך וואָלט זיך געדאַרפט מיט עפּעס פאַרענטפערן פאַר אים.

— איך מיין, אַז מיין פאַרשטעלן זיך פאַר אייך וועט זיין ניצלעך — האָב איך אים געזאָגט — איך בין אַ שרייבער און איך קלויב זיך צו שרייבן וועגן דעם וועוריק און איך וואָלט געוואָלט, אויב עס איז מעגלעך, באַקומען פון אייך געוויסע אויסקונפטן, פּרטים וועגן אים, וועגן זיין לעבן, אויפפירונג, נטיות, מיט וואָס ער דערנערט זיך, וועלכעס איז זיין באַליבט מאכל, און דער עיקר, וואָס איך וויל וויסן, צי קען מען אים כאַפּן, נישט מוזנדיק אים הרגענען... און אין דער אמתן, איז דאָך מיר בלויז אין דער לעצטער פראַגע געגאַנגען...

— וועגן דעם לעצטן פּרט — האָט מיר דער וועכטער געזאָגט — האָט איר דאָך אַ באַוויז: איר זעט דאָך אים דאָ אַ לעבעדיקן... און וואָס שייך מיינע איבעריקע אויסקונפטן, וואָס זענען אייך נייטיק, וועל איך זיי אייך געבן אַ צווייט מאָל, ווייל איך בין איצטער פאַרנומען. איך דאַרף גיין געבן מיינע פּאַנסיאָנערן זייער נאָכמיטאָג־איבערבייס, דעם „קאַטרער״... אַנטשול־דיקט מיר. אַ רעוואַר.

ער האָט מיר אָנגעוויזן ווי אַזוי צוצוקומען צום וועווריק און ער איז אַוועק.

איך האָב זיך געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג.

איך האָב געטראָפן די שטייג מיטן וועווריק אַזוי ווי דאָס פריִערדיקע מאָל. איך האָב דעם וועווריק אָבסערווירט דורך די שטאַכעטן. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי ער שפּרינגט מיט אַזאַ חנעוודיקייט און גראַציעזקייט און איך האָב געשעפּט נחת פון אים. דאָ דאַרף זיך דער וועווריק פאַר קיינעם נישט שרעקן, קיינער יאָגט אים נישט נאָך און ער דאַרף נישט אַנטלויפן. איבע־ריקנס, ווו וועט ער דען לויפן? די שטאַכעטן, וואָס האַלטן אים געפאַנגען, באַשיצן אים גלייכצייטיק. דאָס הייסט, ער איז זיכער מיטן לעבן. און זיין באַוועגן זיך אינעווייניק איז אפשר אַ שפּרינגען פון התפעלות, אַ טאַנצן פון זאָרגלאָזיקייט און צופרידנקייט?

איך באַטראַכט די נעסט, וואָס מען האָט ספּעציעל געמאַכט פאַר אים, אַ מין דערבײַיק פינצטער אַלקערל, ווו ער זאָל קענען אַריינגיין זיך אָפּרוען, זיך צושפּאָרן אַ ביסל און כאַפּן אַ דרימל, ווען אים וועט זיך פאַרגלוסטן. איך באַקוק די שיסל מיט פאַרשידענע ירקות און טעצעלעך מיט אַנדערע פאַטראָוועס, צוגעקליבן צו זיין דיעטע, פאַר זיינע מאָלצייטן, זאָרגפעליק צוגעגרייט ספּעציעל פאַר אים. אָט גיט ער זיך, זע איך, פלינק אַ לאָז אַראָפּ פון אויבן, גיט אַ פאַל צו צו דער ערד, און נישט ווילנדיק דערזע איך יענעם וועווריק פון מיין ווייטער יוגנט־צייט, וואָס גיט זיך אַזוי אַ שיט אַראָפּ פון דער סאָסנע ביי מיין חבר אין שבתדיקן גאָרטן. איך זע ווי ער קלאַמערט זיך פאַרצווייפלטערהייט אין דעם שטאַם, ווי ער וויל זיך אַזוי אָנהאַלטן מיט אַלע כוחות אין לעבן און גיט זיך לסוף אַ וואַלגער אַוועק פאַר מיינע פיס...

דורך די שטאַכעטן פון דער שטייג וואַרף איך איצטער אַריין דעם וועווריק אַ ניסל, אָבער איך זע בפירוש, אַז ער רירט זיך נישט צו צו דעם, גיט אפילו נישט קיין שמעק דערצו. האָט ער דאָס נישט באַמערקט, אָדער פאַליוביעט דאָס אים גאָרנישט? און אפשר רירט ער זיך נישט צו צו דעם אויס פאַראַכ־טונג צו מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן צו מיר: „מוחל! איך דאַרף נישט דיין גוטס און איך דאַרף נישט דיין שלעכטס. איך דאַרף נישט דיינע ניס און

איך דאַרף נישט דיינע שטיינער"... און ער גיט זיך ווידער אַ לאָז אַראָפּ מיט ספּריטנעקייט און פלינקייט, טראָגט זיך איבער פון צוויג צו צוויג מיט געשווינדקייט, מיט געשיקטקייט, פונקט ווי יענער וועוריק אַ מאָל... און אפשר איז ער טאַקע אַ גילגול פון יענעם וועוריק, וואָס וועט מיר שוין דאָ קיין רו נישט געבן?... איך זע, ווי שפּרינגענדיק, מאַכט ער פאַרשידענע באַוועגונגען אין דער לײַדיקייט, ווי ער וואָלט מיט זיין שײַנעם, גרויסאַרטיקן עק געקריצט אין דער לופט ווי מיט אַ פּענע און די אותיות, וואָס ער שרײַבט, דאַכט זיך מיר, שטעלן זיך אויס אין איין איינציק וואָרט: ק י ן!

ביינאַכט האָב איך געהאַט אַ שווערן, פּײַנלעכן חלום. ער האָט זיך גראָד אָנגעהויבן פיין און לײַטיש, אָבער זיך אויסגעלאָזט אומהיימלעך און אומ־דערטרעגלעך. פונקט ווי אַ שפּיל פון פאַלשגייער, שקרנים, שווינדלער, וואָס גיבן צום ערשט בכיוון צו געווינען, בכדי שפּעטער אָפּצונאַרן און באַרויבן: עפּעס אַ צאַרטע זאַך האָט אַרומגענומען מיין האַלדז אַזוי גוט און ליבלעך, פונקט ווי דער מאַמעס אַ וואַרעם שאַליקל, אָדער ווי דער זײַדענער צאָפּ פון דער געליבטער. פּלוצלינג האָב איך דערזען נאָענט פון מיין פּנים דעם וועוריק... זיין עק האָט דאָס אַרומגענומען מיין האַלדז ווי מיט אַ שווערן רינג, ווי מיט אַ פּעטליע און מיך גענומען שטיקן און ווערגן...

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַנגסט און באַלד זיך דערפילט גליקלעך וואָס דאָס אַלץ איז געווען בלויז אַ חלום.

איך האָב באַשלאָסן מער נישט צו גיין אין זאַלאָגישן פּאַרק. צי האָב איך אָבער געקענט האַלטן וואָרט? איך האָב טאַקע די ערשטע צייט זיך באַהערשט, זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און נישט געגאַנגען אַהין, אָבער שפּעטער האָט עס מיך אָנגעהויבן ציִען צום פּאַרק, ווי דעם אַלקאָהאָליקער צו דער פלאַש, הגם איך האָב געוווּסט, אַז דאָס טויג נישט פאַר מיר. און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך זיך ווידער דאָרטן אַראָפּגעכאַפּט.

ביים אַרײַנקומען אין פּאַרק האָט מיך דער וועכטער דערקענט, ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט ווי מיט אַן אייגענעם מענטש און זיך גלייך היימישלעך אָנגערופן צו מיר:

— נו, איר זענט געקומען, זע איך, באַזוכן אייער פרײַנד, דעם

וועוריק... — האָב איך אַרויסגעפילט אין זיינע ווערטער אַ געוויסע לייכט־קייט, אָבער פון דעסטוועגן נישט קיין גרינגשעצונג צו מיר.

— יאָ — האָב איך אים אָפּגעענטפערט — איך וועל זיך איבערגיין איבערן פּאַרק און דערנאָך וועל איך צוגיין אים זען — האָב איך געוואָלט שאָפן ביים וועכטער דעם איינדרוק, אַז נישט צוליב דעם וועוריק בלויז קום איך דאָ אַהער...

— ס׳איז שוין נישטאָ וועמען צו זען... — האָט ער געוויגן די ווערטער — דער וועוריק איז טויט...

איך בין אין דער ערשטער רגע געווען געפּלעפט און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָב איך זיך אָפּגערופן:

— נו, יאָ, דאָס איז דאָך דער סדר־העולם. אויף דערויף לעבט מען דאָך, אַז מען זאָל אַ מאָל שטאַרבן... ס׳איז דאָך נאַטירלעך... — בין איך געוואָרן כלומרשט פילאָזאָפיש געשטימט...

— ס׳איז שוין גאָרנישט נאַטירלעך — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון זיכערקייט.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— מען האָט אייער וועוריק דערהרגעט...

— דערהרגעט? — האָב איך פּשוט נישט געקענט באַנעמען וואָס ער זאָגט.

— יאָ, דערהרגעט. זעט אויס, אַז ייִנגלעך האָבן זיך געשפּילט אין פּאַרק און אַריינגעוואָרפן אַ שטיינדל דורך די שטאַכעטן אין דער שטייג און אים דערהרגעט, גאַנץ פּשוט.

— פון וואַנען דרינגט איר דאָס? — בין איך געווען נייגעריק.

— ווייל מען האָט דאָס שטיינדל געפונען אין דער שטייג און דעם וועוריק אַ טויטן מיט אַ פאַרבלוטיקטן קאָפּ. זאָרגט אייך נישט. מאָרגן וועט זיך שוין געפינען אין דער שטייג אַן אַנדערער וועוריק. איר וועט אים קענען זען.

איך האָב אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און לסוף געפרעגט דעם וועכטער:

— גלייבט איר טאַקע, אַז ייִנגלעך האָבן דאָס געקענט טאָן?

— ווער־זשע דען? איך וועל עס אפשר גיין זאָגן אויף אייך? — האָט ער דאָס אַרויסגערעדט ווי אויסן זייענדיק מיך צו שמייכלען מיט זיינע ווערטער.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך — בין איך געווען צודריגגלעך — זענט איר זיכער, אַז אָט דאָס שטיינדל, פּשוט געוואָרפן, אָן אַ באַזונדערער קראַפט, האָט געקענט דערהרגענען דעם וועוורק?

— פאַר וואָס נישט? איר זעט דאָך...

איך האָב דערפילט ווי אַן אַלטער ספק מיינער — אַז מיין שטיינדל אַ מאָל האָט אפשר נישט געקענט הרגענען דעם וועוורק — ווערט איצטער אין גאַנצן בטל. דאָס שטיינדל, מיט וועלכן די יינגלעך האָבן זיך געשפּילט, האָט אים צעקלאַפּט אויף שטענדיק...

— און וואָס וואָלט מען געטאָן, אַ שטייגער, מיטן יינגל, ווען מען כאַפּט אים? — האָב איך געפרעגט דעם וועכטער מיט אַ באַהאַלטענער כוונה, וואַרטנדיק מיט שפּאַנונג אויף זיין ענטפער, ווי אויף אַן אורטייל.

— גייט שוין גייט — האָט ער געזאָגט מיט גוטמוטיקייט — מאַכט אייך נישט נאַריש... וואָס וועט מען גיין טאָן מיט אים?... מען וועט אים שיקן אויף דער גיליאָטינע? דאָס יינגל האָט זיך דאָך געשפּילט און דאָס געטאָן אומגערן...

פון דעם וועכטערס לעצטע רייד איז מיר לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. עס איז אויפגעגאַנגען אין מיר אַ באַהאַלטענע טיפע דאַנקבאַרקייט צו אים. איך האָב אין אָט דער רגע געפילט ווי דער שטיין, וואָס האָט יאָרן לאַנג געדריקט אויף מיר, איז מיר אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן... איך בין גרייט געווען דעם וועכטער אַרומכאַפּן און קושן פאַר דעם וואָס ער האָט מיך באַפרייט פון אַזאַ שווערקייט... צי וועט אָבער דאָס דאַזיקע געפיל לאַנג אָנהאַלטן ביי מיר? — האָב איך געטראַכט, און איך האָב גענומען אָפּשייד פונעם וועכטער:

— אויף ווידערזען!

— אויף ווידערזען! און מאַכט איך נישט קיין צרות צוליבן דערהרגעטן וועוורק... מאָרגן וועט איר שוין דאָ טרעפן אַ צווייטן אויף זיין אָרט...

— יאָ, יאָ... — האָב איך זיך כלומרשט געמאַכט אַ לב — וואָדען, עס פעלן וועוורקעס אויף דער וועלט?... אַ רעוואַר! ביז מאָרגן!...

— ביז מאָרגן! און אַ גוטן שפּאַצירגאַנג — האָט מיר דער וועכטער נאָכגעווונטשן און כ׳בין אַוועק זיך אַדורכגיין איבערן פּאַרק.

איך בין פאַרביי פאַרשידענע פּאַוויליאָנען, ווו די חיות געפינען זיך לויט

זייערע מינים. אויף אַ קליינעם פֿאַרהויבענעם צעמענטענעם שטח, אַרומגעַ־רינגלט מיט וואַסער, ווי אַן אינדזעלע, האָבן זיך געלאַנגווייליקט אַ לייב מיט אַ לייביכע, דאָ געלעגן פֿויל, דאָ זיך אויפֿגעהויבן און געמאַכט אַ קורצן היך־און־צוריק־שפּאַציר, אַרומגעדרייט זיך אַרום דעם אייגענעם עק און זיך צוריק אַוועקגעלייגט און געגענעצט, פֿאַרהייבנדיק דעם קאָפּ מיט דער מאַיעסטעטישער גריווע.

איך בין פֿאַרביי די אָפּטיילונגען פֿון פֿאַרשידענע פֿייגל. דאָ האָט געווימלט אַ גאַנצע באַפֿליגלטע וועלט. ווילדע שפּאַרבערס, רויבפֿייגל, שטאָל־צע אָדלערס, לצעוואַטע פּאַפּוגייען און סתּם פֿייגל פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן, ראַסן און שבטים. אַ סך זענען געווען אויסגעזעצט אויף שטאַנגען, אויף ספּעציעל פֿאַר זיי געמאַכטע גזשענדעס. זיי האָבן זיך אַפֿילו גאָרנישט געגעבן די מי אַוועקצופֿליִען, אויספּרובירן די פֿליגל, צי זיי טויגן נאָך און דינען נאָך צו עפּעס. ס׳האָט זיי נישט געלוינט נאַריש צו מאַכן זיך, ווייל ווו וועלן זיי דען פֿליִען, אַז זיי זענען געווען צוגעבונדן מיט אַ קייטע־לע ביי אַ פֿיסל... זענען זיי זיך געזעסן געמיטלעך אויף די גזשענדעס, צוגעבויגן מיט די שנעבעלעך איינער צום אַנדערן, ווי ווייבער אויף בענק, אָדער אויף פֿריזבעס פֿאַר די הייזער אין די היימישע שטעטלעך, געזעסן אַזוי מיט די רויטע טשיפּיקעס, מיט די גרינע שאָליקלעך און די ווייס־גרויע בלוזקעלעך און יאַקעס, און ווי זיי וואָלטן עפּעס געפּלוידערט און געבאַטשקעט, געמאַכט פּליאַטקעס אויף דעם און יענעם, באַרעדט אַלעמען און אויסגערעדט לשון־הרע אויפֿן גאַנצן פֿייגלוואַרג.

עס איז געווען אַ לינדער האַרבסטטאָג, איינער פֿון יענע האַרבסטטעג, וואָס גיבן נאָך אַ שיין־אויף מיטן רייץ פֿון פֿאַרגאַנגענעם זומער. ס׳איז גראָד געווען אַ דאָנערשטיק, ווען קינדער זענען פֿריי פֿון די שולן און דער פּאַרק איז געווען פֿול מיט זיי און מיט זייער געליאַרעם, מיט זייערע פֿריילעכע געלעכטערס און קוויטשערייען. מען האָט זיך געשטויסן גרופּנווייז, גאַנצע מחנות צו די פּאַוויליאָנען פֿון די אָנגעזעענע און צוציִענדיקע חיות, צו די לעמפּערטן, לייבן, זשיראַפֿן, העלפֿאַנטן און מאַלפּעס. די קינדער האָבן זיך געריסן מיט שקאַרמוצן עסנוואַרג, וואָס זיי האָבן ספּעציעל געברענגט, אָדער דאָ געקויפֿט, אויף מכבד זיין זייערע ליבלינגען, כאָטש ס׳איז בפֿירוש געווען אָנגעשריבן, אַז מען ווערט געבעטן נישט צו געבן די חיות קיין שפּייז. אָבער

ווער האָט דען געקוקט דערויף? דער יצר־טוב צו טאָן אַ מצווה — און דערצו נאָך אויך צו פאַרווײלן זיך דורך דעם — איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט די געזעצן און אויפשריפטן. די קינדער האָבן זיך געפרייט מיט די חיות און אויך די חיות, האָט זיך געדאַכט, האָבן זיך געפרייט מיט די קינדער. דער ריזיקער העלפאַנט האָט אַלע מאָל, ווען אַ קינד האָט אים עפּעס געגעבן טועם צו זיין, אַריינרוקנדיק אים דאָס אין זיין טראָמבע, ווי אין אַ רער אַריין, זיך העפלעך פאַרנייגט ווי מיט אַ „מערסי״ און דערביי האָבן זיך זיינע גרויסע לעפּישע אויערן אַראָפּגעלאָזט ווי אַ פּעלערינקעלע, ווי אַ ברייטער קאָלנער פון עפּעס אַ פאַרצייטישן גייסטלעכן, אָדער מלוכה־הערשער. און די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין פּאַקן אין זיין טראָמבע אַריין עסנוואַרג, ווי אַמוניציע אין דער לופע פון אַן אַלטפרענקישן האַרמאַט און דערביי נישט אויפגעהערט צו רופן צו אים מיט געפילדער: „זאָג מערסי!״

להיפּוך צו די אַנדערע חיות, וואָס מען האָט געקענט זען מחנותוויז, אָדער, ווינציקסטנס, עטלעכע מיט אַ מאָל, איז דער העלפאַנט געשטאַנען איינער אַליין, קוים געטאָפּטשעט אויף זיינע שווערע פּלאַטפיס, מגושמדיק־אומגעלומפּערט, זיך געהאַלטן אין אַ זייט, פאַרשלאָסן אין זיך און אָפּגע־זונדערט פון דער וועלט. פון דעסטוועגן האָבן די קינדער הנאה געהאַט פון אים און טאַקע צוזאַמען, אַלע מיט אַ מאָל.

איך בין צוגעקומען צו דער אָפּטיילונג פון די מאַלפּעס, וועלכע זענען געווען פאַרזאַמלט אין אַ גרויסער צאָל, משפּחותוויז, קליין און גרויס, אויף אַן אָפענעם שטח, אָפּגעטיילט פון די באַזוכער מיט אַ טיפן גראָבן. זיי זענען געווען מלא שׂמחה און געוויזן פאַרשידענע קונצן, געשפּרונגען פון אָרט צו אָרט, כאַפּנדיק פון מאָל צו מאָל זייערס אַ קינד אונטערן אָרעם און צוטור־ליענדיק עס מיט איין האַנט צו זיך, אָדער זיי האָבן זיך געקראַצט און געשיבערט מיט גרויס ערנסט און התמדה און געלויזט די קעפּלעך ביים קליינוואַרג. אַנדערע האָבן געמאַכט משונהדיקע העוויות, געגלאָצט מיט די אויגן, געקנייטשט מיט די שטערנס, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין מענטשן... טייל מאָל, האָב איך באַמערקט, איז ממש מיט אַ מענטשישער אויסגערעכנט־קייט און כיטרעקייט אַ מאַלפּע איבערגעשפּרונגען אַן אַנדערע, אירס גלייכן, זי איבערגעלאָפן פאַרויס, כדי צו זיין נעענטער צום ראַנד און צו דעם, וואָס

גייט וואַרפן צו זיי אַ ניסל, לאָזנדיק פון הינטן, אויף אַ ווינציקער גינסטיקע פּאָזיציע אירע מיטמאַלפּעס... ס'האָט אָבער אויך געטראָפן, אַז דאָס ניסל, וואָס דער באַרעמהאַרציקער מענטש האָט געוואָרפן, איז גאָר אַריבערגעפאַלן ווייטער, טיפער, און דעם אויסטויגער און כיטראַק אויסגעשטעלט צום נאַר, אַן אַנטוישטן, ווייל אַ שוואַכערע מאַלפּע, אַ הינטערשטעליקע, האָט עס פון הינטן אונטערגעכאַפּט...

דאָס גאַנצע מאַלפּעטום איז געווען איין געווימל און באַוועגונג, זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע זשעסטן און תנועות, ווי אויספירנדיק עפּעס אַ משונה־דיקן באַלעט. ביי יעדן פלינקן איבערבייטן זייער פּלאַץ האָבן זיך אַנגעזען רויטע שטיקער פון זייערע אָפּגעריבענע הינטנס, ווי רויפלייש, און זייערע עקן האָבן זיך זיי נאָכגעשלעפּט אויף דרערד ווי קאָטשערעס, ווי עפּעס אַן אָפּשטויסנדיקער באַלאַסט, אַן איבעריקייט. מיך האָט דאָס אַלץ געאיבלט און זשענירט און אפשר טאַקע צוליב דעם ווייל איך האָב געפילט אַז עפּעס בינדט מיך מיט זיי, אַז זייערע עקן האַלטן מיך צוגעפּעסטיקט צו זיי, אַז איך בין סוף כל סוף מיט זיי אַ שטיקל קרוב למאַלפּע...

איך האָב זיך דערווייטערט פונעם גאַנצן געפּילדער פון די קינדער און געווימל פון די חיות, לאָזנדיק זיך אין דער ריכטונג פון דער שטייג פונעם וועוריק. דער אָפּקלאַנג פונעם געליאַרעם האָט מיך באַגלייט, מיר כסדר נאָכגעגאַנגען. איך האָב דערזען ווי אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ הויכן קינסטלעכן פעלדז איז געשטאַנען אַ ווילדע ציג, ווי אַ סטאַטוע אויף אַ פּאָסטומענט, אַראָפּגעקוקט ווי אַ הערשער איבער אַלץ און אַלעמען. זי איז געשטאַנען ווי אַ וועכטער אויף זיין וואַכטורעם, אָדער ווי אַ קריגספירער, וואָס באַטראַכט מיט זיין שפּאַקטיוו פון אויבן אַראָפּ דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד אונטן.

אַז איך בין צוגעקומען צו דער שטייג פונעם דערהרגעטן וועוריק, האָב איך זי געטראָפן ליידיק און פאַרלאָזן. קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט דורך די שטאַכעטן. פון מאָל צו מאָל האָט בלויז דער האַרבסטווינט אַן אומעטיקן קלונג געגעבן אויף זיי, ווי אויף די סטרונעס פון עפּעס אַן אַלטן שפּיל־אינסטרומענט. להיפוך צו די אָפּטיילונגען פון די גרויסע חיות, איז דאָ געווען שטיל און אומהיימלעך. איך האָב לאַנג באַטראַכט די שיסל מיט דעם נישט־דערעסענעם ביסל שפּייז, וואָס איז איבערגעבליבן נאָכן וועוריק.

מאָרגן וועט שוין דאָ זיין דער יורש זיינער. און ע ר וועט שוין פאַרענדיקן די שיסל, וואָס יענער האָט אָנגעהויבן, אַזוי ווי עס איז שוין דער סדר־העולם, האָב איך געטראַכט. וואָס האָב איך דען דאָ, אייגנטלעך, נאָך געהאַט צו טאָן? איך האָב זיך געלאָזט גיין.

אַ ווינט האָט זיך לעבן מיר אויפגעהויבן און אַ דריי געטאָן מיט אַ כאָפּטע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. זיי האָבן זיך געלאָזט אין אַ קאַראַהאָד אַרום מיר. מיר האָט זיך געדאַכט ווי אַ חברה קאַרליקעס־לצים, עפּעס נישט־דאָ:קע אויסטערלישע באַשעפענישן האָבן מיך אַריינגעכאַפּט אין זייער רשות, האָפּסלען און שפּרינגען אַרום מיר, ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיך אויסלאַכן, חוזק מאַכן פון מיר. איך האָב זיך קוים אָפּגעיאָגט פון זיי, אַרויסגעמאַכט זיך פון זיי מיט מי און מאַטער, זיך אַדורכגעריסן דורך זייער געשלאָסענעם רינג און אַוועקגעלאָזט זיך שפּאַנען אין שטאָט אַריין...

# דאָס טישטעך

# דאָס טישטעך

אַנומלט פאַרנאַכט, אַהיימקומענדיק פון דער אַרבעט, האָב איך באַמערקט ווי מיין קאָנסיערזשקע קוקט אַרויס דורכן שטיקל שויב ווו דאָס פאָרהענגל פון איר טיר איז אַוועקגעשאַרט, ווי זי וואָלט וועמען אויסגעקוקט, געטשאַטשע־וועט אויף עמעצן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט זי טאַקע מיך אַזוי אָפּגעוואַרט, ווייל ווען איך בין שנעל אַדורך דאָס טויער און פאַרביי איר לאָזש, האָט זי גענומען האַסטיק פּויקן מיט די פינגער אין דער שויב. עס איז פאַר מיר איצטער קלאָר געווען, אַז דאָס מיינט זי טאַקע מיך, און ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט האָט זי מיך מיט אַ נערוועזער באַוועגונג גערופן מיט די הענט.

איך האָב גלייך דערקענט אין איר זשעסטיקולאַציע און לויטן אויסדרוק פון איר פּנים, אַז עפּעס איז געשען. זי האָט אויפגעמאַכט די טיר און מיך אַריינגערופן אין איר דירה און פאַררוקנדיק דאָס ראָזלעכע געקעסטלטע פאָרהענגל, האָט זי זיך געוואָנדן צו מיר מיט אַן אַנגסטפולער שטימע:

— איר ווייסט, מיסיע מאָריס? איך האָב אייך איבערצוגעבן אַ נישט־פריילעכע ידיעה. אייער קאָמפּאַטריאָט, איר קענט דאָך אים, נו, מיסיע וואַזשבער (דאָס וואָס עס איז אַרויסגעקומען ביי איר פון ווייסבערג) האָט מען געפונען ביי אים אין שטוב אַ געהאָנגענעם. ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

— וואָס זאָגט איר, מאַדאַם בערט! — בין איך געווען טרויעריק איבערראַשט.

— דאָס וואָס איר הערט, מיסיע מאָריס... יאָ, יאָ — האָט זי אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ — ליידער איז עס אַזוי... עטלעכע טעג איז ער נישט געקומען צו דער אַרבעט, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַאומרויִקן דאָרטן אין געשעפט פאַר וואָס מען זעט אים נישט. מען האָט זיך גענומען נאָכפרעגן אויף

אים ביי מיר. וואָס האָב איך דען געקענט זאָגן? איך האָב אים נישט געזען די לעצטע טעג פאַרבייגיין מיין לאָזש. די שכנים האָבן אים אויך נישט באַמערקט. זיין שכן פון אַ טיר ביי אַ טיר האָט אפילו לעצטנס נישט געהערט דורך דער וואַנט קלינגען וואַזשבערס וועקזייגער באַגינען. מ׳האָט זיך אויך אָנגעפרעגט ביי זיין איינציקער קרובה, וואָס וואַזשבער האָט ערגעץ אין פּאַריז — איך האָב איר אַדרעס — אָבער אויך זי האָט גאָרנישט געוווּסט. איך האָב באַמערקט, אַז די צייטונג, וואָס איך רוק אים אַרונטער יעדן פרי־מאָרגן אונטער זיין טיר, בלייבט שטעקן אַ נישט־גערירטע, ביז איך האָב אויפגעהערט אַרונטערצורוקן. דאָס אַלץ האָט מיך געלאָזט טראַכטן, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן צו באַאומרויִקן, בפרט אַז וואַזשבער איז אַ מענטש אַליין, אָן פאַמיליע. הכלל, סוף כל סוף האָב איך דאָס צו וויסן געגעבן דעם קאָמיסער און פּאָליס איז היינט געקומען און מ׳האָט אויפגעריסן די טיר. און גאָט מיינער, וואָס איך האָב דערזען!... דער אָרעמער וואַזשבער איז געהאַנגען אונטערן סופיט ביים פענצטער...

איך האָב געהערט און טרויעריק געשוויגן. וואָס האָב איך דען געהאַט צו זאָגן?

מאַדאַם בערט האָט פאַרגעזעצט:

— אין דער אומאָרדענונג, וואָס האָט דאָרט געהערשט אויבן אין שטוב, האָט מען געפונען אויפן טיש עפּעס אַ העפט, באַשריבן מיט אייער לשון. האָב איך געבעטן דעם קאָמיסער, אַז מען זאָל אים דאָרט איבערלאָזן און איך וועל אים אייך געבן איבערצולייענען. איך האָב גאַראַנטירט פאַר דעם, אַז דער העפט וועט נישט אַוועקקומען. איך האָב דעם שליסל פון דער דירה, וואָס מען האָט געפונען ביי וואַזשבערן אין שטוב, און שפּעטער וויל איך מיט אייך אַרויפגיין אויבן, איר זאָלט איבערלייענען וואָס דאָרט שטייט געשריבן אין דעם העפט.

— גוט — האָב איך געזאָגט, זייענדיק נאָך מער נייגעריק פון דער קאָנסיערזשקע אַרויפצוגיין און אַריינצוקוקן אין וואַזשבערגס איבערגעבלי־בענעם העפט.

איך האָב וואַזשבערגן, וואָס אַן אמת, נישט אַזוי גוט געקענט. איך פלעג אים פון צייט צו צייט זען, ווי אַ לאָקאַטאָר פון זעלבן הויז, פאַרבייגיין דורכן

הויף, זיך אָנטרעפן מיט אים פּנים אל פּנים. מען האָט זיך געגריסט, אַ מאָל אויך אָפּגעשטעלט זיך אויף עטלעכע מינוט. ווייסבערג האָט זינט יאָרן געלעבט אַליין. איך האָב געוווּסט, אַז זיין פרוי און אַ פינף־יאָריק טעכטערל האָט מען געהאַט דעפּאָרטירט בעת דער אָקופּאַציע. איך האָב אויך געוווּסט, אַז ער אַרבעט אין אַ געשעפט ביים מאַכן פּעקלעך פאַר דער עקספּעדיציע אויף דער פּראָווינץ און פאַר קלי?ענטן פון פּאַריז. ער איז געווען אַ שטילער, רו?קער מענטש, האָב איך באַמערקט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער מיידט מיך אויס, ער וויל מיך נישט אָפּשטעלן אויף דער גאַס, אין הויף, בכדי מיך נישט צו באַלעסטיקן און נישט וועלנדיק צונעמען ביי מיר מיין צייט.

נאָך אָוונט־ברויט איז מאַדאַם בערט מיט מיר אַרויפגעגאַנגען אין ווייסבערגס שטוב. די קאָנסיערזשקע איז געווען די באַזיצערין פונעם שליסל פון זיין וווינונג, די אַפּוטראָפּוסטע פון ווייסבערגס איבערבלייבענישן, די הערשערין איבער זיין איבערגעלאָזטער אומאָרדענונג, אָפּגעלאָזנקייט און אָרעמער באַלעבאַטישקייט.

איך בין אַרויף צו ווייסבערגן, גייענדיק נאָך דער קאָנסיערזשקע, אויף די אַלטע סקריפּענדיקע טרעפּ. איך האָב זיך עפּעס נישט געפילט אַזוי גוט פאַר זיך אַליין. אָט האָט יאָרן לאַנג געוווינט אַ ייִד אויפן זעלבן הויף וואָס איך און איך בין קיין מאָל נישט געווען ביי אים — אמת, טאַקע, ער האָט מיך אויך קיין מאָל נישט געבעטן צו זיך — און איצטער, ווען ער איז שוין נישטאָ אויף דער וועלט, גיי איך אַרויף צו אים צו גאַסט... שווער איז מיר איצטער געווען אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין דירה, אַריינצודרינגען אין זיינע פאַרלאָזטע דלד אמות, ווו ער האָט יאָרן לאַנג געלעבט, כאָטש פאַרויס, פאַר מיר, איז געגאַנגען מאַדאַם בערט ווי מיינע אַ באַשיצערין. אָבער מיט וואָס האָט זי מיר געקענט לייכטער מאַכן מיינע געפילן, מיין שווער געמיט?

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אינעווייניק אין שטוב. פון אַלע ווינקלען האָט געלויערט אויף מיר דער שאָטן פון ווייסבערגן. אַלץ איז געווען צעוואָרפן אין אומאָרדענונג. דאָס בעטל זיינס איז געווען נישט פאַרבעט, די קאָלדרע איינגעקנוילט און פאַרדרייט נאַכלעסיק, ווי עמעצער וואָלט דאָ נאָר וואָס אַראָפּ זיך וואַשן און זיך אָנטאָן און דאָס בעטגעוואַנט אָטעמט נאָך מיט דער וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעכן גוף. דאָ און דאָרט זענען געווען צעשליידערט

די זאַכן פון ווייסבערגס אַנטועכץ. איבערן אַנלעץ פון אַ שטול איז געווען אַריבערגעוואָרפן אַ פּאָר הויזן מיט אַראָפּהענגענדיקע צעפּלויגענע שעלקעס. אויף דער פּאַדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר צעטראָטענע שטעקשיך, איינער ווייט אַוועק פון אַנדערן. אויף דער גאַז־מאַשינקע, אין זייטיקן שטיקל קיכל, האָב איך געזען שטיין אַ פאַרסטאַיעטע שוואַרצע פּאַטעלניע, וואָס מ׳האָט, קענטיק, אויף איר עפּעס געפּרעגלט מיט עטלעכע טעג צוריק. אין אַ טעפּל האָב איך באַמערקט אַ דריי־פיר איבערגעשטאַנענע געראָנצלטע קאַרטאָפל אין די שאָלן, אַ פאַרדאַרט האַלב „פּאַנטאַזי״־ברויט, ווי אַ שטיק האָלץ, און שטיקלעך אייערשאָל, ווי צעשאָטענע שאַרפע שפּליטערס — שיריים פון אַ מאָלצייט און פון אַ לעבן.

דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען, האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט דאָ געגעסן און עפּעס נישט דערעסן, נישט פאַרענדיקט אַ לעצטע סעודה. אין צימער זענען די טירן פון דער שאַפע געווען פאַנאַנדערגעעפנט. אינעם אינעווייניקסטן צעפּלאַצטן שפּיגל האָב איך זיך געזען אַ צעשפּאָלטענעם און צעשראָמטן. די שרעק האָט פון אים אומהיימלעך געבליצט אויף מיר. אין דער שאַפע זענען געהאָנגען ווייסבערגס איבערגעבליבענע מלבושים. עס האָט זיך געטראָגן פון זיי מיט מאָלן און מיט אימה. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אין יעדן הענגענדיקן מלבוש זע איך דעם געהאָנגענעם יִדָ ווייסבערג.

דער טיש, וואָס איז געשטאַנען לעבן בעט, איז געווען בלויז האַלב פאַרדעקט מיט עפּעס אַ צעפּליקטן טישטעך און אויף דער אָפּגעדעקטער טייל פונעם טיש איז געשטאַנען אויף צוויי פּיסעלעך אַן אַנטשוויגענער וועקזייגער, וואָס וועט שוין דאָ מער נישט קלינגען און וועקן אין די באַגינענס. איך האָב באַמערקט לעבן אים אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער מען האָט געקענט זען אַ יונגע פרוי, וואָס האַלט אונטן ביים הענטל אַ מיידעלע מיט אַ קאָקאַרדע אין די האָר, וועגן וועלכע איך בין זיך משער געווען, אַז דאָס זענען ווייסבערגס אומגעקומענע פרוי און קינד. לעבן דער פאָטאָגראַפיע איז געשטאַנען אַ קויטיק טעלערל מיט שטיקלעך פון אויסגערייכערטע ציגאַרעטן און אַ סך אַש, אַנגעשאָטן אַרום, וואָס האָט זיך, קענטיק, געהאַט אָנגעקליבן פון עטלעכע טעג און נעכט, און האָט אין מיר אַרויסגערופן פּחדים... דערביי האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אַ דיקלעכער העפט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער העפט, וואָס ווייסבערג האָט

איבערגעלאָזט, וועגן וועלכן עס האָט מיר דערציילט די קאָנסיערזשקע. איך האָב אים גענומען אין האַנט אַריין, אים געבלעטערט און געמישט, געזען אַז די זייטן זענען געדיכט באַשריבן מיט יידישע אותיות.

איך האָב באַמערקט, אַז מאַדאַם בערט וויל מיר עפּעס זאָגן, נאָר זי וואַקלט זיך און קווענקלט, איז זיך מישב מיט זיך אַליין, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מיר איבערצורייסן מיין אַריינגעטוענקייט אינעם העפט. סוף כל סוף האָט זי זיך אַנטשלאָסן און זיך נישט דרייסט אָנגערופן צו מיר:

— אָט דאָס איז ער, דער העפט, וועגן וועלכן איך האָב אייך דערציילט, מיסיע מאָריס — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, איך בין זיך גלייך משער געווען, מאַדאַם בערט.

— נעמט אים און לייענט אים איבער, מיסיע מאָריס.

— יאָ, איך וועל אים אויף געוויס איבערלייענען. זייט זיכער, מאַדאַם בערט.

— מיסיע מאָריס, איר זעט אָט די צעריסענע שטיקלעך שטאָף, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אויף דרערד ?... דאָס זענען פאַסן פון דעם־אַ טישטעך, וואָס איר זעט דאָ אויפן טיש. פון דעם־אָ האָט זיך דער אָרעמער געמאַכט זיין תליה־שטריק. איך דערקען דאָס טישטעך, ווייל איך האָב עס געזען ליגן ביי מיסיע וואַזשבער אויפן טיש, ווען איך פלעג פון צייט צו צייט אויפרוימען ביי אים דאָס צימער. איך האָב דאָס טישטעך אויך אויסבאַהאַלטן בעת דער אָקופּאַציע מיט אַ סך אַנדערע זאַכן זיינע. איר ווייסט ? עס מוז אוודאי זיין עפּעס אַ מיין דערבייי, וואָס וואַזשבער האָט באַנוצט דאָס טישטעך פאַר זיין תליה־שטריק. די אינספּעקטאָרן האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז מאָדנע. אַזאַ זאַך טוט אַ פאַרצווייפלטער אַרעסטאַנט אין תפיסה, ווען ער וויל אַ סוף מאַכן צו זיין לעבן און ער האָט נישט מיט וואָס. ער צערייסט אפילו דעמאָלט דאָס העמד פון לייב און מאַכט זיך דערפון אַ שטריק, ווייל ער האָט נישט עפּעס אַנדערש אין דער צעלע, אָבער דאָ...

— איך וועל לייענען דעם העפט, מאַדאַם בערט, וועל איך אפשר אויס־געפינען די סיבה פון דעם — האָב איך געזאָגט — איך נעם אים צו אויף איבער נאַכט און מאָרגן אין דער פרי וועל איך אייך איבערגעבן וואָס עס שטייט אין אים געשריבן.

מאַדאַם בערט איז מסכים געווען, אָבער מיטן באַדינג, אַז טאַקע מאָרגן

אין דער פרי זאָל איך איר גלייך דעם העפט אומקערן און זי וועט אים צוריקלייגן אויפן אָרט, ווו ער איז געלעגן. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים, האָט זי מיר נאָך אַ מאָל צוגעגעבן.

איך האָב פאַרזיכערט מאַדאַם בערט, אַז זי קען זיין פולשטענדיק רויק בנוגע דעם העפט, און מיר האָבן שוין, אייגנטלעך, נישט געהאַט דאָ וואָס צו טאָן. פאַרן אַרויסגיין האָב איך נאָך אַ מאָל אַ קוק געגעבן צו דער אויפגעפראַלטער שאַפע, פון וואַנען די הענגענדיקע מלבושים האָבן אַנגעוואָרפן אויף מיר אַן אימה. איך בין צוגעגאַנגען צו איר און מיט אַ געפיל ווי איך וואָלט ווייסבערגן געטאָן זיין רעכט, האָב איך זי פאַרמאַכט. איך האָב צוגעלענט די טירן, האָבנדיק דעם איינדרוק ווי איך וואָלט צוגעמאַכט ווייסבערגס אָרון. דערנאָך האָב איך נאָך אַ מאָל, אַרויסגייענדיק, זיך איינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע פון ווייסבערגס פרוי און קינד, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, ווי איך וואָלט געוואָלט אַזוי אַרום נעמען אָפּשייד פון ווייסבערגן און פון אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים. זייערע צעשמייכלטע בליקן, אויפן בילד, וואָס זענען געווען אַזוי אין סתירה מיטן סוף פון דער מוטער און קינד און מיטן גאַנצן שווערן געמיט, וואָס האָט געהערשט אין דער שטוב פון געהאַנגענעם, האָבן מיך איצטער אַרויסבאַגלייט צו דער טיר, ווי אַן אַנגעלייגטן גאַסט, וועמענס אַוועקגיין מען באַדויערט שטאַרק.

אַרויפקומענדיק צו מיר אין שטוב, האָב איך זיך גלייך גענומען לייענען דעם העפט, וועלכער האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן:

„דאָ וויל איך, געצל ווייסבערג, באַשרייבן די געשיכטע פון מיינע צרות און פון מיין אומגליק און דערציילן וואָס אַזוינס עס האָט מיך געטריבן צו מיין פאַרצווייפלטן שריט. נישט קיין הונגער און נישט קיין נויט האָבן מיך געטריבן דערצו. איך האָב יאָרן לאַנג געאַרבעט און ערלעך פאַרדינט אויף מיין ברויט ביים פּאַקן אין אַ געשעפט פעק מיט מאַנטלען. כ׳האָב אַזוי געקניפּט און געבונדן טאָג־אויס, טאָג־איין, געקלעפּט אַדרעסן און געוויגן אויף דער וואָג די פאַרפּאַקטע סחורה. איך האָב געלעבט איינער אַליין זינט מיין פרוי און קינד זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. די איינזאַמקייט און די בענקשאַפט נאָך זיי האָבן מיר נישט געגעבן קיין רו און מיך כסדר געמאַטערט און געפייניקט. אָבער אויך נישט צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן אַ סוף צו

מאַכן צו מיין לעבן, כאָטש די ריכטיקע סיבה איז יאָ געבונדן מיט דעם אַלעם. די הויפּט־סיבה פון מיין טראַגישן באַשלוס איז די געשיכטע פון אַ טישטעך, וועגן וועלכן איך וויל דאָ דערציילן. דאָס וועט אייך אפשר אויסקוקן משונה־דיק, אָבער עס איז פּאַרט אַזוי. ווי אויסטערליש דאָס זאָל פאַר אייך נישט זיין, וועט איר עס פאַרשטיין נאָכן איבערלייענען מיין העפט, ווען איך וועל זיך שוין נישט געפינען צווישן די לעבעדיקע. דאָס איז דאָס טישטעך, וואָס אַ טייל דערפון וועט מיך אויסלייזן פון מיינע צרות און זעלבסטפּייניקונגען און אַ טייל דערפון וועט איר געפינען ביי מיר אויפן טיש.

עס איז געווען אין דעם באַגינען פונעם טרויעריקן זעכצנטן יולי 1942 אין פּאַריז.

אין גאַס האָט מען אַ סך פריִער נאָך גערעדט און זיך איבערגעגעבן וועגן דער שחיטה, וואָס גרייט זיך גאָר אין גיכן אויף אונדז, ייִדן. אין געהיימע בלעטלעך האָב איך געלייענט, אַז מען זאָל זיך באַהאַלטן, און אויב מען וועט דאָס נישט באַוויזן, זאָל מען זיך דעם זעכצנטן יולי פאַרמאַכן אין שטוב, נישט עפענען די טיר דער פּאָליציי, פאַרבאַריקאַדירן זי. איך האָב נישט געהאַט וווּ זיך צו באַהאַלטן, האָב איך ביינאַכט צוגערוקט צו דער טיר אַ טישל, עטלעכע בענקלעך, וואַליזעס, אַ קינדער־וועגעלע, אַן אַלטע ניי־מאַשין, אָבער וואָס פאַר אַ פעסטונג און באַריקאַדע, מישטיינס געזאָגט, האָט דאָס געקענט זיין?

באַגינען האָבן די כאַפּערס געקלאַפּט אין מיין טיר און געשריגן, אַז מען זאָל עפענען, אָבער מיר האָבן זיך נישט געמאַכט וויסן. מיר האָבן פריִער געהאַט אויסגעלערנט לאהלען, אונדזער טעכטערל, אַז ווען זי וועט הערן קלאַפּן אין טיר, זאָל זי נישט מורא האָבן און זיין שטיל, און זי האָט געפאָלגט. איך האָב געפילט, אַז מיר זענען אויף די קוילן. מיר האָבן אַלע דריי איינגע־האַלטן די אָטעמס און געשוויגן. דאַן האָבן זיי נאָך שטאַרקער געקלאַפּט און געשריגן, אַז אויב וועט מען נישט גלייך עפענען, וועט זיין שלעכט. וואָס קען שוין זיין ערגער, האָב איך זיך געטראַכט און נישט געעפנט די טיר. זיי האָבן גענומען נאָך שטאַרקער צו זבענקען און אונדזערע הערצער האָבן אַזוי געקלאַפּט, אַז מיר האָבן געמיינט, אַז זיי ווערן אונדז אַנטפאַלן. איך האָב געהערט ווי אויף יענער זייט נעמט מען אַרבעטן ביי דער קליאַמקע, ברעכן

און רייסן דעם שלאָס, זעצן מיט שווערע זאַכן אין דער טיר. זאָלן זיי האַרעווען מיט די זייטן, האָב איך זיך געזאָגט, זאָל זיי נישט אַזוי לייכט אָנקומען דאָס נעמען אונדז. די טיר האָט גענומען באַכגעבן און אָפּרוקן פון זיך דאָס טישל, די בענקלעך, די וואַליזעס, דאָס קינדער־וועגעלע, די אַלטע ניימאַשין. איך האָב געזען, אַז די בראַך איז פאַרטיק. באַלד, באַלד וועלן די מחבלים אַריין צו מיר אין שטוב.

אין דעם איז מיר איינגעפאַלן אַ פאַרצווייפלטער געדאַנק, וואָס האָט אויך געקענט אויסזען לעכערלעך און אומזיניק. איך האָב זיך אַרונטער־באַהאַלטן אונטערן טיש, כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז שוין גאָרנישט קיין וואַזשנע באַהעלטעניש. איך האָב בליץ־שנעל אַראָפּגעצויגן אַ שטיק פונעם טישטעך איבערן קיילעכיקן טיש, אַקעגנאיבער דער טיר, אַז עס זאָל מיך פאַרשטעלן. באַלד האָב איך געהערט ווי די טיר ווערט אין גאַנצן אויפגעבראָכן און די מערדערס קומען אַריין. איך זיץ אַזוי צונויפגעדרענגט אונטערן טיש מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און דאָס האַרץ ווערט מיר צעשפּרונגען. איך הער ווי זיי הייסן מיין זעלדען זיך אָנטאָן און אויך דאָס קינד, מיטנעמען מיט זיך דאָס נייטיקסטע און מיטגיין מיט זיי. איינער פון די חברה־לייט פרעגט זעלדען ווו איך בין, הער איך, און זי ענטפערט, אַז איך קום שוין זינט עטלעכע נעכט נישט אַהיים שלאָפן און זי ווייסט נישט ווו איך בין. „אפשר ביי אַ געליבטער ?" — האָבן זיי געחוזקט פון איר, און פון מיר איז דאָס בלוט געצאַפּט געוואָרן. אָבער זעלדע האָט נישט געענטפערט. דאַן האָבן זיי געפרעגט לאהלען ווו דער פּאַפּאַ איז, מיינענדיק אַז ביי אַ קינד וועלן זיי לייכט עפּעס אַרויסבאַקומען, און דאָ טאַקע האָב איך געמיינט, אַז איך בין שוין פאַרלוירן, אַז איך בין אין פעקל, אָבער מיין אָרעם קינד, ווי פיצל ס׳איז געווען, האָט זי שוין פאַרשטאַנען צו זאָגן, אַז זי ווייסט נישט ווו דער פּאַפּאַ איז דאָ.

די חברה־לייט האָבן שוין זעלדען און לאהלען נישט געמאַטערט מער מיט אַט די פראַגן, פאַרשטייענדיק, זעט אויס, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, און האָבן גענומען אונטעריאָגן זעלדען, אַז זי זאָל עס מאַכן שנעלער און זיין גרייט, ווייל זיי האָבן נישט קיין צייט און אַז זי איז נישט ביי זיי אין און איינציק.

איך האָב געהערט ווי זעלדע פאַרעט זיך, טוט אָן לאהלען, גרייט צו

אונדזער אוצרל צו דער שחיטה ציכטיק־רייך, טוט איר אָן מסתמא אַ שיין קליידעלע, אַ שערצעלע, אַ שלייפעלע אין די האָר, פוצט זי אויס פאַרן מלאך־המוות. איך פיל ווי זעלדע דרייט זיך אַרום בכיוון לעבן טיש, בכדי ווי ווייט מעגלעך מיך צו פאַרשטעלן. די רוצחים גייען אַלע מאָל פאַרביי לעבן דעם טיש, זיי באַוועגן, נישט־ווילנדיק, דאָס טישטעך, וואָס הענגט אַראָפּ, און עס פלאַטערט און פאָכעט, און דערביי פאָכע איך מיט דער נשמה.

איך זיץ איינגעשרומפּן און צונויפגעקוועטשט און ווער צעפּלאַצט און איך וווּנדער זיך ווי אַזוי זיי באַמערקן מיך נישט, ווי אַזוי זיי דערשפּירן מיך נישט און דערשמעקן מיך נישט. אָט־אָט, דאַכט זיך מיר, הייבן זיי אונטער דאָס טישטעך, גיבן עס אַ פאַרקאַשער אַרויף — און איך בין אָפּגעקאָכט. אָבער דערווייל גליקט עס מיר נאָך אַלץ אָפּ. דאָס שטיק טישטעך הענגט אַראָפּ און פאַרשטעלט מיך און באַשיצט מיך. אָבער ווי לאַנג וועט עס נאָך אַזוי אָנהאַלטן ?...

שווער איז מיר איצטער צו טראַכטן, בעת איך שרייב, אַז דאָס טישטעך איז געווען די מחיצה צווישן מיר און מיין פרוי און קינד, די מחיצה וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט און צעשיידט אויף שטענדיק.

איך בין אַזוי געזעסן אונטערן טיש איינגעקאָרטשעט ווי אין דער מאַמעס בויך, אָבער מיטן אונטערשיד וואָס דאָרטן האָב איך זיך געגרייט אַרויסגעשטויסן צו ווערן צום לעבן און דאָ, פאַרקערט, האָב איך געקענט יעדע רגע אַרויסגעריסן ווערן צום טויט.

זעלדע און לאהלע זענען שוין גרייט. זיי לאָזן זיך גיין, הער איך, און די חברה־לייט נאָך זיי. זיי פאַרען זיך עפּעס ביי דער טיר אויף יענער זייט, כאַפּ איך אויף, מען באַמיט זיך זי צו פאַרקלאַפּן ווי עס איז, אַז קיינער זאָל נישט קענען אַריינגיין אינעווייניק. דערנאָך האָב איך געהערט ווי אַלעמענס טריט דערווייטערן זיך אין קאָרידאָר, ווערן שטילער און לאָזן זיך אַראָפּ פון די טרעפּ.

ווי נאָר זיי זענען אַוועק און ס׳איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן, האָב איך אַרויפגעשאַרצט דאָס שטיק אַראָפּהענגענדיקע טישטעך. איך האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אויף דער ליידיקייט פון דער שטוב. איך האָב ערשט דערזען די פּוסטקייט פון מיין לעבן. איך בין שנעל

צו צום פענצטער מיט שטילע פּאַרזיכטיקע טריט. כ׳האָב אָוועקגעשאָרט אַ שטיקעלע פּאַרהאַנג ביי דער זייט, געמאַכט אַ שפּעלטעלע און אַרויסגעקוקט מיט פּאַרהאַקטן אָטעם אויפן הויף. איך האָב דערזען גיין זעלדען, האַלטנדיק לאהלען ביי אַ הענטל און טראַגנדיק אין דער צווייטער האַנט אַ וואַליזקע. זיי זענען געגאַנגען צו דער גאַס אַרויס. איך האָב זיי נאָכגעקוקט און כ׳האָב געמיינט, אַז איך קריג דעם שלאַק אויפן אָרט. איך האָב זיי דעמאָלט געזען צום לעצטן מאָל, געזען ווי זיי פּאַרשווינדן פון מיינע אויגן און מיין בליק האָט אַזוי נישט געוואָלט אָפּרייסן זיך פון זיי, זיי נישט אָפּלאָזן...

וואָס האָב איך געקענט טאָן אין אָט דער רגע? איך האָב אפשר געדאַרפט אויפפּראַלן דאָס פענצטער, רופן זיי מיט אַלע כוחות, נאָכשרייען נאָך זיי: „זעלדעלע! לאהלע! וואַרט אויף מיר! איך גיי מיט אייך מיט!" אָט־אָט בין איך גרייט געווען דאָס צו טאָן. איך בין אָבער פון דעסטוועגן געשטאַנען אויף אַן אָרט, נישט גערירט זיך. איך האָב נישט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער, כ׳האָב זיי נישט נאָכגעשריגן...

גאָט מיינער! ווי אַזוי האָב איך זיי געקענט לאָזן אַוועקגיין אַליין אָן מיר? אַ פּחדן בין איך געווען, אַ פּחדן!... איך האָב זיך באַשיצט מיט אַ שטיקל נאַריש טוך, אַ שמאַטע און צוליב דעם אַליין פּאַרוואַנדלט זיך אין אַ שמאַטע און ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין, איז מיר דורך דעם געלונגען צו בלייבן לעבן, בעת זיי, מיינע טייערסטע, מיין אייגן בלוט און פלייש, האָט מען צוגענומען אָט דאָ, לעבן מיר און פון מיר. איך האָב עס געוווּסט, געהערט און געפילט בחוש אָט דאָ, הינטער דעם לעכערלעכן און אומזיניקן באַהעלטעניש אונטערן טיש, הינטער דעם שטיק אַראָפּגעלאָזטן טישטעך, ווו כ׳בין געזעסן אַן איינגעבויגענער אין דרייען, הונדערט מאָל דערנידעריקט, שפּלדיק און פאַרשעמט.

ווי האָב איך דאָס געקענט? ווי האָב איך דאָס געמעגט?

איך האָב נישט איין מאָל שפּעטער פּרובירט געפינען אַ זכות פאַר מיין האַנדלונג. דאָס איז געווען צוליב מיין גלויבן, אַז פרויען און קינדער וועט מען זיכער שאַנעווען און כ׳האָב דעריבער געדאַרפט טאָן אַלץ בכדי צו ראַטעווען קודם־כל זיך, דעם מאַנצביל, און כ׳האָב, הייסט עס, געמעגט אויסשטעלן זיך צום נאַר און אַרונטערקריכן אונטערן טיש ווי אַ וואָרעם און זיצן דאָרט איינגעקנוילט און איינגעדרייט, אָבער פון דעסטוועגן, הגם איך

האָב זיך געגעבן דעם היתר צו דעם, האָב איך זיך קיין מאָל דאָס נישט געקענט שענקען, נישט מוחל זיין און זיך נישט באַפרייען פון דעם שולד־געפיל לגבי זיי, מיין פרוי און קינד. איך האָב זיי געזען אויפן הויף, זיי געזען אַרויסגיין אויף דער גאַס, באַגלייט פון די היטער, וואָס דאָס איז געווען זייער אַוועקגיין פון מיר אויף שטענדיק.

גאָט מיינער! ווי האָב איך זיי געקענט לאָזן אַוועקגיין אָן מיר? פאַר וואָס איז דאָס מיר בלויז געלונגען דעמאָלט צו בלייבן? פאַר וואָס איז דאָס מיר בלויז באַשערט געווען? פאַר וואָס האָב איך אויך זיי נישט אַרונטער־געשלעפּט אונטערן טיש? פאַר וואָס האָב איך נישט געטיילט מיט זיי דאָס שטיקל טישטעך? פאַר וואָס?...

אַזוי האָב איך זיך געגריזשעט און געיאַדעט, זיך פאַרסמט דאָס לעבן אין מיינע שפּעטערדיקע שווערע טעג און נעכט מיט אָט די קשיות אין די נישט־זיכערע באַהעלטענישן, ווו איך האָב זיך ווייטער באַמיט אָפּצוראַטעווען מיין נפש.

אין די ערשטע נעכט האָב איך זיך באַהאַלטן ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, נישט איבערקלייבנדיק, נאַטירלעך, גאָרנישט. ס׳איז דאָך געווען זומערצייט, ס׳איז געווען וואַרעם אין דרויסן. האָב איך עטלעכע מאָל איבער־גענעכטיקט אין די קזשאַקעס פונעם ביטשאַמאַן־פּאַרק, וואָס כ׳האָב גוט געקענט אַלע זיינע ווינקעלעך, ווייל איך האָב דעמאָלט געוווינט אין יענער געגנט. ווען ס׳איז געוואָרן טונקל ביז איך דאָרטן אַריינגעקראָכן צווישן די ביימער, אויסהיטנדיק זיך, אַז אַ וועכטער זאָל מיך נישט באַמערקן. איין מאָל האָב איך גענעכטיקט אויף אַ הפקרן בוידעם, וואָס איך האָב אַנטדעקט, זיך אַרויפגעגנבעט ביינאַכט, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן. ווען כ׳האָב איינגעזען, אַז ס׳איז דאָ אַ געפאַר אַז איך קען דאָרטן געסליכנט ווערן, האָב איך פאַרזיכטיק פאַרלאָזט דעם בוידעם, וואָס אויך פאַרלאָזן אים האָב איך זיך געדאַרפט אויסהיטן... איין נאַכט האָב איך זיך אפילו אויסבאַהאַלטן אין אַ גרויסן פאַמיליען־קבר אויפן בית־עולם פער־לאַשעז. איך האָב פריער, בייטאָג, געהאַט דאָס ערטל גוט אויסגעקוקט. מ׳האָט דאָרטן גראָד, זעט אויס, געהאַלטן אין פאַרריכטן עפּעס אין דעם קאַווע, ווייל די בעטאָנענע דעק איז געווען אַ ביסל אָפּגעשפאַרט און איך האָב זיך געקענט דאָרטן אַריינגליטשן. איך האָב דאָרטן איבערגענעכטיקט די נאַכט ווי עס איז, נישט צוטועענדיק

מיט קיין אויג און אויך געווען די גאַנצע צייט, פאַרשטייט זיך. איך בין געווען אומרויִק, כאָטש פאַר דער זיכערקייט האָב איך נישט געהאַט וואָס צו דאגהן. איך האָב געוווסט, אַז קיינער וועט מיך דאָ אינעווייניק אין קאַווע נישט מסרן...

צו מאָרגנס פאַרנאַכט, אַז איך האָב זיך ווידער אַריינגעשלייכט אין בית־עולם איידער די וועכטער פאַרמאַכן דאָס טויער און בין צוגעקומען צו „מיין" פאַמיליען־קבר, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין טאַקע געפילט פאַמיליאַר, האָב איך באַמערקט אַז די דעק איז שוין צוגעמאַכט. עס האָט מיר אויסגעזען ווי די מתים וואָלטן מיר פאַר דער נאַז פאַרהאַקט די טיר. איך האָב זיך שוין געמוזט, ווי עס איז, פאַרשטעקן הינטער די גרויסע, שיינע מאָנומענטן צווישן די קברים, מחמת אַרויסגיין פונעם בית־עולם האָב איך שוין אויך סיי ווי נישט געקענט, ווייל די טויערן זענען שוין געווען געשלאָסן און איך בין שוין בינו לבינו געווען אַ געפאַנגענער ביי די מתים.

אַזוי האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט גאַנצע מעת־לעתן, ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט, ביז איך האָב דורך באַקאַנטע באַקומען עפּעס אַ פאַרבאָרגן צימערל, אַ לאָך ערגעץ אין אַ זייטיקן פּאַסאַזש, ווו איך האָב געלעבט ווי אַ שאָטן צווישן די פראַנצויזישע שכנים, וואָס האָבן זיכער פאַרשטאַנען ווער איך בין, נאָר האָבן זיך געמאַכט נישט וויסן. איך בין זיי נישט אָנגעגאַנגען, כלומרשט.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין מיין פאַרלאָזטער דירה מיט דער כוונה אַרויסצונעמען פון דאָרטן אַ ביסל זאַכן. איך האָב זיי צונויפגענומען אין איילעניש און שרעק, איינגעפּאַקט די זאַכן אינעם טישטעך, פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט די עקן און דאָס פּעקל אַריינגעטראָגן צו דער קאָנסיערזשקע, וועלכע האָט געוווסט וועגן מיין געפערלעכן באַזוך. איך האָב דאָס אַלץ געמאַכט זייער פאַרזיכטיק און בשתיקה, סיי מיין אַרויפגיין צו מיר און סיי מיין אַריינשאַרן זיך צו איר. איך האָב איר געגעבן עטלעכע זאַכן פון מיין פרויס אָנטועכץ, ווייל עס איז שווער געווען דעמאָלט עפּעס צו קריגן. אָבער נישט בכדי אָפּצוחורשן זי, האָב איך איר דאָס געגעבן, נאָר אויס דאַנקבאַרקייט פאַר איר גוט האַרץ און פאַר איר ריזיקע און איינשטעלן זיך פאַר מיר. איך האָב געטראַכט, אַז סיי ווי איז מיין זעלדע איצטער נישטאָ און זי דאַרף גאָרנישט; אַז זי וועט צוריקקומען מיט לאהלען געזונטערהייט פון

דאָרטן, ווו זי איז, וועט איר נישט פעלן קיין אָנטועכץ. אַז עס וועט זיין אַ גוף, וועלן אויך זיין קליידער.

איך האָב געבעטן מאַדאַם בערט, אַז זי זאָל מיר אָפּהיטן דאָס ביסל זאַכן, וואָס כ׳האָב אַרויסגעראַטעוועט פון שטוב, איינשטעלנדיק זיך ממש. דער עיקר איז מיר געגאַנגען אינעם טישטעך. אָבער איך האָב דאָס איר נישט געקענט זאָגן, ווייל עס וואָלט נאָך ביי איר געקענט אויסקוקן מאָדנע וואָס איך גיב צו דעם טישטעך אַ באַזונדערע וויכטיקייט. ווייטער גיין איר דערציילן די גאַנצע מעשׂה, וואָס מיך בינדט אַזוינס מיטן טישטעך, האָב איך אויך נישט געהאַט קיין גרויסן חשק. האָב איך דעריבער זיך געמאַכט כלא ידע און זי געבעטן, אַז זי זאָל אָפּהיטן אַלע מיינע זאַכן. איך האָב געטראַכט דערביי, אַז אויב אַלץ וועט ביי איר בלייבן, וועט דאָס טישטעך אויך בלייבן. דער עיקר, אַז איך אַליין זאָל נאָר בלייבן.

איך האָב זיך אין אַ שטיקל צייט אַרום אַריבערגעשמוגלט אין דער פרייער זאָנע, דאָרט געלעבט ווי עס איז, אָבער מיט ווינציקער שרעק ווי אין פּאַריז. כ׳האָב געאַרבעט שווער ביי האַקן האָלץ אין אַ וואַלד אין די בערג פון סאַוואָ און געטאָן אויך אַנדערע שווערע מלאכות, געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן, פון איין מקום־מקלט צום צווייטן, זיך אַרומגעוואַלגערט נע־ונד, זיך אַרומגעיאָגט מיט די דייטשן. ווו זיי זענען אַרייך, בין איך אַרויס. זיי האָבן מיר פּשוט געטרעטן אויף די פּיס, אָבער איך האָב באַצייטנס באַוויזן אַרויסצודרייען זיך פון זייער נעץ. עס האָט מיר אַלע מאָל אָפּגעגליקט און זיי האָבן מיך נישט געכאַפּט. אפילו ווען איך בין שוין איין מאָל געהאַט אַריינגע־פאַלן צו זיי, איז מיר אויך געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון זייערע הענט. אַזוי ביז צום סוף פון דער מלחמה.

נאָך דער באַפרייונג בין איך צוריקגעקומען קיין פּאַריז. איך האָב זיך אַליין נישט צוגעגלייבט, אַז איך גיי אויף די פּאַריזער גאַסן. אומעטום האָט מען זיך געפרייט און מען האָט געוויינט. מען האָט געוויינט פאַר פרייד און סתם געוויינט. מער פון ־אַלע אָבער האָבן מיר, יידן, געהאַט פאַר וואָס צו וויינען.

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אומצוקערן זיך פון דעפּאָרטאַציע איינצלנע מענטשן, צעבראָכענע שאַרבנס, הויט־און־ביין, מוזולמענער, ווי מען האָט זיי

גערופן אין לאַגער. מײַנע זענען נישט צוריקגעקומען און איך האָב אויפגע־הערט אפילו צו האָפן אויף זײַער אומקער, דערווײַסנדיק זיך וואָס די דײַטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט אונדז.

איין מאָל בין איך אַוועק אויף מײַן אַמאָליקן אַדרעס אין פּאַריז. מײַן דירהלע איז, צום גליק, נישט געווען באַזעצט פון קיינעם. מײַן קאָנסיערזשקע האָט געאַרבעט מעשׂים, אַז מען זאָל מיר די וווינונג נישט צונעמען, אָנגע־וואָנדן פּאַרשידענע פּאַרטלען און שפּיצלעך פּאַר דעם. דאָס האַרץ האָט איר כסדר געזאָגט, האָט זי מיר פּאַרזיכערט, אַז איך לעב ערגעץ און זי האָט געוואָלט, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן קיין פּאַריז, זאָל איך האָבן ווו אַרײַנצוגיין און ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

אַז איך בין אַרײַן צו איר אין לאָזש האָט מיר עפּעס אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. איך האָב דערזען בײַ איר אויפן טיש פּאַרשפּרייט מײַן טישטעך, וואָס בינדט מיך אַזוי פיל, וואָס פון איין זײַט טישטעך בין איך געבליבן לעבן און פון דער אַנדערער זײַט טישטעך זענען אַוועק פון דער וועלט און פון מיר מײַן זעלדעלע, מײַן לאהלע.

מאַדאַם בערט האָט מסתמא באַמערקט ווי אַזוי איך קוק אויפן טישטעך, אַז איך דערקען עס ווי מײַנס אַ זאַך, אָבער נישט מער ווי מײַנס אַ זאַך צווישן אַלע אַנדערע זאַכן, בין איך זיכער געווען, און מער גאָרנישט. ווײַל פון וואַנען האָט זי דען געקענט וויסן עפּעס מער? זי האָט זיך דעריבער אָנגערופן צו מיר: „מיסיע וואַזשבער, איר דערקענט מסתמא אײַער טישטעך... טראַכט אָבער נישט קיין שלעכטס וועגן מיר, איך בעט אײַך". — „ווי קען איך טראַכטן וועגן אײַך שלעכטס, מאַדאַם בערט, אַז איר האָט געטאָן פּאַר מיר אַזוי פיל גוטס?" — האָב איך געזאָגט. — „ווען איר זענט אַוועק אין יענעם אָוונט, נאָך אײַער געפּערלעכער וויזיט אין אײַער וווינונג, האָט זי געזאָגט צו מיר, האָב איך אײַערע זאַכן אַרײַנגעלייגט אין אַ קאַסטן און זיי אַראָפּגעשטעלט אין קעלער. איך האָב אָבער נישט געוואָלט, אַז דאָס טישטעך זאָל דאָרטן פוילן, האָב איך עס אַרויפגענומען צו מיר מיטן געדאַנק, אַז עס וועט זײַן גלײַכער, אַז עס זאָל ליגן דערווײַל בײַ מיר אויפן טיש אײדער אונטן אין קעלער און פּאַרפוילט ווערן. איר וועט דאָך זיכער נישט זײַן ברוגז דערפאַר, מיסיע וואַזשבער" — האָט זי גערעדט מיט אויפריכטיקייט און איך בין געווען פולשטענדיק זיכער, אַז זי זאָגט דעם אמת. — „אָ, ניין, האָב איך געזאָגט, ווי

פֿאַלט אײַך אײַן, אַז איך װעל זײַן ברוגז, מאַדאַם בערט? איר קענט דערװײַל האַלטן דאָס טישטעך בײַ זיך", אָבער איך האָב דערבײַ נישט געזאָגט דעם אמת, װײַל איך האָב דאָס טישטעך שױן געװאָלט האָבן בײַ מיר, אױף מײַן אָרעמען טיש, פֿילן עס נאָענט לעבן זיך, װי עס װאָלט געװען אַ טײל פֿון מײַן משפּחה־לעבן, װי איך װאָלט געזען אין דעם לאהלעס ערשטע װינדעלעך, װי כ'װאָלט געשפּירט אין דעם זעלדעס אַ נאַכטהעמד, דורך װעלכן איך אָטעם אַרײַן אין זיך דעם ריח פֿון איר לײַב.

אָבער פֿאָדערן צוריק דאָס טישטעך קאַטעגאָריש פֿון מאַדאַם בערט, דאָס האָב איך נישט געקענט. איך האָב געפֿילט װי איך װאָלט זי געקענט דערמיט באַלײדיקן און איר װײ טאָן, דאָס װאָס זי האָט זיך זיכער נישט פֿאַרדינט; זי האָט פֿאַר מיר אַזױפֿיל גוטס געטאָן, אָפּגעראַטעװעט אַלע מײַנע זאַכן, אָפּגע־היטן פֿאַר מיר מײַן דירה, כ'זאָל האָבן איצטער װוּ אַרײַנצוגײן, און איך װעל קענען זײַן אַזױ קלײנלעך און פֿאַרלאַנגען פֿון איר צוריק אַ נאַריש טישטעך? װאָסי? עס פֿעלט מיר שױן צו צום רומל? אַלץ האָב איך שױן, נאָר דאָס פֿעלט מיר צו אין טאָפּ אַרײַן? אָבער זי אַלײן, מאַדאַם בערט, האָט מיך אַרױסגענומען פֿון מײַן פֿאַרלעגנהײט, זאָגנדיק צו מיר: „מיסיע װאַזשבער, אַלע אײַערע זאַכן זענען אין בעסטער אָרדענונג און איר קענט זײ נעמען צו זיך װען נאָר איר װילט. און װאָס שײך דעם טישטעך אײַערן, איז װי נאָר איר װעט זײַן אײַנגעאָרדנט זאָלט איר מיר זאָגן, װעל איך עס געבן אױס־צװואַשן און איר װעט עס קענען לײגן בײַ אײַך אױפֿן טיש. דערװײַל קען איך אײַך געבן אַ געניצטע צעראַטע צום פֿאַרשפּרײטן. לאָמיר האָפֿן, אַז אײַער פֿרױ װעט צוריקקומען און זי אַלײן װעט אױפֿלײגן אײַער טישטעך בײַ אײַך אױפֿן טיש".

בײַ אָט די װערטער אירע האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אױגן, װאָס דאָס האָט מיך קרעמפּירט. איך האָב אָפּגעקערט דעם קאָפּ, זיך געמאַכט, כלומרשט, אַרױסקוקן דורכן פֿענצטער. װי פּשוט, האָב איך געטראַכט, זי זאָגט זיך דאָס אַזױ אַרױס: „אײַער פֿרױ װעט אױפֿלײגן דאָס טישטעך בײַ אײַך אױפֿן טיש"...

איך האָב נישט געװאָלט נעמען די צעראַטע, בכדי זי זאָל מיר אפֿילו צײַטװײַליק נישט דאַרפֿן פֿאַרטרעטן דאָס טישטעך און איך האָב געזאָגט צו מאַדאַם בערט, אַז דאָס טישטעך קען דערװײַל זײַן בײַ איר, װיסנדיק דערבײַ

אַז איך זאָג נישט דעם אמת, און וואָס שייך דער צעראַטע איז זי מיר נישט נייטיק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק אַ טישטעך און עס געברענגט צו דער קאָנסיערזשקע אַלס געשאַנק, זאָגנדיק צו איר: „מאַדאַם בערט, איך האָב אייך געבראַכט אַ מתנה אַ טישטעך, אַ נייס, נישט ווי מיינס, וואָס האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין קעלער. איר האָט עס פאַרדינט ביי מיר, נעמט עס. פאַר מיר איז גענוג ס'אַלטע"... — „אָ, ווי איר זענט גאַלאַנט, מיסיע וואַזשבער" — האָט זי מיר געזאָגט, מיר העפלעך באַדאַנקט, אַראָפּנעמענדיק פון טיש מיין טישטעך, אָבער זי האָט עס מיר נישט געוואָלט גלייך געבן ביז וואַנען זי וועט עס נישט אויסוואַשן אויף ריין. — „איר דאַרפט אויף מיר נישט פאַראיבל האָבן, מאַדאַם בערט, פאַר דעם טויש, האָב איך געזאָגט. איך בין אויך, אַחוץ אַלעמען, אַ ביסל צוגעבונדן צום אַלטן טישטעך. אַ געוווינהייט אַזאַ, אַ סענטימענט. איך האָב עס אַ מאָל באַקומען צו אונדזער חתונה אַלס דרשה־געשאַנק, אַ „קאַדאָ דע נאָס". די אמתע סיבה אָבער, דאָס וואָס מיך האָט געקוועטשט צוליבן טישטעך, מיין פערזענלעכער בראָך, וואָס איז געווען אַריינגעוועבט דערין, האָב איך איר, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט דערציילן.

איך האָב נישט געוואָלט, אַז מאַדאַם בערט זאָל זיך דאַרפן פּאָרען ביים וואַשן מיין טישטעך, נישט דערפאַר ווייל ס'איז מיר נישט ניחא געווען, אַז זי זאָל זיך צורירן דערצו, עס דרייען, רייבן, אויסדרענגען, שווענקען און דריקן צו זיך, נאָר גאַנץ פּשוט, איך האָב עס שוין געוואָלט האָבן ביי זיך און טאַקע וואָס שנעלער. יאָ, וואָס שנעלער שפּירן זיין אַראָמאַט, פילן זיין פלאַטער, ווי דעם באַריר פון זעלדעס הענט, און איך האָב געזאָגט צו מאַדאַם בערט, אַז פאַר מיר איז דאָס טישטעך נאָך נישט אַזוי שמוציק; איך בין דאָך איינער אַליין, קיינער קומט נישט צו מיר, קיין געסט פאַרבעט איך דאָך נישט, וועט עס פאַר מיר נאָך גוט זיין דערווייל אַזוי ווי עס איז. ווען דאָס טישטעך וועט שוין באמת זיין גוט שמוציק (כאָטש דאָס וואָרט „שמוציק" האָט זיך עפּעס בכלל נישט געפּאַסט צו מיין טישטעך), דאַן וועל איך עס אָוועקגעבן צו וואַשן. זי האָט מיינע רייד אָנגענומען פאַר שׂכלדיק און באַשטאַנען אויף דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

איך בין אַרויף צו מיר אין שטוב און פאַרשפּרייט דאָס טישטעך אויף

מיין אָרעמען טיש. איך האָב אַרויסגעהערט פון זיין יעדן געפּאַך זעלדעס און לאהלעס אָטעם, זייער געשעפּטש, זייערע פלאַפּלערייען, זייערע געלעכטערס, זייערע קושן, זייערע תפילות. ווען איך האָב זיך געזעצט צום טיש און מיר געמאַכט ס׳ביסל עסן, האָט זיך מיר געדאַכט אַז זיי עסן מיט מיר מיט און איך טייל זיך מיט זיי מיטן ביסן. טייל מאָל איז מיר, וואָס אַן אמת, אויך דער ביסן געבליבן שטעקן אין האַלדז, ער איז מיר נישט באַקומען.

האָב איך אפשר געדאַרפט פאַרלאָזן די ווינונג, אַריבערקלייבן זיך ערגעץ־אַנדערש, בכדי אויסצומיידן מיינע איבערלעבענישן. איך האָב עס בשום־אופן נישט געקענט. כל־זמן איך בין געווען אין שטוב, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז זעלדע און לאהלע זענען מיט מיר און אַז איך בין מיט זיי און טאָמער וועל איך פאַרלאָזן די דירה, וועט עס זיין ווי איך וואָלט זיי גופא פאַרלאָזט, האָב איך געפילט; ווי איך וואָלט פון זיי אויף אַ פּחדנותדיקן אופן אַנטלאָפן, זיי פאַרראַטן.

איך בין געבליבן אין דער ווינונג און זיך איינגעלעבט מיט מיינע זכרו־נות, מיט מיין פאַרגאַנגענהייט. אין יעדן קלייד, וואָס איז געבליבן נאָך זעלדען, און האָט אומזיסט געוואַרט אויף איר, האָב איך געזען איר שאָטן, וואָס גייט מיר נאָך, וואָס שטרעקט זיך אויס צו מיר, וואָס רעדט צו מיר, פליסטערט צו מיר סודותדיקע ליבע־רייד, נעמט מיך אַרום, טוליעט זיך צו מיר; די אַרבל פון אירע קליידער, האָט זיך מיר געדאַכט, ציִען זיך צו מיר פאַרבענקטע, פאַרוויקלען און פאַרפלעכטן זיך אַרום מיין האַלדז...

גרוי איז געווען דאָס לעבן, אָן דערוואַרטונגען, אָן ענדערונגען, אָן גרויסע שינויים, אָן דעם אויפגאַנג פון אַ פאַרב, אָן דעם אויפבליץ פון אַ שיין. איך בין יעדן פרימאָרגן געלאָפן צום גרינעם אויטאָבוס, וואָס האָט מיך געפירט צו דער אַרבעט. אויך ער האָט קיין מאָל נישט געביטן זיין קאָליר. איך האָב זיך געאיילט צו אים שטענדיק אין דער זעלבער שעה, אים נאָכגעלאָפן, מורא געהאַט אים נישט צו פאַרשפּעטיקן און אָפט אין לעצטן מאָמענט, אַרויסאָגנדיק די נשמה, אים אָנגעכאַפּט ביים עק. יעדן טאָג האָב איך זיך אַרויפגעפּאַקט אויף אים מיט אַנדערע מענטשן, וואָס ער האָט, אַזוי ווי מיך, אַוועקגעפירט צו זייער באַשעפטיקונג. איך האָב געמאַכט יעדן טאָג די פעקלעך אין געשעפט, געקניפּט און פאַרבונדן, און אַזוי אויך געקניפּט און פאַרבונדן אַ טאָג מיט אַ טאָג, אַ מעת־לעת מיט אַ מעת־לעת,

וואָס איז געווען ענלעך איינער צום אַנדערן, פּונקט ווי עס איז געווען ענלעך איין פּעקל צום אַנדערן. אַזוי האָט זיך צונויפגעשטיקעוועט אַ חודש מיט אַ חודש, אַ יאָר מיט אַ יאָר.

איך האָב נישט געוווּסט, ווען מיין זעלדע איז אומגעקומען, ווען מיין לאהלע איז אויסגעגאַנגען, האָב איך דעריבער באַשטימט דעם טאָג פון זייער יאָרצייט דעם זעכצנטן יולי, דעם טאָג ווען מען האָט זיי צוגענומען פון מיר. אין דעם טאָג האָב איך יאָר־אויס יאָר־איין נישט געאַרבעט. יעדעס יאָר בין איך נישט געקומען אין געשעפט אַריין און אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן תירוץ. אָבער פון איין יאָר צום אַנדערן האָט מען דאָרט געהאַט פאַרגעסן, אַז פּונקט מיט אַ יאָר צוריק, דעם זעלבן טאָג, בין איך אויך נישט געקומען צו דער אַרבעט. איך פלעג שטענדיק אין דעם טאָג פאַסטן, נישט האָבן צו טאָן מיט קיינעם, זיך אָפּשליסן מיט זיך אַליין. איך פלעג אַריינגיין אינעם סקווער, דעם קליינעם גערטנדל פון דער קאַרטיע, אַוועקזעצן זיך אויף אַ באַנק, אַרויסנעמען די פאָטאָגראַפיע פון זעלדען און לאהלען און שעהען־לאַנג זי האַלטן און זיך איינקוקן אין איר. אין אָט דעם גערטנדל אַריין פלעגט זעלדע פירן לאהלען אין איר וועגעלע יעדן טאָג. אַז מיין טעכטערל האָט אָנגעהויבן צו גיין, האָט זעלדע דאָרטן זי אַהינגעפירט אויף אַ שטופּ־וועגעלע און דאָס קינד האָט זיך דאָרטן געשפּילט מיט אַנדערע קינדער אין זאַמד, פון וועלכן זי האָט אַ גאַנצע וועלט אויפגעבויט.

יעדעס יאָר פלעג איך זיך זאָגן, זיצנדיק אויף דער באַנק, און זעענדיק פאַרבייגיין יונגע מיידלעך: „לאהלע וואָלט שוין היינט אַלט געווען אַזויפיל און אַזויפיל יאָרן, זי וואָלט שוין געווען אַ היפּש מיידל", און איך האָב זיך דערביי אויסגעמאָלט אין מיין פאַנטאַזיע ווי אַזוי זי וואָלט שוין איצטער אויסגעזען, און איך האָב זי פאַרגליכן צו יעדן פאַרבייגייענדיקן מיידל. זי וואָלט שוין באַלד אַליין געקענט זיין אַ יונגע מאַמע, ווי אָט די, וועמענס קינדערלעך איך האָב געזען זיך שפּילן אין זאַמד, ווי אַ מאָל זי אַליין, מיין לאהלע.

איין מאָל, צוקוקנדיק זיך ווי דאָס קליינוואַרג שטיפט און ליאַרעמט ביים שפּילן זיך, זענען מיר די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ פייכטקייט. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר די מענטשן אַרום און איך האָב אָפּגעקערט מיין פּנים אין אַ זייט. אַ קינד האָט אָבער באַמערקט מיינע פאַרטרערטע

אויגן און צוגעלאָפן צו זיין מוטער, זי געצופּטביים קליד און אויסגערופן מיט חידוש: „מאַמאַ, דער מיסיע ווייננט!"... איך האָב זיך נאָך מער פאַרשעמט און איך האָב זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און בין אַוועק. איך האָב געזען, אַז אַפילו רעכט אויסווייגען זיך אין טאָג פון מיין בראָך קען איך נישט. איך בין אַהיימגעגאַנגען צו זיך און שוין דערווייננט אין מיינע אייגענע דלד אמות, באַגיסנדיק דאָס טישטעך מיט מיינע טרערן.

איך האָב וואָס אַ מאָל מער געפילט, אַז איך קען נישט אַרויסרייסן פון מיר מיין פאַרגאַנגענהייט און מיינע מחשבות וועגן איר, וואָס האָבן זיך געוויקלט, דער עיקר, אַרום דעם טישטעך. דאָס טישטעך האָט ביי מיר כסדר געמאָנט אַ דין־וחשבון, געמאַכט מיר ביטערע פאַרווורפן, מיך געמאַטערט, מיך באַשולדיקט פאַר מיינע מעשׂים. עס איז כסדר געלעגן פאַר מיינע אויגן, ווי אַ זאַכלעכער באַווייז אויפן טיש פון אַ שטרענגן ריכטער און מיך נישט געלאָזט צו רו. איך האָב וואָס אַ מאָל אַלץ מער געפילט, אַז די אַלע מחשבות, וואָס פייניקן מיך, וועלן קענען פאַרשווינדן בלויז מיט מיר צוזאַמען. און איך האָב געגנומען וועבן דעם פּלאַן פון מיין סוף מיט די פעדעם פונעם טישטעך. דער מקור פון מיין פיין וועט מיך אויך אויסלייזן פון מיין פיין...

באַלד נאָך דער מלחמה האָב איך געטראַכט, אַז אַ ייִד וואָס באַגייט אַליין איבער זיך אַ טאַט פון אומברענג, באַגייט נישט בלויז אַ חטא קעגן זיך, נאָך אויך אַ חטא קעגן זיין פאָלק, ווייל ער פאַרגרעסערט דערמיט אַליין די צאָל קרבנות און ער העלפט דערמיט אַרויס דעם צורר. דאָס איז געווען מיין איבערצייגונג, מיין אני מאמין. אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט און געפילט. איצט אָבער בין איך נישט געווען מער בכוח זיך צו האַלטן ביי מיינע אייגענע ווערטער, ביי מיינע איבערצייגונגען, אין וועלכע איך האָב געגלייבט באמונה שלימה. אַלץ איז צעפאַלן פאַר מיינע אויגן און איך בין געווען אוממעכטיק אין מיין שוואַכקייט און אין מיין פאַרצווייפלונג, נישטיק לגבי מיין גורל.

און אָט זיץ איך איצטער ביינאַכט אין מיין שטוב און שרייב אַריין מיינע לעצטע ווערטער אין מיין העפט אַריין. איך האָב שוין געריסן פאַסן פון מיין טישטעך, ווי איך וואָלט געריסן קריעה פון מיין לעבן. איך האָב געקניפּט און געבונדן, אויסגעפלאָכטן דערפון די ישועה פאַר מיינע צרות און די

תרופה פאַר מיינע ליידן. איך האָב שוין אַלץ איבערגעטראַכט און איך זוך אין מיין זכרון נאָך אַ מחשבה, נאָך עפּעס אַ דערמאָנונג, אַ פּרט, אַ ברעקל, די מינדסטע קלייניקייט, בכדי איך זאָל גאָרנישט פאַרגעסן פאַר מיין אַוועקגיין, אַזוי ווי אַ מענטש, וואָס פאָרן פאַרלאָזן אַ האָטעל־צימער קוקט ער זיך גוט אַרום אין אַלע ווינקעלעך און שופלעדלעך, צי ער האָט גאָרנישט עפּעס פאַרגעסן פון זיינע זאַכן, גאָרנישט איבערגעלאָזט...

געוויינלעך, וואָלט איך געדאַרפט בעטן מחילה פאַר מיין טאָט, אָבער איך האָב אַפילו נישט ביי וועמען צו בעטן אָט די מחילה. וועל איך דאָ פאַרענדיקן מיין שרייבן און איך וועל בעטן דעם, וואָס וועט געפינען מיין העפט, אַז ער זאָל אים אַריינגעבן אין אַ ייִדיש הייליק אָרט, ווו מען זאַמלט־איין אַזעלכע מינים כתבים, בכדי זיי זאָלן דאָרטן דערציילן פאַר די ווענט און פאָליצעס וועגן איינעם אַ געצל ווייסבערג, וואָס האָט זיך מער נישט געקענט געפינען קיין אָרט אין לעבן און האָט געזוכט אַ מקום־מקלט אין טויט".

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

איך האָב פאַרמאַכט דעם העפט און לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך. עס איז מיר שווער געווען די נאַכט איינצושלאָפן און איך האָב זיך געדרייט אויפן געלעגער. אַז איך בין שוין ענדלעך יאָ איינגעשלאָפן, האָב איך געהאַט וויסטע קאָשמאַרן. עפּעס האָבן זיך געשאָטן אויף מיר צעפּלאַצטע, צעבראָכענע שפּיגלען און מיר אויסגעשטאָכן די אויגן. גאַנצע מחנות בגדים זענען געלאָפן פון שאַפעס אַרויס, ווי נישט־דערקוילעטע עופות, און זענען מיך באַפאַלן, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר און מיך געשטיקט און געוואָרגן מיט די אַרבל. איך האָב געוואָלט שרייען און נישט געקענט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אַ סך, אַ סך פריִער איידער דער וועקזייגער קלינגט. זיין וועקן מיך איז שוין מער נישט געווען נייטיק, און ווען ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן פון זיך דעם ערשטן קלאַנג, האָב איך אים גלייך פאַרקלאַפּט דעם קלינגער.

אַן אומרו האָט מיך נאָך פריִער ווי אַלע טאָג אַראָפּגעיאָגט פון בעט. איך בין אַראָפּ פון שטוב און אַריין צו מאַדאַם בערט איר אָפּגעבן דעם העפט. דערזעענדיק מיך, האָט זי אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּנים פול מיט נייגעריקייט און דערוואַרטונג:

— נו?

איך האָב איר דערציילט וועגן דעם וואָס איך האָב געלייענט אינעם העפט, אַז זי ווערט דאָרט זייער אָפט דערמאָנט. איך האָב איר צוגעזאָגט ביי אַ געלעגנהייט צו מאַכן פאַר איר אַן איבערזעצונג פון דעם, וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. דערביי האָב איך צוגעגעבן וועגן ווייסבערגס לעצטן ווונטש, וואָס מען זאָל טאָן מיט זיין איבערגעבליבענעם העפט, וואָס דאָס איז ווי זיינס אַ צוואה, און איך האָב איר געזאָגט, אַז איך קען דאָס אַפילו לאָזן איבערזעצן דורך אַ געשווירענעם איבערזעצער.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו מאַדאַם בערט האָט זי גראָד שוין געהאַלטן ביים סאָרטירן און אויססדרן די קאָרעספּאָנדענץ פאַר די לאָקאַטאָרן, וואָס דער פּאָסטטרעגער האָט איר, קענטיק, נאָר וואָס געהאַט אַריינגעברענגט. טראָץ אָבער איר פאַרנומענקייט האָט זי געהאַט צייט מיך אויסצופרעגן וועגן ווייסבערגס לעבנס־באַשרייבונג און דער עיקר, צי ער גיט אָן די סיבות פון זיין פאַרצווייפלטן שריט.

— מאַדאַם בערט — האָב איך איר געזאָגט — די סיבות דאַרף מען נישט זוכן בלויז אין ווייסבערגס העפט. פאַר מיר איז זיכער, אַז דער, וואָס האָט געהרגעט זיין פרוי און קינד, האָט אויך איצטער אים געהרגעט. ווייסבערג איז איצטער געווען איינער פון זיינע פאַרשפּעטיקטע קרבנות.

— מיסיע מאָריס, אָבער יענער איז דאָך שוין אויך פון לאַנג טויט — האָט געזאָגט מאַדאַם בערט מיט פּשטות און תמימותדיקייט — ס'איז דאָך שוין לאַנגע יאָרן אין דעם, זינט מ'האָט יענעם געפונען אין בערלין אונטער חורבות...

— יאָ, ער איז שוין פון לאַנג טויט, און דאָך האָט ער נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו טויטן... — האָב איך באַמערקט.

— איר ווייסט, מיסיע מאָריס? עפּעס רעדט איר צו מיר אַזוי, אַז איך פאַרשטיי איך נישט אין גאַנצן. ווי אַזוי קען דאָס אַ טויטער טויטן? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אויף מיר מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק.

— די אַלע, נאָך וועלכע אָט דער טויטער האָט זיך אין יענע ביטערע יאָרן געיאָגט און זיי נישט געקענט דעריאָגן, אויך אַ דאַנק אייך און אייערס גלייכן, מאַדאַם בערט, גייען נאָך אַרום ביזן היינטיקן טאָג אין דעם אומקריז פון זיין טויט, אין דער נעץ, וואָס ער האָט דעמאָלט אויסגעשפּרייט — האָב

איך געזאָגט, נישט זייענדיק עפּעס אין גאַנצן זיכער צי זי האָט פולשטענדיק באַנומען מיינע ווערטער.

מאַדאַם בערט האָט מיר דערלאַנגט מיין קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב אויפגעמאַכט די יידישע טאָג־צייטונגען, וואָס איך באַקום מיט דער פּאָסט, און איך האָב גלייך דערזען די נעקראָלאָגן צו וויסבערגס טויט. איין נעקראָ־לאָג פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט, אַ צווייטער פון די געוועזענע דעפּאָרטירטע און אַ דריטער פון זיין איינציקער קרובה. די לוויה איז געווען אָנגעגעבן אויף מאָרגן צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג. איך האָב עס איבערגעגעבן מאַדאַם בערט און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי גייט באַלד מאַכן אַ געלט־זאַמלונג צווישן די לאָקאַטאָרן אויף אַ קראַנץ.

איך האָב געזען ווי מאַדאַם בערט נעמט אין האַנט אַ שטויס בריוו און צייטונגען, אַרויפצוטראָגן צו די לאָקאַטאָרן, און איך דעם העפט, אַריינצוטראָגן אין איין וועגס אין וויסבערגס פאַרלאָזטער דירה, און איך האָב צו איר געזאָגט:

— מאַדאַם בערט, דערלויבט מיר, אַז איך זאָל מיטגיין מיט אייך. איך וויל זען צי דער העפט בלייבט ליגן אויפן זעלבן אָרט ווו ער איז געלעגן. נעמט עס נישט פאַר אומגוט.

— איר קענט מיטגיין אויב איר ווילט — האָט זי איינגעשטימט — אדרבא, קומט, זאָל זיין אַן עדות דערביי, אַז איך האָב אים צוריקגעלייגט אויף זיין אָרט.

אין דער אמתן האָב איך ביים אָנביטן זיך מיטצוגיין געהאַט אַ מיין, אויף וועלכן מאַדאַם בערט האָט זיך נישט געקענט כאַפּן.

אַז מיר זענען אַריין אין וויסבערגס דירה און מאַדאַם בערט האָט אַוועק־געלייגט דעם העפט אויפן טיש, האָב איך זיך אָנגערופן צו איר:

— מאַדאַם בערט, איך וואָלט אייך זייער געבעטן, אַז איר זאָלט מיר דערלויבן צו נעמען פאַר מיר דאָס טישטעך, וואָס איך זע אויפן טיש.

זי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרחידושט.

— צו וואָס טויג דאָס אייך, אייגנטלעך? ס'איז דאָך שוין נישטאָ מער ווי אַ העלפט פונעם טישטעך. צו וואָס וועט דאָס אייך ניצן? — האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין.

— פאַר אַן אָנדענק — האָב איך איר געזאָגט, אויסבאַהאַלטנדיק מיין אמתע כוונה דערביי.

— מיסיע מאָריס, איך קען פאַרשטיין דעם סענטימענט אייערן פאַר אייער לאַנדסמאַן, איר מוזט אָבער וויסן, אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פּאָליציי פאַר יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך דאָ אין שטוב. די אינ־ספּעקטאָרן זענען דאָ געווען און אַלץ געזען. אמת, זיי האָבן נישט פאַרשריבן יעדע זאַך באַזונדער, ווי עס פירט זיך, ווייל, מישטיינס געזאָגט, וואָס האָבן זיי דאָ געהאַט צו פאַרשרייבן, אָבער... — האָט זי נישט פאַרענדיקט.

— איך וויל אייך נישט פאַרשאַפן קיין צרות, מאַדאַם בערט — האָב איך געזאָגט — איך בין אָבער זיכער, אַז די אינספּעקטאָרן וועלן זיך נישט דערמאָנען אין דעם שטיק טישטעך, וואָס האָט פאַר זיי נישט קיין שום ווערט, נאָר טאָמער יאָ, דאָס וואָס איך גלייב נישט, איבעריקנס, נעם איך דאָס אויף זיך. איר קענט דאָס אין גאַנצן אַרויפלייגן אויף מיר, ס'הייסט, איר וועט קענען זאָגן, אַז איך האָב עס מסתמא צוגענומען, אָדער אַפילו געגנבעט.

— איר ווייסט, מיסיע מאָריס? איך הייב שוין אָן צו ווערן פאַראינ־טריגירט צוליב דעם נאָך וואָס איר קענט דאַרפן דאָס טישטעך. עס לוינט אייך אַפילו, אַז מען זאָל אייך אָננעמען פאַר אַ גנב... דאָס קען איך שוין אין גאַנצן נישט פאַרשטיין... איך הייב שוין אָן צו טראַכטן, אַז דאָס איז נישט צוליב אַ געוויינלעכן אָנדענק, נאָר אַז דאָ שטעקט עפּעס דעריין, נאָר וואָס ווייס איך נישט — האָט זי מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק.

— אויב אַזוי וועל איך אייך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, מאַדאַם בערט — האָב איך מער גאָרנישט געקענט באַהאַלטן פאַר איר — הערט מיך אויס, וואָס איך וועל אייך זאָגן. ביי ייִדן פירט זיך, אַז ווען אַ פרומער ייִד שטאַרבט, איז מען אים קובר אין זיין טלית, אין דעם „שאַל דע פּריִער". איך ווייס נישט צי וויסבערג איז געווען פרום, צי ער האָט „פּראַקטיצירט", צי ער איז געגאַנגען אין סינאַגאָגע. איינס ווייס איך נאָר, אַז אָט דאָס — איך האָב אָנגעוויזן אויפן טישטעך — איז געווען ז י י ן טלית. און דערלויבט מיר דאָס מיטצונעמען מיט זיך און איך וועל עס אַוועקטראָגן דאָרטן, וווּ מען דאַרף, צו זיין קבורה...

מאַדאַם בערט האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט ווי אַ געפּלעפטע און לסוף האָט זי געזאָגט צו מיר:

— מיסיע מאָריס, איר האָט מיך טיף גערירט מיט אייערע רייד... איך

קען דאָס איך נישט אָפּזאָגן — האָט זי אָנגעוויזן אויפן טישטעך, און מיט אַ טאָן פון אַנטשלאָסנקייט האָט זי צוגעגעבן: נעמט עס...

מער האָב איך נישט געדאַרפט ווי צו הערן דאָס פון מאַדאַם בערט.

איך האָב אַראָפּגעצויגן פונעם טיש דאָס טישטעך מיט אַ געפיל ווי איך וואָלט געגאַנגען מקיים זיין דערמיט אַ הייליקן חוב, ווי איך וואָלט אים געגאַנגען געבן אַן אייביקן תיקון. איך האָב מיט ציטערנדיקע הענט אים צונויפגעלייגט און געמאַכט פון אים אַ פּעקעלע און מיר זענען אַרויס פון ווייסבערגס דירה. מאַדאַם בערט האָט פאַרשלאָסן די טיר מיט איין האַנט, האַלטנדיק אין דער צווייטער דעם שטויס בריוו און צייטונגען. יעדער פון אונדז האָט גענומען זיין וועג. מאַדאַם בערט איז זיך אַוועק מיט דער פּאָסט צו די לאָקאַטאַרן און איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט מיטן טישטעך, ווי אַ ייִד גייט אַוועק אין שול אַריין דאַווענען מיטן טלית אונטערן אָרעם.

# די פרוי אין שאָטן

# די פרוי אין שאָטן

„אָופשטיין!"

יעדן באַגינען פלעג איך הערן דעם אומהיימלעכן אויסגעשריי, וואָס פלעגט אָפּהילכן אויף יענער זייט טיר פון מיין תפיסה־קאַמער. ער האָט מיך, ווי אַלע אַנדערע אַרעסטאַנטן, געדאַרפט אויפוועקן פון שלאָף. אָבער דאָס איז געווען איבעריק, ווייל סיי ווי בין איך שוין פון פריִער נאָך אויף געווען, געלעגן וואַך אויף מיין פראָסטן זאַקבעטל. איך האָב אים שוין אָפּגע־וואַרט מיט אַן אָנגעשפּיצטן שאַרפן געהער. דער דאָזיקער איינער אויס־געשריי, אויף יענער זייט וואַנט און טיר, האָט ברוטאַל אַראָפּגעריסן די קאָצן פון די געלעגערס ביי אַלע געפאַנגענע. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער טאָג אינעם גרויען אָפּגעשלאָסענעם אַרעסטאַנטישן לעבן; ער איז געווען פאַר מיר, אַחוץ אַלעמען, דער זייגער, וואָס פלעגט אויסשלאָגן זעקס יעדן אינדערפרי. באַלד נאָך אים האָט זיך דערהערט אין לאַנגן ברייטן קאָרידאָר אַ געגייעריי פון די וועכטער, אַ קלינגען פון שליסלען, אַ טרעטן און קלאַפּן פון שטיוול, אַ גרילצן פון שלעסער אין טירן.

צווישן אַלע וועכטער און שליסער, סאָלדאַטן און אונטעראָפיצירן פון דער וועהרמאַכט, וועלכע האָבן זיך אָפּט געטוישט אין זייער דינסט, איז געווען איינער, וואָס איך האָב בעסער געוואָלט אַז ער, אַנשטאָט די אַנדערע, זאָל עפענען אין דער פרי די טיר פון מיין קאַמער, מיר דערלאַנגען די קרוג וואַסער צום וואַשן זיך, דאָס טעפל שוואַרצע קאַווע און די לחמא תפיסה־ברויט פאַרן גאַנצן טאָג.

פאַר וואָס ער, אַנשטאָט די אַנדערע? קודם־כל וויל איך אים אָנרופן אַזוי ווי ער האָט געהייסן. איך האָב איין מאָל געהערט ווי אין קאָרידאָר

האָט אַן אַנדערער וועכטער אים אָנגערופן ביים נאָמען: הערמאַן. וועל איך אים איצטער אַזוי אָנרופן.

די דינסט פאַר הערמאַנען אין דער דיוויזיע פון פאַרטער, ווו איך בין שוין עטלעכע וואָכן געזעסן, איז אויסגעפאַלן יעדע פאַר טעג און אַ מאָל אויך יעדן צווייטן טאָג. ווען ער פלעגט אין דער פרי אויפשליסן די טיר פון מיין צעלע און איך פלעג אים דערזען, אַנשטאָט אַן אַנדערן, איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. קיין סך, וואָס אַן אמת, האָט דאָס נישט געענדערט אין מיין מצב פון אַ געפאַנגענעם, אָבער אין יענעם פרימאָרגן בין איך פון דעסטוועגן געווען בעסער געשטימט. אין הערמאַנס באַנעמונג צו מיר, ווי צו אַן אַרעסטאַנט, האָב איך אָנגעהויבן צו זען אַ בולטן אונטער־שיד אין פאַרגלייך מיט דער באַנעמונג פון די אַנדערע וועכטער. הערמאַן, אויפמאַכנדיק די טיר, האָט מיר נישט באַפוילן, אַז איך זאָל שטיין ביי דער וואַנט, אונטערן פאַרקראַטעטן פענצטערל, אַנטקעגן איבער דער טיר, דער־ווייטערט פון אים, ווען ער געפינט זיך אין דער עפענונג, ווי די אַנדערע וועכטער האָבן עס געטאָן. ער האָט נישט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל מיין בעטל צוטשעפּען און צוקייטלען צו דער וואַנט בכדי איך זאָל מיך בייטאָג נישט קענען צושפּאַרן. ער האָט געזען, אַז איך זאָל האָבן אַ גרויסע קרוג וואַסער, אַנשטאָט אַ קליינע, און דער עיקר, עפענענדיק מיין קאַמער אין דער פרי, האָט ער מיר שטילערהייט געזאָגט „גוטמאָרגן", פון וואָס איך האָב געשטוינט, און צומאַכנדיק די טיר, האָט ער, אײדער זי האָט זיך אין גאַנצן פאַרמאַכט, אין דער נאָך קליינער שמאָלער צווישנעפענונג, געשמייכלט צו מיר מיט אַ דיסקרעטן און פילבאַדייטנדיקן שמייכל, אַ קנייטש געבנדיק ווילעריש מיט אַן אויג, מעשׂה אייגענער.

אין דער מעט־לעתן־לאַנגער מאָנאָטאָנקייט און אָפּגעזונדערטקייט, צווישן פרעמדע פיינטלעכע פנימער און דער חלשותדיקער, איבלדיקער גרינקייט פון די מונדירן, וואָס מיר פלעגט אויסקומען צו זען גאַנץ אָפּט איבערן טאָג, איז דער שמייכל פון הערמאַנען, כאָטש ער האָט אויך געטראָגן דעם זעלבן מונדיר, געווען פאַר מיר אַ געוויסע אָפּפרישונג, אַן איבערבייט, ווי איך וואָלט דאָ אין דער טיפער שטאָק־חשכות געפונען אַ פונקעלע מענטש. דאָס מאַניפּולירן זיינס מיטן שליסל אינעם אַלטן שלאָס ביים פאַרמאַכן די טיר אויף יענער זייט, בלויז אויף יענער זייט און קיין מאָל נישט אינעווייניק,

האָט עפּעס אַנדערש געקלונגען אין מיין געהער; עפּעס האָט ער געדעדט צו מיר, דער שליסל, מיט אַ מענטשלעכער שטים, מיט אַן אַנדערער שטים ווי די אַלע, וואָס מען האָט געקענט הערן דאָ צווישן אָט די פינצטערע שטרענגע ווענט.

הערמאַן מיט זיין „גוטמאַרגן" און שמייכל ביים פאַרמאַכן געלאָסן די טיר, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט נאָך אויפהאַלטן אַ ווײַלע פאַר מיר אָט די רגעס פון פאַרבינדונג צווישן מיר און אים, האָט מיר שיִער דערמאָנט אין אַ באַדינער פון אַ האָטעל, וואָס דערוואַרט זיין טרינקגעלט פונעם קליִענט, ווען יענער וועט פאַרלאָזן דאָס צימער...

יאָ, אָבער הערמאַן, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט ער געקענט האָבן אין מיר? וואָס פאַר אַ טרינקגעלט האָט ער געקענט פון מיר דערוואַרטן?...

אַזוי צי אַזוי, די האַלטונג און באַנעמונג פון דעם יונגן סאָלדאַט, צי אונטעראָפיציר, בערך אין די וויטע צוואָנציקער, האָבן נישט אויפגעהערט מיך צו פאַראינטריגירן. איך האָב אָפּט געטראַכט מיט נייגעריקייט: ווער קען ער דאָס זיין? צי נישט אַ מאָל אַ זעלטענער פאַרבאַהאַלטענער קעגנער פונעם רעזשים, וועמען ער דינט, קעגן זיין ווילן, און וועלכער האַלט מיך דאָ פאַרשלאָסן? און זיין זייטיקער דיסקרעטער שמייכל צו מיר, צי איז ער נישט אַ מאָל דער איינציקער אויסדרוק פון זיין קעגנערשאַפט, פון זיין פאַר־באָרגענער מרידה קעגן דעם רעזשים? איז ער נישט אַ מאָל, דער שמייכל, אין הערמאַנס אוממעכטיקייט, דאָס איינציקע געווער זיינס? און אַפילו דער שמייכל אַליין, צי קען ער נישט זיין אַ מאָל אויך געפערלעך פאַרן רעזשים?

עס וועט אפשר זיין כדאי צו דערווישן הערמאַנען נענטער, אויב איך וועל האָבן אַ מעגלעכקייט, צו דערגיין אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן עפּעס מער וועגן אים, האָב איך געטראַכט. ווען איך וועל נאָכן אָפּזיצן מיין אורטייל אַרויס אויף דער פריי, אויב איך וועל נאָך בכלל אַרויס, וועל איך איבערגעבן וועגן אים די חברים פון דער רעזיסטאַנס. אפשר וועט ער קענען ניצן ברענגען, אפשר וועט ער וועלן פאַרלייכטערן מיט עפּעס אַ שווער־פאַראורטיילטן אַרעסטאַנט? דערמעגלעכן אים צו קאָמוניקירן זיך מיט דער פריי? און אפשר וועט ער וועלן העלפן עמעצן אַנטלויפן? און אפשר וועט ער אַליין גאָר וועלן דעזערטירן און וועט דאַרפן האָבן דערצו הילף פון

דרויסן? עס זענען דאָך געווען געוויסע איינצלנע פאַלן ווען דייטשן האָבן דעזערטירט פון דער אַרמיי און זיך אפילו אָנגעשלאָסן אין ווידערשטאַנד־קאַמף פון די פראַנצויזן.

איין מאָל אין אַ זונטיק־פרימאָרגן, ס׳האָט געקלאַפּט זיין אַרום צען אַ זייגער, בערך, האָב איך אומגעריכט דערהערט דאָס אויפשליסן די טיר פון מיין קאַמער. איך בין געווען פאַרחידושט, ווייל עס איז נאָך געווען וויט צו דער שעה פון דער מיטאָג־זופּ, וואָס צוליבן דערלאַנגען זי, איבעריקנס, דאַרף מען נישט אויפמאַכן די טיר, ווייל די זופּ גיט מען אַריין דורך דער אויפגעמאַכטער קלאַפּע אין דער טיר. איך בין דעריבער געווען נאָך מער איבערראַשט פונעם איצטיקן פּלוצימדיקן שליסן אויף יענער זייט.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און הערמאַן האָט זיך באַוויזן. ער איז געווען געננוג אויפגעלייגט און צוגעלאָזן, וואָס דאָס האָט ביי מיר פאַרטריבן יעדן חשד, אַז עפּעס איז געשען. ער האָט מיר געמאָלדן: „היינט איז די קאַטוילישע מעסע״. ס׳האָט געהייסן, אַז איך קען זי גיין הערן, אָדער תפילה טאָן. ער האָט די פראַזע אַרויסגעזאָגט אין פראַנצויזיש און נישט שלעכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פּאָר ווערטער האָט ער זיך אויסגעלערנט, ווייל ער האָט זיי פאַר נישט איין אַרעסטאַנט געדאַרפט איבערחזרן, און ווייטער וועט ער נישט פאַרשטיין וואָס איך וועל רעדן צו אים, און איך האָב אים, בכדי צו פאַרלייכטערן אים און אויך מיר, געענטפערט אויף דייטש, וואָס דאָס האָט אים, אגב, נישט אַזוי איבערראַשט.

— איך בין דאָך אַ ייִד — האָב איך אים געזאָגט.

וואָס האָב איך דען געקענט מורא האָבן פאַר הערמאַנען מיט מיין אויפדעקן זיך פאַר אים, מיט מיין אַנטפּלעקן זיך פאַר אים, אַז איך בין אַ ייִד, אַז סיי ווי בין איך דאָ אָפּגעקומען אַ שטראָף פאַר עובר זיין אויף אַ ייִדן־געזעץ און מען ווייסט סיי ווי אין דער ביוראָ, אַז איך בין אַ ייִד. אָבער ביים זאָגן אים, אַז איך בין אַ ייִד, האָב איך אויך געהאַט אַ געוויסן מיין דערביי: איך האָב געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף אים, צי וועט ער ענדערן זיין באַציִונג צו מיר. איך האָב געפּאַרשט יעדן מינדסטן מוסקל־באַוועג פון זיין פּנים און פינטל פון אויג. ניין, איך האָב קיין שום ענדערונג ביי אים נישט באַמערקט. די זעלבע אויפגעלייגטקייט און צוגע־

לאָזנקייט ווי פּריִער, וואָס געווייִנלעך ווייזט דאָס נישט אַרויס אַ תּפיסה־וועכטער אין זיין באַציִונג צו אַן אַרעסטאַנט.

נאָכן הערן מיין ענטפער אויף זיין רופן מיך צו דער מעסע האָט הערמאַן, אַ מאַך געבנדיק מיט דער האַנט, אַ זאָג געטאָן:

— נו, אויב אַזוי בלייבט־זשע דאָ — און ער האָט זיך צוריקגעצויגן און גענומען גלאָסן צומאַכן די טיר.

כהרף־עין האָב איך זיך איבערגעלייגט, אַז איך האָב יאָ געדאַרפט גיין צו דער מעסע, נישט מאַכן זיך וויסן, אַז איך בין אַ ייִד. איך בין דאָך דאָ אין דער צעלע אײנער אַליין טעג און נעכט, וואָלט עס געווען גוט פֿאַר מיר צו טרעפן זיך מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן, איך וואָלט זיך אַ ביסל צעשטרייט, אויסגעטוישט אַ וואָרט מיט עמעצן, איך וואָלט דאָרטן געזען מענטשן... און ווען הערמאַן האָט אויף יענער זייט געהאַלטן ביים לעצטן דריי מיטן שליסל האָב איך פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, נישט וויסנדיק אפילו צי איך מעג עס. באַלד האָט זיך די טיר צוריק געעפנט און הערמאַן האָט זיך אויף ס׳ניי באַוויזן אין איר. איך האָב זיך אין פאַרלעגנהייט געווענדעט צו אים:

— אַנטשולדיקט מיר זייער. איך האָב זיך באַרעכנט וואָס שייך אייער איינלאַדונג... אויס נייגעריקייט און סאָלידאַריטעט מיט מיינע קאַטוילישע תּפיסה־פריינד וואָלט איך יאָ געוואָלט בייוווינען די מעסע, אויב איר וועט, נאַטירלעך, נישט האָבן דאַקעגן. איך האָב דרך־ארץ פֿאַר אַלע רעליגיעס, מאַכט עס מיר נישט אויס בייצוּוווינען די מעסע מיט מיינע קריסטלעכע קאַמעראַדן אַרעסטאַנטן.

איך האָב גערעדט צו הערמאַנען און ער האָט אַ רגע געשוויגן. צווישן מיר און אים איז קיינער נישט געווען, אחוץ דעם קליינעם אויסגעהאָפּטענעם פֿויגל איבערן האַקנקרייץ פֿון זיין מונדיר אויף דער ברוסט, איבער דער קעשענע. עפּעס האָט ער, דער פֿויגל, געהאַלטן אָנגעבויגן אין אַ זייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינהערן, ווי אַ מסור, צו מיינע רייד, און ער האָט אָנגעשטעלט דעם קרומען שנאָבל צו מיר, און אָט וועט ער זיך אויסרייסן פֿון די פֿאָדעמשטעך, אַוועקפֿליִען און צוטראָגן וועגן מיר דאָרט ווו מען דאַרף...

אויף מיין בקשה צו הערמאַנען וועגן גיין צו דער קאַטוילישער מעסע האָט ער נאָך אַ קליינער ווײַלע שווייגן מיר געזאָגט:

— אויב אַזוי קומט מיט מיר.

ער איז אַרויס פון דער צעלע און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. גייענדיק מיט הערמאַנען אינעם לאַנגן ברייטן תפיסה־קאָרידאָר, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז עובר אויף נאָך אַ דין אין דער אויפפירונג פון אַ תפיסה־וועכטער לגבי זיין אַרעסטאַנט. ער איז געגאַנגען לעבן מיר אַקסל ביי אַקסל, אַנשטאָט הינטער מיר, אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין. דאָס האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש אים צו זאָגן אַזוינס, וואָס איך וואָלט זיך פריִער אפשר געוואָלט אָפּגעהאַלטן. איך האָב געוואָלט טאַפּן ביי אים דעם דופק, פּרובירן פאַרפירן אַ שמועס מיט אים. איך האָב אומשולדיק אָנגעהויבן וועגן וועטער, אָבער עס איז שוין גאָרנישט געווען אַזוי אומשולדיק, ווייל אין מיינע ווערטער איז גלייכצייטיק געווען כוונה און ציל:

— אַך, אין דרויסן איז היינט אַזוי פיין — האָב איך געזאָגט — אַזאַ שיינער זומערדיקער טאָג, און איך דאַרף דאָ ליגן אין מיין קאַמער — און נאָך אַ הפסקה האָב איך צוגעגעבן: און איר דאַרפט אויך דאָ זיין און מיך היטן...

— ס׳איז זייער נישט גוט צו האָבן צו טאָן מיט די דייטשן — האָט מיר הערמאַן געזאָגט, צו מיין איבעררעאַשונג און איך האָב געשטוינט צוליב זיין אָפנקייט. אַפּנים, אַז ער האָט גאָרנישט קיין מורא געהאַט פאַר מיר, ער איז געווען איבערצייגט, אַז פון מיין זייט קען אים גאָרנישט געשען.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם באַדייט פון זיין פראַזע, אַז „ס׳איז נישט גוט צו האָבן צו טאָן מיט די דייטשן" און צי דאַרף איך דאָס פאַרשטיין, אַז זיך גופא נעמט ער אַרויס פונעם כלל, פון די, מיט וועלכע עס איז נישט גוט צו האָבן צו טאָן.

איך האָב אים נאָך אַ געוויסער וואַקלעניש געוואַגט צו זאָגן:

— יאָ, אָבער נישט איך האָב דאָך צו טאָן מיט די דייטשן, נאָר זיי מיט מיר.

איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער איך האָב באַמערקט ווי הערמאַן האָט גענומען גיין שטראַם, קוקן פאַר זיך, און ער האָט דיסקרעט אָפּגעהאַקט; ער איז נישט גרייט געווען מיך צו הערן צוליב עפּעס, האָב איך פאַרשטאַנען.

פאַרלאָזנדיק דעם קאָרידאָר, זענען מיר צוגעקומען צו אַ זייטיקער

אָפּענער טיר פון אַ גרעסערער צעלע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קליינער קאַפּליצע. הערמאַן איז שטיין געבליבן און מיר געזאָגט:

— דאָ איז עס.

פאַר דער אָפּענער טיר פון דער קאַפּליצע איז געשטאַנען אַן אַנדערער סאָלדאַט, אָבער ווען הערמאַן איז צוגעקומען איז יענער אַוועק.

איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק אין דער קאַפּליצע. עס האָבן זיך דאָרטן געפונען ביי אַ פופצן מאַן, אַרעסטאַנטן. טייל זענען געזעסן אויף בענקלעך, אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום אַריינגאַנג און טייל האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן דער אָפּענער טיר, גלייך ווי דער ענין מיט דער מעסע וואָלט זיי קנאַפּ אָנגעגאַנגען. דאָס האָט מיר צוגעגעבן דרייסטקייט אויך נישט צו זעצן זיך און איך האָב געהאַט אַזוי אַרום אַ מעגלעכקייט צו זיין נאָענט פון הערמאַנען און אַ גינסטיקע געלעגנהייט ווידער צו פאַרקניפּן מיט אים מיין פריִערדיקן שמועס.

אַנטקעגנאיבער דער טיר, אויף אַ שווערן דעמבענעם טיש איז געשטאַנען אַן אייזערנער צלם און פון זיינע בײדע זייטן האָבן געברענט צוויי ליכט. הינטערן טיש האָט אַ מאַן, געקליידט אין שוואַרצן, געפּרעדיקט צו די זיצנדיקע אויף די בענקלעך. איך האָב געהערט זיין פּרעפּלענדיק קול, אָבער נישט באַנומען וואָס ער זאָגט, איך האָב זיך, איבעריקנס, אויך נישט די מי געגעבן דערצו. איך האָב געטראַכט, אַז איצטער איז די בעסטע געלעגנהייט צו פּרובירן רעדן אויף אַ פאַרזיכטיקן אופן מיט הערמאַנען וועגן תוך־זאַכן, צו פאַרבינדן זיך מיט אים, פאַרלייגן אים צו טרעפן זיך אין שטאָט, ווען איך וועל אַרויס פון תפיסה. אָבער ווי אַזוי מאַכן דאָס? אונטער וואָס פאַר אַ תירוץ?

איך האָב געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן זיין פּאַסיק און אומשולדיק גלייכצייטיק, ער זאָל זיך נישט כאַפּן, אַז איך האָב עפּעס באַזונדערע כוונות דערביי.

— ווי געפעלט אייך עפּעס פּאַריז? — האָב איך ענדלעך אים געפרעגט מיט כלומרשטער תמימות, גלייך ווי הערמאַן וואָלט געווען נישט מער ווי אַ טוריסט אין פראַנקרייך.

— פּאַריז געפעלט מיר זייער, אָבער איך געפעל נישט פּאַריז — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעפילט עטוואָס

פאַרביטערונג — אין שטאָט וויכן אַלע פון מיר, מען קערט אָפּ פון מיר די קעפּ מיט האַס, מען וויל מיר רעכט קיין גאַס נישט אָנווייזן. ס'איז גענוג, אַז מען זאָל זען מיין מונדיר, אַז מען זאָל מיך פאַראַכטן...

— איך פאַרשטיי דאָס — האָב איך געזאָגט צווייזייטיק און מיט געמאַכטן באַדויער, אָבער שטילערהייט, ביי זיך, געווען זייער צופרידן פון זיינע ווערטער, ווייל זיי זענען געווען פאַר מיר אַ באַשטעטיקונג ווי אַזוי די באַפעלקערונג פון פאַריז באַציט זיך צום אָקופּאַנט — דאָ קומט נאָך צו די שוועריקייט, וואָס איר קענט זיך נישט פאַרשטענדיקן אין גאַס מיט די מענטשן — האָב איך נאָך געזאָגט, באַמיִענדיק זיך, כלומרשט, אַריינצוגיין אין זיין לאַגע — איר ווייסט, איך קען אַ משפחה אין פאַריז, וואָס שטאַמט פון עלזאַס, זיי קענען דייטש, נאַטירלעך. עס איז פאַראַן ביי זיי אַ יונגע טאָכטער, וואָס וואָלט אפשר באַוויליקט אייך צו פירן אין אינטערעסאַנטע ערטער פון פאַריז. איך זע, אַז איר וויזט אַרויס צו מיר אַ גוטע באַציִונג, וואָלט איך אייך געוואָלט מיט עפּעס אָפּדינען. אויב איר האָט אַ פאַרלאַנג, וועל איך אייך באַקענען מיט אָט דער משפחה ווען איך וועל אַרויס אויף דער פריי.

— פאַר וואָס דען נישט ? — איז הערמאַן מסכים געווען מיט מיין אָנבאָט.

— אייגנטלעך, דאַרף זיך מיין אורטייל ענדיקן אין צוויי וואָכן אַרום, אויב איך וועל אַרויס פון דאַנען, נאַטירלעך... אויב איר ווילט קען איך שוין איצטער מיט אייך אָפּמאַכן אַ טרעפונג אין גאַס, וועל איך אייך באַקענען מיט דער עלזאַסער משפחה, בראַווע מענטשן, כמעט לאַנדסלייט אייערע, און איר וועט האָבן ווו אַריינצוקומען אין אַ פרייען טאָג.

— ביטע זייער.

איך האָב הערמאַנען אָנגעגעבן אַ קאָפּע אַנטקעגנאיבער דעם הויפּט־איינגאַנג פון לוקסעמבורג־פּאַרק, ווו מיר וועלן זיך קענען טרעפן אין אַ טאָג ווען ער וועט זיין פריי פון דינסט, פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג. ער וועט מיר דאַרפן בלויז אָנגעבן וועלכן טאָג, שרייבנדיק מיר אַ בריוול אויף פּאָסט־רעסטאַנט פאַר אַלבערט. דערביי האָב איך אים אָנגעגעבן דעם נומער פון דער פּאָסט.

הערמאַן האָט דאָס אַלץ גערן אָנגענומען. איך האָב באַמערקט, אַז ער שטרענגט זיך אָן צו פאַרגעדענקען אַלץ וואָס איך האָב אים אָנגעגעבן. ער האָט, זעט אויס, נישט געוואָלט פאַרשרייבן. איך האָב דאָס אויך נישט געוואָלט,

אָבער צוליב פּאָרזיכטיקייט וואָלט איך עס אים נישט געזאָגט, ווייל עס וואָלט נאָך געקענט הייסן, אַז איך מאַך מיט אים קאָנספּיראַציע.

דער מאַן אין שוואַרצן, הינטערן טיש מיטן אייזערנעם צלם און צוויי אָנגעצונדענע ליכט, האָט, זעט אויס, שוין געהאַט פאַרענדיקט זיין פּרעדיקן, ווייל די אַרעסטאַנטן האָבן זיך גענומען אויפהייבן פון זייערע פּלעצער. הערמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז די מעסע איז געענדיקט. אַרויסקומענדיק פון דער קאַפּליצע האָבן די אַרעסטאַנטן געוואַרט. באַלד זענען אָנגעקומען נאָך וועכטער און יעדער האָט גענומען אָפּפירן זיינע אַרעסטאַנטן צו זייערע קאַמערן. הערמאַן איז געגאַנגען מיט מיר אין לאַנגן קאָרידאָר. מיר האָבן גאָרנישט גערעדט צווישן זיך. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין מיין קאַמער, פאַרמאַכט די טיר און צומאַכנדיק זי, נאָך אין דער שמאָלער צווישנעפענונג געגעבן צו מיר אַ קנייטש מיט אַן אויג, ווי אַלע מאָל.

די ראַנדעוווּ צווישן מיר און הערמאַנען איז געווען אָפּגעמאַכט. אָבער צוגיין אויף דער טרעפונג מיט אים וועל איך נאָר אין דעם פאַל, ווען די חברים וועלן האַלטן, אַז מען קען הערמאַנען אויסניצן פאַר דער רעזיסטאַנס. טאָמער נישט — מאַך איך זיך נישט וויסן וועגן זיין בריוול, וואָס איך וועל באַקומען אויף פּאָסט־רעסטאַנט, און איך האַק אָפּ מיט אים.

צו דער צייט, נאָכן אָפּזיצן מיין אורטייל, בין איך אַרויס פון תפיסה, צום גרויסן חידוש פון אַ סך פריינד מיינע אין פּאַריז, וועלכע האָבן נישט געגלייבט, אַז מען וועט מיך נאָך אַרויסלאָזן, סיידן אויף אָוועקצושיקן מיך אין אַ לאַגער.

ווי נאָר איך בין באַפרייט געוואָרן, האָב איך זיך גלייך פאַרבונדן מיט די חברים און זיי איבערגעגעבן וועגן הערמאַנען און זיי זענען באַשטאַנען אויף דעם, אַז איך זאָל אָנהאַלטן מיט אים אַ קאָנטאַקט. איך האָב גלייך צוגעגעבן, אַז בלויז דאָס ערשטע מאָל, אויב איך וועל באַקומען אַ בריוול פון אים, וועל איך זיך מיט אים זען, און אויף להבא זאָלן אַנדערע שטיין מיט אים אין פאַרבינדונג. איך פּערזענלעך קען נישט און וויל אים מער נישט זען. סיי ווי האָבן די חברים נישט אַנדערש געטראַכט. זיי האָבן באַלד נישט געהאַלטן, אַז איך וועל זיין דער פּאַסיקער מענטש, וואָס וועט קענען

מיט הערמאַנען שטיין אין קאָנטאַקט און פּרובירן אים אויסניצן אויף דעם, וואָס מען וועט האַלטן פּאַר נויטיק. איך האָב דאָס אויך נאָך אין תּפֿיסה פֿאַרויסגעזען און דערפֿאַר גלייך צוגעטראַכט די מעשׂה מיט דער עלזאַסער משפּחה, וואָס האָט אַ יונגע טאָכטער, האָבנדיק אין זינען, אַז אויב וועט מען זיך וועלן מיט הערמאַנען פֿאַרבינדן וועט די דאָזיקע שליחות דאַרפֿן מסתּמא אויספֿירן אַ פֿרוי.

מיר איז איצטער געבליבן בלויז איין זאַך: וואַרטן אויף אַ בריוול פֿון הערמאַנען. צי וועט עס אָנקומען, צי נישט? איך בין געווען גענוג פֿאַראינ־טריגירט און געשפּאַנט. און אָט האָב איך איין מאָל, אַריינגייענדיק אין דער פּאָסט, אָפּגענומען אַ בריוועלע פֿון הערמאַנען „אַן הערן אַלבערט”, ווו ער שרייבט מיר בלויז עטלעכע געציילטע ווערטער, אין וועלכע ער גיט מיר אָן דעם טאָג ווען ער וועט זיין צו דער באַשטימטער שעה אויפֿן באַשטימטן אָרט.

איך האָב אויפֿמערקזאַם באַטראַכט הערמאַנס פּאָר לאַקאָנישע ווערטער, וואָס לויט דעם פּאַרזיכטיקן אופֿן פֿון שרייבן האָט מען געקענט גלייבן, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטש, וואָס קען די כּללים פֿון קאָנספּיראַ־ציע. איך האָב גוט באַמערקט, אַז ער מיידט בכיוון אויס איבערצוחזרן די שעה און דאָס אָרט פֿון אונדזער ראַנדעוווּ און דאָס האָט מיר געגעבן האָפֿענונג, אַז עפּעס וועט אַרויסקומען פֿון מיין אויפֿטו.

צו דער באַשטימטער צייט בין איך צוגעגאַנגען אויף דער ראַנדעוווּ מיט הערמאַנען. איך האָב צום ערשט שפּאַצירט אַ ביסל אין לוקסעמבורג־פּאַרק, אַ צען מינוט, וואָס האָבן צוגעפּעלט צו פֿיר אַ זייגער. דער טאָג איז געווען אַ סוף־זומערדיקער, אָבער אַ וואַרעמער און זוניקער, און טראָץ דעם געוויינלעכן וואָכנטאָג זענען אַ סך מענטשן געווען אין פּאַרק און אויך אין די אַרומיקע גאַסן, וואָס מיר איז גוט געווען אויסצומישן זיך מיט זיי. פּינקטלעך פֿיר אַ זייגער בין איך צוגעקומען צום טויער פֿון אייזערנע שטאַכעטן און האָב אָבסערווירט דורך זיי דעם פּלאַץ פֿאַרן פּאַרק און די קאַפֿעען אַרום. אויף דער טעראַסע פֿון דער קאַפֿע אַנטקעגנאיבער איז שוין געזעסן הערמאַן. איך האָב אים דערקענט פֿון דער וויטנס צוליב זיין מונדיר, נאַטירלעך. ער מיך איז נישט געווען ביכולת צו דערקענען פֿון אַזאַ מרחק, ערשטנס, ווייל איך בין געווען אָנגעטאָן אין ציוויל, צווישן אַ סך אַזעלכע ווי איך און,

צווייטנס, ווייל איך האָב זיך געפונען הינטער די שטאַכעטן פונעם טויער פון פּאַרק און כמעט פאַרשטעלט פון זיי. מיר איז אויך לייכטער געווען אים צו דערזען, ווייל איך האָב געוווּסט אויף וועלכן אָרט ער דאַרף זיך געפינען.

איך האָב עפּעס נישט געקענט גלייך צוגיין צו הערמאַנען. עס איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן פון דעם גאַנצן עסק, וואָס איך האָב פאַרקאָכט. איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף אַלץ און אַלעמען. אין תפיסה האָט זיך הערמאַן פאַר מיר אויסגעטיילט פון די אַנדערע דייטשן מיט זיין באַנעמונג צו מיר, מיט זיין שמייכל, מיט זיין ווונק, אָבער איצטער, אין גאַס, אין דרויסן, טיילט ער זיך אויס פון אַלע מענטשן דערמיט וואָס ער איז פאַר מיר אַ דייטש ווי אַלע דייטשן און זיין מונדיר איז פאַר מיר אַ פאָדעם פון דעם גאַנצן ריזיקן גרינעם שטריק, וואָס ווערגט די איינוווינער פון דער שיינער גרויסער שטאָט. איך זע נישט איצטער מער ווי זיין מונדיר, פון וועמענס גרינקייט עס גייט מיר אָן אַ חלשות און וואָס ער ליגט ווי אַ טונ־קעלער פלעק, ווי אַ מוראדיקער שאָטן, ווי אַ צעשפּרייטער קרעבס אויפן געביין פון גאַנצן לאַנד.

איך האָב געקוקט דורך די שטאַכעטן פונעם טויער און צוליב זיי געזען איצט הערמאַנען אַ צעהאַקטן אויף פּאַסן, אַ צעשאַרפּעטן און צעפּליקטן. איך האָב זיך געדרייט אַהין און אַהער און זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט זיך אַליין. איך האָב וואָס אַ מאָל מער געפילט, אַז איך קען נישט צוגיין צו אים, געטראַכט אַפילו וועגן רעזיגנירן פון דעם גאַנצן עסק. סוף כל סוף וועל איך דאָך קענען זאָגן די חברים, אַז הערמאַן איז נישט געקומען אויף דער ראַנדעוווּ, ער האָט מיר אָנגעזעצט, אָדער אַז איך האָב געזען אַרום אים פאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען אין ציוויל און איך האָב געהאַלטן פאַר גלייכער נישט צו ריזיקירן. ווער וועט דען וויסן, אַז איך זאָג נישט דעם אמת? אָבער איך האָב זיך דאָס גלייך געבומען זעלבסט פאַרהאַלטן, מוסרן זיך אַליין, אַז עס איז נישט שיין פון מיין זייט אַזוי צו האַנדלען, אַז דאָס קען הייסן נישט ערלעך, אומאחריותדיק און אפילו פּחדנותדיק, בעת איך האָב זיך אונטערגענומען דורכצופירן אזא וויכטיקע שליחות. אמת, קיינער האָט זי מיר נישט אָנגעבאָטן, אָדער אויפגעגעבן; איך אליין האָב זי גענומען אויף זיך און אַלץ אַליין, נאָך אין תפיסה זיצנדיק, פאַרטראַכט דעם גאַנצן פּלאַן ווי אַזוי מיט

הערמאַנען זיך צו פאַרבינדן אין דרויסן און אַלץ מיט אַ געוויסן ציל און אויסרעכענונג, און איצטער וועל איך דאָס אַלץ אַליין קאַליע מאַכן, צו נישט מאַכן? און פאַר וואָס? ווייל מיר פערזענלעך איז געוואָרן אומאַנגענעם און נישט ניחא דער גאַנצער ענין? און צי ווייס איך דען נישט, אַז אין קאַמף מוז מען אַ מאָל אויך טאָן זאַכן, וואָס זענען נישט אַזוי אָנגענעם און שיין, אָבער מען טוט זיי פאַר אַ שיינעם ציל? — האָב איך זיך האַרב און ביטער זעלבסט פאָרגעוואָרפן — איבעררייסן מיט הערמאַנען, לאָזן אים איצטער אין גאַנצן פאַלן, בעת עס וואָלט אפשר געקענט אַרויסקומען אַ ניצן פון אים פאַרן אונטערערדישן קאַמף, וואָלט דאָך געווען אַ זינד, יאָ, אַ זינד פאַרן כלל...

סוף כל סוף האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער קאַפע. וואָס מער איך האָב זיך דערנענטערט צו דער טעראַסע האָב איך זיך אָנגענומען מיט מער מוט און זיך געשטאַרקט אין מיין אַנטשלאָסנקייט.

הערמאַן איז געזעסן ביי אַ קיילעכיק טישעלע, אויף וועלכן עס האָט זיך געוועפט און געמיניעט דער שוים פון אַ שוין האַלב אויסגעטרונקענעם ביר. לעבן אים איז גראָד געווען אַ פריי טישעלע און איך האָב זיך צוגעזעצט דערביי, ווי איינער אַ צופעליקער דורכגייער, אַ קליענט, אַ פרעמדער, וועלכער קען אים נישט. איך האָב זיך נישט באַגריסט מיט הערמאַנען, נישט געגעבן אים די האַנט, נאָר זייער אַ דיסקרעטן שמייכל געטאָן צו אים. ער האָט מיין האַלטונג נישט גענומען פאַר אומגוט, האָב איך געפילט. ער האָט מיר אויך נישט פרובירט צו דערלאַנגען די האַנט, נאָר בלויז ווי זיין טבע, אַ דיסקרעטן קנייטש געגעבן צו מיר מיט אַן אויג, ווי דאָרטן, אין תפיסה, בעת ער פלעגט פאַרמאַכן די טיר פון מיין קאַמער. ס׳האָט געדאַרפט הייסן: „מיר פאַרשטייען זיך אויפן ווונק".

דער גאַרסאָן איז צוגעקומען צו מיר און איך האָב אויך באַשטעלט אַ ביר. אַרום, ביי די טישלעך אויף דער אַרויסגערוקטער טעראַסע אויפן טראָטואַר זענען געזעסן פראַנצויזן, פאַר וועלכע איך האָב זיך געפילט עפּעס שולדיק, כאָטש קיין שום זינד בין איך דאָ נישט באַגאַנגען לגבי זיי. איך האָב באַמערקט ווי מען וואַרפט אומפריינדלעכע בליקן אין הערמאַנס זייט, אַנדערע קאַפע־זיצער קערן גאָר אָפּ די אויגן פון אים, ווילן אים גאַרנישט אָנקוקן. איך האָב פון דעסטוועגן געמוזט זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט צו אים. צו וואָס

דען בין איך דאָ, אייגנטלעך, געקומען צו אים? אָבער איך האָב זיך באַמיט צו מאַכן דאָס אויף אַזאַ אופן, ווי איך וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין שייכות צו אים, נאָר איך בין בלויז אַ צופעליקער קאַפע־זיצער, וואָס אויס העפלעכקייט אָדער נייגעריקייט רעד איך עפּעס צום דייטש, בפרט ווען ער רעדט עפּעס צו מיר, ענטפער איך אים, אָבער נישט מער ווי בלויז צוליב קאָרעקטקייט. ס'איז מיר אָבער געווען אומהיימלעך ביים געדאַנק, אַז די אַרומיקע פּראָנצויזן וועלן זיך פּאָרט כאַפּן, אַז איך האָב אַ שייכות צו הערמאַנען און וועלן טראַכטן מיט פאַרדאַכט און פאַראַכטונג וועגן מיר, ווי וועגן אַ פאַרשויץ, וואָס האָט באַציִונגען מיט דייטשן... איך האָב פּשוט נישט געהאַט ווו די אויגן אַהין צו טאָן. איך האָב זיך געדרייט אויפן בענקל און פאַר נערוועזקייט געזופּט אָפּט מיין ביר, שוין צו אָפּט...

דער גאַרסאָן איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען לעבן מיין טישל ווען הערמאַן האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און זיך צוגעבויגן אַ ביסעלע צו מיר און מיר עפּעס געזאָגט, אמת, טאַקע, ווי צו אַ צופעליקן פרעמדן קאַפע־זיצער, אָבער פון דעסטוועגן האָב איך זיך געפילט זייער זשענירט פאַרן גאַרסאָן און איך האָב צו אים געזאָגט, ווייזנדיק אים דיסקרעט מיט אַ בליק אויף הערמאַנען, אַז איך ווייס נישט וואָס ער פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ, דער יעקע... דער גאַרסאָן האָט אויף מיין באַמערקונג געענטפערט פאַרזיכטיק, מאַכנדיק בלויז מיט זיינע מויל־ווינקלען אַ פילבאַדייטנדיק גרימאַסעלע, אַ סיגעלע. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט און גלייך אויפן אָרט באַצאָלט פאַר מיין „דעמי״, איך זאָל קענען אַוועקגיין ווי נאָר איך וועל וועלן, נישט דאַרפן זוכן דעם גאַרסאָן, וואָס ווערט אַלע מאָל ערגעץ פאַרפאַלן.

איך האָב איצטער געזופּט דעם ביר ווי לאַמיך געמאַך. איך בין געווען פאַרנומען מיטן געדאַנק ווי אַזוי אַמשנעלסטן אָפּצומאַכן מיט הערמאַנען דאָס, וואָס איך דאַרף, און זיך אָפּצוטראָגן. איך האָב אים אַריינגעוואָרפן פון מאָל צו מאָל אָפּגעהאַקטע ווערטער, קורצע זאַצן, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין גערעדט מיט דער עלזאַסער משפחה און מיט דער פריילין, דערציילט זיי וועגן אים, הערמאַנען, און וועגן זיין פּילן זיך עלנט אין פּאַריז; איך האָב אָפּגעשמועסט אַ באַגעגעניש צווישן אים און דער פריילין ווען איך וועל ווידער באַקומען פון אים אַ בריוועלע אויף פּאָסט־רעסטאַנט, ווי ס'פריִערדיקע מאָל, און ער וועט מיר אָנגעבן דעם טאָג ווען

ער איז פריי צוצוקומען אין דער זעלביקער שעה וואָס היינט. אָט איז דאָס אָרט, וווּ די פריילין וועט אויף אים וואַרטן. איך האָב דעם אַדרעס אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און עס געלאָזט אויף מיין טישל, כלומרשט סתּם אַזוי, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעגעבן דאָס אָרט פון דער ראַנדעוווּ: ביים איינגאַנג פון פּאַרק ביטשאָמאָן, ראָג רי באָטזאַריס און אַוועני סימאָן באָליוואַר. איך האָב נאָך אַ מאָל צוגעגעבן, ווי אַנומלט אין דער תּפיסה, אַז איך האָב געמאַכט די אַלע באַמיִונגען צו באַקענען אים מיט אַ פיינער משפּחה אויס דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר זיין גוטער באַציִונג דאָרטן צו מיר, דעם אַרעסטאַנט. דאָס מאָל האָב איך עס אויך געזאָגט צוליב דעם, בכדי איך זאָל נישט אויסקוקן אין הערמאַנס אויגן משונהדיק, אפילו לעקישעוואַטע, און אפשר אויך אויפפאַלנדיק צוליב דעם וואָס איך באַמי זיך עפּעס צו באַקענען אים מיט אַ פריילין. גלייכצייטיק איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז הערמאַן גיט זיך אפשר אָפּ אַ חשבון וועגן מיינע כוונות צו באַקענען אים מיט עמעצן אין שטאָט, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן, שפּילט פאַר מיר דעם טויבן מאיר...

איך האָב געזען ווי הערמאַן נעמט צו גאַנץ פאַרזיכטיק פון מיין טישל דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס איך האָב פאַר אים אָנגעשריבן, לייענט עס איבער עטלעכע מאָל און קנייטשט עס צונויף אין זיין האַנט, ווי עס וואָלט אים שוין נישט געווען מער נויטיק. איך האָב אים געזאָגט, אַז ליידער האָב איך שוין נישט מער קיין צייט צו זיצן מיט אים. אפשר וועלן מיר זיך באַגעגענען ביי דער עלזאַסער משפּחה און דאַן וועלן מיר שמועסן מער. ער איז מסכּים געווען און איך האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט, געזאָגט אים שטילערהייט אַ „גוטן טאָג" און פאַרלאָזט די טעראַסע פון דער קאַפע. ווען זי איז שוין, צוזאַמען מיט הערמאַנען, געווען ווייט הינטער מיר, האָב איך ערשט אָפּגעעטעמט.

איך האָב איבערגעגעבן די חברים וועגן מיין באַגעגעניש מיט הערמאַנען אין שטאָט און אויך מיין איינדרוק וועגן אים, אַז ער זעט מיר אויס צו זיין אַ „גוטער מאַטעריאַל" און, ווער ווייסט, אפשר אויך אַ פאַרבאַהאַלטענער אַנטיהיטלעריסט. איך האָב געזאָגט: אפשר, ווייל אָפן זענען מיר ביידע נישט

געווען. מיר האָבן זיך נישט געפילט פריי צו קענען זיין אין גאַנצן פריי. יאָ, דאָס איז נאַטירלעך.ביים רעדן האָבן מיר זיך געהיטן מיט אַ וואָרט. ער פאַר מיר און איך נאָך מער פאַר אים.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צו דער נאָענטער ראַנדעווו מיט הערמאַנען וועט צוגיין די חברטע סאָניע אַלס די „טאָכטער פון דער עלזאַסער משפחה" און נאָך איר באַגעגעניש מיט אים און לויט איר איינדרוק, וואָס זי וועט האָבן וועגן אים, וועט באַשטימט ווערן צי מען האַלט ווייטער אָן מיט הערמאַנען דעם קאָנטאַקט אָדער נישט.

איך האָב די חברטע סאָניע געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה, ווען זי איז, נאָך זייענדיק אַ יונג מיידל, געקומען אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטין פון פּוילין קיין פּאַריז. עס האָט איר געדראָט דאָרטן אַ שווערער אורטייל און זי האָט קוים באַוויזן צו אַנטלויפן דורך דער גרענעץ ביי טשעשין קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און פון דאָרטן ווייטער זיך געשמוגלט איבער לענדער, געשוואַרצט גרענעצן מיט דער הילף פון מאַכערס, פאַלשע פּאַספּאָרטן און אויך דורך אייגענע מיטלען, פּאַרטלען און איינפאַלן, ביז נאָכן אַרומוואַלגערן זיך עטלעכע וואָכן אונטערוועגנס, איז זי, כמעט אָן באַגאַזש, אָנגעקומען אויפן גאַר דע ל'עסט אין פּאַריז.

אויך דאָ, אויף דער עמיגראַציע, איז די חברטע סאָניע, אָדער די ווייסע סאָניע, ווי מען האָט זי גערופן אין די היימישע קרייזן צוליב איר בלאָנדן קאָפּ האָר און קלאָרן געזיכט, נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. זי איז געווען טעטיק, ווי מען פלעגט זאָגן אויפן היימישן אָרגאַניזאַציאָנעלן לשון, אויף פאַרשידענע געביטן. זי האָט געאַרבעט אין דער „רויטער הילף", אין דעם קאָמיטעט פאַר העלפן די שפּאַנישע קעמפער און אין דער קליידער־סעקציע ביים סינדיקאַט. זי איז אויך געווען טעטיק אין איר לאַנדסמאַנשאַפט, כאָטש דאָס איז איר נישט אַזוי אָנגעשטאַנען, ווייל ס'האָט געשמעקט אַ ביסל מיט קליין־שטעטלדיקער אָפּגעשטאַנענקייט, אָבער אַזוי ווי זי האָט געקענט דעם אָנשטעל, אַז מען דאַרף זיך געפינען אויף אַלע פּאָזיציעס און אומעטום געזעלשאַפטלעך ווירקן, איז זי שוין דאָרטן אויך געווען. זי האָט אַפילו אויך געזונגען אין כאָר ביי דער אָרגאַניזאַציע, כאָטש זי האָט אין אָנהייב געהאַלטן, אַז עס איז נישט פאַר איר קיין ענין צו זינגען ווען אַ וועלט ברענט, הגם זי האָט געוווסט וועגן דעם, אַז אויך געזאַנג איז אַן אינסטרומענט פון קאַמף.

זי איז אָבער אַריינגעצויגן געוואָרן אין כאָר אַריין גאַנץ צופעליק און ממש קעגן איר ווילן.

אין אַ זומערדיקן זונטיק אויף אַן אויספלוג אין די וועלדער פון גאַרש, הינטער פּאַריז, האָט דער דיריגענט אָסקאַר, דער מיט די איינגעפאַלענע באַקן און לאַנגע שוואַרצע האָר, זי געהערט זינגען אַ לידל אין אַן אויסגעזוכטן קרייז פון חברים און חברטעס אויפן גראָז ביי אַ פריילעכן פּיקניק, און ער האָט זי שוין נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט איינגעטענהט מיט איר, אַז נאָר זי מוז אַריינטרעטן אין כאָר, אַז ס׳איז אַ שאָד, זי זאָל פאַרנאַכלעסיקן איר שטימע און אַז עס וועט אויך זיין פון איר זייט אַ געזעלשאַפטלעכע זינד אויב זי וועט נישט זינגען. מיט אָט דעם אַרגומענט האָט אָסקאַר שוין אַ ביסל איינגענומען סאָניען. געוויס האָבן דאָ נאָך אויך משפיע געווען פערזענלעכע קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע אָסקאַר האָט געוווסט ווי אַזוי צו „נעמען״ די כאָריסטקעס, און נעמלעך, אַז זי, סאָניע, האָט אַ שיינע שטימע, וואָס עס איז אַ שאָד זי צו מאַרנעווען און מען דאַרף זי אויסניצן, ווייל אַ שטימע איז נישט קיין אייביקייט, היינט האָט מען זי און מאָרגן קען זי זיין אויס.

סאָניע האָט זיך נאָך פּרובירט ווערן קעגן אָסקאַרן מיטן תירוץ, אַז זי האָט נישט קיין צייט, אַז זי איז שטאַרק פאַרנומען געזעלשאַפטלעך, אָבער אָסקאַר האָט געטענהט, אַז זינגען פאַר די מאַסן איז אויך געזעלשאַפטלעך און ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון איר.

— חברטע סאָניע — איז ער צוגעשטאַנען — עס וועט אייך שוין גאָר־נישט העלפן. איך האָב אייך געהערט, איז פאַרפאַלן. איר קענט דאָך דעם פאַבל פון לאַ פאָנטען „דער ראָב און דער פוקס״, ווו אויפמאַכנדיק דעם שנאָבל האָט דער ראָב אַליין זיך פאַרראַטן...

— צו עפּעס שענערס, זע איך, חבר אָסקאַר, קענט איר מיך שוין נישט פאַרגלייכן ווי נאָר צום ראָב — האָט סאָניע געמאַכט אַ חנדעלע.

— איך מיין אייך נישט, חלילה, צו פאַרגלייכן צום ראָב — האָט אָסקאַר פּרובירט זיך צו פאַרענטפערן — איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז פּונקט ווי דער ראָב, אַזוי זענט איר אויך, אויפמאַכנדיק אייער מיילעכל, אַריינ־געפאַלן און איר וועט זיך שוין נישט אַרויסדרייען פון מיינע הענט. לאָזט אייך מער נישט בעטן און לאָמיר האָבן דאָס פאַרגעניגן צו געניסן פון

אייער שטימעלע, וואָס געהערט צו דער געזעלשאַפט, און וואָס נישט שטענ־דיק וועט איר עס האָבן. וואָס מיינט איר, חברטע סאָניע, אַז אייביק וועט איר זיין יונג און האָבן די ראָויטע בעקעלעך? — האָט ער באַוועגט אַהין און אַהער מיט אַ פּולקע פון אַ געבראָטענער קאַטשקע, ווי מיט זיין דיריגיר־שטעקעלע.

— איר מאַכט דאָך מיר עפּעס אָן אַ מורא, חבר אָסקאַר — האָט סאָניע אָפּגעענטפערט שטיפעריש — מיר זענען די פאַרקערפערונג פון אַ נייער וועלט און מיר וועלן שטענדיק זיין יונג אין גייסט.

— חברטע סאָניע — איז אָסקאַר נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער — רעדט מיר נישט פון גייסט, ס׳איז נישט ממשותדיק, ס׳האָט נישט קיין האַפט. קומט בעסער מאָרגן אַרויף אין לאָקאַל אויף אַ רעפּעטיציע. איך וואַרט אויף אייך.

די חברטע סאָניע האָט נישט געהאַט קיין ברירה און זי איז געקומען.

סאָניע איז נישט געווען פון די ערשטע זינגערינס אין כאָר. אָסקאַר האָט דאָס געוווּסט און אויך סאָניע האָט עס געוווּסט. אָבער זי איז דאָרטן געבליבן, ווייל זי האָט איינגעזען, אַז אויך אין כאָר איז פאַראַן פאַר איר אַ „פעלד פון אַרבעט". אויף די יערלעכע קאָנצערטן אין זאַל גאַוואַ האָט אָסקאַר זי געשטעלט אויף דער עסטראַדע אין דער ערשטער ריי, מחמת איר שיינער פיגור. סאָניע גופא האָט זיך געהאַלטן באַשיידן און זיך פאַרשטעקט פון הינטן, אָבער אָסקאַר האָט זי אַפּערגעצויגן פון דאָרטן ביי אַ האַנט, רופנדיק זי:

— חברטע סאָניע, באַהאַלט אייך נאָר נישט, קומט אַרויס פון פאָרנט. לאָמיך אייך זען פאַר מיינע אויגן. אַז איך וועל אייך זען ביים דיריגירן, וועט מיר דאָס שטעקעלע אין דער האַנט גאָר אַנדערש דינען.

סאָניע האָט זיך געשטעלט פון פאָרנט. „ער וויל, איך זאָל שטיין פון פאָרנט, זאָל זיין פון פאָרנט. אַ דאגה האָב איך", האָט זי זיך געטראַכט, אָבער פון אָסקאַרס רייד, וואָס זי האָט באַטראַכט פאַר יאָלדעוואַטע, איז זי נישט נתפעל געוואָרן, זי האָט זיך געקענט אויף זיי. זי איז אויך ווייט נישט געווען קיין מפיל־קינד, אַז זי זאָל זיך פאַררויטלען פון אַזעלכע ריידעלעך.

— — — — — — — — — — — — —

אַז די דייטשישע אָקופּאַציע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַריז, זענען סאַניעס אַלע „געביטן" און טעטיקייטן אַראָפּ פון דער אויבערפלאַך, פאַר־שווונדן, און זי אַליין, סאַניע, איז אויך פאַרשווונדן, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו זיין, צו עקזיסטירן. זי איז מער נישט געשווומען פון אויבן מיט געפליעסקערײַ און געפּילדער, נאָר אַראָפּ אונטן און זיך פאַרגראָבן אין דער טיף. זי איז אַרײַן אין די אַמאָליקע פּעדערן פון די פּוילישע יאָרן און צוריק מגולגל געוואָרן אין דער פאַרקאָנספּירירטער דרייסטער יאַטעכע סאַניע, וואָס האָט אַ מאָל גוט געוווּסט ווי אַזוי אויסצוהיטן זיך פונעם שאַרפן נאָכשפּירנדיקן אויג פון דער „דעפּע".

איר דערפאַרונג, ספּריטנעקייט און איבערגעשפּיצטקייט פון אַ מאָל זענען איר איצטער גוט צוניץ געקומען. זי האָט געוווּסט ווי אַזוי זיך צוצו־פּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון דער אונטערערד, פון דער פאַרבאָרגנקייט. אין אַ סך דירות, ווו יידישע משפחות האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן צו לעבן הינטער פאַרקלאַפּטע טירן, האָט זי געהאַט אַ שם, מען האָט געהערט פון איר, מען האָט געוווּסט פון אירע שליחותן און מ'האָט געבענטשט אירע טריט, מען האָט אַרויסגעזאָגט איר נאָמען מיט ליבשאַפט, מיט באַוווּנדערונג, גלייך ווי זי וואָלט געווען די ישועה אַליין. אַז מען פלעגט זי דערזען אויף אַ שוועל פון אַ פאַרזיכטיק־געעפנטער טיר, איז ווי מען וואָלט דערזען אַ שטיק נחמה און האָפענונג. אַז זי פלעגט זיך באַווייזן אין אַ שטוב, איז עס שטענדיק געווען צוליב עפּעס. ס'איז נישט געווען גלאַט אַזוי אַ באַזוך, אַ קומען צו גאַסט. מיט ליידיקע הענט איז זי אין ערגעץ נישט געקומען. אָדער זי האָט געהאַט ביי זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור, אָדער שטיצע פאַר אויס־באַהאַלטענע, וואָס האָבן נישט געקענט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אָדער פאַלשע פּאַפּירן פאַר עמעצן, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרשטעקט ביי זיך אין בוזעם.

אָפט איז סאַניע געווען אַ גייענדיקע קאַסע. זי האָט געהאַט ביי זיך היפּשע סומעס געלט פון אומלעגאַלע קאָמיטעטן אויף אויסצוצאָלן שטיצע. מען האָט איר געטרויט געלט אומגעציילט און מען האָט געקענט זיין זיכער מיט איר. עס האָט קיין מאָל נישט צוגעפעלט צום חשבון, פאַרקערט, עס איז נאָך צוגעקומען, ווייל גאַנץ אָפט האָט סאַניע נאָך צוגעלייגט צו די סומעס פון שטיצע אירס אַ פּאָר אייגענע פראַנק פון איר טאַש אַרויס און פון דעם

האָט קיינער נישט געוווסט און זי האָט זיך ביי קיינעם גאָרנישט געמאָנט.

אַז איך האָב געהערט, אַז סאָניע איז באַשטימט געוואָרן צו דערפּילן די אויפגאַבע פון גיין אויף דער באַגעגעניש מיט הערמאַנען, האָב איך געהאַלטן, אַז זי איז דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן פּלאַץ. סאָניע האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך דעם טיפ, וואָס וועט טויגן פאַר אָט דעם שטיקל אַרבעט, האָב איך אָפּגעשאַצט. זי האָט געהאַט אַלע מעלות פאַר דעם, און אַחוץ דעם האָט זי אויך געקענט גוט דייטש, וואָס זי האָט אויסגעלערנט בעת אירע שטודיומס אין קראָקע. די חברים האָבן מיר געזאָגט, אַז איך קען זיין פול־שטענדיק זיכער, אַז סאָניע איז געגוג פּיפיק, אַז זי זאָל קענען ביי הערמאַנען אויסטאַפּן דעם דופק און דערגיין מיט וואָס ער שמעקט און צי מען וועט קענען עפּעס אויפטאָן מיט אים.

— דאָ גייט נישט בלויז אין פּיפיקייט — האָב איך געזאָגט — איך צווייפל נישט אין דעם, אַז סאָניע איז פּיפיק און וועט וויסן ווי אַזוי צו פירן זיך מיט אים. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז ער, הערמאַן, צי ער פאַרזענלעך האָט עס יאָ געוואָלט, אָדער נישט, איז דאָ ביי אונדז דער אָקור־פּאַנט און טראָץ מיינע גוטע איינדרוקן וועגן אים פון תפיסה, דאַרף מען זיין מיט אים זייער פאַרזיכטיק. עס וועט אויסקומען מיט אים צו שפּילן אין קאַץ און מויז, איין מאָל אַרויסשטעקן אַ לאַפּקע און צען מאָל זי צוריקציען.

— מען וועט אים, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרלייגן גלייך קיין גרויסע זיבן זאַכן, כל־זמן מען וועט נישט זיין זיכער מיט אים — האָט מען מיר געענטפערט — אויף אויסצופּרובירן אים וועט מען אים צום ערשט בעטן אַ טובה, אַ קלייניקייט, ער זאָל העלפן מיט עפּעס אונדזערס אַן אַרעסטירטן אין דער תפיסה, ווו ער דינט. ווען ער וועט דערפילן איין אויפגאַבע אונדזערע, וועט מען זען ווייטער. אויב וויל ער מער גאָרנישט טאָן פאַר אונדז — האַקט מען אָפּ מיט אים.

— און מיך וועט ער דעמאָלט באַשיטן מיט בריוולעך אויף דער פּאָסט־רעסטאָנט — האָב איך געזאָגט.

— וועט ער דיך באַשיטן — האָט מען מיר געענטפערט — זאָלן דאָס זיין דיינע גרעסטע זאָרגן. וועסט בכלל אויפהערן צו גיין אויף דער פּאָסט און פאַרטיק.

— איך שטעל זיך פֿאָר, אַז דאָס האָבן הערמאַנען אין אונדזערע הענט וועט אונדז ערשט פֿאַרשאַפֿן קלאָפּאָטן — האָב איך באַמערקט — אָט האָב איך אים צוגעזאָגט צו באַקענען אים מיט אַ פּאַריזער עלזאַסער משפּחה, וואָס סאָניע דאַרף זיין, כלומרשט, זייער טאָכטער. דאָס האָב איך צוגעטראַכט אין תּפֿיסה זיצנדיק, בכדי צו האָבן אַ פּרעטעקסט צו פֿאַרקניפּן מיט אים אַ קאָנטאַקט אויף שפּעטער אין דרויסן. איך האָב דאָך אים נישט געקענט זאָגן, אַז ווען איך וועל אַרויס אויף דער פֿריי וועל איך אים באַקענען מיט אַ מיידל. ווי אַזוי וואָלט איך אויסגעזען אין זיינע אויגן און פֿאַר זיך אַליין? וואָס בין איך עפּעס אַ צושטעלער פֿון מיידלעך? נו, און איצטער וועט זיין אַ שוועריקייט, וואָס איך האָב נישט פֿאָרויסגעזען. וווּ וועל איך נעמען פֿאַר אים אַן עלזאַסער משפּחה? דער ענין איז גאָרנישט פּשוט. לאָמיר זאָגן, אַז עס וואָלט זיך שוין געפֿונען אַזאַ פּאַסיקער חבֿר, וואָס וואָלט איינגעגאַנגען דערויף, אַז הערמאַן זאָל אַרויפֿקומען צו אים אין שטוב, ווי צו דער כלומרשטער עלזאַסער משפּחה, קען מען דאָס אויך פּראַקטיש נישט דורכפֿירן, ווייל ס׳איז נישט מעגלעך אין פּאַריז, אַז אַ דייטש זאָל קומען צו עמעצן צו גאַסט אויף די אויגן פֿון די פֿראַנצויזישע שכנים. ווען זיי וועלן דאָס איינ־זען, קענט איר זיכער זיין, וועט שוין דער גאַסטגעבער נישט קענען באַווייזן זיך אויף די טרעפּ, אויפֿן הויף, אין דער קאַרטיע. מען וועט יענעם פֿאַראַכטן און קוקן אויף אים מיט שׂנאה און פּשוט ברענען און בראָטן די טריט. איר וועט דאָך נישט קענען גיין יעדן איינעם דערציילן ווער אָט דער דייטש איז און צוליב וואָס ער קומט צו גאַסט.

אַז איך האָב געענדיקט האָט מען געשוויגן. קענטיק, אַז מען האָט איינ־געזען, אַז איך בין גערעכט און מען קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט דעם וואָס איך האָב אַרויסגעלייגט. דאַן האָט זיך עמעצער אָנגערופֿן צו מיר:

— דאָס איז נישט געפֿערלעך. מען וועט קענען געפֿינען פֿאַר הערמאַנען אַ תּירוץ פֿאַר וואָס מען קען אים נישט באַקענען מיט דער עלזאַסער משפּחה.

— און איצטער נאָך אַ זאַך, און זייער אַ דעליקאַטע — האָב איך צוגעגעבן — אַזוי ווי סאָניע איז דאָ נישטאָ, קען איך עס זאָגן. מען דאַרף זיך ריכטן אויף דעם, אַז הערמאַן קען אַ מאָל צושטיין צו סאָניען ווי צו אַ פֿרוי. איז אויב זי וועט זיך באַקלאָגן, אַז עס איז איר צוליב פּערזענלעך־אינטימע טעמים נישט אָנגענעם, אָדער אַפֿילו פּיינלעך אָנצוהאַלטן מיט אים דעם

קאָנטאַקט, מיין איך אַז מען וועט זי דאַרפן באַפרייען פון דער אויפגאַבע. עס געהערט אפשר נישט צו מיר דאָס צו זאָגן, ווייל סאָניע איז געווען דער־וואַקסן, פון דעסטוועגן מיין איך, אַז איך האָב מאָראַלישע רעכט דערצו, ווייל איך בין דאָך דער גורם פון דעם גאַנצן ענין, אַ דאַנק מיר איז דאָך אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך מיט הערמאַנען.

— מיר שאַצן נישט אונטער דיין פילבאַרקייט — האָט מען מיר געזאָגט — דיינע געפילן זענען זייער פאַרשטענדלעך. פאַרשטיי אָבער, אַז סאָניע איז נישט קיין קינד און זי וועט וויסן ווי זיך מיט אים אַן עצה צו געבן. איבעריקנס, אויב צוליב אַזעלכע סיבות, ווי דו זעסט אפשר פאַר, וועט סאָניע נישט וועלן אָנהאַלטן די פאַרבינדונג מיט הערמאַנען, קענסטו זיין זיכער, אַז מיר וועלן זי נישט צווינגען צו דעם. דאָס איז קלאָר.

דער ענטפער האָט מיך צופרידנגעשטעלט.

נישט לאַנג נאָך דעם איז אָנגעקומען פון הערמאַנען אַ בריוול פאַר מיר אויף פּאָסט־רעסטאַנט „אַן הערן אַלבערט". דאָרט גיט ער אָן דעם טאָג ווען ער וועט צוקומען צום באַשטימטן אָרט און צו דער באַשטימטער שעה, געשריבן ווידער מיט דער זעלבער לאַקאָנישקייט, ווי אין ערשטן בריוול, און איך האָב אויך דאָס מאָל באַמערקט, אַז הערמאַן האָט אויסגעמיטן איבער־צוחזרן זאַכן, וואָס מיר האָבןביידע סיי ווי געוווּסט שוין פון פריער.

צו דער באַשטימטער צייט איז סאָניע געגאַנגען צו דער ראַנדעוו. איך האָב זיך פריער מיט איר געזען. זי איז באַשטאַנען דערויף, אַז איך זאָל מיטגיין מיט איר אַ שטיקל וועג ביז איך וועל פון דער ווייטנס באַמערקן הערמאַנען און איר באַשטעטיקן, אַז דאָס איז ער.

סאָניע איז געווען אויסגעפּוצט גרויס־דאַמיש, מיט אַ שיין היטעלע און אַ טונקל־בלויער וואַלקע אויפן פּנים, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגעפּודערט און אָנגעשמינקט. זי האָט אויסגעזען שיין און רייצנדיק. איך האָב אַ ווײַלע פאַרגעסן צוליב וואָס זי האָט דאָס געטאָן און איך האָב געקוואָלן פון איר אויסזען. אמת, איך האָב געוווּסט, אַז דאָס האָט זי זיך בלויז פאַרשטעלט מיט שיינקייט, ווי זי טוט עס אַלע מאָל, ווען זי גייט אויספירן אירס אַ מיסיע, אַז דאָס האָט זי געטאָן בלויז פאַרן אונטערערדישן קאַמף און נישט פאַר זיך פערזענלעך, אָבער נישט ווילנדיק, און אפשר אַ מאָל יאָ ווילנדיק, ווער

וויסט, האָט זי מיט אירע קרעמען און פודער, מיט אירע שוואַרצע און רויטע שטיפטן אַזוי בולט אונטערגעשטראָכן איר פּרוויִזשקייט. דערביי איז מיר אַ משונהדיקער געדאַנק איינגעפאַלן, אַז זי וויל אפשר געפעלן הערמאַנען. איך האָב דעם געדאַנק גלייך אָפּגעשטויסן ווי אַן אומזין און צוגעלאָזט, דאַקעגן, אַ צווייטן געדאַנק, וואָס איז אויך געווען פאַר מיר אומהיימלעך, און נעמלעך, אַז סאָניע וועט זיכער געפעלן הערמאַנען. איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון צי מיין געדאַנק האָט זיך געגומען ביי מיר צוליב געפילן פון אייפערזוכט. איך האָב נאָר געוווסט, אַז דער גאַנצער ענין מיט הערמאַנען איז מיר געוואָרן איצטער נאָך מער פריקרע, דערווידער און נישט־ניחאדיק. און איך האָב נאָך אַ מאָל חרטה געהאָט אויפן גאַנצן עסק, וואָס איך האָב פאַרקאָכט. איך וואָלט עס נאָך איצטער אפילו געקענט קאַליע מאַכן. סוף כל סוף וואָלט איך געקענט זאָגן סאָניען, ביים דערזען הערמאַנען פון דער וויטנס, אַז דאָס איז ער נישט; עס איז אַן אַנדערער און אַז די גאַנצע מעשה זעט מיר אויס צו זיין פאַרדעכטיק און מען דאַרף זיך אָפּ־טראָגן... אָבער איך האָב דאָס בשום־אופן נישט געקענט טאָן. איך וואָלט דאָס אין קיין פאַל נישט געקענט פועלן ביי זיך.

צוליב פאַרזיכטיקייטס־טעמים זענען מיר ביידע, סאָניע און איך, נישט געגאַנגען צוזאַמען אויף דער גאַס. איך בין געגאַנגען פאַר איר מיט אַ קליינער דיסטאַנץ אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן, ווי צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס קענען זיך לחלוטין נישט. טייל מאָל איז מיר אויך אויסגעקומען צו גיין ביי איר זייט, אָבער אויך עטוואָס אָפּגערוקט, ווי פרעמדע.

וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ביטשאָמאַן־פּאַרק, אַלץ מער איז מיין בליק געוואָרן אָנגעשטרענגטער, פול מיט נייגער און דערוואַרטונג. ענדלעך האָב איך דאָרט פון דער וויטנס ביים איינגאַנג דערזען אַ גרין־מיליטערישן סילועט. ס'איז געווען הערמאַן. איך האָב געגעבן אַ צייכן סאָניען, אַז דאָס איז ער און איך האָב געגומען פאַרלאַנגזאַמען מיינע טריט און זיך געהאַלטן פון דער וויטנס, הינטער סאָניען. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שוי־פענצטער, זיך געמאַכט כלומרשט אַריינקוקן דאָרט, אָבער איך האָב אָבסערווירט זייטיק און מיט געשפּאַנטקייט די באַגעגעניש.

איך האָב באַמערקט ווי סאָניע גייט צו צו הערמאַנען, פרעגט אים עפּעס

און דערנאָך נעמט זי אַראָפּ איר דאַמיש הענטשקעלע און דערלאַנגט אים די האַנט. נאָך דעם שטייען זיי אַ ווײַלע, רעדן עפּעס, ווי זיי וואָלטן זיך געזשובט ווּהין צו גיין, נאָך דעם לאָזן זיי זיך אַריין אין פּאַרק שפּאַצירן. איך האָב איבערגעוואַרט אַ ביסל און איך בין אויך אַריין אין פּאַרק. סאַניע און הערמאַן זענען שוין געווען ווייט פון מיר. איך האָב זיי נאָך קוים באַמערקט פון הינטן, אין דער טיפקייט פון דער אַלייע. זייערע סילועטן, וואָס איינער איז מיר געווען אַזוי נאָענט און דער צווייטער אַזוי פרעמד, האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין אין מיין ראיה.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין אַ זייטיקער, קליינער אַלייע, וואָס האָט זיך פאַרנומען פון דער הויפּט־אַלייע, ווו זיי זענען בײדע נאָר וואָס אַוועק. עס איז געווען אַ טריבער האַרבסטטאָג. אַ גאַסן־קערער האָט מיט אַ בעזעם אַוועקגעשאַרט די אַראָפּגעפאַלענע קופּעס בלעטער אין אַ זייט. אַ ווינט האָט אים צוגעהאָלפן און געטריבן די בלעטער צו די שטאַמען פון די ביימער, צו וועלכע זיי האָבן זיך הילפלאָזע געטוליעט. זיי האָבן זיך שוין גאַרנישט אָנגעקערט מיט די ביימער און זיך נאָך עפּעס יאָ אָנגעקערט, ווי ווייטע פאַריתומטע שטיקלעך קרובים. אַ טויטע יענוועל־טיקע געלקייט איז געלעגן אויף זיי און דער ווינט האָט אין זיי אַריינגעבלאָזן אַ מעלאַנכאָלישן ניגון, וואָס זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאָגן. האָבן זיי דען נישט געהאַט פאַר וואָס ? זיי האָבן זיך געקלאַמערט אַרום די שטאַמען, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן רחמים, אַז מען זאָל זיי דאָ באַווייזן אַ נס און זיי מחיה מתים זיין, באַהעפטן אויף דאָס ניי צו די צווייגן פון די ביימער.

פון דעם נישט־ווייטן מאַריאָנעטן־טעאַטערל אַרויס, אַ פאַרהוילנס, הינטער סודותדיקע פאָרהאַנגען, האָבן זיך געהערט התפעלותדיקע שטימע־לעך און קוויטשערייען אין כאָראַלן געליאַרעם פון קינדער, זייענדיק פאַר־כישופט פון די קליינע מענטשעלעך אויבן, פון האָלץ און שמאַטעס, וואָס באַוועגן זיך, טאַנצן, שפּרינגען, שלאָגן זיך, רייסן זיך פאַר די האָר און פאַלן זיך אויפן האַלדז און אין די אָרעמס נאָך בעסער ווי אמתדיקע מענטשן, אפילו ווי די אייגענע טאַטע־מאַמע.

ס'איז געווען אַ וואָכנטאָג און ס'האָבן זיך נישט געפונען קיין סך גייערס און שפּאַצירערס אין פּאַרק. פון מאָל צו מאָל איז פאַרביי אַ פרוי מיט אַ קינדער־וועגעלע. מען האָט געקענט זען עלטערע לייט פון די שכנותדיקע

גאַסן, וואָס קומען אַריין אין פּאַרק אין די פּאַנטאָפל כאַפּן אַ ביסל לופט, שוין אַרומגעוויקלט מיט שאַליקעס, אויס פּאַרזיכטיקייט נישט צו כאַפּן אַ פּאַרקילעכץ. אַ מיטל־יאָריקע פרוי אין אַ פלאַנעלענעם שלאָפראָק האָט אַריינגעפירט איר הונט שפּאַצירן, האַלטנדיק אים ביי אַ רימען. אין איין וועגס האָט זי שוין אויך שפּאַצירט לעבן אים, אַלס די באַגלייטערין פונעם הונט. עס האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע פרוי מיט אַ הונט און ביידע כלבים האָבן זיך געריסן און געצויגן פון די רימענס איינער צום אַנדערן, מיטשלעפּנדיק זייערע האַרינטעס. די פרוי אין פלאַנעלענעם שלאָפראָק איז אַריין אין כעס און האָט געוואָרנט איר הונט און אים געזאָגט מוסר:

— רעקס, דו זאָלסט אָפּשטיין, זאָג איך דיר. דו זאָלסט ליגן איינגעלייגט, דו הערסט? זאָלסט זיין „סאַזש״.

אָבער דער הונט האָט זי געהערט ווי דעם קאָטער. נאָר אַזוי ווי זיין באַלעבאָסטע, זעט אויס, איז געווען שטאַרקער פאַר דער אַנדערער (און אפשר איז אויך רעקס געווען שוואַכער פאַרן אַנדערן הונט), האָט זי אים באַוויזן אָוועקצושלעפּן און זיך ווייטער גיין איר וועג.

נאָכן אָפּזיצן אַזוי ביי אַ האַלבע אַ שעה אין דער זייטיקער אַלייע, האָב איך דערזען צוריקגיין סאַניען מיט הערמאַנען אין זייער געלאָסענעם שפּאַצירגאַנג. זיי האָבן מיך נישט געזען. זיי זענען צוגעגאַנגען ביז צום טויער און דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעדרייט און זיך ווידער אומגעקערט מיטן זעלבן וועג, אין דער זעלבער ריכטונג וואָס פריִער. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן דאָס זיצן אין פּאַרק און איך האָב זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און האָב זיך געלאָזט גיין מיט דער הויפּט־אַלייע צום אַרויסגאַנג. סאַניע און הערמאַן זענען שוין געווען אַ פּופציק מעטער פון מיר. איך האָב זיי געזען פון הינטן. לעבן מיר האָט אַן עלטערער פראַנצויז זיך אָפּגעשטעלט, זיי נאָכגעקוקט מיט פּאַרדראָס און צער, באַוועגנדיק מיטן קאָפּ געלאַסן אַרויף און אַראָפּ און אַרויסגעבערענגט פון זיך מיט כעס אויפן אַדרעס פון סאַניען:

— קעל פּיטען... (וואָס פאַר אַ זונה).

דערביי האָט ער געקוקט צו מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסבאַקומען ביי מיר מיין הסכמה פאַר זיינע ווערטער, וואָס אין אַן אַנדער פאַל וואָלט דאָס אים זייער לייכט אָנגעקומען.

איך בין געווען אין גאַנצן געפּלעפּט און צעטומלט. דאָס באַצייכענען

סאָניען מיטן וואָרט „זונה״ איז דאָך ביי דעם עלטערן פראַנצויז געווען אַן אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם און האַס צום דייטש, און צו די, וואָס אַרבעטן מיט אים מיט, פון וואָס איך וואָלט דאָך געדאַרפט זיין ביז גאָר צופרידן. פון דער צווייטער זייט וואָלט איך געדאַרפט זיין אויפגעבראַכט צוליב זיינע באַליידיקנדיקע ווערטער קעגן סאָניען. אויף סאָניען דאָס צו זאָגן!... איך האָב דאָס נישט געקענט באַנעמען. עס איז מיר געווען פיינלעך דאָס צו הערן. און איך האָב אָנגעקוקט דעם עלטערן מאַן מיט אַ תמעוואַטע פנים, לעקישע־וואַטע. נישט איך בין מסכים געווען מיט אים און נישט איך האָב אים דער־ווידערט. נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע האָב איך אים דאָך געקענט אַרויסווייזן.

איך בין אַרויס פון פּאַרק און אַריין אין אַ דערביי׳קער קאַפע. פון דאָרטן האָב איך געקענט זען דאָס טויער פון פּאַרק און אָבסערווירן די מענטשן, וואָס גייען אַרויס פון דאָרטן. נאָכן אָפּזיצן אַ ביסל האָב איך דערזען אַרויס־קומען פונעם פּאַרק סאָניען מיט הערמאַנען. זיי זענען נאָך געשטאַנען עטלעכע מינוט און גערעדט צווישן זיך. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן נאָך געהאַט עפּעס צו פאַרענדיקן אין זייער שמועס, אָדער ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין אָפּשמועסן זיך אויף אַ קומענדיקער ראַנדעוווּ. מענטשן זענען פאַרביי־געגאַנגען לעבן זיי און זיי נאָכגעקוקט מיט פאַראַכטונג. אַנדערע האָבן אַוועק־געדרייט פון זיי די קעפּ, נישט געוואָלט קוקן אויף זיי.

ענדלעך האָב איך געזען ווי סאָניע און הערמאַן געזעגענען זיך און יעדער פון זיי גייט זיך אַוועק אין אַ באַזונדערער זייט. נאָכן אָפּגיין עטלעכע טריט איז סאָניע געבליבן שטיין, ווי זי וואָלט זיך געיִשובט מיט וועלכן וועג זיך צו פאַרנעמען. און ווען זי האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט און זיך געלאָזט גיין, האָב איך געזען ווי פיר פרויען דערנענטערן זיך צו איר, רינגלען זי כמעט אַרום און רעדן עפּעס צו איר, מאַכנדיק מיט די הענט דראָענדיקע זשעסטן. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון בענקל און זיך גענומען דערנענ־טערן צו זיי. דאָ האָב איך שוין בולט געהערט ווי די פרויען שרייען צו סאָניען:

— דו דייטשישע זונה!

— פאַררעטערין!

— קאָלאַבאָראַטאָרין!

— זעט נאָר ווי שיין דאָס גייט אָנגעטאָן! מען באַצאָלט איר גוט, זי זאָל זיך קענען אַזוי אויספּיאַקעווען!

— מען מסרט פּאַטריאָטן פאַר אַ טאָוול שאָקאָלאַד! פאַר אַ פּאָר זאָקן!

— עס פעלט איר פון גאָרנישט, בשעת אונדזערע קינדער פוכניען פאַר הונגער!

עס זענען צוגעקומען נאָך פרויען, קינדער. דער פיינטלעכער רינג אַרום סאָניען איז געוואָרן געדיכטער און ענגער. סאָניע האָט מיך דערזען. זי האָט געקוקט צו מיר דורך איר וואָלקע מיט אַן אויסדרוק פון אַ געיאָגט באַשעפעניש, וואָס איז אַריין שלימזלדיק אין אַ פּאַסטקע. זי איז געווען צופרידן מיך צו דערזען, אָבער זי האָט זיכער פאַרשטאַנען, אַז איך קען איר דאָ גאָרנישט העלפן, אַז איך קען מיך דאָ נישט אָנרופן מיט קיין איין וואָרט לטובת איר.

די קינדער האָבן געשריגן אין כאָר: „באָש, באָש!" און איינע פון די פרויען האָט אויסגערופן צו סאָניען:

— קענסט לויפן אים צוריקרופן נאָך הילף, דעם באַשיצער דיינעם...

סאָניע האָט בלויז געמורמלט אומבאַהאָלפן: „לאָזט מיך, לאָזט מיך".
זי האָט פּרובירט אַרויסצורייסן זיך פון דעם געזעמל. זי איז געלאָפן צום געסל, וואָס טרעפט אַראָפּ האָבן געפירט דערצו. זי האָט געאײלט אַראָפּ, קלאַפּנדיק מיט די הילצערנע אָבצאַסן און זוילן, וואָס אַלע פרויען האָבן דעמאָלט געטראָגן מחמת דוחק אין לעדער. זי האָט געקלאַפּט, לויפנדיק, און אַלע האָבן נאָכגעקלאַפּט, לויפנדיק נאָך איר.

איך האָב פאַרשטאַנען סאָניעס כוונה: זי האָט קודם־כל געוואָלט אַנטרינען פון דער הויפּטגאַס אין דער קאַרטיע און זיך געפינען אין זייטיקע, אָפּגעלעגענע געסלעך. זי האָט געוואָלט אויסמיידן אַ גרעסערן אָנגעלויף און אפשר אויך דאָס אַריינמישן זיך פון דער פּאָליציי. די אויסרעכענונג איז אָבער געווען נישט אין גאַנצן קיין גוטע, ווייל אין אָט די אַלטע אָפּגעלעגענע געסלעך, נאָענט צום בעלוויל, האָבן געוווינט ס׳רוב אַרבעטס־מענטשן און פאַרביסענע און אַנטשלאָסענע פיינט פונעם אָקופּאַנט און דאָס טומלענדיקע געזעמל האָט דאָ דווקא געקענט ווערן נאָך גרעסער און רעאַגירן מיט ווינציקער מורא פאַר אַן אָנקומענדיקן פליק. און באַלד איז דאָ טאַקע אויס־

געוואַקסן אַ פּאָליציאַנט. ער האָט געפרעגט די אַרומיקע וואָס דאָ קומט פאָר און איינע פון די פרויען האָט אים געענטפערט, אָנווייזנדיק אויף סאָניען:

— מען האָט זי געפּאַקט אויף דער הייסער מינוט... זי האָט פאַרפירט אַ מאַן פון אַ פרוי און וויל אים צונעמען פאַר אַ געליבטן...

סאָניע האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. און וואָס האָט זי דען דאָ געקענט זאָגן? דער פּאָליציאַנט, אויסהערנדיק וועגן סאָניעס שייִנעם אויפטו, וועגן וועלכן מען האָט אים דאָ איבערגעגעבן, האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „ס'איז נישט מיין עסק", און איז זיך אַוועק געלאָסן מיט פאַרלייגטע הענט אויפן הינטן.

סאָניע איז צו צו אַ וואַנט, זיך צוגעשפּאַרט, מיינענדיק, אַז זי וועט זיך אַזוי ווייטער קענען שאַרן ביי איר. אָבער מען האָט איר דאָס נישט געלאָזט. מען האָט איר געדראָט מיט אויסגעשטרעקטע הענט: „האָסט געמיינט, אַז מיר וועלן זיך דערשרעקן פאַר אַ פּליק, האַ? האָסט געהאַפּט אויף זיין הילף... נו, וואָס האָסטו אים נישט געזאָגט, אַז דו ביסט זייערס אַ מענטש?"

— ווייל איך בין נישט — האָט סאָניע זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַשיצן מיט איר, אַנטרינען אין איר, און האָט אויף אַן אומבאַהאָלפענעם אופן זיך פּרובירט צו ווערן: „איך ווייס נישט וואָס איר ווילט פון מיר"...

אַ פרוי האָט נישט געקענט זיך איינהאַלטן און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— איר הערט? זי ווייסט נישט וואָס מען וויל פון איר!... דאָס אומשול-דיקע ניונקעלע, דאָס תמעלע!...

עס איז צוגעקומען די פרוי אינעם פלאַנעלענעם שלאַפראַק מיטן הונט, וואָס זי האָט געפירט שפּאַצירן אין פּאַרק, און דערקענענדיק סאָניען, איז זי גלייך אַרויס מיט לשון:

— אַהאַ, איך קען דאָס פייגעלע! — האָט זי אָנגעוויזן אויף סאָניען — איך האָב זי געזען נאָר וואָס אַרומשלאָנדערן זיך מיט איר געליבטן, דעם באַש. וואָס פאַר אַ חרפה, וואָס פאַר אַ חרפה! — און זי האָט זיך דערנענטערט צו סאָניען און מיט איין באַוועג פון איר האַנט האָט זי ביי איר אַראָפּגעריסן די וואָלקע פון איר פנים — אָט אַזוי וועט מען זי בעסער אָנקוקן און זען מיט וועמען מען האָט צו טאָן!

די פרויען אַרום און די קינדער זענען דערמוטיקט געוואָרן דערפון און האָבן אָנגעהויבן נאָך מער צו טומלען. סאָניע האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו רעאַגירן. זי האָט קיין סך נישט גערעדט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז צוליב דעם ווייל זי וויל נישט, אַז מען זאָל דערקענען אין איר פראַנצויזיש דעם פרעמדן אַקצענט. און אחוץ דעם, וואָס האָט זי דען געקענט זאָגן? ווי אַזוי וואָלט זי זיך דאָ געקענט פאַרטיידיקן? וואָס, זי וועט דאָ גיין עמעצן אויפקלערן וועגן דער כוונה פון איר שפּאַצירן מיט הערמאַנען? און אפילו ווען יאָ, ווער וועט זי דאָ הערן און ווער וועט איר גלייבן? פון דעסטוועגן האָט זי זיך אָנגערופן אָ פאַרביטערטע:

— איר מיינט, אַז איר ווייסט שוין אַלץ?...

איך האָב געפילט, אַז אָט־אָט וועט סאָניע יאָ אַרויס מיט לשון און זאָגן ווער זי איז און וואָס זי איז אויסן געווען מיט איר אַרומגיין דאָ מיטן דייטש. אָבער זי האָט געשוויגן. דערפאַר האָט אַ פרוי, נאָכן הערן סאָניען אַרויסזאָגן איר לעצטע פראַזע, אַ זאָג געטאָן:

— און זי איז נאָך דערצו אַ פרעמדע אויך, אַן אויסלענדערין... מען דערקענט עס גלייך לויט איר אויסשפּראַך...

עפּעס אַ מענטשל מיט אַ קנויל דראָטענע שטריק אויפן אָרעם און אַ בינט שוואַרצע באַרשטן, קענטיק אַ קוימענקערער, האָט זיך דורכגעשטופּט צו סאָניען און מיט זיינע טונקעלע, פאַרריסטע האַנטפלאַכן איר אַ גלעט געגעבן איבערן פּנים, וואָס סאָניע האָט אפילו נישט באַנומען וואָס אַזוינס ער איז אויסן געווען דערמיט, אָבער די אַרומיקע, דערזעענדיק די אָפּגעשטעמפּלטע שוואַרצע פלעקן, וואָס זיינע ידים האָבן איבערגעלאָזט אויף אירע באַקן, האָבן זיך מיט הנאה שטאַרק צעלאַכט.

יאָ, איך האָב געוווּסט, אַז דאָס לאַכט מען אַזוי מיט אַ נקמה־געלעכטער פונעם דייטשן אָקופּאַנט, אָבער פון דעסטוועגן האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פונעם ביטערן געפיל פון איבל און אויך האַרצווייטיק צוליב דעם וואָס מען איזדיעקעוועט זיך אַזוי איבער סאָניען. אין דעם האָב איך באַמערקט, אַז דער קוימענקערער האָט ראַפּטעם איבערגעריסן זיין געלעכטער, ס׳איז אים פּשוט שטעקן געבליבן אין גאַרגל, און ער קוקט מיך אָן מיט פאַרדעכטנדיקע אייגעלעך פאַר וואָס איך לאַך נישט מיט... איך האָב געפילט, אַז עס ווערט מיר ענג, אַז מען קען מיך נאָך דאָ אָננעמען פאַר סאָניעס אַ מענטש... פון דעסט־

וועגן האָב איך בשום־אופן נישט געקענט לאַכן... וואָס דען האָב איך דאָ געקענט טאָן? נעמען אַוועקגיין? גראַד איצטער? דאָס וואָלט דאָך טאַקע געקענט אויסזען, אַז איך האָב מורא און וויל זיך אָפּטראָגן... וואָס־זשע דען? אָנטאָן זיך אויף מיין פּנים אַ מאַסקע פון געלעכטער און לאַכן מיט זיי צוזאַמען פון סאָניען? איך?...

צו מיין פּיין האָב איך דערזען ווי פון סאָניעס שוואַרץ־אָנגעשמירטע וויִעס האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט טרערן אויף אירע שטאַרק־פּאַרפּודערטע באַקן און איצטער נאָך אויסגעשמירטע פונעם קוימענקעריס הענט. מער פון אַלץ איז מיר געווען שווער צו זען סאָניען וויינען. סאָניע זאָל וויינען? איך בין געווען זיכער, אַז ווען זי וואָלט אַריינגעפאַלן צום שׂונא אין די הענט וואָלט זי נישט געוויינט און דאָ וויינט זי. און אפשר, האָב איך געטראַכט, זענען דאָס ביי איר טרערן נישט אויס מורא, נאָר גאָר אויס געריךטקייט צוליבן זען באַשיינפּערלעך דעם הייסן פּאַטריאָטיזם פון די פּשוטע מענטשן דאָ אַרום; וואָס זי פילט זייער שטאַרקן האַס צום פרעמדן הערשער, וואָס זיי דריקן אים אויס דורכן באַפאַלן זי, סאָניען, און דורכן חוזק איבער איר, און וואָס זי, סאָניע, דאַרף דאָס אַלץ נעמען אפשר פאַר ליב? און אפשר האָט זי אויך געוויינט צוליב דער חרפּה און בושה, וואָס מען פאַרשאַפט איר דאָ, פאַר די געבראַכטע צרות, וואָס מען טוט איר אָן אומזיסט און אומנישט?

און איך האָב געזען ווי די טרערן אירע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פאַרבן און שמינקע פון אירע וויִעס, באַקן און ליפּן און אויך מיט די שוואַרצע סאַזשע־פלעקן פונעם קוימענקערס הענט און אַלץ האָט זיך צעשמירט אויף איר פּנים, וואָס האָט איצטער אַרויסגערופן לעכערלעכקייט, ווי די פּנימער פון קלאָונען אין די ביליקסטע הינטערשטאָטישע צירקן.

זעענדיק סאָניעס פייכטע אויגן, האָט זיך עמעצער פון געזעמל אָנגערופן:
— און דאָס וויינט נאָך!...

— די טרערן פון אַזאַ־אַ האָבן ביי מיר אַ גרויסן ווערט... — האָט זיך געהערט די שטימע פון נאָך עמעצן.

עס איז צוגעקומען אַ יונג אין אַ בלויען לייוונטענעם אַרבעטס־קאָמבינעזאָן, מיט עפּעס קליינע מכשירימלעך אין דער גרויסער פאַרנטיקער קעשענע און מיט אַ געלן בלייפעדער אונטערן אויער. ער האָט זיך געפרעגט

וואָס דאָ קומט פאָר און עמעצער האָט אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און עפּעס אַריינגעשושקעט אין אים.

רעקס, דער הונט פון דער פרוי אין פּלאַנעלענעם שלאַפראָק, האָט געזען אַז אַלע שרייען עפּעס אויף דער־אָ, רייסן זיך צו איר און דער עיקר, זיין האַרינטע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ מצווה צו בילן און שפּרינגען אויף דער, וואָס שטייט ביי דער וואַנט. און כּל־הווה, ער האָט געהאַווקעט און געהאַוועט, זיך געוואָרפן אויף סאָניען און דערביי געקלונגען מיט די בלעכע־נע קלאַמרעס און גלעקעלעך, וואָס אויף זיין רימען ביים האַלדז, זיך געטרייסלט קאַמיש מיט זיינע אויערן־לאַפּן און געדרייט איפּערדיק מיטן עק. פּלוצלינג האָב איך דערזען ווי ער האָט אָפּגעפליקט ביי סאָניען אַ זאַק, וואָס דאָס האָט מיר אַזש אַ ריס געטאָן ביים האַרצן. איך האָב געפילט, אַז עס מוז אַ סוף נעמען צו מיין אומבאַהאָלפנקייט און שטיין דאָ ווי אַ גולם. אָבער וואָס טוט מען? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט.

קעגן די מענטשן האָב איך נישט געקענט רעאַגירן. ווען איך וואָלט זיך אָנגערופן מיט איין וואָרט, געבעטן אַז מען זאָל זיך באַצי׳ען מיט רחמים צו סאָניען, וואָלט מען מיך זיכער געוועזן אָנגענומען פאַר אַ באַשיצער פון אַ פאַררעטערין און אפשר נאָך פאַר אַ פאַררעטער אויך. דערפאַר האָב איך מיין כעס אויסגעלאָזט צום הונט, וואָס ווייסט פון גאָרנישט. אַז קיינער האָט נישט באַמערקט האָב איך אים דערלאַנגט אַ קאָפּע אין בויך אַריין און אים צוגע־קוועטשט דעם עק, מיינענדיק אַז ער וועט אָפּשטיין און זיך איינשטילן. אָבער צו מיין אַנטוישונג האָט ער זיך גאָר נאָך מער צעבילט און צעקוויטשעט. זעט אויס, אי פון ווייטיק און אי פון כעס אויף סאָניען.

דער יונג אינעם בלויען אַרבעטס־קאָמבינעזאָן איז צוגעקומען. ער האָט שוין איצטער געוווּסט וועגן אַלץ אין וואָס דאָ גייט. ער האָט געהאַלטן די הענט פאַרשטעקט אין די צוויי קרומע זייטן־קעשענעס, ווי אין אַ העלדישער פּאָזע, מעשׂה נאַפּאָלעאָן. ער האָט געקוקט אויף סאָניען מיט פאַרזשמורעטע אייגעלעך, פול מיט פאַראַכטונג און אַרויסגעצישעט דורך די ציין:

— זונה... איך וואָלט זי אויף שטיקער צעטרייבערט...

סאָניע האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די מענטשן און זיך אַרויסגעריסן פון זייער רינג און זיך געלאָזט גיין, זי איז כמעט געלאָפן, אָבער זי האָט געהערט אַז מען לויפט איר נאָך און זי איז אַריין אין דער נאָענטסטער ביסטראָ,

גלייבנדיק אַז זי וועט דאָ אָפּטעמען, איבערוואַרטן דעם שטורעם און קענען אַוועקגיין.

דאָס געזעמל מענטשן איז נישט אַוועק, נאָר געשטאַנען פאַר די שויבן־טירן מיט די ראָזע געקעסטלטע פאַרהענגלעך פון דער היימישער ביסטראָ פון דער קאַרטיע „צום פעסעלע". דער יונג אינעם בלויען אַרבעטס־קאָמבינעזאָן האָט זיך איצטער געפילט מעשׂה קאָמאַנדיר און זיינע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַרויסגעגעבענע באַפעלן:

— מען דאַרף נישט מורא האָבן אַריינצורייסן זיך אין דער ביסטראָ. דער פּאַטראָן איז אַן אייגענער. מען דאַרף אַרײַן און איר אָנברעכן די ביינער.

די פרויען האָבן אַריינגעקוקט דורך די שויבן אין דער קאַפע און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, זיי האָבן נישט געוואָגט אַריינצוגיין אינעווייניק. זיי האָבן אָבער מיט די הענט געדראָט סאָניען דורך די שויבן. איך האָב איצטער געפילט, אַז איך מוז עפּעס טאָן פאַר סאָניען. איך מוז ראַטעווען איר כבוד און טאָקע איר נפש אויך, ווייל זי קען דאָ זייער שלעכט אָפּשניידן. כ'האָב פּשוט מורא געקריגן פאַרן יונגס דראָונגען, אַז מען דאַרף סאָניען אָנברעכן די ביינער, וואָס ביי אים האָט מען עס גריילעך געקענט פועלן, האָב איך איינגעזען. איך האָב מער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי צו אַנטפּלעקן זיך פאַר אים, זאָגן אים ווער איך בין און דערציילן אים דעם גאַנצן אמת. וואָס האָב איך דען דאָ געהאַט מורא צו האָבן? איך האָב דאָך שוין געזען מיט וועמען איך האָב צו טאָן. איך האָב דאָך נישט געקענט צווייפלען אין זייער שׂנאה צום אָקופּאַנט, וואָס זיי האָבן זי נישט דאָ פאַר מיר ספּעציעל אָפּגעשפּילט. איך האָב געבעטן דעם יונג, ער זאָל גיין מיט מיר אין אַ זייט און כ'האָב אים געזאָגט, אַז איך בין גערירט פון דעם אויסדרוק פון פּאַטריאָטיזם, וואָס אַלע ווייזן דאָ אַרויס און איך בין אים דאַנקבאַר דערפאַר, אָבער וואָס שייך דער פרוי, וואָס זיי פאַרפאָלגן, מאַכן זיי אַ גרויסן טעות. איך קען זי און ווייס ווער זי איז און גאַראַנטיר פאַר איר אָרנטלעכקייט. ווער בין איך דען דאָס, האָט ער געטענהט, וואָס איך גאַראַנטיר פאַר איר און אַז מען זאָל מיר גלייבן? און ווי קען איך בכלל אַזוינס זאָגן, ווייבאַלד מען האָט זי געזען מיטן דייטש...

— דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָב איך געזאָגט און אים געבעטן, אַז ער זאָל קודם־כל געבן אַ צייכן די פרויען, אַז זיי זאָלן זיך באַרויקן. דאָס, וואָס ער

האָט געטאָן — יאָ, און ווער איך בין דאָס אַזוינס... איך בין אַ ייִד — האָב איך אים געזאָגט, גלייבנדיק, אַז דאָס וועט פאַרשטאַרקן ביי אים דעם צוטרוי צו מיינע ווערטער און איך האָב אים געוויזן מיינע פּאַפּירן מיטן רויטן שטעמפּל „זשוויף" און מיין פּאַפּירל, וואָס באַווייזט, אַז איך בין נישט לאַנג צוריק אַרויס פון תפיסה, ווו איך בין געזעסן, און טאַקע פאַר דעם חטא פון זיין אַ ייִד. און דאָ האָב איך אים דערציילט וועגן מיין באַקאַנען זיך אין תפיסה מיט הערמאַנען, וואָס מען האָט סאַניען געזען שפּאַצירן מיט אים, און וועגן דער מיסיע פון איר באַגעגעניש מיט אים, וואָס נישט זי און נישט איך האָבן געקענט רעדן וועגן דעם פאַר אַלעמען. אָבער זעענדיק די געפאַר, וואָס עס דראָט איר דאָ אומזיסט און אומנישט, האָב איך באַשלאָסן דאָס אַלץ פאַר אים צו דערציילן, זייענדיק זיכער, אַז איך געפין זיך צווישן אייגענע. איך האָב מער נישט געקענט פאַרטראָגן אַז זי, אַן אייגענע, זאָל געפייניקט ווערן און פאַרשעמט ווערן פון אייגענע.

— איר האָט גוט געטאָן וואָס איר האָט עס מיר געזאָגט — האָט ער מיר געקלאַפּט אין דער פּלייצע — איר האָט עס נאָך פריִער געדאַרפט טאָן — און איז גיך אַוועק צום געזעמל מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען פאַר דער קאַפּע.

איך האָב זיך געלאָזט אַהין און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט אין איין אָטעם:

— איך ווייס שוין אַלץ... ס'איז נישט דאָס, וואָס מיר האָבן געמיינט... זי איז זיך גאָר מקריב פאַר אונדז אַלעמען... מיר דאַרפן בעטן אַנטשולדיקונג ביי איר — האָט ער אַריינגעוויזן אין דער קאַפּע — איר דאַרפט אַלע קניִען פאַר איר. זי איז אַ הייליקע... אויף מיין אחריות זאָג איך אייך דאָס — און ער האָט זיך צוגעבויגן צו זיי און זיי עפּעס ווי איינגערוימט אַ סוד, קענטיק, אַז ער האָט זיי געזאָגט ווער איך בין און ווער סאַניע איז און וואָס עס איז געווען דער ציל פון איר שפּאַציר — נו, גייט אַריין און בעט זי איבער — האָט ער ווידער געזאָגט מיט אַ העכערן טאָן — קומט אַריין, איך צאָל אַלעמען אַ גלעזל!

ער האָט געהייסן די קינדער אַהיימגיין און ער מיט די עטלעכע פרויען און צוויי עלטערע לייט זענען אַריין אין דער היימישער ביסטראָ. איך האָב זיך געוואָלט האַלטן פון דער ווייטנס, אָבער דער יונג האָט דאָס באַמערקט און מיך אַריינגעצויגן אינעווייניק.

— איך דאַרף זיך נישט צופיל אַרומדרייען אין גאַס — האָב איך צו אים געזאָגט אויף דער שוועל — ס׳איז בעסער, אַז איך זאָל שוין אַוועקגיין.

— ניין, ניין — האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט — איר האָט דאָ גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן. דאָ, צווישן אונדז, וועט אייך גאָרנישט געשען. ווער עס וועט אייך דאָ פּרובירן אָנרירן, וועט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער פון דאַנען.

מיר האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט ביים פּראָסטן, הילצערנעם לענגלעכן טיש לעבן סאָניען. פאַרשטייענדיק, אַז דאָס האָב איך — נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה — אויפגעקלערט דעם ענין וועגן איר, האָט זי געשמייכלט, און אַלע אירע קויטיקע פלעקן פון דער שמינקע און פאַרבן האָבן געשיינט פון איר פּנים... סאָניע איז געזעסן ביי אַ טעפּל פאַרשוואַרצט וואַסער, וואָס האָט געהייסן קאַפע. עס איז געשטאַנען אַ נישט־אויסגעטרונקענס און עס האָט עדות געזאָגט, אַז נישט צוליב דעם איז סאָניע אַריין אין דער ביסטראָ.

דער יונג האָט נישט געקענט קוקן סאָניען אין די אויגן אַריין. ער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל און נישט געוווּסט ווו אַהין צו טאָן דעם בליק. לסוף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו איר:

— זייט מיר מוחל און אונדז אַלע — האָט ער געמאַכט מיט דער האַנט אַ קרייז אַרום די מענטשן — אַנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן אייך אומזיסט באַליידיקט... איך בין געווען אומגעלומפּערט...

— אָ, ניין, ניין, ס׳מאַכט נישט אויס — האָט סאָניע געשמייכלט דורך אַלע אירע קויטיקע פלעקן — איר האָט דאָך נישט געמיינט מיך, נאָר דעם, וואָס טוט אונדז אַלעמען אָן אַזויפיל שלעכטס... נישט אמת? — האָט זי אים געוואָלט פאַרלייכטערן זיין נישט גוט פילן זיך...

— יאָ, יאָ — האָבן זיך געהערט שטימען.

דער פּאַטראָן פון דער ביסטראָ, אין אַ בלויען אָפּגעריבענעם פאַרטעך אַרום דעם בויך, איז צוגעקומען און זיך געווענדעט היימישלעך צום יונג:

— זשיל, וואָס וועט מען באַשטעלן? קיין שאַמפּאַן האָב איך נישט פאַר אייך. מען האָט אים צוגענומען ביי אונדז פאַר וויכטיקערע לייט ווי איר זענט... — האָט ער ממזריש אַ פינטל געגעבן מיט די אויגן.

— נישט געזאָרגט — האָט עמעצער אָפּגעענטפערט — עס וועט קומען

אַ טאָג וועט נאָך זיין אויף פראַנצויזישער שאַמפּאַן אויפן טיש און עס וועט זיין פאַר וואָס צו טרינקען !...

— געוויס, געוויס — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן.

זשיל האָט געפירט דעם טיש, ער האָט אַלעמען געפרעגט וואָס מען וויל און יעדער האָט עפּעס באַשטעלט. סאָניע האָט אויך עפּעס געמוזט נעמען, הגם איר ביסל ערזאַץ־קאַפע איז נאָך נישט געווען אויסגעטרונקען און דעם איינ־ציקן טעם וואָס עס האָט פריִער געהאַט — ס׳איז געווען הייס — האָט עס שוין איצטער אויך נישט געהאַט. אָבער אָפּזאָגן זשילן עפּעס צו טרינקען מיט אים, האָט זי נישט געקענט, עס האָט נישט געפּאַסט. זי האָט באַוויליקט און געשמייכלט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי שמייכלט איצטער דורך טרערן. יאָ, אירע אויגן זענען ווירקלעך געווען פייכט. אַ וווּנדער נאָר פון וואַנען אָט דאָס האָט זיך גענומען ביי דער חברטע סאָניע. איר טרערן־פייכטקייט האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די פלעקן פון איר שמינקע, געוואָרן איינס, און ס׳איז געווען אַזאַ ווונדערלעכער אויסגעמיש ווי דעמאָלט, ווען אַ זונשטראַל מישט זיך אויס מיט אַ קליין בלאָטקעלע, אַ קאַלוזשע.

די פרוי אין פלאַנעלענעם שלאַפראָק האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און מוטערלעך־צערטלעך אָפּגעווישט סאָניען דאָס פּנים, זאָגנדיק:

— איך בעט אייך מיר מוחל זיין. איך פיל זיך אַזוי שולדיק לגבי אייך. דערגאַנגען אייך בחינם די יאָרן, געווען אַזוי גראָב צו אייך.

— אָ, גייט שוין, גייט, לאָזט עס אָפּ — האָט סאָניע פּרובירט צו נישט מאַכן דער פרויס פאַרלעגנהייט — איר זענט נישט געווען גראָב. אייער גראָבקייט איז פאַר מיר די גרעסטע איידלקייט. נעמט אייך נישט צום האַרצן. איר זענט נישט שולדיק. איר האָט דאָך געמיינט גוט...

— אָ, יאָ — האָט מען צוגעשטימט.

— איך האָב אַלץ גענומען פאַר ליב — האָט סאָניע פאַרגעזעצט — וויסנדיק, אַז דאָס צאָרנט איר נישט קעגן מיר, נאָר קעגן עמעצן אַנדערש, וואָס פאַרדינט דאָס מצד אונדז אַלעמען. און אַלץ, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, וועט גיין אויף דער קאָנטע פון אָט דעם עמעצן אַנדערש. זענט איר מסכים ?

— געוויס, געוויס — האָבן אַלע איינגעשטימט.

דער פּאַטראָן האָט צוגעברענגט אויף אַ הילצערן טעצל יעדן איינעמס באַשטעלטן געטראַנק און יעדער האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז — ווער אַ בור־

שטינענעם ביר, ווער אַ בלאָסן לימאָנאַד, ווער אַ גרינעם „דיאַבאָלאָ מאַנט" און ווער אַ ביסל מוטנע ערזאַץ־קאַפע, און אַלץ — „פּאַר בעסערע צייטן", „פּאַר אַ באַפרייט פראַנקרייך".

רעקס איז געלעגן אונטערן טיש אַ שטילער, אַ באַרויִקטער, מען האָט אים נישט געהערט, גלייך ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף איצטער זיין „סאַזש", ס'הייסט לייטיש און רויִק. פון מאָל צו מאָל האָט ער בלויז אַרויסגעלאָזט אַ שטילן בורטשע, עפּעס אַ מין הינטישן זיפץ פון דערלייכטע־רונג און אויפגעלייגטקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמאָנען, אַז ער געפינט זיך אונטן און אַז ער איז אויך דאָ אויף דער שמחה. אַן עלטערער מאַן ביים טיש האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל צוקער פון אַ פּלאַטשיק בלעכן פושקעלע, וואָס ער טראָגט שטענדיק ביי זיך, און עס אַרונטערדערלאַנגט רעקסן. ער האָט זיך דאָס אָפּגעשפּאַרט פון זיין מויל, ווי אויף אָפּצוחורשן אים. דער הונט האָט דאָס שטיקל צוקער קונציק אַריינגעכאַפּט אין פּיסק און עס צעקנאַקט מיט די ציין און דערנאָך האָט ער זיך באַלעקט אויף רעכטס און לינקס מיט זיין רויטלעכן לעקער.

דער פּאַטראָן איז געשטאַנען הינטערן טונקעלן וואַכעדיקן קאָנטואַר, פון וועלכן די דייטשן האָבן שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגעשווינדן דעם שיינעם קופּערנעם צודעק־בלאַט אויף צו צעשמעלצן אים אויף זייער כלי־זין, בכדי מען זאָל אויף אים פאַרגיסן בלוט און נישט קיין וויין... ער האָט זיך צוגעקוקט מיט הנאה צו דער האַפּערדיקער חברה ביים טיש, האַלטנדיק אין איין ווישן אויטאָמאַטיש גלעזער, כאָטש קיין גרויסע זיבן זאַכן איז נישט געווען וואָס אַריינצוגיסן אין זיי.

זשיל האָט זיך אויפגעשטעלט און געזעגנט פאַר דער „טורנע", זאָגנדיק אַז ער מוז שוין אַריינגיין אין דער אַטעליע, צוענדיקן אַ שטיקל אַרבעט, זיין קליִענט וואַרט אויף אים.

— און איר — האָט זיך זשיל געוואָנדן צו סאַניען — אויב פאַרבלאָנ־דזשעט איר נאָך אַ מאָל אין אונדזער קאַרטיע, טאָ קומט דאָ אַריין. אַרום פינף אַ זייגער קענט איר מיך אָפּט דאָ טרעפן. און טאָמער בין איך נישטאָ, וועט איר פרעגן דעם פּאַטראָן אויף זשילן און ער וועט מאַכן האָקוס־פּאָקוס און איך וועל זיך באַווייזן. איר וועט דאָ שטענדיק געפינען אַ הילף און אַ שוץ. איר וועט קומען?

— פאַר וואָס נישט? — האָט סאָניע געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט געקענט הייסן יאָ און ניין.

די פרוי אין פלאַנעלענעם שלאַפּראָק האָט זיך דאַן אָנגערופן צו סאָניען:

— ווי איר זעט אויס פאַרמאַטערט... איר האָט היינט געהאַט גענוג עמאָציעס... ווייסט איר וואָס? קומט אַרויף אַ ביסל צו מיר, וועט איר זיך אָפּרוען. איך וווין דאָ נישט ווייט, אין דער קאַרטיע. איר וועט איבערבייטן ביי מיר אַ פּאָר זאָקן. איך מעג דאָך אייך פאַרריכטן דעם שאָדן, וואָס מיין רעקס האָט אייך אָנגעטאָן. קומט.

סאָניע איז מסכים געווען. זי איז געווען גערירט פון דעם אָנבאָט. אחוץ דעם האָט איר דער פּראַקטישער חוש פון אַן אונטערערדלערין אונטערגעזאָגט, אַז זי דאַרף אַרויפגיין צו דער פרוי. מען דאַרף געווינען מענטשן, אָנבינדן קאָנטאַקטן, פאַרשאַפן דירות, אַדרעסן, באַהעלטענישן. עס איז נויטיק פאַר חברים, פאַר די, וואָס לעבן אומלעגאַל, אין פאַרבאָרגעניש, אין שאָטן.

אַלע האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון דער ביסטראָ. מען האָט גענומען אָפּשייד איינער פון אַנדערן און מ׳איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן.

סאָניע און די פרוי אינעם שלאַפּראָק, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין געהאַט געזעגנט, זענען געגאַנגען צוזאַמען. איך בין נאָך געשטאַנען אַ רגע און זיי נאָכגעקוקט און געזען ווי זיי דערווייטערן זיך פון מיר. דער אָוונט האָט גענומען שנעל צופאַלן. איבער פענצטער פון הייזער האָט מען אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן די שוואַרצע שטאָרן און פלאַכטעס פון קאַמופלאַזש, ווי לוויה־טיכער, מען זאָל די מינדסטע שיין נישט אַרויסזען. קיין וויטרינעס פון די געשעפטן וועלן נישט אויפלייכטן, די לאָמפּן אויף די טראָטואַרן וועלן זיך נישט אָנצינדן, און באַלד, באַלד וועט מען אין דער פינצטערניש נישט וויסן ווו פאַריז איז אַהינגעקומען...

דערווייטערנדיק זיך אַלץ מער פון מיר האָבן זיך די צוויי פרויען־סילועטן אָנגעהויבן צו פאַרמישן מיט דער טונקלעניש. רעקס איז זיי נאָכגעלאָפן פון הינטן, זיך געפּלאָנטערט צווישןביידע, געשאָקלט מיט זיינע אויערן־לאַפּן און גיך־גיך געדרייט מיטן עק. אפשר איז דאָס געווען פאַר פרייד און האָפערדיקייט, אפשר פאַר גדולה און צופרידנקייט, ווער ווייסט?...

## טראַנספּוזיציע

# טראַנספוזיע

נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג פונעם פּאַציענט, האָט אים דער דאָקטער זשאַן פּאַרזשעראָן, קאָנסולטאַציע־שעף פון איינעם פון די פּאַריזער שפּיטאָלן, ממש געוואָרנט:

— איך זאָג אייך, מיסיע גרינשפּאַן, איר טאָרט מער נישט אָפּשלעפּן די אָפּעראַציע צוליב אייער אָפּגעהאַקטער ניר. איר מוזט זיך דעצידירן... אייגנטלעך, ווייס איך נישט פאַר וואָס איר וואַקלט זיך אַזוי די גאַנצע צייט...

— אונטערן מעסער ווילט זיך קיינעם נישט גיין, דאָקטער... — איז נישט־דרייסט, ווי שעמעוודיק, דער פּאַציענט אַריינגעפאַלן אין די רייד דעם דאָקטער פּאַרזשעראָן און גלייך חרטה געהאַט, טראַכטנדיק, אַז דאָס איז אפשר צו עזותדיק פון זיין זייט. דער דאָקטער, בטבע אַ גוטמוטיקער מענטש, האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון דעם און ער האָט געענטפערט:

— איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, אָבער מען מוז דאָס טאָן צוליב אייער געזונט. ס'איז נישט, אגב, דאָס ערשטע מאָל ווי איך זאָג אייך, אַז מען וועט דאַרפן דורכפירן די אָפּעראַציע, נאָר כל־זמן ס'איז נישט געווען אומבאַדינגט נייטיק האָט מען געקענט אָפּשלעפּן... אָבער איצטער איז עס דרינגענדיק, ווייל עס גייט אין אייער לעבן... — האָט דער דאָקטער אָנגענומען כמעט אַ שטרענגן טאָן, וואָס האָט זיך עפּעס נישט אַזוי געפּאַסט צו אים.

דער פּאַציענט האָט, אייגנטלעך, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און ער האָט פאַרלעגנהייטלעך געשוויגן. ער האָט זיך איצטער געזען צווישן די שאַרפן פון צוויי חלפים. ער האָט געדאַרפט אויסקלויבן איינעם: די אָפּעראַציע, אָדער פאַרלירן דאָס לעבן... דער שׂכל הישר זאָגט טאַקע, אַז ער דאַרף אויסקלויבן די אָפּעראַציע, אָבער...

דער דאָקטער האָט דעם פּאַציענט אַרויסגעשלאָגן פון זיינע מחשבות:

— פאַר וואָס, אייגנטלעך, האָט איר אַזוי מורא? איר, אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָס און לאַגערן, ווו איר האָט יעדע רגע געזען דעם טויט פאַר די אויגן...

— נו, גוט... — האָט דער פּאַציענט איינגעשטימט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין און מאַכנדיק זיך אַ האַרץ, אָבער אין זיין קול האָט זיך פון דעסטוועגן געלאָזט הערן אַ טאָן פון רעזיגנאַציע, ווי ביי אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין אַנדערע ברירה ווי איבערצוגעבן זיך אין רשות פון זיין באַשערטן גורל. און ער האָט צוגעגעבן: „איך וואָלט נאָך בלויז געוואָלט איבעררעדן מיט מיין ווייב", אויף וואָס דער דאָקטער איז מיט אַ סך פאַרשטענדעניש מסכים געווען... און אויפהייבנדיק זיך פון זיין שטול, האָט ער גענומען אָפּשייד פונעם פּאַציענט.

איצטער, ווען דוד גרינשפּאַן, דער געוועזענער דעפּאָרטירטער און דער פּליט אין פּאַריז, איז שוין געזעסן אין אויטאָבוס אויפן וועג צו זיך אַהיים, האָט ער כסדר נאָכגעטראַכט וועגן דעם דאָקטערס וואָרענונגס־רייד; ער האָט זיי אָן אויפהער געהערט, זיי האָבן, האָט זיך אים געדאַכט, איבערגעהילכט דעם געטומל פון די אויטאָס און דעם גאַנצן שטאָטישן האַרמידער. ער האָט איצטער, זיצנדיק אין אויטאָבוס, נאָך מער באַנומען די סכנות נפשות, דערמאָנענדיק זיך אינעם אויסזען פונעם דאָקטערס שטרענג־ערנסט געזיכט נאָכן אונטערזוכן אים.

אייגנטלעך, האָט ער געהאַט וואָס צו ענטפערן דעם דאָקטער אויף זיין פראַגע, פאַר וואָס ער, דוד גרינשפּאַן, אַ ייִד, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָס און לאַגערן, האָט אַזוי מורא פאַר דער אָפּעראַציע; עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט דרייסטקייט דאָס צו זאָגן. דווקא ער, דוד, וואָס האָט דורכגעמאַכט געטאָ און לאַגער; ער, וואָס האָט איינער פון אַ גאַנצן משפחה־שטאָם שוין יאָ זוכה געווען צו דערשלעפּן מיט די לעצטע כוחות דאָס בידנע שטיקל לעבן זיינס, איז אים טאַקע ערשט אַ שאַד, אַז ער זאָל עס איצטער פּטרן נישט־מיר, נישט־דיר. נאָר אויב ער לאָזט זיך נישט תיכף אָפּערירן קען אים דראָען אַ לעבנס־געפאַר, ווי דער דאָקטער האָט געזאָגט — און אַ דאָקטער וועט דאָך נישט אויסטראַכטן אַזאַ זאַך — איז מילא, פאַרפאַלן, איז ער גרייט צו גיין אונטערן מעסער.

ביי דעם האָט זיך דוד אויך געהאַלטן אין דער היים, ווען ער האָט איבערגעגעבן זיין ווייב דעם דאָקטערס מיינונג. ער האָט זיך דאַן באַמיט צו זיין אויפגעלייגט, ווי עס איז, און בכדי צו פאַרלייכטערן איר דאָס געמיט האָט ער איר געזאָגט מיט געמאַכטן קוראַזש:

— שוין, שוין, קלער נישט אַזויפיל אַריין, קלאַראַ, איך וועל עס איבער־קומען און פּטור אַן עסק... דער דאָקטער זאָגט אפילו, אַז עס איז אַ לייכטע אָפּעראַציע... מען קומט עס איבער און שוין... — האָט ער נאָך צוגעגעבן אַ ליגן זיין ווייב, וואָס בטבע האָט ער דאָס פיינט. ער טרייסט זיך אָבער אין געדאַנק, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ גוטער כוונה — אַז זי, קלאַראַ, זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק איבערנעמען צוליב אים. און דוד, צוזאַמען מיט זיין ווייב, זענען סוף כל סוף איינגעגאַנגען אויף דער אָפּעראַציע.

— וועסט זען, ס׳וועט אַלץ גוט זיין און וועסט מער נישט דאַרפן ליידן, דאָוטשעלע — האָט קלאַראַ דערמוטיקט דודן, און איר רופן אים דאָוטשעלע איז אים געווען זייער אָנגעלייגט, און נישט בלויז דערפאַר ווייל זיין נאָמען איז ביי איר אַרויסגעקומען צווייפאַכיק פאַרצויגן און ס׳איז געווען אין דעם אַ וועלט מיט חן און מילדקייט, נאָר ווייל אַזוי פלעגט אים אויך פון צייט צו צייט רופן אַ מאָל זיין מאַמע, ווען ער איז נאָך אַ יינגל געווען, ביים אַרויסווייזן אים איר מוטערלעכע צערטלעכקייט און ליבשאַפט.

דעם טאָג, ערב דודס אַריינגיין אין שפּיטאָל, האָט קלאַראַ גענומען זיך פאַרען ביים צוגרייטן די נויטיקסטע זאַכן פאַר אים. דוד איז נאָכגעגאַנגען מיט זיין בליק נאָך יעדער באַוועגונג אירער, און זעענדיק ווי זי טוט דאָס אַלץ מיט אַזאַ טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט זיכערקייט און גלויביקייט. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די צאַרטקייט פון אירע פינגער גיט זיך איבער צו די אַלע חפצים זיינע, וואָס זי נעמט איצטער צונויף; ער האָט ממש געפילט, ווי דאָס ראַזיר־בערשטעלע וואָלט אים אין אָט דער רגע געגלעט מיט אַזאַ אָנגענעמער גוטסקייט און ווי די פוכיקייט פונעם באָדהאַנטעך וואָלט זיך צוגערירט צו זיין הויט מיט אַזאַ וואַרעמקייט און ליבלעכקייט, ווי זי אַליין, קלאַראַ, וואָלט זיך צוגערירט צו איר.

דוד האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אַלע מעבלשטיק אין צימער, אויף זיין ביבליאָטעק־שענקל מיט יידישע ביכער, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט ביסלעכ־

ווייז, אַ בוך צו אַ בוך; אויף דעם עלעקטרישן פּאַנאָגראַף מיטן קעסטל פּליטן, אויף זיין גיטאַרע אויף דער וואַנט, וואָס ער האָט ליב אויף איר צו שפּילן פון צייט צו צייט און וואָס זי דערמאָנט אים אין זיינע יוגנט־יאָרן, ווען ער האָט געשפּילט אינעם מאַנדאָלין־אָרקעסטער פון פּראָפעסיאָנעלן פּאַראיין אין וואַרשע. פון אַלץ האָט געשמעקט מיט זויבערער באַלעבאַטישקייט, וואָס ער און קלאַראַ האָבן צו ביסלעך מיט מי און מאַטער איינגעאָרדנט נאָך זייער חתונה מיט עטלעכע יאָר צוריק. און יעדעס זאַכעלע, יעדע שמאַכטע, וואָס זיי האָבן איינגעקויפט, איז ביי אים געווען אַזוי אָנגעלייגט און געשעצט, בפרט, נאָך די יאָרן זיינע פון טויט־סכנה, ביטערן פּיין און עלנט. האָט ער דעריבער נאָך אַ מאָל געוואָרפן אַ בליק דאָ און דאָרטן, ווי עס וואָלט אים פאַרגעשטאַנען אַ לאַנגע צעשיידונג מיט דעם אַלעם, פון וואָס עס ווערט צונויפגעשטעלט דאָס קורצע וואָרט: היים.

דוד גרינשפּאַן איז געקומען נאָכן קריג פון אַ דייטשן די־פּי־לאַגער קיין פּאַריז מיט אַ מחנה פּליטים, וואָס פאַרשידענע ווילטעטיקייטס־קאָמיטעטן האָבן אָפּגעוואַרט ביי דער באַן מיט אַ האַרציקן ברוך־הבא. פאַר אַלע פּליטים האָט פּאַריז געדאַרפט זיין נישט מער ווי אַ צייטווייליקער אָפּשטעל, אַ טראַנזיט־אָרט. זיי האָבן געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון איראָפּע און פון זייער פינצטערער פאַרגאַנגענהייט. און זיי זענען זיך טאַקע שפּעטער כמעט אַלע צעפאָרן אין פאַרשידענע עקן וועלט. בלויז אַ קליין הייפל פון זיי איז געבליבן אין פּאַריז, צווישן זיי אויך דוד. ער האָט באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, רירט ער זיך מער נישט, ער וואַנדערט נישט מער, ער האָט מער נישט קיין כוח צו דעם. אָט דאָ וועט ער שוין אַוועקשטעלן און אויפפּאַקן זיין וואַליזע, אַוועקלייגן זיין ביסל בעבעכעס און זיין בינטל יאָרן, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון הינטער די געדיכטע עלעקטרישע דראָט־פאַרצוימונגען ממש מיט ניסים.

די פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום, האָבן געקוקט אויף די פרעמדע פּליטים מיט די פּראָסטע גראָבע פּעק פּאַרן וואָקזאַל, ווי אויף אייגענע אָנגעלייגטע געסט, אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיך טיילן מיט זיי מיטן געלעגער. איינער האָט דעם אַנדערן עפּעס אַריינגעשושקעט וועגן דעם ווער די מענטשן זענען און יעדער איז גרייט געווען מיט עפּעס צו העלפן, מיט

עפּעס צו דינען, כאָטש אַ קלומיק צי אַ וואַליזע צוטראָגן צו דער נאָענטסטער מעטראָ, אָדער אויטאָ.

דודן איז דאָס אַלץ געווען שטאַרק צום האַרצן. די שטאָט מיט אירע בולוואַרן, מיט די אַלטע פּיטאָרעסקע הייזער, מיט די שיינע פּלעצער און אירע פרידלעכע מענטשן איז אים זייער געפעלן געוואָרן. באַלד דאָס ערשטע הויז פּאַר אַלע איינוווינער — דער האָטעל דע וויל מיט זיין גרויער פּאַסאַדע מיט פיגורן און טורעמלעך, וואָס דערמאָנען גיכער אין אַן אַלטן, פּאַרצייטישן שלאָס, איז אים זייער געפעלן געוואָרן. אפילו פון דעם, וואָס די פראַנצויזן קענען אויף אַ רגע פיינט האָבן אַ ייִד, ווייל זיי נעמען אים על פּי טעות אָן פאַר אַ דייטש צוליב זיין ייִדיש רעדן — איז ער אויך געווען צופרידן...

טראָץ דעם וואָס די גרעסטע טייל פון די פּליטים זענען זיך צו ביסלעך צעפאָרן אין דער וועלט אַריין ווו די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן, איז דוד געווען אַנטשלאָסן צו באַזעצן זיך דאָ און זיך איינצואָרדענען. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן ביי זיין פאַך: לעדערנע דאַמען־הענטשקעס, כאָטש ער איז שוין געווען אָפּגעוווינט פון דעם און די הענט האָבן זיך עפּעס ביי אים מער נישט געלייגט צו אָט דער איידעלער מלאכה, נאָך דעם ווי זיי האָבן געטאָן אין לאַגער אַלערליי עבודות פּרך. געוווינט האָט ער אין אַ צימער ביי יענעם, פאַר וועלכן דער קאָמיטעט האָט דערווייל געצאָלט דאָס דירה־געלט יעדן חודש. ער איז טאַקע געלעגן אויף אַ ווייס זויבער קישן, אָבער יעדע נאַכט האָבן זיך דעריין אָפּגעזעצט, ווי אין אַ טיפער דנאָ, די שווערע מאַטערנ־דיקע קאָשמאַרן פון זיינע לאַגער־יאָרן.

אין גיכן איז געקומען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ביי דודן דעם באַשלוס נישט אַוועקצופאָרן פון פראַנקרייך.

איין מאָל אויף אַ יזכור־אָוונט איז אים אויסגעקומען צופעליק צו זיצן לעבן אַ פרוי, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין אַ גאַנץ איידעלע און ווילע. ער האָט באַמערקט, אַז ווען דער איינציקער רעדנער אויף ייִדיש האָט גערעדט, האָט זי נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען און ער האָט איר געגרן פון צייט צו צייט אַרויסגעהאָלפן, פאַרטייטשט איר אָפּט מאָל אַ וואָרט, אַ פראַזע. נאָכן אָוונט האָט ער איר נישט־דרייסט געפרעגט צי עס וועט איר נישט אויסמאַכן אויב ער וועט זי באַגלייטן. ער האָט רעכט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער

און זיי זענען שוין געגאַנגען צוזאַמען. אויפֿן וועג האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וואָלט געוואָלט קענען בעסער ייִדיש, אַז אירע עלטערן, וואָס זענען געקומען אַהער פֿון לעמבערג ווען זי איז אַלט געווען פֿינף יאָר, האָבן אויך גערעדט ייִדיש.

דוד האָט איר געזאָגט האַלב אין שפּאַס, אַז אויב זי וויל בעסער קענען ייִדיש, האָט ער פֿאַר איר איין עצה: אַז ער זאָל רעדן צו איר אָפּט ייִדיש... און ער האָט טאַקע גערעדט צו איר...

און אַזוי זענען זיי געוואָרן מאַן־און־ווייב.

דודס פֿריִערדיקע פֿרוי און צוויי קינדער און זיין גאַנצע משפּחה זענען אומגעקומען ערגעץ־ווו אין פֿאַרשידענע געטאָס און לאַגערן. אויך קלאַראַס מאַן און איר איינציק טעכטערל זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, טאַקע פֿון דאַנען, פֿון פּאַריז.ביידע האָבן זיי געהאַט הינטער זיך פֿאַרלוירענע וועלטן און פֿאַר זיך — אַ געמיינזאַם שטיקעלע וועלט אַן אָפּגעפּונענס, צווישן אייגע־נע היימישע פֿיר ווענט. נאָך חופּה וקידושין, בעת דעם לעקעך־און־בראָנפֿן, האָט כמעט דער גאַנצער מנין ייִדן געווינט, כאָטש זיי האָבן געוווּסט, אַז מען טאָר זיך איצטער נישט צולאָזן קיין עצבֿות. דער קאָמיטעט האָט אין אָנהייב געהאָלפֿן דודן און קלאַראַן איינאָרדענען זיך ביז וואַנען זיי וועלן זיך אַליין שטעלן אויף די אייגענע פֿיס. זיי האָבן שפּעטערצו, ווען עס איז זיי שוין געגאַנגען לייכטער, אַדאָפּטירט אַ קינד, אַ ייִדיש יתומהלע, אויך אַן איינציק־אָפּגעראַטעוועטס פֿון אַ גאַנצער משפּחה. דוד פֿלעגט זאָגן צו זיין ווייב: „זאָרג זיך נישט, קלאַרעשי, עס וועט זיין פֿאַר צוויי, וועט אויך זיין פֿאַר דריי". זיי האָבן דעם מיידעלע, אחוץ איר נאָמען עווא, צוגעגעבן נאָך צוויי נעמען, די נעמען פֿון זייערע אומגעבראַכטע טעכטערלעך. און אַזוי, צובינדנדיק זיך צו קלאַראַן און צום מיידעלע, האָט זיך דוד נאָך מער צוגעבונדן צום נייעם לאַנד. אַלץ וואָלט שוין געגאַנגען נישקשהדיק, ווען נישט די מעשׂה מיט דער אָפּגעהאַקטער ניר, וואָס איז געווען ביי דודן אַ זכר לאוישוויץ.

דאָס איז געווען איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען די לעצטע אָפּשיין פֿונעם זון־אונטערגאַנג, אַ צעריסענע פֿון די עלעקטרישע דראָטנעצן, האָט געבלו־טיקט איבערן לאַגער; ס'איז געווען שוין נאָכן אַפּעל און נאָכן ביסל

אויסגעטיילטע יושקע. שליינכנדיק זיך צו זיין באַראַק, האָט דוד באַמערקט לעבן אַ קופּע מיסט, נישט ווייט פון דער קיך, אַ פאַרפוילט שטיקל מייער און ער האָט עס שנעל געכאַפּט און עס גלייך אַראָפּגעברענגט, איינגעשלונג־גען, מען זאָל עס נישט געפינען ביי אים, ווי די מעשה מאַכט זיך, ווען מען וואָלט אים באַזוכט. ער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער קופּע מיסט און קיכאָפפאַל, ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען זי צו פאַרלאָזן און ווען ער האָט זיך שוין פאַרנומען אַוועקצוגיין, איז נאָענט פון אים אויסגעוואַקסן אַן עס־עס־מאַן מיט אַ הונט, וואָס ער האָט געפירט ביי אַ רימען. אייגנטלעך, האָט עס גיכער אויסגעזען ווי' דער הונט וואָלט געפירט דעם עס־עס־מאַן, ווייל ער איז געגאַנגען פאָרויס און מיט גרויס מעכטיקייט און גדלות. דערזעענדיק דעם פאַרשולדיקטן און נעבעכדיקן ייִד, זענען זייביידע געווען מלא רציחה: דער דייטשישער הונט און דער הינטישער דייטש.

— האַלט! — האָט דער עס־עס־מאַן אַ ריטשע געטאָן צו דודן, צוטשע־פּענדיק ביים רימען דעם הונט צו אַ דערבײַיִקן סלופּ — וואָס האָסטו דאָרטן געשטאָלן, יודע?! וואָס האָסטו אויפגעהויבן?! — און ער האָט פון אויבן ביז אַראָפּ באַטאַפּט דודס בלוי־גרויע לאַגער־הלבשה — גאָרנישט, זאָגסטו... ד ע ר — האָט ער אָנגעוויזן אויפן כלב — וועט שוין בעסער דערשנאָפּן דיין געפינס.

דוד האָט געוווּסט, ווי אַלע געפאַנגענע אין לאַגער, אַז דער מינדעסטער פּרוּוו פון אַקעגנשטעלן זיך אַ דייטש איז דער טויט אויפן אָרט. צי איז דאָס אויך געווען חל אויפן אַנטקעגנשטעלן זיך דעם דייטשס הונט? צי האָט מען געדאַרפט באַטראַכטן דעם הונט ווי אַ טייל פונעם דייטש? ווי דעם דייטשס אַן אבר? דודן איז קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן דעם, און איצטער, ווען דער עס־עס־מאַן האָט אָנגערייצט אויף אים דעם הונט, האָט ער, דוד, געמאַכט אַן אינסטינקטיווע באַוועגונג פון זיך ווערן קעגן אים, נישט טראַכטנדיק דערביי וועגן דעם וואָס דאָס קען ברענגען... דער הונט האָט זיך געוואָרפן אויף דודן מיט אַן אָפענעם פּיסק מיט שפּיציקע ציינער און אָפּגעריסן אַ שטיק פון זיין לאַגער־הלבשה. נאָך יעדן וואָרפן זיך אויף זיין קרבן איז ער אָפּגעשפּרונגען הינטערווײַלעכץ, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָננעמען מיט כוח צו אַ פרישן אָנפאַל.

דודן איז געווען באַקאַנט, אַז עס זענען פאַראַן אין לאַגער אַזעלכע הינט,

וואָס די דייטשן האָבן זיי אויסדרעסירט אויף אַזאַ אופן: מען פלעגט זיי אויסגעהונגערטע אָנרייצן אויף מאַנעקינען, אויף וועלכע עס איז געווען צוגעבונדן צום האַלדז אַ שטיקל פלייש אָדער וווּרשט, אַזוי אַז די הינט האָבן שוין נאָך דעם געהאַט די געוווינהייט אָנצוכאַפּן אַ מענטש ביים האַלדז און איינבייסן אים דעם גאָרגל. ווען דער עס־עס־מאַן האָט געוואָרפן דעם הונט אויף דודן, האָט ער, דוד, דעריבער אינסטינקטיוו מיט דער לינקער האַנט זיך פאַרשטעלט דעם האַלדז און מיט דער רעכטער האַנט און מיט די פיס געפּרוווט אָפּצושטויסן דעם הונט, געבנדיק אים מיט אַלע זיינע כוחות קלעפּ און בריקעס ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

פאַרצווייפלט איז אָנגעגאַנגען דאָס געשלעג צווישן מענטש און חיה. דוד האָט זיך פאַרטיידיקט מיט ספּריטנעקייט, חכמה און גבורה, באַמיִענדיק זיך נישט צוצולאָזן דעם הונט צו זיין לייב און דער עיקר, צום האַלדז. ער האָט אָפּגעוואָרפן איין ווילדן הינטישן אָנפאַל נאָכן אַנדערן, ער האָט זיך געשלאָגן פאַרביטערט און זיך געראַנגלט שווער מיטן הונט, ווי שמשון מיטן לייב.

אין אָנהייב האָט זיך דער דייטש צוגעקוקט צום געשלעג ווי צו אַ פאַר־ווײַלנדיקן ספּעקטאַקל, זעענדיק ווי לעכערלעך עס מאַכט זיך דער ייִד און זייענדיק פולשטענדיק זיכער, אַז דער זיג וועט סוף כל סוף זיין אויף דער זייט פונעם הונט, אָבער זעענדיק אַז דער ענין פאַרציט זיך און דער הונט קען זיך נישט קיין עצה געבן מיטן ייִד, האָט דער דייטש מער נישט געקענט אויסהאַלטן און אַ געשריי געטאָן:

— האַלט!

דער „האַלט!" איז דער עיקר געווען געוואָנדן צום ייִד, אָבער קענטיק, אַז אויך צום הונט, ווייל גלייך האָט דער עס־עס־מאַן אים אָנגענומען ביים רימען און אים צוריק צוגעטשעפּעט צום סלופּ.

— וואָס, יודע, אַ דייטשישן הונט וועסטו וואַגן אָקעגנצושטעלן זיך?! — האָט עס אונטערגעטראָגן דעם עס־עס־מאַן — און ער האָט אַליין גענומען שלאָגן דודן, טרעטן אים מיט די פיס. ער האָט אים אַוועקגעקאָפּעט פון זיך מיט די באַטשוועקעטע שטיוול זיינע, ווי עפּעס אַ נישטיקע עקלהאַפטע זאַך. דערנאָך האָט ער געמאַכט אַ שריט פאָרויס און ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע, ביז ס'האָט געקענט אויסדאַכטן, אַז דער ייִד איז געבליבן ליגן מיט קנאַפּע סימנים פון לעבן.

דער הונט איז געזעסן מיט די פֿאָדערשטע לאַפּעס אױפֿגעשטעלט, געדרייט גיך־גיך מיטן עק און זיך געריסן פֿון אָרט, נישט קענענדיק זיך שענקען, װאָס מען האָט אים אַװעקגענומען פֿון זײַן קרבן; ער האָט אין זיך בײז גע־װאָרטשעט און געװאָיעט, װי ער װאָלט נישט פֿאַרגונען זײַן האַר, װאָס ער האָט זיך אַלײן צוגעכאַפּט צום אָפּגעפּליקטן מענטשל פֿון הויט און בײן, װעלכער האָט אים בשום־אופֿן נישט צוגעלאָזט צו זײַן גאָרגל, װו עס הענגט דאָס גוטע שטיקעלע פֿלײש, און יעדעס מאָל האָט דעם הונטס רױטלעכער לעקער אַרױסגעזעצט פֿון זײַן פּיסק, װי אַ שטיק פֿײער, װאָס רײַסט זיך אַרױס פֿון אַ פֿאַרשטיקט אָרט. ער איז אױפֿגעשפּרונגען פֿאַר גדולה װען דער עס־עס־מאַן איז געקומען אָפּטשעפּען אים פֿון סלופּ, אָבער דער דײַטש האָט עס דאָס מאָל געטאָן נישט בכדי צו װאַרפֿן אים אױף ס׳נײַ אױפֿן ייִד, האַלטנדיק מסתמא, אַז דאָס איז מער נישט נױטיק. דאַן זענען זײ בײדע, דער דײַטש מיט זײַן הונט און דער הונט מיט זײַן דײַטש, אַװעק װי קײן מאָל גאָרנישט.

די לאַגער־דעמערונג איז געװאָרן געדיכטער. דודס צעשפּרײטער פּלעק אױף דרערד האָט זיך צונױפֿגעגאָסן מיט דער קופּע מיסט און מיט דער טונקלעניש. נאָך אַ היפּשער װײַלע איז ערשט דוד געקומען צו זיך אַ ביסל. ער האָט זיך קוים מיט אַלע כּוחות צוגעראַטשקעט צו זײַן באַראַק, ער האָט פּרובירט זיך אױפֿשטעלן און ערשט אינעװײניק אױף דאָס נײַ אַ פֿאַל געטאָן װי אַ זאַק.

אױף די נאַרעס, אײנע איבער דער אַנדערער, זענען געלעגן די געפּאַנ־גענע, אָבער נאָך נישט געשלאָפֿן. טײל האָבן געקוקט צום אומגעפּאַלענעם גלײַכגילטיק, מיט שטאַרע, נישט דאָיִקע אױגן, װי עס װאָלט זײ גאָרנישט אָנגעגאַנגען. טײל האָבן זיך אַריבערגעבױגן איבער די ראַנדן פֿון זײערע פּינצטערע געלעגערס מיט אױגן אױפֿגעריסענע פֿון נײַגעריקײט און שרעק צוזאַמען. עטלעכע דאַרע אױסגעצױגענע הענט, װי פֿון בר־מינגס, האָבן זיך אױסגעשטרעקט צו דודן און אים געהאָלפֿן אַרױפֿלײגן אױף זײַן קאָיקע. עמעצער, דודס אַ װײַטער קרוב, האָט אַרױסגענומען פֿון אַ שמאַטקעלע אַ שטיקעלע צוקער און עס אים אַרײַנגעשטופּט צװישן די פֿאַרהאַקטע צײן. דודס נאָענטסטער געלעגער־שכן, דער נישט־פֿאַרענדיקטער סטודענט פֿון מעדיצין אַרנאָלד, האָט אים אין דער טונקלעניש באַטאַפּט זײַן צעניזוקטן גוף.

ווען ער האָט אים מיט דער האַנט אָנגערירט דאָס אָרט פון די נירן האָט דוד אויפגעצאַפּלט און פאַרשטיקטערהייט געשריגן פון יסורים.

— שטאַרק זיך, דוד — האָט אַרנאַלד אַריינגערעדט אין דער פינצטערער הוילעניש פון זיין שכנס נאַרע — לאָז זיך נישט אָפּ... וועסט זיך איבערשלאָפן וועלן די ווייטיקן אַוועק... דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר, דוד? טו זיך אָן אַ כוח און הייב זיך אויף באַגינען צו דער אַרבעט מיט אַלע גלייך, אַנישט ביסטו דערלידיקט, דו הערסט?...

און אַרנאַלד מיט דודס ווייטן קרוב זענען צוריק אַוועק אויף זייערע נאַרעס.

ווי אין הינערפּלעט האָט דוד געהערט אַרנאַלדס רייד. אַלע זיינע צעלאָמיעטע אברים האָבן זיך באַשווירן זיי מקיים צו זיין ווי אַ געבאָט, ווי דעם געבאָט פון לעבן... „אַנישט... אַנישט...” — האָט ער זיך איבערגעחזרט אַרנאַלדס פראַזע, וואָס ער האָט זיך אין זיינע נישט־קלאָרע צעפּיבערטע מחשבות געשראָקן זי צו פאַרענדיקן... ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קאָפּ און זיך איבערגעדעקט מיט אים, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מיט אים באַשיצן קעגן עפּעס בייזס און מוראדיקס. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און פאַרזונקען אין דער טיפער חשכות פון זיין נאַרע און פון דער לאַגער־נאַכט.

באַגינען, ווען דער באַראַק האָט זיך געוועקט, איז דוד אַוועק ווי אַלע טאָג צו דער אַרבעט.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

קלאַראַ האָט באַגלייט דודן אין שפּיטאָל אַריין צו דער אָפּעראַציע. זי האָט געוואָלט אָנקלינגען נאָך אַ טאַקסי, אָבער דוד האָט איר אָפּגעהאַלטן. ער האָט געוואָלט בעסער פאָרן מיט דער מעטראָ, ווי יעדן טאָג, מחמת דאָס פאָרן מיט דער טאַקסי אַליין וואָלט שוין געקענט שאַפן ביי אים דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ חולה מסוכן, בשעת ער איז, פאַרקערט, געווען געניי גט זיך איינצורעדן, אַז עס האַלט נאָך נישט מיט אים אַזוי שלעכט און אַז ער דאַרף גיין צו דער אָפּעראַציע ווי צום טאַנץ... אָבער דאָך קען מען נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען ביי דודן אַ געוויינלעכער טאָג־טעגלעכער מעטראָ־פאָר און אַז ער איז געווען גלייכגילטיק און רויִק בעת דעם פאָרן. קלאַראַ האָט דאָס גוט באַמערקט, הגם דוד האָט עס איר נישט געוואָלט מודה זיין.

ווי דוד האָט נישט געוואָלט איינרעדן זיך, אַז דאָס איז זיינער אַ געוויינלעכער מעטראָ־פּאָר, האָט דאָס ערגערן זיך זיינס פון דעסטוועגן גובר געווען און צו נישט געמאַכט זיינע באַרויִקונגס־מחשבות, וואָס ער האָט זיך באַמיט אויפצוצווינגען אויף זיך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער געריש פון דער מעטראָ זאָגט אַלעמען אָן וווהין ער פאָרט דאָס איצטער, און אַז יעדער איינער, וואָס קוקט אים אָן, ווייסט וועגן דעם, וואָס ער באַמיט זיך בחינם אויסצובאַהאַלטן...

דער שפּיטאָל־בנין איז דודן געווען באַקאַנט פון זיינע וויזיטן דאָ פון צייט צו צייט. ניי איז פאַר אים געווען בלויז דער אינעווייניקסטער זאַל פאַר די קראַנקע, וווהין אַ שוועסטער האָט אים איצטער אַריינגעפירט. אַ שפּיטאָל־באַדינער האָט געטוישט די ליילעכער, צוגעגרייט פאַר דודן דאָס בעט, אויף וועלכן עס זענען שוין געלעגן פריִער אַזויפיל אַנדערע, אומבאַקאַנטע פאַר אים חולאים. מאָדנע האָט זיך דוד געפילט, אויסטוענדיק זיך און לייגנדיק זיך אין בעט אַריין אין סאַמע מיטן העלן טאָג, ווען ער דאַרף זיך גאָר, אייגנטלעך, געפינען ביי דער אַרבעט... אָבער פאַר דער שפּיטאָל־דינערשאַפט איז ער שוין איצטער געווען אַ קראַנקער ווי אַלע קראַנקע. צו דער צייט האָט אים די שוועסטער דערלאַנגט, ווי אַלעמען, דעם טערמאָמעטער. זי האָט שפּעטער פאַרצייכנט זיין טעמפּעראַטור אויפן ברעטל, וואָס הענגט צופוסנס פון זיין בעט.

— נו, עפּעס גרויסע היץ, שוועסטער ? — האָט דוד איר געפרעגט מיט אַ שמייכל און אין זיין אינטאָנאַציע האָט זיך געפילט אַ לייכטע זעלבסט־זיכערקייט פון אַ געזונטן.

— מאָדנע — האָט די שוועסטער געענטפערט עטוואָס פאַרחידושט, פאַרצייכענענדיק אינעם פּאַפּיר אויפן ברעטל — איר האָט טאַקע אַ ביסל פיבער... דאָס איז זיכער פון עמאָציעס און אויפרעגונג... איך טרעף זיך דאָ אָן פון צייט צו צייט אויף אַזעלכע פאַלן — און זי איז אַוועק פאַרצייכענען די טעמפּעראַטור ביי דודס נאָענטסטן בעט־שכן.

צו מאָרגנס האָט נאָך דוד געדאַרפט ליגן אויף אָבסערוואַציע. צו דער וויזיט איז קלאַראַ געקומען. זי איז נישט געווען פון די ערשטע באַזוכער, און דוד האָט געהאַט אַ ביסל ערגערניש צוליב דעם וואָס ער האָט זי געדאַרפט

אויסקוקן. יעדעס מאָל, ווען די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס׳האָט זיך נישט באַוויזן קלאַראַ, נאָר אַן אַנדערער באַזוכער, האָט ער איבערגעלעבט אַנטויַשונג, פֿאַרדראָס, און אויך קנאה. נאָר אָט האָט זי זיך באַוויזן אין דער אָפֿענער טיר מיט אַ גרויסן בוקעט פֿלאַמיק־רויטע טוליפּאַנען — אָט די שיינע בלומען, וואָס ער האָט פֿון שטענדיק אָן ליב געהאָט. באַלד האָט אַ שוועסטער צוגעברענגט פֿאַר קלאַראַן אַ שטול און געבעטן צו געבן איר דעם בוקעט אויף אַריינצושטעלן אים אין אַ וואַזע מיט וואַסער.

— אויב איר וועט דערלויבן — האָט די שוועסטער געזאָגט צו דודן און קלאַראַן — וועל איך שפּעטער דעם בוקעט אַרויפֿשטעלן אָט דאָרטן, אויפֿן בופֿעט אין מיטן זאַל, וועלן אים אַלע זען און באַוואונדערן.

סיי ווי איז נישט געווען קיין אָרט ווו די בלומען זאָלן שטיין ביים בעט און סיי דוד און סיי קלאַראַ זענען מסכים געווען אויף דער שוועסטערס פֿאָרשלאָג, הגם דוד וואָלט, וואָס אַן אמת, געווען מער צופֿרידן ווען די בלומען וואָלטן געשטאַנען ביי זיין בעט, ווייל זיי זענען דאָך קלאַראַס... ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט...

די ערשטע ווערטער, וואָס מען פֿרעגט אַ קראַנקן ביים באַזוכן אים: ווי ער פֿילט זיך, זענען עפּעס געווען איצטער איבעריק, נישט נויטיק. קלאַראַ און דוד האָבן אויסגעטוישט עטלעכע ווערטער וועגן דער אָפּעראַציע, וואָס דאַרף דורכגעפֿירט ווערן מאָרגן. אין דער אמתן האָט קלאַראַ נישט געוואָלט צופֿיל רעדן וועגן דער אָפּעראַציע, זיך באַמיט אויסצומיידן. אַז דוד האָט אָנגעהויבן נאָך עפּעס צו זאָגן וועגן איר, האָט זי זיך באַמיט אַרויפֿצופֿירן דעם שמועס אויף אַן אַנדערן ענין, אָדער זי האָט בכלל געשוויגן, בלויז אַריינגעקוקט אים אין די אויגן מיט אַזאַ דינעם דיסקרעטן שמייכל, וואָס עס איז געווען אין אים אי ליבשאַפֿט, אי באַזאָרגטקייט, אי אַ פֿאַרבאָהאַלטענער טיפֿער אומרו. אָבער דודן איז פֿון דעם דאָזיקן דינעם, קוים אָנזעעוודיקן שמייכל געווען אַזוי גוט און ער האָט געפֿילט, ווי ער גיסט אין אים אַריין עפּעס אַ געהיימנישפֿולן כוח, וואָס שטאַרקט אים און וועט אים אונטערהאַלטן מאָרגן, מאָרגן... אויך דודן איז בעת דער וויזיט גוט געווען צו שווייגן, גאָרנישט צו זאָגן און בלויז אַריינצוקוקן אין קלאַראַס פּנים, אין דער טיפֿעניש פֿון אירע אויגן. און שפּעטער, ווען זי איז שוין נישט געווען לעבן אים, האָט ער נאָך אַלץ געזען איר געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פֿונעם בוקעט

רויט־פלאַמיקע טוליפּאַנען, וואָס איז שוין איצטער געשטאַנען, וואָס אַן אמת, אַ ביסעלע צו ווייט, אויפן בופעט אין מיטן זאַל...

פונקט ווי דוד האָט די גאַנצע צייט באַמיט זיך אָפּצושלעפּן די אָפּעראַ־ציע, זי אָפּצולייגן, אַזוי האָט ער צו מאָרגנס אין דער פרי געהאַט איין באַגער: איבערקומען זי, וואָס שנעלער איבערקומען זי. ער האָט מיט גרויס אומ־געדולד אָפּגעוואַרט די שעה און די רגע. און אָט איז זי געקומען. זייענדיק אַנגעטאָן אין זיין שפּיטאָל־כאַלאַט און זיינע שטעקשיך, איז דוד אַרויסגע־גאַנגען פון זאַל צום אָפּעראַציע־צימער, וווהין עס האָט אים געפירט די קראַנקן־שוועסטער. צוליב זיין זעלבסטזיכערקייט און זעלבסטווירדע האָט ער געקענט באַשטיין צו גיין אַליין, די שוועסטער זאָל אים נישט האַלטן אונטערן אָרעם, אָבער אַזוי ווי זי איז געווען אַ יונגע, אַן אַנגענעמע, מיט אַ באַחנט שיין פּנימל, האָט עס אים נישט געאַרט, און ער האָט זיך גאַנץ גערן געלאָזט פון איר פירן. ער האָט נאָך פאַרן אַריינגיין אין אָפּעראַציע־צימער אינסטינקטיוו אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום זאַל, אַ קוק צו טאָן נאָך אַ מאָל צו קלאַראַס בוקעט טוליפּאַנען, וואָס איז געוואָרן דאָ פאַר אים, אין דער וועלט פון פרעמדקייט, די איינציקע ליבע נאָענטקייט. שוין זייענדיק אין צימער און אויסטוענדיק זיך דעם כאַלאַט, האָט ער זיך נישט־דרייסט געוואָנדן צו דער קראַנקן־שוועסטער:

— נעמט נישט פאַר אומגוט, שוועסטער, וואָס איך וועל אייך בעטן. איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט אַזוי גוט זיין און דאָ אַהער אַריינברענגען דעם בוקעט, וואָס מיין פרוי האָט מיר נעכטן געבראַכט. אַנטשולדיקט מיר פאַר דעם קאַפּריז. ס'איז דאָך אַ פּערזענלעכע זאַך, און איצטער איז דאָך דאָס מיין צימער... — ער האָט נאָך געוואָלט זאָגן, אַז קוקנדיק אויף די בלומען, וועט ער זיך פילן שטאַרקער, בעסער, אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט.

די שוועסטער האָט מאָדנע אויפגענומען דעם ווונטש פונעם קראַנקן, אָבער זי האָט אים נישט דערווידערט. זינט זי אַרבעט אין שפּיטאָל ווייסט זי, אַז קראַנקע האָבן קאַפּריזן, און זי האַלט, אַז מען דאַרף קענען פון זיי אויסשטיין, נאָכגעבן זיי ווי ווייט מעגלעך, ווייל דאָס זענען דאָך קאַפּריזן פון קראַנקע, ליידנדיקע מענטשן. דאָס מאָל אָבער איז זי געווען אין אַ פאַרלעגנ־הייט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אינעם אָפּעראַציע־צימער ברענגט מען נישט

אַרײַן קײן בלומען און בכלל נישט קײן שום זאַך, וואָס האָט נישט קײן שײכות מיט דער אָפּעראַציע. עס איז איר אָבער געווען שווער אָפּן אָפּצוזאָגן דעם קראַנקן זײַן ווונטש, האָט זי אים דעריבער געזאָגט: „איר וועט זיי באַלד זען, די בלומען, באַלד"... מיטן פאַרבאַהאַלטענעם מײַן, אַז ער וועט זיי זען באַלד אין שפּיטאָל־זאַל נאָך דעם, ווי ער וועט זיך אויפכאַפּן נאָך דער אָפּעראַציע...

אינעם אָפּעראַציע־צימער האָט זיך באַוויזן דער דאָקטער זשאַן פּאָרזשעראָן, וועמען דוד האָט געקענט פון די וויזיטן ביי אים אין שפּיטאָל. דער דאָקטער האָט געפרעגט דעם קראַנקן דעם פּאָר יוצא ווענן „ווי גייט עס?" און גלײַך צוגעגעבן מיט אַ פּאַטערלעכן טאָן און ווי ער וואָלט זיך אַליין געענטפערט: „עס וועט גוט זײַן, עס וועט גוט זײַן", אַרײַנקוקנדיק דודן אין די אויגן מיט אַ פרײַנדלעכן דערמוטיקונגס־שמייכל.

עס זענען אַרײַנגעקומען קראַנקן־שוועסטערס און יונגע אַסיסטענטן. מען האָט אַרויסגענומען פון אַ ציכטיקער גלעזערנער שאַפּקע אַ בעקן מיט וואַטע, גאַזע, שערעלעך, פּינצעטן, פלעשלעך מיט פליסיקייט, קלאַמרעס, נאָדלען און איינשפּריצערס און זיי זענען אַלע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ טיש אַ זויבער־באַדעקטן. עס איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן אין ווייסן און אין אַ מיצל, וועמען אַלע האָבן באַגריסט. דוד איז זיך משער געווען, אַז דאָס איז דער כירורג. עס זענען אַרײַנגעקומען נאָך צוויי יונגע אַסיסטענטן, און וואָס מער מענטשן עס האָבן זיך באַוויזן אין צימער, איז דודן אומהיימלעכער געוואָרן. עס האָט אים עפּעס געשראָקן און גלײַכצײַטיק געקוועלט. צו וואָס דאַרפן אַזויפיל אויגן זען זײַן אָפּגעדעקט לײַב? ער האָט אָפּט אָפּגעקערט זײַן בליק פון זיי. עס האָט אים זשענירט צו קוקן אויף זיי און עס האָט אים אויך זשענירט דאָס, וואָס מען קוקט אויף אים אַזויפיל. אַך, ווען ער וואָלט אַזוי געקענט בלויז קוקן אויף קלאַראַס בלומען... אָבער די שוועסטער האָט זיי נאָך נישט אַרײַנגעבראַכט... שטאַרק פאַרנומען, זעט אויס, און ער טאָר עס איר אפילו נישט נעמען פאַר אומגוט...

דער כירורג האָט געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק צום קראַנקן און זיך דערנענטערט צו אים. ער האָט דערזען דעם בלוילעכן אויסטאַטויִרטן לאַגער־נומער אויף זײַן אָרעם. דער כירורג האָט דורכגעפירט מיט זײַן האַנטפלאַך איבער דעם נומער. עס האָט געקענט אויסזען, אַז ער טוט דאָס

בכדי אויסצופרובירן דעם קראַנקנס מוסקלען, אָבער ער האָט בפירוש אַרויפ־געלייגט זיין האַנט אויף דודס אויסטאַטויִרטן אוישוויץ־נומער אויס גערירט־קייט, און צום סוף האָט ער געזאָגט צום קראַנקן אויפן ווייסן אָפּעראַציע־טיש:

— איר האָט זיך נישט וואָס צו שעמען מיט דעם נומער און איר דאַרפט אים נישט פאַרשטעלן... ניין, נישט א י ר האָט זיך וואָס צו שעמען...

די אַרומשטייענדיקע דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטערס האָבן זיך איינגעקוקט אין דודס לאַגער־נומער און שווער באַוועגט מיט די קעפּ, ווער אויס מיטגעפיל און באַדויער און ווער אויס איינשטימיקייט מיט די רייד פונעם כירורג. דודס קראַנקן־שוועסטער האָט נישט געקענט איינהאַלטן אַ טרער אין אירע מילדע באַרעמהאַרציקע אויגן. אַ ווײַלע האָט אַנגעהאַלטן אַ שווער שטילשוויַיגן, אַזאַ ווי בעת דער מינוט ווען מען באַערט דעם אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם. דוד האָט אַלעמען אַרויסגענומען פונעם שווייגן און אומבאַוועגלעכקייט, ווענדנדיק זיך צו זיי מיט אַ גערירטער שטים:

— מיינע הערן, קוקט זיך גוט איין אין דער חתימה פון די רשעים און זאָל דאָס שטאַרקן אייערע הענט...

אינעם אָנהאַלטנדיקן שטילשוויַיגן האָט איינער פון די דאָקטוירים גענו־מען אַלץ, וואָס די קראַנקן־שוועסטער האָט אים דערלאַנגט אויף צום מאַכן דעם קראַנקן די איינשפּריצונג פון נאַרקאָז. ער האָט אים געהייסן ציילן ביז צען, אָבער דוד האָט נישט באַוויזן מער ווי ביז פינף... פּלוצלינג האָט זיך עפּעס דאָס גאַנצע צימער ווי איינגעבראָכן. די ווייסע כאַלאַטן פון די אַרומשטייענ־דיקע האָבן זיך אַ מיש געטאָן, אַ פלאַטער געטאָן, ווי די פליגל פון עפּעס אויסטערלישע ווייסע פייגל... דער פלאַם פון די טוליפּאַנען, וואָס דוד האָט זיי געזען אין זיין פאַרנעפּלטן דמיון, האָט זיך פּלוצים פאַרלאָשן...

אין גאַנג פון דער אָפּעראַציע האָט דוד פאַרלוירן אַ סך בלוט, כמעט אַ האַלבן ליטער. די דאָקטוירים זענען געווען באַאומרויִקט, אָבער זיי זענען גרייט געווען צו טאָן אַלץ, בכדי צו דערהאַלטן דעם אָפּערירטן ביים לעבן. זיי האָבן איינגעזען, אַז אַ טראַנספוזיע איז דרינגענדיק נויטיק. מען האָט שנעל אַריינגעבראַכט די רשימה פון די פרייוויליקע בלוטגעבער ביים שפּיטאָל. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער גאַנצער רשימה האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וועמענס בלוט זאָל זיין פון דער זעלבער גרופּע וואָס

דודס בלוט. מען האָט נאָך צוגעברענגט אַ צוגאָב־רשימה פון מענטשן, וואָס פלעגן שענקען זייער בלוט, אָבער זיי האָבן עס שוין פון לאַנג אויפגעגעבן. די רשימה האָט מען דאָך פון דעסטוועגן אויפגעהאַלטן פאַר אַ נויטפאַל. דאָרט האָט זיך געפונען בלויז איין איינציקער מענטש, וואָס זיין בלוט איז געווען פון דער זעלבער גרופּע וואָס פון דודס בלוט. עמעץ האָט געזאָגט, אַז יענער לעבט שוין נישט, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טעות, מען האָט אים פאַרטוישט מיט אַ צווייטן. הגם יענער גיט מער נישט קיין בלוט פאַרן שפּיטאָל, האָט מען גלייך באַשלאָסן פון דעסטוועגן צו ווענדן זיך צו אים, צו בעטן ביי אים.

דער דאָקטער זשאַן פאַרזשעראַן אַליין האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן:

— האַלאָ, דאָ רעדט דאָקטער פאַרזשעראַן...

עס האָט זיך דערהערט אַ פרויען־שטימע, וואָס דער דאָקטער האָט נישט איצטער דערוואַרט און ער האָט אַריינגערעדט אין טרייבל: „איך בעט דרינגענדיק צורופן מיסיע מאַקס לאָטער"...

די פרויען־שטימע האָט געענטפערט, אַז מיסיע לאָטער איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען...

— ס'איז זייער וויכטיק — האָט זיך דאָקטער פאַרזשעראַן דענערווירט.

— ער האָט געמוזט אַרויסגיין אויף אַ מינוט, נישט ווייט פון דאַנען, אפשר צו אַ שכן. איך לויף אַרויס אַ קוק טאָן... לייגט נישט אַוועק דאָס טרייבל, ביטע — האָט די פרויען־שטימע געזאָגט.

אפשר אין אַ צוויי מינוט אַרום האָט דאָקטער פאַרזשעראַן שוין געהערט די שטים פון מאַקס לאָטער.

— מיסיע לאָטער — האָט דער דאָקטער אַריינגערעדט אין טרייבל — דאָ איז דער דאָקטער זשאַן פאַרזשעראַן... איך קלינג צו אייך פון שפּיטאָל... ס'איז זייער אַ דרינגענדיקער ענין. אויפן אָפּעראַציע־טיש ביי אונדז ליגט אַן אָפּערירטער. ער האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט און נויטיקט זיך אין אַ טראַנס־פוזיע. איר זענט דער איינציקער, וואָס אייער בלוט איז פון דער זעלבער גרופּע בלוט וואָס פונעם אָפּערירטן...

מאַקס לאָטער האָט גלייך פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט, נאָך איידער דער דאָקטער האָט געהאַט פאַרענדיקט און ער האָט זיך אַ זשענירטער און קווענקלענדיקער אָפּגערופן אין טעלעפאָן:

— איר ווייסט דאָך אָבער גאַנץ גוט, דאָקטער פאַרזשעראָן, אַז איך האָב שוין פון לאַנג אויפגעגעבן דאָס שענקען מיין בלוט...

— איך ווייס עס. איר זענט אָבער דער איינציקער צו וועמען מיר קענען זיך ווענדן. אייך וועט עס גאָרנישט שאַטן, דאָס געבן אייער בלוט און איר וועט דערמיט ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן — איז דער דאָקטער צוגעשטאַנען.

— איר דערפירט מיך צו דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, דאָקטער — האָט זיך ווידער לאָטער געפּרוווט ווערן מיטן זעלבן תירוץ — איר ווייסט דאָך זייער גוט, אַז איך האָב שוין פון לאַנג באַשלאָסן...

— מיסיע לאָטער — האָט דער דאָקטער איבערגעריסן — מיר קענען זיך, ליידער, נישט דערלויבן אויף קיין וויכוחים... אַ שאָד יעדע רגע... עס גייט אינעם לעבן פון אַ מענטש... און פון אַ קרבן פון די דייטשע לאַגערן — האָט נאָך דער דאָקטער צוגעגעבן.

אַ קורצע ווײַלע האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט אויףביידע זייטן טעלעפאָן און באַלד האָט דאָקטער פאַרזשעראָן דערהערט ווי מאַקס לאָטער האָט זיך אָפּגערופן:

— נו, גוט, איך וועל געבן מיין בלוט...

— מען קומט צו אייך תיכף פון שפּיטאָל מיט אַן אויטאָ, זייט גרייט — האָט דער דאָקטער אַוועקגעלייגט האָסטיק דאָס טרייבל און איז אַוועק.

נישט לאַנג האָט געדויערט איז מאַקס לאָטער שוין געלעגן אויף אַ בעטל אין שפּיטאָל און אַ דאָקטער האָט גענומען ביי אים זיין בלוט, וואָס איז באַלד איבערגעגאָסן געוואָרן אין דעם איינגעשלאָפענעם אומבאַוועגלעכן גוף, וואָס דער ווייסער אָפּעראַציע־טיש האָט אים געטראָגן אויף זיך, ווי אַ מזבח. און דאָס בלוט איז איבערגעגעבן געוואָרן, ווי דער פּשוטסטער און סאַמע אָנגעלייגטער געשאַנק, וואָס אַ מענטש קען געבן אַ צווייטן מענטש.

דער אָפּערירטער איז געווען געראַטעוועט.

— — — — — — — — — — — — —

דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם נאַרקאָז־שלאָף אויף זיין בעט, אינעם שפּיטאָל־זאַל. ער האָט געעפנט די אויגן און גלייך דערזען דעם סימן פון לעבן: קלאַראַס בלומען. זיי זענען דאָ!... זיי לייכטן אים אַריין אין זיין בליק

מיט אַזויפיל הבטחות און זיי העלפן אים צו האַלטן אָפן די אויגן, וואָס בעטן זיך צוריק צו פאַרמאַכן, און לאַנג האָט ער זיי טאַקע נישט געקענט האַלטן אָפן. ער האָט דערפילט די ווייטיקן, אַזעלכע ווייטע און פאַרטעמפּטע, אָבער ער האָט זיי דערפילט. זיי זענען עפּעס וואָס אַ מאָל מער קאַפּויער געקומען און דער קאָפּ איז אים געווען אַזוי שווער און דער גאַנצער גוף אַזוי פאַרשמאַכט און ווי נישט דאָ. ער האָט די אויגן געשלאָסן אין פאַרחלשטקייט און פאַר־טראַגנקייט. אפילו ווען קלאַראַ איז געקומען צו דער וויזיט האָט ער די אויגן נישט געעפנט. זי איז דאָס מאָל געקומען די ערשטע, אָבער ער האָט זי נישט געזען. די שוועסטער האָט געבעטן קלאַראַן, אַז זי זאָל נישט רעדן צום קראַנקן, לאָזן אים אין פולשטענדיקער רו, ווייל ער דאַרף קומען צו זיך. קלאַראַ האָט געקוקט אויף דודן מיט צופרידנקייט, וואָס ער איז שוין איבערגעקומען די אָפּעראַציע, וועלכע האָט זיך, אגב, גוט איינגעגעבן, ווי די שוועסטער האָט איר פאַרזיכערט, אָבער גלייכצייטיק האָט זי איבערגעלעבט אַזאַ ווייטיק און צער, זעענדיק דודס לײדנדיק פּנים, ווי ער באַוועגט יעדעס מאָל מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, געוויס צוליב יסורים, וואָס מאַטערן אים, און מיט וועלכע ער ראַנגלט זיך איצטער.

קלאַראַ האָט מיטגעבראַכט צו דער וויזיט אַ ביסל זיסוואַרג, פּרוכטן און אַ וואַרעמפלאַש מיט געצוקערטע טיי. אָבער דאָס אַלץ איז לגמרי נישט געווען נייטיק, ווייל די שוועסטער האָט איר שטרענג פאַרבאָטן צו געבן עפּעס דעם אָפּערירטן, אפילו נישט קיין טרונק, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געלעכצט. זי האָט בלויז דערלויבט קלאַראַן איינצוטונקען אירס אַ פינגער אין דער טיי און באַנעצן מיט אים זיינע ליפּן. זי האָט עס אַזוי גערן געטאָן. דער קראַנקער האָט גלייך דערפילט די טאָפּלטע גוטסקייט: די לעשנדיקע פייכטקייט און דעם באַריר פון קלאַראַס פינגער אויף זיינע ליפּן. ער האָט געוואָלט מיט אַלע זיינע אברים, מיטן גאַנצן גוף אַרויסברענגען אַ דאַנקבאַרקייט צו איר, עס האָט זיך אָבער בלויז באַקומען עפּעס אַ פאַרשטיקטער געברום ווי פון אַ שטומען בעל־חי.

קלאַראַ האָט נאָך אַ מאָל דורכגעפירט מיט איר פייכטן פינגער אויף דודס מויל. זי האָט געזען ווי דאָס פאַרלייכטערט אים און מאַכט אים אַזוי גוט אין זיין פאַרשמאַכטקייט. זי האָט געפילט דערביי דעם גלי פון זיינע שׂרפענדיקע ליפּן און דורך דעם — איר באַהעפטונג מיט זיינע ליידן, וואָס האָבן זיך

אין אָט דער רגע איבערגעגעבן צו איר אין גאַנצן, האָט זי געפילט. פון גע־רירטקייט האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפילט מיט אַ לויטערער פייכטקייט. דוד האָט דאָס נישט געזען און ס'איז אפשר בעסער געווען אַזוי. די שוועסטער האָט באַמערקט קלאַראַס צער און איבערגעגעבנקייט און זי האָט איר געטרייסט, אַז זי וועט זען, מאָרגן וועט זי שוין טרעפן איר מאַן אין אַ בעסערן מצב, גאָר אַן אַנדערן מענטש. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

צו מאָרגנס, ווען קלאַראַ איז געקומען אויף דער וויזיט, האָט זי שוין געטראָפן דודן מיט אָפענע אויגן. ער האָט נישט סתם געקוקט, דאָס האָט ער זי שוין אויסגעקוקט, שטאַרק אויסגעקוקט. ער האָט נאָך קיין סך נישט גערעדט צו איר, געציילטע איינציקע ווערטער בלויז, שטיל און געדעמפט, אַז קוים וואָס זי האָט אים געהערט. דערפאַר איז אַ דינער שמייכל פון דאַנק־באַרקייט נישט אַראָפּ די גאַנצע צייט פון זיין אָפּגעצערט געזיכט. ער האָט זיך מיט זיינס אַ האַנט געהאַלטן אין אירס אַן אָרעם, ווי ער וואָלט זיך מיט איר פאַרקייטלט און געקלאַמערט אינעם לעבן. אַזוי מיט יעדן טאָג איז זיין שמייכל געוואָרן אַ מער אָפענער, אַ ליכטיקער, זיין קול, הגם נאָך שוואַך — שוין אַ מער זיכערס, אַ פרייערס און געשטאַרקטס.

אויפן צענטן טאָג איז קלאַראַ געקומען מיט עוואַן אַרויסנעמען דודן פון שפּיטאָל. „דאָס מאָל — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אויפגעלייגטקייט — צום אַהיימפאָרן, וועט מען יאָ נעמען אַ טאַקסי". די טאַקסי האָט שוין געוואַרט פאַרן טויער פון שפּיטאָל. באַלד האָט מען דודן מיט פאַרזיכטיקייט אַריינגע־פירט אין איר און דעם שאָפער אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן פּאַמעלעך.

ס'איז געווען אַ זונטיקטאָג און אין שטאָט האָבן זיך שוין געטראָגן די ערשטע דופטן פון ערב פרילינג. פונקט ווי די ווידעראויפלעבונג אין דרויסן, אין דער רחבותדיקער וועלט, האָט זיך די ווידעראויפלעבונג אויך געלאָזט פילן דאָ, אין דעם קליינעם אָפּגעשלאָסענעם אָרט פון דער טאַקסי. אויך דער שאָפער, הגם ער איז געזעסן צו די דריי גליקלעכע פּאַסאַזשירן מיט אַ קאַל־טער פרעמדלעכער פּלייצע, אין אַ וואָכעדיק אויסגעריבן לעדערן רעקל, האָט אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זיי און זייער פריינדלעך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם היינטיקן שיינעם וועטער, וואָס דאָס האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דער אויפגעלייגטקייט פון די פּאַסאַזשירן. דער שאָפער איז

טאַקע געפֿאָרן זייער פֿאַמעלעך, ווי מען האָט אים אין אָנהייב געבעטן און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די זונטיקדיקע רו און שלווהדיקייט, הגם געפֿאָרן פֿאַמעלעך איז ער נישט צוליבן זונטיק.

די גאַסן, ווו די טאַקסי איז פֿאַרבייגעפֿאָרן, זענען געווען פֿול מיט אַ יום־טובדיק־אָנגעטוענעם עולם, וואָס האָט זיך נישט געאײַלט, ווי געוויינלעך אין אַ זונטיקטאָג. משפּחות זענען געגאַנגען געמיטלעך צו פֿריינד אָדער פֿון פֿריינד. אויף דער סען, וואָס האָט היינט אָנגענומען אַ בלוילעך־לויטערע קאָליר, האָבן זיך געגליטשט געלאָסן קליינע שפּאַציר־שיפֿן מיט טוריסטן און מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַגער אויפֿצופֿרישן זיך און זיך צעשטרייען.

באַלד איז די טאַקסי אָנגעקומען צום הויז פֿון דער משפּחה גרינשפּאַן, וואָס האָט זיך געפֿונען הינטער אַ גרינלעכן קאַנאַל און נישט ווייט פֿון אַן אַלטן טורעם. דוד איז מיט מזל צוריק אַרײַן אין זײַן וווינונג און זיך געפֿרייט מיט יעדן חפֿץ, ווי ער וואָלט געהאַט פֿאַרלאָזט זײַן היים שוין לאַנגע יאָרן. אַלץ איז דאָ געווען אַ טייל פֿון אים, פֿון זײַנע טעג און נעכט, פֿון זײַן לייב־און־לעבן, און ער איז צופֿרידן געווען וואָס ער האָט געטראָפֿן אַלץ ווי פֿריער, אַלץ ווי געווען.

די פֿיר קאָנוואַלעסצענץ־וואָכן זענען פֿאַרביי פֿאַר דודן אין רוען און אין פּוסט־און־פּאַסעווען, אין שפּילן אין אַ שאָך מיט אַ גוטן פֿריינד, אין פֿאַרענדיקן לייענען עטלעכע ביכער פֿון זײַן ביבליאָטעק־שענקל, וואָס ער האָט שוין פֿון לאַנג אָנגעהויבן און צו וועלכע ער איז געווען אַ בעל־חוב און איצטער איז געקומען זייער צייט. אַ מאָל פֿלעגט ער אויך אַראָפּנעמען זײַן גיטאַרע פֿון וואַנט און שפּילן אויף איר, הויפּטזעכלעך ניגונים, וואָס עס פֿלעגט אַ מאָל שפּילן אויף די יערלעכע קאָנצערטן דער וואַרשעווער מאַנ־דאָלין־אָרקעסטער, אין וועלכן ער האָט אָנטייל גענומען, און דערביי האָט ער נישט געקענט זיך באַהערשן פֿון נישט אַרײַנצופֿאַלן אין אַ בענקשאַפֿט צו דער רוישיקער צייט פֿון זײַן יוגנט.

ווען דוד האָט זיך שוין געפֿילט אין גאַנצן גוט און אָנגעהויבן צוריק צו אַרבעטן, האָט ער זיך איין מאָל אָנגערופֿן צו זײַן ווײַב:

— דו ווייסט, קלאַראַ, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך וואָלט זייער

געוואָלט באַקענען דעם מענטש, וואָס האָט געגעבן פאַר מיר זיין בלוט. איך בין טשיקאַווע אים צו זען...

— פאַר וואָס נישט — האָט קלאַראַ איינגעשטימט מיט אים.

— דו פאַרשטייסט — האָט דוד פאַרגעזעצט — איך האָב צוגעזען ווי מען האָט צוגענומען דאָס לעבן ביי טויזנטער און טויזנטער מענטשן און דאָ איז געקומען אַ מענטש און האָט געגעבן ל ע ב ן אַ צווייטן מענטש, וואָס ער קען אים אפילו נישט. איך וויל דו זאָלסט מיך פאַרשטיין, קלאַראַ, איך דאַרף אים דאָך פשוט אויסדריקן מיין דאַנקבאַרקייט... אַחוץ דעם איז עס דאָך בלוט־קרובהשאַפט — האָט ער זיך געחכמעט — מיין איינציקע בלוט־קרובהשאַפט איצטער...

דורכן שפּיטאָל האָט זיך דוד דערוווסט דעם נאָמען און אַדרעס פון זיין רעטער. ער האָט איין מאָל אָנגעקלונגען צו אים און זיך אָפּגעשמועסט צו קומען צו אים אַהיים דעם נאָענטסטן זונטיק נאָך מיטאָג.

דוד, קלאַראַ און זייער טעכטערל עווא האָבן זיך געגרייט צו דער וויזיט. זונטיק האָט קלאַראַ געקויפט אַ שיינעם בוקעט בלומען און אַ גרויסן טאָרט און די משפחה גרינשפּאַן האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו גאַסט צו מאַקס לאָטער. אין דער אָפענער טיר האָט באַגעגנט די גרינשפּאַנס דער באַלעבאָס אַליין, ער האָט זיי אויפגענומען מיט ברייטקייט און פריינדלעכקייט. באַלד האָט זיך הינטער אים באַוויזן זיין פרוי עמאַ, אַ פאַרפּוצטע און יום־טובדיקע. מען האָט זיך באַקענט, מען האָט זיך אויסגעטוישט מיט אַ האַנטדרוק און קעגנזייטיקן שמייכל. ווען לאָטער האָט דערזען דעם טאָרט, וואָס דוד האָט געהאַלטן, האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט:

— עס פאַלט אויס מאָדנע מיט אייער טאָרט — האָט ער געזאָגט, נישט אויפהערנדיק צו לאַכן — איך זעלבסט בין גראַד אַ בעקער און איך מאַך דאָס אַליין... אָבער וואָס שייך אייער בוקעט, איז ווער ביי אונדז האָט דאָס נישט ליב קיין בלומען... נאַר נעמט אייך נישט איבער צוליבן טאָרט, מיר וועלן אים אויך נישט פאַרשעמען. נישט מער, איר וועט אויך מוזן פאַרזוכן איינעם פון מיינע טאָרטן, וואָס איך אַליין מאַך.

— געוויס, אַז איר וועט נישט פאַרשעמען אונדזער טאָרט, וועלן מיר דאָך אויך נישט קענען אייך אָפּזאָגן אייערן — האָט קלאַראַ באַמערקט מיט אַ שמייכל — בפרט נאָך, אַז אונדזער קליינע עווא איז אַ גרויסע נאַשערין.

— אָ, אין דער הינזיכט האָבן מיר זיך אויך נישט וואָס צו באַקלאָגן אויף אונדזערע טעכטערלעך — האָט געזאָגט עמאַ — האַ, ראָזאַ, אירמאַ? — האָט זי זיך געוואָנדן צו אירע מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט.

די ערשטע טעמע פונעם שמועס צווישן די גרינשפּאַנס און די לאָטערס איז, פאַרשטייט זיך, געווען דודס אָפּעראַציע און לאָטערס געבן זיין בלוט פאַר אים.

— איך ווייס באמת נישט ווי אַזוי איך זאָל אייך אָפּדאַנקען פאַר אייער מענטשלעכער האַנדלונג לגבי מיר, מיסיע לאָטער — האָט דוד געזאָגט מיט גערירטקייט.

— אָ, ס׳איז דאָך גאַנץ פשוט — האָט לאָטער דאָס אַנגענומען פאַר לייכט און באַמיט זיך דאָס צו נישט מאַכן — ס׳איז דאָך געווען באַטירלעך פון מיין זייט, הגם איך מוז אייך מודה זיין, אַז איך בין געווען אַ ביסל אין אַ פאַר־לעגנהייט ווען מען האָט זיך צו מיר געוואָנדן פון שפּיטאָל, ווייל איך האָב שוין פון לאַנג געהאַט באַשלאָסן נישט צו געבן מער קיין בלוט. דאָך איז מיר שווער געווען אָפּצוזאָגן. מ׳איז דאָך נישט מער ווי מענטשן, בפרט נאָך, אַז איך האָב געהערט, אַז דאָס בלוט גייט פאַר אַ געוועזענעם קאַצעטלער...

דוד איז געווען צופרידן, אַחוץ אַלעם, וואָס נאָך אַ פּראַנצויז ווייזט אַרויס זיינע מענטשלעכע געפילן פאַר די קרבנות פון די דייטשע לאַגערן און ס׳איז אים באַזונדערס ליב געווען צו געפינען זיך איצטער אין לאָטערס הויז...

מען האָט גענומען צו גלעזלעך ווייז און מען האָט פאַרזוכט פון ביידע טאָרטן, פון די גרינשפּאַנס און פון די לאָטערס, און מען האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען און מבינות וועגן ביידע, און באַטירלעך, האָבן די גרינשפּאַנס געהאַלטן, אַז דער טאָרט פונעם באַלעבאָס איז אַ סך בעסער און געשמאַקער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט קלאַראַ באַמערקט, אַז דוד, וועלכער האָט נאָך גאַנץ שוואַך באַהערשט די פראַנצויזישע שפּראַך, האָט עפּעס נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען און זי האָט אים גאַנץ שטיל איבערגעזעצט אויף יידיש. מאַקס לאָטער האָט עס אויפגעכאַפּט און אַ פאַרחידושטער באַמערקט:

— וואָס הער איך? איר רעדט דאָך מיין שפּראַך...

— וועלכע איז אייער שפּראַך? — האָט קלאַראַ געפרעגט, נישט באַנע־מענדיק וואָס דאָ קומט, אייגנטלעך, פאָר.

— מיין שפּראַך איז דייטש — האָט לאָטער געזאָגט מיט אַ טאָן פון זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — איך בין דאָך אַ דייטש...

קלאַראַ און דוד זענען געווען איבערראַשט און לכתחילה נישט געוווּסט פשוט וואָס צו זאָגן. די ערשטע האָט זיך באַהערשט קלאַראַ און זי האָט זיך אָפּגערופן, אויסבאַהאַלטנדיק דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף איר די אַנטפּלעקונג פון לאָטערן, אַז ער איז אַ דייטש:

— מיר קענען טאַקע אַ ביסל דייטש, אָבער דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט צו מיין מאַן, איז נישט קיין דייטש, נאָר יידיש... מיר זענען יידן...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַן אַנגעצויגענע שטילקייט, דערנאָך האָט לאָטער געזאָגט:

— איך האָב זיך דאָס אָנגעשטויסן, ווען מען האָט מיר פון שפּיטאָל געזאָגט, בעטנדיק ביי מיר מיין בלוט, אַז דאָס איז פאַר אַ קרבן פון די דייטשע לאַגערן... איך ווייס וואָס דאָס הייסט. כ'האָב פאַרזוכט דאַכאַו... ווי ענלעך אייער לשון איז צו דייטש... איך האָב עס נישט געוווּסט...

דוד האָט זיך געפילט היימישער פון לאָטערס רייד, אָבער פון דעסטוועגן האָט דער שמועס צווישן לאָטערן און די גרינשפּאַנס אַ ווײַלע זיך געפּלאָנ־טערט. דוד, כאָטש בדרך כלל אַ באַרעדעוודיקער, האָט איצטער פון גרויס איבערראַשונג און מבולבלדיקייט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן. עפּעס האָט זיך גאַרנישט געקלעפּט און געבונדן און אַ רויטער פלאַם האָט אַרויס־געזעצט אויף זיין פּנים, ווי תמיד, ווען עס דאַרף עפּעס אַרויסרעדן פון אים און ער קען נישט, ער מוז עס שטיקן אין זיך...

זעענדיק דודס אָנגעצויגנקייט, איז אויך דער גאַסטגעבער לאָטער געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. עמאַ האָט דאָס אַלץ אָפּגעפילט און געפּרוּווט צו ענדערן די שטימונג מיט בעטן די געסט ווייטער צו געניסן פונעם כיבוד. זי האָט מיט אַ כיוון ווידער אַרויפגעבראַכט דעם שמועס אויף די טאָרטן, זי האָט נאָך אַ מאָל פאַרזוכט אַ שטיקעלע פון די גרינשפּאַנס טאָרט און געזאָגט, אַז מען קען אים אויך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט; זי וועט נישט רעדן קיין שלעכטס אויף עמעצן פון זעלבן פאַך — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ לאַכעלע... די געסט האָבן אויך אויס העפלעכקייט

מיטגעלאַכט, הגם ס'איז נישט געווען אַזוי שטאַרק פון וואָס צו לאַכן און דאָס געמיט איז זיי בכלל נישט געווען צום לאַכן איצטער.

אין אַ ווינקל פון צימער האָבן די קינדער גענומען צווישן זיך דעם ערשטן קאָנטאַקט, נאָך דעם ווי מען איז אַרויס פון דער שעמעוודיקייט און נישט־דרייסטקייט. ראָזאַ און אירמאַ האָבן זיך באַמיט צו געווינען די חבר־שאַפט ביי עוואַן דורך ווייזן איר זייערע ליאַלקעס און פאַרשידענע שפּילצייגן, וואָס זיי האָבן אַנגעברענגט פון זייער קינדער־צימער. אַז מען איז געוואָרן היימישער, האָט אירמאַ געפרעגט עוואַן צי זי האָט נאָך שוועסטערלעך אָדער ברידערלעך.

— ניין, איך האָב נישט — האָט עווא געזאָגט — איך האָב געהאַט צוויי שוועסטערלעך, אָבער איך געדענק זיי אין גאַנצן נישט... שלעכטע מענטשן, דייטשן, האָבן מיינע שוועסטערלעך דערהרגעט...

— מיין טאַטע איך אויך אַ דייטש — האָט אירמאַ געזאָגט — אָבער ער האָט זיי זיכער נישט דערהרגעט... איך קען דיר שווערן... ער הרגעט קיינעם נישט... מיין טאַטע איז אַ גוטער...

— אפשר האָט מיינע שוועסטערלעך דערהרגעט דיינער אַ פעטער... זייער אַ שלעכטער פעטער... — האָט עוואַ נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

ראָזאַ און אירמאַ האָבן נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. עמאַ, זיצנדיק ביים טיש מיט די געסט, האָט זיך פון דער זייט צוגעהערט צו די רייד פון די קינדער און האָט זיך באַמיט אָפּצוווענדן זיי, איבעררייסן זיי, און זי האָט זיך געווענדעט אַהין צום ווינקל, וווּ אירע טעכטערלעך האָבן זיך געפלייסט צו באַווייזן זיך מיט זייער שפּילצייג:

— קינדער, ווייזט נאָר אַהער עוואַן די מאַלפּע, וואָס שפּרינגט און קלאַפּט מיט דער פּויק.

ראָזאַ איז געלאָפן ברענגען די מאַלפּע, זי האָט זי אָנגעדרייט פון הינטן מיט אַ שליסעלע און באַלד האָט די מאַלפּע גענומען אַרבעטן מיט אַלע אברים, באַוועגן זיך, האָפּסלען און קלאַפּן מיט די הענט אין דער פּויק, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך. עוואַ איז געווען פול מיט באַוווּנדערונג און גדולה, זי האָט געלאַכט און געפּאַטשט מיט די הענטלעך. ראָזאַ און אירמאַ, הגם זיי האָבן שוין געזען די מאַלפּע שפּרינגען און קלאַפּן אין דער פּויק נישט איין מאָל, האָבן אויך געלאַכט, גלייך ווי זיי וואָלטן דאָס געזען צום ערשטן מאָל.

די גרויסע האָבן זיך דערביי אויך געווײַלט און עס האָט אַרײַנגעבראַכט אַ דערלייכטערונג און לויזער געמאַכט די געשפּאַנטקייט צווישן די באַלע־באָטים און די געסט. ווען די לעצטע כּוחות האָבן שוין ביי דער מאַלפּע אָנגעהויבן אויסצוגיין און זי האָט גענומען אָפּשטיין, האָט מען זי דערמינ־טערט מיט נאָך אַ מאָל אָנדרייען איר דאָס שליסעלע פון הינטן. און אַזוי איז עס געווען אַ מעשׂה אָן אַן עק.

שפּעטער איז די צייט אַוועק ביי די גרויסע אין דערציילן זיך זכרונות. דוד האָט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבענישן אין אוישוויץ, דער עיקר די מעשׂה מיטן הונט און דעם עס־עס־מאַן, וואָס האָט אים אָפּגעהאַקט די ניר. במילא האָט ער ווידער גערעדט וועגן זיין קרענקען די לעצטע יאָרן, וועגן דער אָפּעראַציע און דער האַנדלונג פון לאָטערן, וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

אויך מאַקס לאָטער האָט דערציילט זכרונות, עפּיזאָדן, איבערלעבונגען פון זיין לאַגער, פון דאַכאַו. דוד האָט פאַר ליבער גענומען, אַז לאָטער זאָל רעדן. ער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך פון דער אַנטפּלעקונג, אַז לאָטער איז אַ דייטש און אַז אַ דייטש האָט געגעבן פאַר אים זיין בלוט, אַזוי אַז עס איז אים לייכטער געווען צו הערן יענעם, ווי ער אַליין זאָל רעדן. און לאָטער האָט דערציילט, ער האָט גערעדט געדיכט, אַריינ־לאָזנדיק זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרזשמורענדיק דערביי די העלע וויִעס זיינע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרמעליקט, גלייך ווי ער וואָלט נאָר וואָס פון דער בעקעריי אַרויס.

— יאָ, איך וויים וואָס עס איז געווען אַ דייטשער לאַגער, ווי כ׳האָב אייך שוין פריִער געזאָגט — האָט לאָטער אָנגעהויבן — איך בין געווען צוויי יאָר אין דאַכאַו. פון פיר און דרייסיקסטן ביזן זעקס און דרייסיקסטן יאָר. ווי איר זעט, בין איך נאָך פריִער פאַר אייך געווען אַ העפטלינג. איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז איך בין געווען מער מאַרטירער פון אייך. אָ, ניין! פון דייטשלאַנד בין איך אַנטלאָפן אָהער אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר און איך האָב דאָ געלעבט ווי אַ פליכטלינג. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך האָבן מיך די היטלער־לייט געזוכט, איך האָב זיך געדאַרפט גוט פאַרשטעקן, און יעדע נאַכט בין איך נישט זיכער געווען מיט מיין קאָפּ — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן — נאָך דער מלחמה האָב איך זיך

שוין נישט אומגעקערט קיין דייטשלאַנד. עס האָט זיך מיר שוין געוואָלט בלייבן צווישן מענטשן. אומעטום דאַרפן דאָך מענטשן עסן ברויט — באַק איך — האָט לאָטער פֿאַרענדיקט.

אין צימער האָט אָנגעהויבן טונקל צו ווערן. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פֿון אָונטברויט און די גרינשפּאַנס האָבן זיך גענומען גרייטן אַוועקצוגיין. מען האָט זיך פֿריינדלעך געזעגנט, באַדאַנקט פֿאַרן כּיבוד און דוד האָט נישט פֿאַרגעסן נאָך אַ מאָל צו באַדאַנקען לאָטערן פֿאַר זיין מענטשלעכער האַנדלונג לגבי אים. ווען די גרינשפּאַנס זענען שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר, גרייטע אַרויסצוגיין, האָט נאָך לאָטער געזאָגט:

— וועגן די לאַגערן וועט שוין זיין דאָס גאַנצע לעבן צו דערציילן. קלינגט מיר אָן אַ מאָל, איר האָט דאָך אונדזער טעלעפֿאָן־נומער — האָט ער זיך געווענדט צו דודן — פֿאַרגעסט נישט... צום ווידערזען.

— צום ווידערזען, צום ווידערזען.

פֿאַר העפֿלעכקייט־וועגן האָט אויך דוד, אייגנטלעך, געדאַרפֿט געבן לאָטערן זיין טעלעפֿאָן־נומער, אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן, ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט פֿאַר וואָס. און אפֿשר האָט ער עס יאָ געוווּסט, נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון.

ווען די גרינשפּאַנס זענען נאָך געווען אויף די ערשטע טרעפּ האָט לאָטערס טיר זיך געעפֿנט און די קליינע ראָזאַ מיט דער מאַלפּע אין האַנט האָט נאָכגערופֿן:

— נאַ, עוואַ, נעם זי. אַ מתּנה פֿאַר דיר... די מאַמע האָט געהייסן... — האָט זי געשטרעקט עוואַן די מאַלפּע.

עוואַ האָט גענומען די מאַלפּע און איז געווען מלא שׂמחה.

— זאָג כאָטש אַ דאַנק, גרויסע מויד — האָט זיך קלאַראַ אָנגערופֿן. זי האָט אויך פֿון איר זייט באַדאַנקט פֿאַר דער מתּנה און אַלע האָבן זיך אַראָפּגעשיט פֿון די שמאָלע שיפּע טרעפּ.

— ווי געפֿעלט דיר עפּעס די מעשׂה, האַ, קלאַראַ? — זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס דוד האָט אַרויסגעזאָגט אויף דער גאַס צו זיין ווייב, נאָך אַ היפּשער ווײַלע פֿון אָנגעצויגענעם שווייגן. און קלאַראַן האָט מען נישט געדאַרפֿט לייגן קיין פֿינגער אין מויל אַריין, בכדי זי זאָל פֿאַרשטיין, אַז דאָס

מיינט ער דעם ענין מיט מאַקס לאָטער, דאָס, וואָס לאָטער איז אַ דייטש.

— אַזוי זעען זיי אויס צו זיין גאַנץ פיינע און ליבלעכע מענטשן — האָט קלאַראַ געזאָגט. זי האָט געוואָלט מאַכן עטוואָס פלאַטשיקער דעם גאַנצן ענין, פילנדיק ווי אין דודן קאָכט עס איצטער פון אויפגערעגטקייט.

— איך האָב געזען ווי אין אוישוויץ האָט מען אויך מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן געהרגעט — האָט דוד אַרויסגעוואָרפן פון זיך די רייד מיט האסטי־קייט, און אין געדאַנק גלייך איבערגעלייגט זיך, אַז די אָנדייטונג איז אפשר צו שטאַרק אויף אַ מענטש, וואָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן, און ער האָט צוגעגעבן: „פאַרשטייט זיך, אַז איך וויל נישט מאַכן קיין פאַרגלייך, ווייל כאָטש ער איז אַ דייטש, האָט ער דאָך אויך געליטן, און זיי זיכער, אַז אויך אין דאַכאַו האָט ער קיין האָניק נישט געלעקט... און דאָך קען איך זיך נישט באַרויִקן, דערמאָנענדיק זיך, אַז אַזעלכע פּנימער פון דייטשן האָב איך געזען אין אוישוויץ... און דו, קלאַראַ, ביסטו דען גלייכגילטיק צו דעם גאַנצן ענין?

— ווי קען איך דען זיין גלייכגילטיק — האָט קלאַראַ געזאָגט — גלייב מיר, אַז ווען איך האָב געזען ווי אונדזער חוהלע שפּילט זיך מיט זייערע קינדער, האָט עס מיר אַ שניט געטאָן אין האַרצן, עס האָט מיך ממש אונטער־געטראָגן. ווײ איז מיר, האָב איך זיך געטראַכט, אַזעלכע הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע חוהלעך זענען דאָך אומגעבראַכט געוואָרן דורך זייעריקע... וואָס־זשע האָב איך געדאַרפט טאָן? אָוועקנעמען אונדזער קינד? נישט לאָזן זי שפּילן זיך מיט זיי? גאָט מיינער! צו וואָס מיר זענען דערפירט געוואָרן... אַז מיר זאָלן נישט קענען קוקן ווי אַ קינד שפּילט זיך מיט אַ קינד!...

פון דעסטוועגן האָט זיך קלאַראַ מיט אַ סך מער ניכטערקייט און געזעצטקייט, ווי דוד, באַצויגן צום גאַנצן ענין. זאָל דאָס זיין אפשר דערפאַר וואָס נישט אין איר, נאָר אין דודן, איז דאָך איצטער געפלאָסן דאָס בלוט פון מאַקס לאָטער?

בשעת דעם אָוונטברויט אין דער היים, זיצנדיק ביים טיש, האָט קלאַראַ באַמערקט אין דודס אָנגעכמורעטן שווייגן און נערוועזקייט, אַז די גאַנצע זאַך לאָזט אים נישט צו רו, און טראַץ דעם וואָס ער האָט איר כסדר

אָפּגעענטפערט אויף איר פראַגע וואָס מיט אים איז, אַז „ס'איז גאָרנישט",
האָט עס איר נישט באַרויִקט. לסוף האָט זי זיך אָנגערופן:

— ווי איך זע, וואָלט שוין בעסער געווען, גלייב מיר, ווען עס וואָלט דיר
בכלל נישט געווען איינפאַלן צו וועלן וויסן ווער עס איז דיין בלוטגעבער...

— אפשר... — האָט דוד געזאָגט — אָבער איך ווייס עס דאָך פאָרט...

— איז וואָס־זשע וועט דיר געבן איצטער דאָס אַריינקלערן דיינס?
וועסט דען עפּעס ענדערן? וועסט עס דאָך נאָך איבערקרענקען... צי האָסטו
געדאַרפט אַרויסגיין פון אַ צרה, בכדי אַריינצוגיין, חלילה, אין אַ צווייטער? —
און ווי תמיד האָט אויך איצטער קלאַראַ זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער מער
פּראַקטישער און שׂכלדיקער אין איר טענה צו איר מאַן: דיין מאַטערן זיך
און ברעכן זיך דעם קאָפּ וועגן לאַטערן האָט נישט קיין שום זין און צוועק.
זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואָס טויג מיר דאָרטן, וועסט אים דען גיין
צוריק אָפּגעבן זיין בלוט? ניין... — איז אויב אַזוי דאַרפסטו זיך אָפּווישן
דאָס מויל און זיך זאָגן: „דער ענין איז דערלעדיקט"...

דוד האָט אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן זיין ווייב. אין תוך
איז זי דאָך גערעכט, האָט ער געטראַכט. אָבער עס האָט אים פון דעסטוועגן
שטאַרק פאַרדראָסן, אפילו ווי געטאָן, וואָס אין איר טאָן האָט ער בפירוש
אַרויסגעפילט אַ פאָרוואורף קעגן אים, און ער האָט באַשלאָסן מער גאָרנישט
צו זאָגן איר וועגן דעם גאַנצן ענין, בכדי אויף להבא אויסצומיידן אירע
פאָרווורפן, בפרט נאָך אַ קריגעריי. נאָך דאָס האָט אים געפעלט... אָבער
טראַכטן האָט ער נישט אויפגעהערט. און גוט, וואָס קיינער האָט אים נישט
געקענט שטערן אין דעם. אפילו נישט קלאַראַ.

די קליינע עוואַ האָט, זיצנדיק ביים טיש, מער געשפּילט זיך מיט דער
מאַלפּע, ווי געגעסן. די מאַלפּע האָט אָן אויפהער אויפן טיש געטאַנצט און
געקלאַפּט אין דער פּויק. ווי נאָר זי איז אָפּגעשטאַנען, האָט איר עוואַ גלייך
אָנגעדרייט אויף ס'ניי דאָס שליסעלע פון הינטן און זי האָט ווידער געאַרבעט
מעשׂים. מען קען נישט זאָגן, אַז דוד האָט זיך צוגעקוקט מיט גלייכגילטיקייט
צום שפּילצייג און צו עוואַס פאַרטועונקייט אין דער שפּיל. אין אויסוויק,
דערמאָנט ער זיך, פלעגט ער זען אָנקומען מיט די טראַנספּאָרטן קינדער און
צווישן זיי — קינדער מיט זייער שפּילצייג אין די הענטלעך. נאָך דעם ווי די

קינדער זענען שוין מער נישט געווען, האָבן זיך נאָך זייערע שפּילצייגן באַוועגט, באַוועגט, אָנגעדרייט, פון זייער מעכאַניזם, פונקט אַזוי ווי עוואַס מאַלפּע איצטער, די מתנה פון די לאָטערס... געוויס איז עווא שטאַרק אַריינגעטאָן אין איר שפּילצייג און איר פרייד איז גרויס. נו, יאָ, וואָס ווייסט אַ קינד?... אָבער ער , דוד, ווייסט... איז וואָס־זשע זאָל ער טאָן? זאָל ער אפשר נישט לאָזן זי שפּילן מיט דעם, אָדער הייסן, אַז זי זאָל עס אַרויסוואַרפן?...

אפילו ווען דוד האָט נישט געוואָלט אַזויפיל אַריינטראַכטן וועגן דעם גאַנצן ענין מיט לאָטערן, האָבן אים די מחשבות נישט אָפּגעלאָזט. זיי זענען שטאַרקער געווען פון אים, פון זיין ווילן און פון אַלע זיינע באַשלוסן, אַז ער וועט זיי אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ; זיי האָבן אים גובר געווען, באַוועלטיקט און געמאַטערט, דער עיקר אין די נעכט, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט. ער פלעגט נישט צוטאָן מיט קיין אויג שעהען לאַנג און נאָר אַריינגעטראַכט וועגן דעם דייטשן בלוט, וואָס ער טראָגט אין זיין גוף, ווי אַ סם. אָפט פלעגט ער פירן האַרבע וויכוחים מיט זיך אַליין, וויכוחים וואָס האָבן גאָרנישט געברענגט און גאָרנישט אויסגעגליכט. עס זענען, אייגנטלעך, געווען צוויי דודס, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט און געריסן איינער מיטן אַנדערן. איינער האָט צו נישט געמאַכט, צעקלאַפּט דעם צווייטנס ראיות און איינער האָט דעם אַנדערן נישט געקענט איבערצייגן און גובר זיין. „זאָג מיר נאָר, חכם איינער, האָט ער גערעדט צו זיך אַליין אין געדאַנק, און ווען דו וואָלסט פריִער געוווּסט, אַז די טראַנספוזיע, וואָס מען דאַרף דיר מאַכן, בכדי צו ראַטעווען דיין לעבן, קען זיין נאָר פון בלוט פון אַ דייטש, וואָלסטו, הייסט עס, נישט מסכים געווען און וואָלסט באַשטאַנען בעסער צו שטאַרבן?"... ער דערמאָנט זיך אין דער זעלבער צייט, אַז ער האָט געהערט אַ מאָל אין זיין קינדהייט זאָגן, אַז ריצנאייל, וואָס מען פלעגט ניצן צו אַ פאַרדאַרבענעם מאָגן, ווערט געמאַכט פונעם פעטס פון הינט... נו, איז וועט מען זיך צוליב דעם, וואָס מען האָט פיינט דעם הונט, נישט לאָזן אָפּרייניקן מיטן ריצנאייל דעם מאָגן? — מוסרט ער זיך אַליין. אָבער דאָס צוגלייכן זיין רעטער מאַקס לאָטער צו אַ הונט, כאַפּט ער זיך צוריק און מאַכט זיך ממש אַ פאַרוווּרף, איז זייער און זייער נישט יושרדיק... ער ווייסט, דוד, אַז לאָטער אַליין איז געווען אַ קרבן פון זיינע אייגענע לאַנדסלייט־פאַרברעכער, ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין לאַנד, זיך וואַלגערן אין דער פרעמד און שפּעטער, ווען

זיי זענען אויך דאָ אַרייַן, איז ער געווען אויסגעשטעלט אויפן טויט... בעת דעם שמועס ביי אים אין דער היים האָט לאָטער געזאָגט, אַז ער איז זיך משער געווען, אַז דאָס בלוט, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים פון שפּיטאָל, איז פאַר אַ ייִד, און ער האָט עס געגעבן. נו, צי האָט ער, דוד, ווען ער ווייסט עס דעמאָלט, נישט געדאַרפט דאָס אָננעמען? יאָ צי ניין?...

און דערווייל איז דודן מיטן געזונט געגאַנגען אַלץ בעסער און בעסער. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ צוואַנציק יאָר זענען אַראָפּ פון אים, אַזוי גוט געפילט האָט ער זיך. מיט אַ יִינגלשער פלינקייט ממש פלעגט ער איצטער אַרויפלויפן די צוויי שטאָק פון זיין הויז, איבערהיפּערנדיק עטלעכע פון די שמאָלע שיפּע טרעפּ מיט אַ מאָל. אין דער פרי פלעגט ער אַרויסשפּרינגען פון בעט מיט אַזאַ קוראַזש, ווי אַ מאָל אין וואַרשע אין זיינע יוגנט־יאָרן, באַגינען צו די שבתדיקע מאַיוווקעס, מיט די חברים און חברטעס אין די וועלדלעך פון מאַרימאָנט און ביעלאַן... אַזוי האָט ער זיך געפילט דעמאָלט, ווען די מאַטערנדיקע מחשבות האָבן אים אַ ביסל אָפּגעלאָזט. אָבער ווען זיי האָבן זיך צו אים ווידער אומגעקערט, איז אים אויף ס׳ניי באַפאַלן אַ מרה־שחורה־דיקייט און אַ שלאָבערדיקייט און ס׳איז אים שוין גאָרנישט ניחא געווען, גאָרנישט איינגעגאַנגען. ביי דער אַרבעט האָט ער אָפט נישט געוווסט וואָס ער טוט. איין מאָל, שטעפּנדיק אויף דער מאַשין אַן איידל זאַמשל פון אַ הענטשקע, איז ער מיט דער נאָדל פאַרפאָרן אַזש קיין בויבעריק. ביים אויפטרענען די נאָט האָט ער געמאַכט אַ לאָך און די הענטשקע איז געווען געפּטרט. אַ צווייט מאָל האָט געקענט זיין נאָך ערגער. ער איז שיִער אריין מיט דער נאָדל אין אַ פינגער — נישט אין אַ פינגער פון אַ הענטשקע, נאָר טאַקע אין זיינס אַן אייגענעם פינגער...

די שלאָפלאָזיקייט ביינאַכט האָט ביי דודן אָנגעהאַלטן. ער פלעגט נעמען פאַרשידענע פּילן צום שלאָפן, אָבער זיי האָבן נישט געהאָלפן. ער פלעגט ליגן אויף און הערן דעם נאָענטן טורעם־זייגער קלינגען צוועלף, איינס, צוויי און דריי. נאָך דעם טורעם־זייגער, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער העכסטער טאָנגעבער פאַר אַלע, פלעגן זיך צעקלינגען די אַנדערע זייגערס פון די שכנים מיט קורצע אינטערוואַלן פון אַ האַלבער מינוט, אַ מינוט און

צוויי. דוד האָט שוין אַלע זייגערס געקענט לויט זייער קלאַנג און טאָן און שוין געוווּסט, וועלכער זייגער עס קומט פריִער און וועלכער שפּעטער. ער איז שוין מיט אַלע זייגערס געווען היימיש און אויסגעבונדן. בכדי צו וויסן ווי שפּעט ס׳איז, איז אים לגמרי נישט נייטיק געווען אײַנצוקוקן זיך אין די פאָספאָר־ציפערן פון דעם קליינעם וועקזייגערל אויפן דערבײַיִקן נאַכט־שענקעלע, וואָס האָבן אים געשראָקן ווי קעצישע אויגן פון אַ חשכות אַרויס.

דוד פלעגט נישט אײַנרוען אויפן געלעגער און זיך שליידערן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. עס איז שווער געווען אָפּצונאַרן קלאַראַן, אַז מיט אים איז גאָרנישט, ווי ער האָט עס איר פאַרזיכערט. אָפט פלעגט זי זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און זיך בעטן ביי אים: „פאַר וואָס שלאָפסטו נישט, דוד? דו דאַרפסט דאָך שוין באַלד אויפשטיין צו דער אַרבעט... נישט גענוג וואָס דו שלאָפסט נישט, לאָזטו נאָך מיך אויך נישט שלאָפן"...

בדרך־כלל איז קלאַראַ לעצטנס גוט געשלאָפן. בעסער ווי אין די פריִער־דיקע יאָרן, גלייך נאָך דער באַפרייִונג, ווען זי איז נאָך זייער עמפּינדלעך געווען צו יעדן דרויסנדיקן קלאַנג בײַנאַכט. אַז זי פלעגט דערהערן דעמאָלט פון ערגעץ דעם גערויש פון אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ, האָט עס איר גלייך דערמאָנט אין דער אָקופּאַציע־צייט, ווען אחוץ די דייטשן האָט קיינער ביינאַכט נישט געקענט פאָרן. און דערהערנדיק נאָך ערשט נישט לאַנג אין מיטן דער נאַכט פאַרבייפאָרן אַן אויטאָ, פלעגט איר גלייך אויפקומען אויפן געדאַנק דאָס קורצע שרעקוואָרט: געשטאַפּאָ... פון צייט צו צייט וועקט זי זיך נאָך אויך איצטער אויף פון שלאָף ביינאַכט, אָבער בלויז פון אַ שלעכטן חלום, דער עיקר פון אַן אומהיימלעכן חלום וועגן איר אומגעקומענעם מאַן לעאָן. און מאָדנע, ס׳איז שוין עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרייונג און זי ווייסט, אַז וועער עס איז נישט צוריקגעקומען פון דער דעפּאָרטאַציע וועט שוין מער נישט צוריקקומען, און איר חלומט זיך נאָך אַלץ פון צייט צו צייט, אַז ער איז דאָ, אַז ער לעבט און ער האָט זיך אומגעקערט פון לאַגער, איר לעאָן... אין חלום ווייסט זי, אַז אין דער ווירקלעכקייט לעבט ער נישט, אַז ער געהערט צו אַן אַנדערער וועלט, און זי וויל אַזוי, אַז ער זאָל זיך אומקערן אַהין, פון וואַנען ער איז געקומען, ער זאָל אַוועק פון איר — און ער פאַרשווינדט... זי כאַפּט זיך אויף אין אַנגסט, אָבער זי האָט נישט וועמען צו דערציילן איר חלום... וועגן אַלע אירע נאַרישע חלומות דערציילט זי דודן,

אָבער נישט אַ חלום וועגן איר אומגעקומענעם מאַן לעאָן, וואָס זי האַלט בסוד... עפּעס איז איר נישט באַקוועם צו דערציילן דודן דעם חלום און זי באַהאַלט אים אויס...

זי האָט דעם איינדרוק, אַז דוד נישטערט אין איר פאַרגאַנגענהייט, ער איז איפּערזיכטיק. ער קען זיין איפּערזיכטיק אויף אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו איר פאַרגאַנגענעם לעבן, אויף אַ מינדסטן חפץ, אַ פאָטאָגראַפיש בילדל, אַ שטיקל פּאַפּיר... וואָס גייט אים דאָס אַלץ אָן? ער ווייסט דאָך, אַז יעדער פון זיי האָט זיין פאַרגאַנגענהייט און אַז זיי האָבן נישט אָנגעהויבן ערשט ווי אַכצן־יאָריקע יינגל־מיידל... זי האָט אים איין מאָל מיט נישט באַרעכנטקייט געזאָגט: „דו ווייסט, דוד, איך שעץ דיך נאָך מער צוליב דעם וואָס איך געפין אין דיר שטריכן פון מיין אומגעקומענעם מאַן.” זי איז נישט אויסן געווען קיין שום שלעכטס דערביי, אָבער זי האָט גלייך באַמערקט, ווי נאָך דעם איז דוד אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן אָנגעכמורעטן שוייגן, ער האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט אויף אירע רייד. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָנגערופן: „דאָס הייסט, אַז אין מיר שעצטו נישט מיך, נאָר עמעצן אַנדערש”... קלאַראַ האָט גלייך חרטה געהאַט אויף אירע רייד און געפּרוּווט מיט אומבאַהאָלפנקייט זיך צו פאַרטיידיקן: „פאַרשטיי עס נישט שלעכט, דוד”... — און מער האָט זי וועגן דעם נישט דערמאָנט. אויך דוד האָט געהאַלטן פאַר קליגער מער נישט צו רעדן וועגן דעם...

ווי נעכטן און אייערנעכטן, איז דוד נישט געשלאָפן. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער, נישט איינגערוט. פריִער, ווען ער איז אַריין אין בעט, האָט ער נאָך גענומען אַ בוך אין האַנט אַריין צום לייענען ביי דער געדעמפּטער שיין פונעם נאַכטלעמפּל. אַלץ מיטאַמאָל: די שפּיל פון שאָטן און שוואַכן ליכט ביים בעט־צוקאָפּנס, דודס ליגן מיטן בוך אין האַנט, דאָס אַלץ האָט געקענט שאַפן דעם איינדרוק פון געבענטשטער רו און שלווהדיקייט, וואָס עס דאַרף, אייגנטלעך, הערשן אין אַ שלאָפצימער אָוונטצייט. דודס פּאָזע מיטן בוך אין בעט האָט אויך געקענט פאַרפירן קלאַראַן, אַז זי זאָל מיינען, אַז ער האָט זיך שוין באַרויִקט פון זיינע מאַטערנישן און אַז אַלץ קערט זיך אום צום נאָרמאַלן. אין דער אמתן איז אָבער נישט געווען אַזוי. ווייט פון דעם. דוד האָט געקענט אַזוי אָפּלייענען גאַנצע זייטן און נישט וויסן וואָס ער

לייענט, נישט וויסן אפילו אָפּט ווו ער האַלט. דאָס לייענען האָט אפילו נישט געברענגט די ניצלעכקייט פון מיד מאַכן די אויגן, אַז זיי זאָלן זיך קלעפּן צום שלאָף... סיי די לעקטור און סיי די פּילן צום שלאָפן זענען ביי דודן געווען קנאַפּע אויפטוער...

ווען דאָס ליכט איז שוין געווען אויסגעלאָשן, איז ער נאָך אַלץ געלעגן וואַך, מיט אָפענע אויגן... „וואָלט דאָס טאַקע בעסער געווען, האָט ער געטראַכט, ווען עס וואָלט אים בכלל נישט געווען איינפאַלן צו ווערן זיך באַקענען מיט זיין בלוטגעבער ?... געוויס, ווען ער וואָלט נישט געוווּסט ווער יענער איז, וואָלט ער דאָך געקענט זיינע יאָרן אויסלעבן און זיך פאַרשפּאָרן די אַלע צרות. וואָלט דאָס גוט געווען ? ער וואָלט דאָך דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווען אַן אָפּגעגאַרטער און עפּעס אַ נישט-געזעענער לץ וואָלט אים הינטער זיינע פּלייצעס כסדר אַרויסגעשטעקט אַ צונג... איז דען נישט בעסער צו וויסן דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין, און ליידן פאַר אים, אָפּקומען פאַר אים ?"...

קלאַראַ האָט אים איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען. זי האָט זיך איבער־געוועקט פון זיין באַוועגן זיך און וואַרפן זיך אויפן געלעגער און זי איז זיך משער געווען, אַז ער שלאָפט נישט. ווי אַלע מאָל, איז זי אויך איצטער צוגעשטאַנען צו אים:

— איך בעט דיך, דוד, באַמי זיך איינצושלאָפן. האָב רחמנות אויף דיין געזונט. דו זעסט דאָך, אַז איך שלאָף אויך נישט צוליב דיר... שלאָף, שלאָף. דו ביסט דאָך אַזוי מיד...

אוודאי איז ער מיד. אַלע זיינע גלידער לעכצן אויסצורוען זיך אַ ביסל, נאָר עפּעס אַ געהיימנישפולער כוח לאָזט אים דאָס נישט. ס'איז פּונקט ווי ווען אַ טרינקענדיקער וויל זיך מיט אַלע זיינע אברים אַרויסרייסן פון דער סכנה, נאָר דער וואַסערשטראָם איז שטאַרקער פון אים און ציט אים צום גרונט אַראָפּ... קלאַראַ האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט צו זען ווי שפּעט ס'איז און דערביי, אין דער ליכטיקייט, נאָך אַ מאָל געמוסרט דודן, פאַר וואָס ער שלאָפט נישט. ער האָט געבעטן, זי זאָל אים גלייבן, אַז ער וויל שלאָפן, אַז ער וויל דאָס פּשוט צוליב איר... פּלוצלינג האָט ער ביי דער שיין פונעם נאַכטלעמפּל דערזען אויפן דערביי׳יקן שאַפקעלע די מאַלפּע פון די לאַטערס... עפּעס אַזויפיל פּחד האָבן איצטער אָנגעוואָרפן אירע אָנגעשטעלטע גלעזערנע

אויגן. זי איז געשטאַנען אַנגעבויגן אין זײַן זײַט, ווי אַנגעמענדיק זיך מיט כּוח פֿאַרן געבן אַ שפּרונג צו אים... ער האָט האַסטיק פֿאַרלאָשן דאָס ליכט... „דער הונט! דער הונט!"... — איז אים אַן אַנגסט באַפֿאַלן און עס האָט אים געהויבן פֿונעם געלעגער, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטרינען פֿון דער שרעק... נישט אין זײַן שלאָפֿצימער געפֿינט ער זיך איצטער, דוד, נאָר אין אוישוויץ־לאַגער: דער עס־עס־מאַן, זעט ער, האָט אָפּגעלאָזט דעם הונט פֿונעם רימען און ער וואַרפֿט זיך אויף אים מיט אַן אָפֿענעם פּיסק שפּיציקע ציינער, פֿון וואַנען עס שווידערט אַרויס אַ טיפֿע טונקעלע הוילעניש, ווי די קרעמאַטאָריע־עפֿענונג... אָט־אָט שפּרינגט ער אַרויף אויף אים און פֿאַר־קלעמט אים זײַן האַלדז מיט אַ האַריקער לאַפּע...

דוד איז פֿעסט אַנטשלאָסן בײַ זיך: ער וועט מער דאָס שפּילצײַג נישט האַלטן אין שטוב!... חוהלע וועט מעגן וויינען און שרײַען... מאָרגן גלײַך אין דער פֿרי וואַרפֿט ער דאָס שפּילצײַג אַרויס.

— שלאָף, שלאָף, דוד. אַ גוטע נאַכט — האָט קלאַראַ געזאָגט און נישט לאַנג האָט געדויערט איז זי אײַנגעשלאָפֿן. דוד האָט דאָס אויך געוואָלט טאָן, אָבער דער שלאָף איז נישט געקומען. האָט ער זיך באַמיט כאָטש צו ליגן רויִק, נישט צו דרייען זיך אַהין און אַהער און אַנצוגיין, אַז ער שלאָפֿט, כּלומרשט, בכדי נישט אויפֿצוּוועקן זײַן ווײַב. קעגן זײַן ווילן אָבער האָבן זיך אַלע זײַנע טראַכטענישן פֿון די לעצטע טעג און נעכט ווידער אומגעקערט צו אים, נישט געלאָזט אים צו רו, געמאַטערט אים און געריסן פֿון אים שטיקער... „ווען ער, דוד, איז געווען אין אוישוויץ, איז דאָך מאַקס לאַטער גאָר געווען אין פֿראַנקרײַך און זיך באַדאַרפֿט אויסבאַהאַלטן פֿאַר די זעלבע רשעים, וואָס האָבן אים, דודן, אָנגעטאָן די גרעסטע נגישות און צרות, נישט אמת?... — פּרובירט ער איבערלייגן אין געדאַנק — יאָ, אָבער פֿון דער צווייטער זײַט"... — איז ער ווידער נישט געווען שווה בשווה מיט זיך און ער האָט אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן דעם וויכּוח מיט זיך אַליין. אָט האָט ער ווידער געפֿונען אַ זכות אויף לאַטערן, ווי שוין נישט איין מאָל, און זיך שוין פֿעסט געהאַלטן בײַ אים, און אָט האָט עס לאַנג נישט געדויערט און ער איז אים אויסגערונען, נישט געוואָרן. איין ראיה זײַנע האָט ווידער אַרויסגעשטופּט די אַנדערע און זי צו נישט געמאַכט, און איין מסקנא, צו וועלכער ער איז שוין געקומען ענדגילטיק, האָט זיך אַנגעשלאָגן און זיך צעקלאַפּט אין דער

אַנדערער, דער פּרישער, וואָס איז אים קאַפּויער געקומען, נישט לאָזנדיק אים דערגיין צו אַ טאָלק... אָבער איין גאָט ווייסט, אַז ער וויל נישט טראַכטן מער, נישט וועגן דער מסקנא און נישט וועגן יענער... וועגן גאָרנישט... ער האָט זיך געשראָקן פּשוט פֿאַר זיינע אייגענע מחשבות, גלייך ווי מיטן בלויזן טראַכטן וואָלט ער נאָך געקענט באַגיין מיט זיי אַ חטא און ער וואָלט נאָך אפשר אויך געקענט מיט זיי אויפוועקן קלאַראַן... אַן איינגעקורטשעטער און צוגעדריקטער צום געלעגער, האָט ער זיך באַמיט איצטער צו ליגן אומבאַוועגלעך, נישט צו רירן זיך. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער אַזוי געלעכצט נאָך באַרויִקונג און איינשטילעניש. הלוואי וואָלט ער איצטער געקענט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שאָטן, מען זאָל אים נישט הערן און נישט פֿילן; הלוואי וואָלט ער געקענט איינזינקען אין דער ווייכקייט פֿונעם מאַטראַץ און זיך אויפלייזן אין זיין טיפעניש... ער איז געווען אין גאַנצן איינגעהאָרכט צו דער שטילקייט פֿון דער נאַכט. פֿון נישט וויט האָט זיך דורך אַ וואַנט דערטראָגן צו אים דאָס רעגלמעסיקע כראָפּען פֿון אַ שכן, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל פֿאַרענדיקט מיט אַ פֿייף. ערגעץ־ווו האָט זיך פֿאַרעקשנט געריסן אַן עופּהלע, אַ זויגלינג. אויפֿן הייפֿל האָט זיך ראַפּטעם אויפגעכאַפּט אַ העפּטיקע קריגעריי פֿון קעץ. דער טורעם־זייגער אין דרויסן האָט געשלאָגן פֿיר.

# איבער די דעכער פון פּאַריז

# איבער די דעכער פון פּאַריז

— רו זיך אָפּ אַ ווײַלע, משה־איציקל, שטרענג זיך נישט אַזוי אָן, בעט איך דיך — האָט געזאָגט דאָס ווײַב צום מאַן, וועלכער האָט מיט אַ העמערל צוגעקלאַפּט אַ מזוזה צום ביישטידל וואָס אויף דער טיר פון זייער נײַעם סטודיאָ.

משה־איציקל האָט נאָכן מאַכן אַ שהחיינו זיך אָנגערופן צו זײַן ווײַב:

— דאַגלאַנג מיר נאָר נאָך אײַן טשוועקעלע און איך בין שוין פערטיק, אסתר־ליבעלע — האָט ער געזאָגט צו איר און בשעת־מעשׂה זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף דעם שיינעם און אויסטערלישן מזוזהלע, אַ זעלטן אַנטיקל, וואָס ער האָט עס דערווישט ערגעץ אין אַ קראָם אויף רי דע ראַזיע. און די גאַנצע קונץ פון דער מזוזה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זי געקענט אָננעמען פאַר אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט פאַר קיין מזוזה. זי האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַזאַ מין מעשן צאַצקעלע, אַ באַפּוצונגל, וואָס פון איר שיינעם, אײַדעלן אויסקריצעכץ האָט מען דעם שין פונעם „שדי" כמעט נישט אַרויסגעזען. בלויז ער, משה־איציקל, און דער רבונו של עולם וועלן וויסן, אַז ער איז דאָ, דער „שדי", נאָר נישט מער, מען זעט אים נישט אָן, ער איז פאַרשטעלט; ס'איז צוגעפּאַסט צו פּאַריז, ווו מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן מיטן ביסל ייִדישקייט, האָט משה־איציקל געטראַכט, די פראַנצויזישע שכנים אויף דער „פּאַליע", ס'הייסט אויף די שטיגן, וועלן נישט וויסן וואָס דאָס איז אַזוינס, וועלן מיינען, עפּעס אַ שפּילעכל, אַ באַשיי־נונג אויף דער טיר פון די אַלטע לייט. אַלטע זענען דאָך ווי קינדער, שפּילן זיי זיך. און אין דער אמתן, האָט משה־איציקל ווײַטער געטראַכט, צו וואָס דאַרף מען אויפרייסן בײַ די פראַנצויזן די אויגן מיט מזוזות, מיט ייִדישע

חפצים און יידישע אותיות, אַז זיי זאָלן דאַרפן אַריינקלערן אין דעם וואָס דאָס איז אַזוינס. מען דאַרף זיך וויסן דאָ ווי צו פירן, מיינט ער; מען דאַרף זיין אַ ייִד אין דער היים און אַ מענטש אויף דער „פּאַליע"... אַ ייִד באַדאַרף זיך נישט צו שטויסן און צו שטופּן, ער קען זיך באַניגענען מיט זיינע ד' אמות. די אויסערלעכע זייט פון דער טיר פון זיין דירה איז נישט זיינע, דעם ייִדס, זי געהערט צו דער דרויסנדיקער וועלט, דאַקעגן די אינעווייניקסטע זייט פון דער טיר, זי איז שוין זיינע; דאָרטן, אין שטוב, איז ער ביי זיך, באַלעבאָס פאַר זיך, און ער קען פּראַווען ייִדישקייט וויפל נאָר זיין האַרץ גלוסט.

משה־איציקל האָט אַריינגעקלאַפּט אין דער מזוזה דאָס צווייטע טשוועקעלע, וואָס אסתר־ליבע האָט אים אונטערגערוקט און איז געשטאַנען לעבן אים, זיך צוגעקוקט און אַכטונג געגעבן מיט פּאַרכטיקייט אויף זיינע באַוועגונגען, ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס אַסיסטירט אַ דאָקטער ביי אַן אָפּעראַציע. אַז די מזוזה איז שוין געווען צוגעקלאַפּט צום ביישטידל פון דער טיר איז דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק אַריין אין שטוב. זיי האָבן ערשט איצטער דערפילט, אַז זיי געפינען זיך ביי זיך אין דער היים, זענען פאַרזיכערט און באַשירעמט פון אַלע צרות און אַנשיקענישן. זיי האָבן זיך גענומען מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג, אויספּאַקן און אַוועקשטעלן אויף אַן אָרט זייערע זאַכן, וואָס מען האָט זיי נעכטן אַריבערגעברענגט פונעם הויז פון זייערע קינדער, ווו זיי האָבן זיך געהאַט מיט אַ שטיקל צייט צוריק אַריבערגעצויגן פון פּאַסאַזש קושנער אויפן בעלוויל, ווו די אַלטע לייט האָבן יאָרן לאַנג געוווינט.

דעם נייעם סטודיאָ לעבן דעם לוקסעמבורג־פּאַרק האָט געדונגען פאַרן אַלטן פּאָרפּאָלק משה־איציקלס זון, דער אָנגעזעענער פּאַריזער אַדוואָקאַט פּיער קופּערשטיין. דער זון און אויך די שנור, פּיערס האַלב־ייִדיש ווייב, האָבן געוואָלט, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אויף די עלטערע יאָרן זיין מיט זיי צוזאַמען, זענען צוגעשטאַנען, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן זייער דירהלע אין פּאַסאַזש קושנער און זיך אַריבערקלייבן צו זיי אין זייער גרויסן שיינעם אַפּאַרטאַמענט ביים לוקסעמבורג־פּאַרק, וואָס זיי האָבן נישט לאַנג צוריק געהאַט געקויפט.

משה־איציקל איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַכציקער און אפשר נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער. אסתר־ליבע איז געווען פון אים מיט אַ צוויי־דריי

יאָר יינגער. עס האָט זיך זיי נישט אַזוי שטאַרק געגלוסט צו גיין זיך איצטער שלעפּן ביי זייערע יאָרן, טוישן די קאַרטיע, פאַרלאָזן דאָס היימישע ווינקל, ווו זיי זענען שוין געווען פון לאַנג צוגעוווינט, און זיך נעמען פּאַקן, אַריבער־קליייבן זיך, כאָטש ביי די קינדער איז געווען אַ רחבות און אַ שפע און זיי האָבן דאָס געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן. אָבער פּיער און די שנור האָבן זיי סוף כל סוף איבערגעדייבערט און זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן מיטן ביסל אָרעמע בעבעכעס און זייער דירהלע אויפן בעלוויל פאַרדונגען צייטווייליק אַ יידישער משפחה פון אַלזשיריע, „פּיע־נואַר". נאָר עפּעס האָבן זיי זיך דאָ, ביי די קינדער, נישט געקענט קיין אָרט געפינען, זיך נישט געקענט צוגעוויינען נישט צו דער שיינער פרעמדער קאַרטיע, נישט צו דעם רחבות־דיקן אַפּאַרטאַמענט און נישט צו דער שנורס פראַנצויזישע עסענעס, צו די פאַרשידענע סאָסן, מאַיאָנעזן, שוין אָפּגערעדט פון די אַלערליי געמויזעכצער, ווערעם, שרצים, רחמנא ליצלן, וואָס זיי טאָרן אפילו נישט קוקן אויף דעם; צו די לאַנגע שמאָלע אַספּערזשן, שטעכיקע אַרטישאָס, וואָס מען וואַרפט פון זיי אַוועק מער ווי מען עסט, אַלץ קיי און שפּיי. אַחוץ דעם די פאַרשטונקענע צעכליאַפּעטע קעזן, די רויטע ראָזביפן, די רויע ביפּטעקן, כאָטש פּיער האָט זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע פאַרזיכערט, אַז דאָס פלייש וואָס מען גיט זיי צו עסן איז כשר, ווייל פאַרנדיק פון געריכט, פון „פּאַלעי", טרעט ער אָפּט אָפּ מיט זיין אויטאָ אויפן פּלעצל און קויפט איין פאַר זיי כשר פלייש למהדרין מן המהדרין, און זיי האָבן זיך טאַקע דערקונדיקט, אַז פּיער גענאַרט זיי נישט.

אחוץ דעם פלייש, ברענגט ער נאָך אַ מאָל אויך אַ היימיש ברייטל, אַ פּעקל מצות, אַ בייגל, אַ זעמל, אַ הערינג, אַ סלאָיקל רויטן כריין. און ביי פּיערן איז דאָס נישט עפּעס אַן אָפּקומעניש; פאַרקערט, ער פּירט אויס זיין שליחות פאַר טאַטע־מאַמע באהבה. און אויב איז ער דעמאָלט נישט אַזוי שטאַרק פאַרנומען, ער האָט פונקט אַ פרייען מאָמענט, דרייט ער זיך סתם אַזוי אַרום אַ ביסל אין דעם קנופּ פון די עטלעכע ענגע געסלעך פונעם פּלעצל און באַטראַכט אַלץ, ווי מען באַטראַכט אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן אין אַ מוזיי, וואָס שטעלט פאַר פאַרגאַנגענע צייטן, כאָטש ער, פּיער אַליין, קען דאָס אַלץ שוין פון לאַנג, נאָך פון דער צייט ווען זיין טאַטע דער שוחט האָט געהאַט אַ מאָל אין איינעם פון אָט די הייף דאָ זיין שחיטה־קעמערל פון

עופות, ווו פאַרן איינגאַנג האָט מען אָפּט געזען פאַרפּעדערטע ווייבער מיט קיישלעך אין די הענט. אַרומשלייכנדיק זיך דאָ, האָט ער ליב אַריינצו־קוקן אין די פּינצטערע קרעמלעך, זיך אָפּצושטעלן פאַר די וויטרינעס, אויסגעלייגטע מיט יידישקייט, מיט ספרים, סידורים, מחזורים, מנורות, קידוש־בעכערס, חנוכה־לעמפּלעך, פּסח־טעלערס און שמאָלע זיידענע טליתימלעך מיט נאָכהענגענדיקע ציצית, וואָס צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, האַלטן זיי אים, פּיערן, נאָך צוגעבונדן צו זיין טאַטנס וועלט.

כאָטש משה־איציקל און אסתר־ליבע האָבן געהאַט אינעם גרויסן אַפּאַר־טאַמענט פון זייערע קינדער זייערס אַ צימער אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, אַז מען האָט געקענט מיינען אַז זיי זענען דאָ בכלל נישטאָ, האָבן זיי זיך פון דעסטוועגן נישט געפילט אין גאַנצן ווי ביי זיך. די אייניקלעך זייערע, די גויִשטשאָקעס און וואָיטעקעס, האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, גיבן זיי נישט אָפּ גענוג דרך־ארץ, שעצן זיי נישט ווי ס׳געהער צו זיין, אָדער, קען זיין, גאָר נאָך ערגער, מיאוסן זיך פון זיי. אפילו די באָן, די פראַנצויזישע דינסט, הייסט עס, האָט נישט פאַר זיי קיין אָפּשיי, שאָפּט זיך מיט זיי, לאַכט פון זיי אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, אַז די באַלעבאַטים זאָלן נישט באַמערקן, פאַר־וואָרפט זייערע זאַכן ווען זי רוימט צו זייער צימער (כאָטש אסתר־ליבע קען זיך באַגיין אָן דעם, אירע הענט ליגן נישט אין קימפּעט), שטעלט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, קוקט מיט חידוש, און אפשר נאָך אויך מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם חוזק אויף זייערע יידישע זאַכן. אַנומלט האָט זי, די דינסט, געפרעגט ביי אסתר־ליבען אויף משה־איציקלס טלית־זאַק מיטן אויסגעהאַפּטענעם מגן־דודל, וואָס דאָס איז אַזוינס, צי נישט אַ מאָל אַ האַנט־קיישל, אַ „פּילע״ צום גיין איינקויפן... געהערט אַן איינפאַל פון אַ שיקסעטשינע, איר משה־איציקלס טלית־זאַק איז ביי איר גאָר אַ „פּילע״ צום גיין איינקויפן קאַרטאָפל און ציבעלעס...

ווען פּיערס פריינד פלעגן זיך צונויפקומען אין הויז און זיך אַרומזעצן אין די ווייכע באַקוועמע פאָטעלן, ביי די קליינע נידעריקע טישעלעך און פאַרטונקלטע לעמפּלעך, אָדער ביים לאַנגן גרויסן טיש אין סאַלאָן, האָט זיך עפּעס דאָס אַלטע פאַרפאַלק געשעמט אין די ווינקלען, זיך געפילט שפּלדיק און געפאַלן ביי זיך, און שוין ליבערשט געוואָלט בלייבן ביי זיך אין צימער,

אָבער פיער, וועלכער האָט דאָס נישט איין מאָל באַמערקט, און אָפּגעפּילט דעם טאַטנס פאַרלעגנהייט, האָט זיך דווקא באַמיט אויף אַן איידעלן אופן אים אַרויסצוגעמען פון זיין זשענירטקייט און געפּאַלנקייט און אים, צוזאַמען מיט דער מאַמען, מיט גרויס חשיבות פאַרבעטן צום טיש. אָבער וואָס האָבן זיי דען דאָרט געהאַט צו טאָן, די אַלטע טאַטע־מאַמע, אַז ביים טיש האָט מען גערעדט נאָר וועגן גאָר וויכטיקע זאַכן, זיך אַריינגעלאָזט אין הויכע גדולות, וואָס זיי, די אַלטע, האָבן נישט פאַרשטאַנען און זיי זענען געזעסן די גאַנצע צייט ווי די גלאָמבעס און נישט אָנגערופן זיך מיט קיין וואָרט. און איין מאָל, ווען משה־איציקל האָט זיך שוין יאָ איינגעשטעלט דאָס לעבן און אַריינגע־וואָרפן עטלעכע ווערטער זיינע אין אַ שמועס ביים טיש, האָט ער באַמערקט ווי די גרויסע לייט, פיערס מענטשן, האָבן איידל אַריינגעשמייכלט אין די גלעזלעך משקה, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש, און די שנור האָט זיך פאַרדרייט ביז איבער די אויערן. די חשובע געסט האָבן סוף כל סוף צוריק אויפגעהויבן די פנימער פון די גלעזלעך און אויס טאַקטפולקייט איינגע־שטימט כלומרשט מיט משה־איציקלס מיינונג, און כאָטש זיי האָבן רעכט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט גערעדט, אָדער נישט געהערט, האָבן זיי געזאָגט, אַז עס לאָזט זיך וועגן אָט דער מיינונג זיינער דיסקוטירן, אַז דאָס איז אויך אַ שטאַנדפּונקט...

אַ צווייט מאָל, בעת אַ שמועס וועגן רוימישן געזעץ, וואָס דער „מעטר פיער קופּערסטיין" האָט פאַרפירט מיט די געסט, זיינע קאָלעגן, איז משה־איציקל, קעגן אַלע געזעצן פון דערצויגנקייט און האַלטונג, איינגעשלאָפן ביים טיש און הויך גענומען כראָפּען מיט פאַרשידענע טענער, אונטערטענער און מיט אַ פייפעניש, ווי איינער זאָגט: איך פייף אויף אייער גאַנצן רוימישן געזעץ... פיער האָט גענומען בכיוון מיט אַ שטאַרקער שטימע אַנטוויקלען זיינע טעזן און באַגרינדונגען פון רוימישן געזעץ, ווי ער וואָלט געוואָלט אַ ביסל אָפּשוואַכן און פאַרטויבן דעם טאַטנס כראָפּען. אסתר־ליבען איז ממש דאָס בלוט געצאַפּט געוואָרן און זי האָט גענומען איר מאַן שטורכען און טרייסלען ביי די אַקסלען, ווי זי טוט דאָס געוויינלעך ביינאַכט, ביז משה־איציקל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אויפגעמאַכט די אויגן מיט חידוש און זיך אַרומגעקוקט, נישט באַנעמענדיק וואָס מען וויל דאָ פון אים.

אסתר־ליבע האָט אַוועקגעפירט משה־איציקלען פון טיש צו זיך אין

צימער אַריין, ווי אַ פֿאַרשוולדיקט חדר־ייִנגל און פּיער האָט פֿאַר זיינע פֿריינד פֿאַרענטפֿערט דעם טאַטן, אַז ער איז היינט זייער מיד. די געסט האָבן העפֿלעך געשמייכלט און צוגעגעבן נישט איין מאָל, אַז עס מאַכט נישט אויס, זיי פֿאַרשטייען זייער גוט, אַז אַן עלטערער מענטש קען אַ מאָל זיין מיד און נישט אויפֿגעלייגט אַנטייל צו נעמען אין אַ דעבאַטע פֿון אַ פּראָפּעסיאָנעלן כאַראַקטער און מען האָט צוריק פֿאַרקניפּט דעם איבערגעריסענעם שמועס.

אָבער משה־איציקלען און אסתר־ליבען האָט עס שוין גראָד יאָ אויסגעמאַכט. עס איז זיי שוין פֿון יענעם אָוונט אָן גאָרנישט עפּעס איינגעגאַנגען דאָס זיצן ביים זונס טיש. זיי האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער אָנגעהויבן צו פֿילן שלעכט ביי די קינדער. עפּעס האָט זיי שטילערהייט געקוועלט און געקוועטשט. און מיט דער צייט האָט זיי אָנגעהויבן צו ווערן ענג אין זייער זונס רחבותדיקן אַפּאַרטאַמענט. משה־איציקל איז אַרויס פֿאַר זיין ווייב מיט זיין גאַנצן ביטערן פֿאַרדראָס, וואָס ער האָט אויסגעלאָזט צו איר, און אויך דעם זון האָט ער אָנגעהויבן צו געבן אָנצוגעהערן, אַז ער האָט זיך אפֿשר נישט געדאַרפֿט אַריבערקלייבן אַהער. ביז ער איז איין מאָל אַרויס מיט אָפֿענע דיבורים:

— דו זאָלסט נישט נעמען פֿאַר אומגוט, מיין זון, דאָס וואָס איך וועל דיר זאָגן — האָט ער געטענהט — איך ווייס, אַז דו האָסט דרך־ארץ פֿאַר דיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, אַז דו האַלטסט פֿון דער ייִדישער מידה פֿון כיבוד־אב־ואם, כאָטש דו ביסט, וואָס אַן אמת, ווייט פֿון ייִדישקייט. אָבער צו וואָס זאָל איך דיר מאַכן לאַנגע שהיות, מיין זון. מיר פֿילן זיך דאָ נישט אַזוי גוט ביי אייך. ס'איז נישט דיין שולד, פּיער, דו ביסט אַ גוטער זון און דו האָסט געמיינט גוט מיטן וועלן אונדז אַריינצונעמען צו דיר. די שולד איז גיכער אונדזערע, מיינע און דער מאַמעס, ווייל מיר זענען אַלטע פּשוטע מענטשן, פּראָסטע חי־וקיימס...

— עס פֿעלט דאָך אייך ביי מיר גאָרנישט, טאַטע, פֿאַר וואָס זאָלט איר זיך דאָ פֿילן שלעכט? — האָט זיך פּיער געמאַכט כלא ידע.

— גאַנץ פּשוט, פּיער — האָט דער אַלטער פֿאָטער פֿאַנאַנדערגענומען די הענט — מיר פּאַסן זיך נישט אַריין אין אייער געזעלנשאַפֿט. מיר האָבן זיך בעסער געפֿילט ביי זיך אין אונדזער אָרעם דירהלע אין פּאַסאַזש קושנער אויפֿן בעלוויל.

— דו זאָלסט מיר מוחל זיין, טאַטע — האָט פּיער איבערגעריסן זיין אַלטן פֿאָטער — דו ווייסט דאָך ווי מען זאָגט ביי ייִדן, אַז דער וואָרעם אין כריין מיינט אַז קיין בעסערס איז נישטאָ.

דעם זונס פֿאַרגלייך איז משה־איציקלען נישט אַזוי געפֿעלן. דער כריין, האָט ער געפֿילט, איז אים ממש פֿאַרגאַנגען אין דער נאָז, און ער האָט פּיערן אָפּגעענטפֿערט:

— זאָל זיין אַז דער כריין איז ביטער, ער איז אָבער מיינער...

פּיער האָט זיך נישט איין מאָל באַנוצט מיט אַזעלכע ייִדישע שפּריכ־ווערטער און משלים, ווי מיטן וואָרעם אין כריין, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין שטוב ביי טאַטע־מאַמע. אפילו אין גערייכטזאַל, אין „פּאַלעי", זענען זיי אים צוניץ געקומען, ווען שטייענדיק אין דער שוואַרצער טאָגע זיינער אָנגעטאָן פֿאַר די דרימלענדיקע ריכטער, האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפֿן מיט אַ ייִדישער חכמה, אַ מעשׂה, אַ וויץ, אָדער אַנעקדאָט, איבערגעטראָגן אין אַ זייער גוטן פֿראַנצויזיש און אַרויסגעברענגט מיט זיין גלאַטיק און געשליפֿן צינגל. זייער עספּרי האָט נישט איין מאָל אַרויסגערופֿן אַ שמייכל אויף די פּנימער פֿון די ריכטער, וואָס האָבן זיך גאַנצע טעג געלאַנגווייליקט ביי זייערע „דאָסיעס", און געשאַפֿן ביי זיי אַ גוטע מילדע שטימונג, און נישט איין מאָל האָבן זיי, די ייִדישע חכמות און מעשׂיות, נאָך צוגעהאָלפֿן צו פֿאַרלייכטערן דעם אורטייל פֿאַר אַ גנב, צי אַ שווינדלער, וועמען פּיער האָט פֿאַרטיידיקט. אויך האָט ער זיך, פּיער, באַנוצט מיטן ייִדישן קנייטש בעת זיינע פֿאַרטיידיקונגס־רעדעס, ווי זיינע זיידעס און זיין טאַטע ביים שטענדער און אָפֿענעם ספֿר; עס האָבן אים גוט געדינט זיינע אַמאָליקע ישיבֿה־בחורישע תנועות און דריי מיטן גראָבן פֿינגער בעת זיין אַרגומענטירן און אויפֿווייזן פֿאַרן געריכט, אַז נישט דער גנבֿ איז שולדיק, נאָר די געזעלשאַפֿט...

משה־איציקלען אָבער האָבן פּיערס ייִדישע ווערטלעך און משלים נישט געקענט איינגעמען. ער האָט זיך נישט געלאָזט גלייבן אַז ער האָט זיי נישט געזען. צו גוט האָט ער זיי געקענט, אַז זיי זאָלן קענען עפּעס אויפֿטאָן ביי אים, די היימישע חכמות און מעשׂיות, וואָס זיין זון האָט געירשנט פֿון טאַטן און פֿון דער מאַמען און זיי אויסגעברענגט ביי די גוייִשע ריכטער.

אויך אסתּר־ליבען איז נמאס געוואָרן דאָס זיין דאָ ביי די קינדער. נישט קענענדיק אויסלאָזן איר פֿאַרדראָס צו איר שנור און זון, איז עס אויסגעגאַנ־

געז צו איר מאַנס קאָפּ. ער, משה־איציקל, איז דאָס אויסגעשטאַנען טאָפּלט פון זיין ווייב: סיי פאַר זיין זון און סיי פאַר אים, משה־איציקלען, גופא. די גאַנצע גאָב אירע האָט ער פון איר אַריינגעכאַפּט. אסתר־ליבע האָט אים כסדר געמאַטערט, אַז מען זאָל זיך צוריק אַריבערקלייבן אין פּאַסאַזש קושנער, עס האָט איר געצויגן צוריק אַהין און זי האָט נישט געוואָלט דאָ בלייבן. דאָרטן איז זי שוין געווען צוגעוווינט צו דער גאַס, צו די הייזער, צו די געוועלבלעך, צו די גרינצייג־וועגעלעך פון די גאַסן־הענדלער, צו דער באַנק אויפן בולוואַר, צו דער קאַפע אויפן ראָג, ווו זי האָט געקענט נאָך מיטאָג כאַפּן אַ מוטל מיט ווייבער ביים שטענדיקן טישל, וואָס איז שוין געווען אירס ווי, להבדיל, אַ „שטאָט״ אין שול. זי האָט שוין דאָרטן געהאַט איר שטענדיק שפּייז־געוועלבל, איר בעקער, איר ייִדישן בושער, וועלכער האָט שוין געוווסט וואָס פאַר אַ סאָרט פליש זי האָט ליב און ביי וועמען זי האָט זיך געקענט אויסקלויבן וואָס איר האַרץ האָט נאָר געגלוסט; זי האָט אים געקענט אָנווייזן מיט דער האַנט אויפן שטיקל פליש לויט איר מבינות. אמת, טאַקע, עס האָט איין מאָל שיִער נישט געטראָפן אַן אומגליק דערביי מיט אסתר־ליבען, ווייל זי האָט אַזוי געפּירט מיטן פינגער אויפן זייטל פלייש, איבער וועלכן דער בושער האָט אויפגעהויבן דאָס העקל און בשעת זי האָט אים געבעטן: „אָט אָט דאָס שטיקעלע וויל איך״, אַז אַ האָר האָט געפעלט און ער האָט געקענט מיטהאַקן אסתר־ליבעס שטיקל פינגער און עס מיטאַרויפליגן אויף דער וואָג... אָבער היימיש האָט זי זיך געפילט מיט אים, מיטן ייִדישן בושער, ס'איז גאָרנישט געווען ביי אים קיין טייערס פאַר איר. נאָך אַ ביין צוליגן איר, איז נאָך אַ ביין, צי נאָך אַ ביסל פעטס, שוין אָפּגערעדט פון אַ ביסל פלייש־אָפּפאַלעכטס פאַר דער קאַץ אויפן הייפל...

אַזוי האָט זי זיך אויך געפילט היימיש מיטן בעקער, וועלכער האָט שוין געוווסט וועלכע מינים ברויט, חלה, שטריצלען, צוקער־געבעקס, צי מצה־מעל זי האָט גערן. אַזוי אויך אין שפּייז־געוועלבל, ווו מען האָט איר אָקעגנגעטראָגן פון שענסטן און פון בעסטן, ווו זי האָט הנאה געהאַט אַריינצוקוקן אין אַלע פעסלעך הערינג צי זויערע אוגערקעס, נעמען אין האַנט אַריין אַלע ווורשטן, קעזן, אָנרירן אַלע באַרנעס צי זיי זענען געגוג ווייך, די ראש־חודש־רעטעכלעך, צי זיי זענען נישט פעלטשיק און העלפן דעם קרעמער אַרויספאַנגען פון באַסיין מיט זיין נעץ אַ לעבעדיקן קאַרפּ, וואָס האָט זיך דווקא

אַרויסגעגליטשט, אַרויסגעשפּרונגען און צוריק אַריין אין וואַסער, דרייענדיק גראַציעז־באַהנט מיטן עק און אסתּר־ליבען עזותדיק אָפּגעשפּריצט ווי גרויס זי איז געווען און זיך נישט געלאָזט כאַפּן אויף שבת...

דאָ, זינט זי איז ביי די קינדער, טוט זי גאָרנישט, זי קויפט גאָרנישט. איר מבינות ניצט איר אין גאַנצן נישט. זי באַקט נישט און קאָכט כמעט נישט. ביי דער דינסט, דאַכט זיך איר, איז זי גרויס אין די אויגן אין קיך. מען דאַרף זי דאָ נישט; זי דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַן איבעריקע ווען זי שטעלט אַ מאָל צו עפּעס אין אירס אַן אייגן טעפּעלע אויף דער באַזונדערער עלעקטרישער פּליטקע. ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אסתּר־ליבע האָט אָנגעהויבן אָפּן אַרויסצוווייזן איר אומצופרידנקייט, און ווען די שנור האָט איר איין מאָל פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס זי, אסתּר־ליבע, גייט נישט צו אָפּנעמען דעם טעלעפאָן, ווען זי בלייבט אַליין אין שטוב; פאַר וואָס זי האָט אַזוי מורא פאַר אַ קלונג, האָט זיך טאַקע אסתּר־ליבע נישט געשעמט צו ענטפערן דער שנור, אַז יאָ, זי האָט טאַקע מורא, דער קלונג געפעלט איר עפּעס נישט, ער שרעקט איר איבער.

— הער אויס, שנור־לעבן — האָט אסתּר־ליבע געזאָגט — איך ווייס, אַז צו מיר קלינגט נישט קיינער. ווער האָט צו מיר צו קלינגען ?... קלינגט ? — זאָל ער קלינגען, זאָל ער רעדן צום דאַשיק... ער וועט זען, אַז מען גייט נישט צו, וועט ער אָפּשטיין. נישקשה, ער וועט קלינגען אַ צווייט מאָל... וואָס זאָל איך טאָן, שנור־לעבן, אַז איך בין פאַרט אַ פּראָסטע יידענע פון דער אַלטער וועלט. וואָס דאַרף איך זיך שטופּן צום טעלעפאָן מיט מיין וואַזשנעם פראַנצויזיש, אַז מען זאָל לאַכן פון מיר אין אייער געזאַלצנשאַפט ?...

— אונדזערע פריינד לאַכן נישט פון קיין פאַלקס־מענטשן, זיי זענען פּראָגרעסיווע — האָט די שנור פאַרצויגן די אָנגעשמירטע ליפּעלעך.

— פּראָ־וואָס זענען זיי ? — האָט אסתּר־ליבע איבערגעפרעגט מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרהערט און מיט אַ שאַרפן קנייטש און פאַר־קרימעניש אויפן פּנים.

אָבער די שנור האָט נישט געהאַט קיין חשק און אויך נישט קיין געדולד נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן און אויפקלערן דער שוויגער, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

וואָס אַ מאָל אַלץ מער האָט אסתּר־ליבע אָפּגעפילט אַן איבל צו איר

פּוסט־און־פּאַסעווען אין דעם גרויסן און שיינעם אַפּאַרטאַמענט, צוליב איר נישט טאָן גאַנצע טעג קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. עס האָט איר גאָר שטאַרק געאַרט וואָס זי איז נישט קיין באַלעבאָסטע, וואָס זי פּאַרעט זיך נישט אין קיך. געוואַלד און געשריגן, ווי קען דאָס אַ ייִדענע אויסקומען אָן אַן אייגענע קיך? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט. און גראָד אַ קיך איז דאָ ביי איר שנור זייער אַ פיינע, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט, נאָר וואָס דען? זי, אסתּר־ליבע, האָט מורא זיך צו באַ־וויזן דאָרט, זי קען נישט האָבן דעם נחת אַרומצודרייען זיך פראַנק און פריי אַרום די ראַנדלעס און די בראַטפאַנען, מיט דער שטשערקע און דעם קאָכלעפל אין האַנט. זי קען דאָרט גאָרנישט צושטעלן און קאָכן אויפן גרויסן גאַזאויוון. און דאָס ערגסטע נאָך, זי קען גאָרנישט פאַרזוכן פון די גרויסע טעפּ. מיט דעם האָט מען זי שוין אין גאַנצן געשטראָפט. זי איז מוחל דאָס גאַנצע עסן פאַרן פאַרזוכן, פאַרן ערשטן ביסעלע געקעכטס פונעם קאָכלעפל, פאַרן אויס־פּרובירן דאָס עסן מבֿיניש מיט אירע געניטע טשמאַטשקענדיקע ליפּן, בכדי צו וויסן באַצייטנס וואָס פאַר אַ טעם עס וועט האָבן. און וואָס איז דאָס שוין טאַקע ביי איר פאַר אַ לעבן, מישטיינס געזאָגט, אַז איר נשמה זאָל נישט קענען אַרומפּליִען אין די טעפּ, זי זאָל נישט קענען קאָכן און באַקן און נישט האָבן די הנאה פון צוגרייטן איר משה־איציקלען אַזעלכע פּאַטראַוועס, וואָס ער האָט ליב און קוויקט זיך מיט זיי. בלויז איין זאַך האָט זי יאָ אויסגעפּועלט, אסתּר־ליבע, וואָס פאַר איר און איר מאַן קאָכט די דינסט אין באַזונדערע כלים, וואָס יענע ווייסט שוין וועלכע. און אָפט קומען זיי טאַקע אָפּ מיט שהי־פהי ביי זיך אין צימער: אַ שטיקל ברויט, אַ האַרט איי, אַ ציבעלע, אַ גלאָז טיי, אַ פּרוכט. און שוין.

די קאַרטיע ביים לוקסעמבורג־פּאַרק איז טאַקע שיין, אָבער זי איז צו פּריציש געשלייערט און אסתּר־ליבע פילט זיך דאָ פרעמד. דער פּאַרק איז צו ריין אויסגעפּוצט און אויסגעצאַצקעט, מיט אַ סך נאַקעטע פיגורן, וואָס שטייען אויף ספּעציעלע שטיינערנע געשטעלן אין די אַלייען. יעדן נאָכמיטאָג קומען זיי דאָ ביידע אַריין אין פּאַרק, אסתּר־ליבע און משה־איציקל. זיי גייען געלאַסן, מיט קורצע דריבנע טריטעלעך. נישט זיי האָבן זיך צו וואָס צו איילן און נישט זיי קענען זיך איילן. זיי האַלטן זיך ביידע אונטער איינער דעם אַנדערן, וואָס עס איז שווער צו וויסן צי דאָס איז פאַר ליבשאַפט צי פאַר

שוואַכקייט, אָדער אפשר פאַר ביידע צוזאַמען. זיי זעצן זיך מערסטנטייל צו אויף אַ באַנק לעבן דער סאַדזלקע, ווו יינגלעך לאָזן אָפּ אויפן וואַסער קליינע שיפעלעך, וואָס זיי האַלטן צו ביי אַ שטריקל אויפן ברעג.

אין סאַמע מיטן פון דער סאַדזלקע שווימען שטענדיק אַרום שטאָלץ־יחסנותדיק צוויי שוואַנען. אָפּט באַוועגן זיי זיך אפילו גאָרנישט, זיצן דאָרט ווי צוגעוואַקסן צו דער שפּיגלדיקער אויבערפלאַך פונעם וואַסער און קיניגן ווי אַ ווייסער מלך מיט אַ ווייסער מלכה, כאָטש עס איז שווער צו דערקענען וועלכער פון זיי ס׳איז דאָ דער מלך און וועלכער די מלכה. דאָס אַלטע פאָרפאָלק האָט ליב זיך צוצוקוקן צו זיי. זיי האָבן אויך ליב צוצוקוקן זיך צו די פייגל, וואָס האָפּסלען אַרום זייער באַנק און האָבן נישט קיין מורא פאַר די צוויי אַלטע מענטשן, האָבן שוין פאַרטרויען צו זיי און פליִען נישט אַוועק. און ס׳איז נישט קיין וווּנדער פאַר וואָס: משה־איציקל און אסתּר־ליבע האָבן שטענדיק ביי זיך קרישקעס ברויט, וואָס זיי נעמען מיט זיך מיט פאַרן אַרויס־גיין פון שטוב און וואַרפן זיי צו די פייגל, גאָטס באַשעפענישן. עס פאַרשאַפט זיי פאַרגעניגן און זיי האָבן דערביי אַ מצווה אויך.

די צוויי אַלטע לייט קוקן נאָך די פאַרבייגייער, די שפּאַצירנדיקע יונגע פּאָרלעך, וואָס היינט איז זייער צייט... זיי זעען אויך פאַרבייפירן די באַנעס זייערע קינדער־וועגעלעך, אָדער געבן אויף די שכנותדיקע בענק די עופהלעך זייער מאָלצייט, די צוגעגרייטע מאַמקעס, געבוי צוגעציילט אויפן צענטימע־טער. ס׳איז נישט ווי דאָרטן, טראַכט משה־איציקל, אין היימישן ביטשאָמאָן־פּאַרק, נאָענט פון בעלוויל, ווו די מאַמעס אויף די בענק זייגן אַליין די קינדער. ווען די צייט פון מאָלצייט קומט דאָרט אָן, נעמט די יונגע מוטער אַרויס אַ ברוסט, און נישט צוגעטיילט אויפן צענטימעטער, און האַלטנדיק דעם וואָרצל צווישן צוויי פינגער, ווי אין אַ צוועבגל, שטופּט זי אים אַריין דעם קינד אין מיילעכל אַריין. זי שעמט זיך נישט פאַר קיינעם. זעט אויס, מיינט משה־איציקל, אַז ביי אַ פּרוי וואָס זייגט, מעגן אַלע זען איר ברוסט, אפילו מאַנצבילן. און ס׳האָט שוין איין מאָל דאָרט פּאַסירט, ווייסט משה־איציקל, אַז בעת אַ קינד האָט נישט געוואָלט נעמען די ברוסט צום זייגן, האָט אים די מאַמע געסטראַשעט: טאָמער ווילסטו נישט, גיב איך דאָס אַוועק דעם־אָ מיסיע, וואָס זיצט דאָ אויף דער באַנק...

דאָס טויער פון לוקסעמבורג־פּאַרק איז אויבן ביי די שטאַכעטן־שפּיצן

שיין באַגילדעט, ווי אַ געפּוצטער חנוכה־לאָמפּ. אויך די הייזער אַרום זענען ריין און ציכטיק, גביריש־באַלעבאַטיש, מיט געצאַצקעטע פענצטער און שיינע געזימסן. אָבער משה־איציקל האָט איין מאָל געזאָגט אסתּר־ליבען, אַז וואָס קומט אַרויס, אַז דאָס אַלץ איז אים נישט אַזוי צום האַרצן. צו שיין און ריין איז עפּעס נישט היימישלעך־ייִדיש. אסתּר־ליבע דערמאָנט זיך דערביי אין יענעם זונטיק, ווען די קינדער האָבן זיי איין מאָל געוואָלט אָנטאָן נחת און זיי פאַרבעטן אין פּלאַמבאַומס גרויסאַרטיקן רעסטאָראַן אויפן פּאָבור מאָנמאַרט, וואָס איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שטרענג כשרער, און ווען משה־איציקל איז אַריין אין דעם העל־באַלויכטענעם זאַל מיט די שניי־ווייסע געדעקטע טישן מיט וואַזעס בלומען אויף זיי, האָט ער גלייך גענומען גרימאַ־שען און דרייען מיט דער נאָז:

— עפּעס איז מיר דאָ צו ריין און שיין אַז עס זאָל זיין כשר — האָט ער פאַרצויגן מיט זיין מבינישער נאָז — מען שפּירט דאָך דאָ גאָרנישט... אויב עס איז כשר, דאַרף מען עס שפּירן אַ מייל פון דער וויטנס... מעג מען אים ווייזן הונדערט מאָל די שטעמפּלען פון דער קאָנסיסטאָריע, וועט מען אים נישט איבערצייגן. זיין שמעקער, האַלט ער, איז ביי אים מער באַגלייבט...

און אַז מ׳האָט אים אַ צווייט מאָל געפירט עסן אין אַ כשרן רעסטאָראַן אויף רי דע ראָזיע, ווו אינעם נידעריקן פאַרשמאָדערטן זאַלעכל איז געשטאַנען אַ געדיכטע פאַרע און אַ ריח פון קנאָבל און ציבעלעס און ס׳איז צוגעקומען אים סערווירן אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד און אַ פאַרפּעצט קאַפּל אויפן קאָפּ און מיט אַ טונקעלן סערוויעט אויפן אָרעם, איז ער גלייך, משה־איציקל, געווען באַרויִקט און פאַרזיכערט וואָס שייך דער כשרות, בפרט נאָך אַז עס האָט זיך אויך צוגעשטעלט צו אים אַ קיילעכיקע ייִדענע מיט אַ פאַרשמאָלצן פאַרטעך און זיך היימישלעך געוואָנדן צו אים: „ר׳ ייִד, גייטס וואַשטס ענק"... „אָט דאָ — האָט משה־איציקל אויסגערופן — שפּירט מען אַז עס איז כשר!" — און ער האָט גענומען עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

משה־איציקלען וועט מען נישט גענאַרן און איינרעדן וואָס עס איז שטרענג כשר. צו גוט קען ער זיך אויף דעם נאָך פון זינט דעמאָלט, ווען ער איז געווען שוחט מיט אַ צייט צוריק. נישט שטענדיק און נישט אין אַלץ האָט ער אמונה. און איין מאָל, ווען ער איז מיט זיין ווייב געפאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָט ער אויף דער שיף גאָרנישט געוואָלט טועם זיין פון דער כשרער קיך.

ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרטרויען אין די משגיחים און ער האָט מיטגע־נומען מיט זיך אין וועג אַריין געקאָכטע און געבראָטענע עופות, וואָס אסתר־ליבע האָט צוגעגרייט אין פּאַריז אונטער זיין אייגענער השגחה און דאָס אַלץ האָבן זיי געגעסן באַזונדער ביי זיך אין דער קאַבינע.

נאָך דעם ערשטן איבערוועדטלען זיך מיט זיין זון, האָט זיך מיט דער צייט דאָס מעסטל פון אומצופרידנקייט ביי משה־איציקלען ווידער אָנגעפילט און נאָך מער ווי פריער. ס'איז דערגאַנגען ביז צום ברעג. די אומצופרידנקייט זיינע איז איצטער נאָך געכפלט געוואָרן, ווערנדיק געשטויסן פון זיין ווייב, וועלכע האָט נאָך אונטערגעשיט קוילן צום פייער. משה־איציקל איז שוין דאָס־מאָל געווען אַנטשלאָסענער ווי פריער אין זיינע פאָדערונגען צו זיין זון, ווען ער האָט מיט אים גערעדט אויג אויף אויג, וואָס ער האָט דאָס אַזוי בכיוון אויס־געפּלאַנעוועט, ס'הייסט, אַז נישט אסתר־ליבע און נישט די שנור זאָלן נישט זיין דערביי. אָט אַזוי. דער ענין זאָל דערליידיקט ווערן צווישן מאַנספּאַרשוינען.

— פּיער, דו ביסט אַ גוטער זון — האָט משה־איציקל אָנגעהויבן, ווי זיין טבע, תמיד מיטן זעלבן פּזמון, בכדי צו באַווייזן זיין זון, אַז ער האָט צו אים גאָרנישט — אלא וואָס דען? איך האָב שוין איין מאָל מיט דיר גערעדט וועגן דעם, אַז מיר, ס'הייסט, איך און די מאַמע, פּאַסן זיך נישט אַריין צו אייך אין הויז.

פּיער האָט אויסגעהערט געדולדיק זיין אַלטן פאָטער, נישט דערוווידערט אים, געלאָזט אים זיך אויסרעדן, ווי מען לאָזט אויסרעדן זיך פאַרן ריכטער־טיש אַ זייער וויכטיקן עדות, וואָס קען באַלאַסטן דעם באַשולדיקטן. דאָס האָט געגעבן משה־איציקלען קוראַזש צו רעדן ווייטער און אַלץ אַרויסצולייגן אויפן טיש:

— קיינער פאַרטראָגט אונדז דאָ נישט ביי דיר אין הויז, פּיער. איך רעד דאָ נישט פון דיר, פאַרשטייט זיך, כאָטש דו אַליין קענסט זיך אויך באַגיין אָן מיר און כ'וויס נישט וואָס דו דאַרפסט מיך דאָ צו האָבן... קענסט אַליין זען ווי שיין מיר זעען אויס ביי דיר, פּיער. די דינסט פאַרטראָגט אונדז נישט, די אייניקלעך פאַרטראָגן אונדז נישט, און שטעל זיך פאָר, אַז אפילו קוויק, דער כלב אייערער, להבדיל, ליידט אונדז אויך נישט. עפּעס געפעלן מיר אים נישט. זשאַנאַ, דער שקאָץ, דער אַניק מיינער, ווען איך נעם אים

אַרויף צו מיר אויף די קני, שרייט ער, אַז מיין באָרד קיצלט אים און ווען ער נעמט זי רייסן ביי מיר, פיל איך אַז דאָס איז נישט סתם קיין שפּילעכל ביי אים, נאָר ער רייסט זי מיר אויס מיטן גאַנצן כוח, אַז איך לייד ממש יסורים. זשאַנאַ האָט, אפשר נישט־ווילנדיק, אויך אָנגעשטעקט דעם הונט מיט זיין שׂנאה צו מיין באָרד און כ׳האָב נישט איין מאָל מורא, אַז דער כלב וויל זי ביי מיר אָנכאַפּן מיט די ציין. מיין באָרד איז פאַר דעם הונט געוואָרן אַזאַ מין שם־דבר פון פרעמדקייט און מיאוסקייט און זי פירט אים פּשוט אַרויס פון די כלים, אויף אַזוי ווייט, שטעל זיך פאָר, אַז ווען ער זעט אַ מאָל צופעליק אויפן הויף דורכגיין אַ פרעמדן מענטש מיט אַ באָרד, האָב איך באַמערקט, בילט ער אויף יענעם...

— אַזוי שטאַרק, זע איך, טאַטע, האָסטו זיך איינגערעדט, אַז אין מיין הויז האָבן דיך אַלע פיינט, אַז אפילו אין דעם הונט, אַ שטום באַשעפעניש, זעסטו אויך דיינעם אַ שׂונא און אפשר נאָך גאָר אויך אַן אַנטיסעמיט... ס׳איז דאָך באמת אַ געלעכטער — האָט פּיער אויסגערופן.

— לאָך נישט אַזוי, מיין זון — האָט משה־איציקל געוואָלט באַווייזן פּיערן דעם שׂכל פון זיינע רייד — אַ מאָל, אין די פּוילישע דערפער אַרום אונדזער שטעטל, ווו מיר האָבן געלעבט, אַז אַ הונט האָט דערזען פון דער ווייטנס גיין אַ ייִד אויפן וועג, האָט ער גלייך גענומען בילן אויף אים. ער האָט אים לויטן ייִדישן כאַלאַטל דערקענט און זיך געריסן צו אים פון דער קייט... אַ הונט, זאָלסטו וויסן, איז אַ קלוגע און געטרייע חיה. אַז ער דער־שנאָפּט נאָר אַז וויבאַלד די באַלעבאַטים זיינע האָבן עמעצן פיינט, אַזוי פאַרשטייט ער גלייך, אַז ער דאַרף אויך יענעם פיינט האָבן... היינט וואָס עס טוט זיך דאָ אַפּ מיטן הונטס נאָמען קוויק. זאָלסט שוין גאָרנישט פרעגן. מיינע אייניקלעך זאָגן, אַז דאָס איז אַן ענגלישער נאָמען און האָבן כסדר צו אונדז טענות, באשר מיר, ס׳הייסט איך און די מאַמע, זאָגן דעם הונטס נאָמען נישט אַרויס מיטן ריכטיקן ענגלישן אַקצענט, ס׳הייסט, נישט גענוג מיטן ענגלישן קנייטש און פאָנפער, גלייך ווי דער כלב וואָלט זיך אויסגעקענט אויף אַלע לשונות און אַקצענטן, וועלכע ער האָט שטודירט אויף די ענגלישע אוניווער־סיטעטן. און טאָמער וועל איך אים נישט אָנרופן ווי ס׳געהער צו זיין מיט אַלע ענגלישע פּיטשעווקעס, וועט ער, הייסט עס, נישט קומען צו דער אַרבעט... דערווייל האָב איך איין מאָל געזען, אַז עס איז גענוג אַז איך זאָל אים נאָר

פון דער ווייטנס ווייזן אַ ביין און אים רופן: „פּוטשטו״, אַז ער זאָל גלייך קומען צו לויפן... וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון דעם ענגלענדער... — אַזוי רופן מיר ביידע דעם הונט, איך און די מאַמע. ס׳איז נאָך ווינציק וואָס מיר האָבן צרות מיטן אַרויסזאָגן אַ פראַנצויזיש וואָרט, דאַרפן מיר זיך נאָך אויך מאַטערן צוליבן אַרויסזאָגן ריכטיק, ווי ס׳געהער צו זיין, דעם הונטס ענגלישן נאָמען, ווייל אַנדערש וועט ער דאָך נישט באַשטיין, דער תנא באַרטיק... היוצא מדברינו, בכדי נישט צו פאַרציִען אין דער לאַנגער באַנק אַריין, וויל איך דיר זאָגן, מיין זון, אַז מיר ווילן זיך אַריבערקלייבן צוריק אין אונדזער דירה אין פּאַסאַזש קושנער אויפן בעלוויל.

— הער אויס, טאַטע — האָט פּיער אָנגעהויבן — דאָס געזעץ... — און ער האָט נישט פאַרענדיקט, ווייל משה־איציקל איז אים אַריין אין די רייד און אים ראַפּטעם איבערגעהאַקט:

— הייבסט שוין ווידער אָן מיט דיין געזעץ — האָט זיך משה־איציקל אויפגערעגט — האָסט מיר שוין אוודאי ווידער אַ מאָל געוואָלט זאָגן דעם שטענדיקן פּזמון פון אייך, אַדוואָקאַטן, אַז „דאָס געזעץ זאָגט״... נאָר דאָס געזעץ זאָגט, זאָגסטו מיר שטענדיק, און וואָס אַזוינס זאָגסט דו אַליין? האַ?... ווען מען זאָל ביי אייך, אַדוואָקאַטן, צונעמען דאָס געזעץ, זענט איר אויס פלאָקן־שיסערס... פּיער, האָב נישט קיין פאַראיבל, ס׳איז פּונקט ווי דו זאָגסט מיר אַלע מאָל: מען דאַרף קענען אַרומגיין דאָס געזעץ. יאָ, אָבער ווו נעמט מען דאָס כוח אַזוי פיל אַרומצוגיין?...

— טאַטע, האָסט מיך נישט געלאָזט אויסרעדן, האָסט מיר איבערגע־האַקט אין סאַמע מיטן, אָבער איך בין עס דיר מוחל — האָט פּיער געצויגן רויִק און געלאַסן זיינע ווערטער, ווי בעת אַ רעדע זיינער אין געריכטזאַל אין אַן „אַפּער״, וואָס וועגן איר אויסגאַנג האָט ער נישט קיין צווייפל און זייענ־דיק זיכער, אַז ער וועט דעם פּראָצעס געווינען — זעסט, טאַטע, איך האָב דיר גאָר געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש, גראָד נישט דאָס, וואָס דו ביסט געווען אַזוי זיכער אין דעם...

— נו, אדרבא, למשל וואָס אַזוינס? — איז משה־איציקל געוואָרן רויִקער און געלאַסענער.

— איך האָב דיר גאָר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס געזעץ קען דיך נישט צווינגען צו וווינען ביי מיר — האָט פּיער געוואָלט אויפקלערן דעם טאַטן.

— נו, אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש. האָסט דאָך מיר דאָס באַלד געקענט זאָגן... נו, לאָמיר הערן ווייטער, מיין זון — איז משה־איציקל געוואָרן נייגעריק.

— אויב ס'איז דיר, טאַטע, און אויך דער מאַמען, נישט באַקוועם צו וווינען ביי אונדז אין הויז, איז אויך נישט געפערלעך — האָט פּיער ווייטער געצויגן דעם פאָדעם — מען קען לייכט געפינען אַן אויסוועג צו דעם. צו אַלץ קען מען געפינען אַן אויסוועג.

— איז וואָס־זשע פאַר אַן אויסוועג האָסטו, פּיער? — האָט משה־איציקל געוואָלט וויסן.

— איך לייג דיר פאָר, טאַטע, איינצוגיין אויף אַ שטיקל פּשרה: איר וועט נישט זיין ביי אונדז און איר וועט זיך נישט דאַרפן אַריבערקלייבן צוריק אויפן בעלוויל... — האָט פּיער געוואָלט קלאָרער מאַכן דעם ענין.

— ס'הייסט, דער וואָלף וועט זיין זאַט און דאָס שעפּעלע גאַנץ... ס'דאַרף זיין, הייסט עס, אַן אַדוואָקאַטיש דריידל, האַ, מיין זון? — האָט משה־איציקל עפּעס נישט אין גאַנצן צעקייט די זאַך.

— קיין שום דריידל און שפּיצל, טאַטע — האָט פּיער געוואָלט געווינען דעם צוטרוי פון זיין פאָטער — ס'איז פּשוט, איר וועט זיין לעבן אונדז, נאָר איר וועט וווינען פאַר זיך, אַליין. איך האָב אַ געלעגנהייט צו דינגען פאַר אייך, אַ טריט פון דאַנען, אַ סטודיאָ מיט אַ באַזונדער קיכל, ווו איר וועט זיין באַלעבאַטים איבער זיך אַליין. איר וועט קענען קאָכן און עסן וואָס איר וועט נאָר וועלן און וואָס אייך וועט נאָר שמעקן, און ווען ס'וועט זיך אייך נאָר פאַרגלוסטן, וועט איר מיטן שענסטן פאַרגעניגן קענען אַרויפקומען צו אונדז, ווו איר וועט זיין אָנגעלייגטע געסט און איר וועט זיך אויך קענען פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

— ווען דעם, זעסטו, לאָזט זיך רעדן — האָט זיך דער ענין יאָ געלייגט אויפן שׂכל און עפּעס נישט געלייגט אין גאַנצן אויפן שׂכל ביי משה־איציקלען — נאָר ווייסטו וואָס, פּיער, איך קען דיר נישט תּיכף געבן קיין תּשובה אויף דעם. איך מוז פריִערט איבעררעדן דערוועגן מיט דער מאַמען, זיך שואל־עצה זיין מיט איר, ווי איך בין זיך נוהג אַלע יאָרן.

און ביי דעם איז עס דערווייל געבליבן. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האָט איבערגעלייגט די זאַך נישט איין מאָל ביי זיך אין צימער, געוויגן און

געמאָסטן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע דערביי, און סוף כל סוף איינגעזען, אַז די זאַך איז גאָרנישט אַזוי קרום, כאָטש נישט אין גאַנצן אַזוי גלייך אויך, וואָס אַן אמת, ווייל עס וועט זיי דאָך פאָרט אויספעלן דער היימישער בעלוויל, דערפאַר אָבער, בלייבנדיק דאָ אין דער קאַרטיע, וועלן זיי נישט זיין אָפּגעריסן פון די קינדער, זיי וועלן זיך געפינען לעבן זיי און דערביי זיין אין גאַנצן פריי, סאַם סאַפּאָזשניק. קיינער וועט נישט אַריינקוקן צו זיי אין טעפּל און נישט זען וואָס עס טוט זיך ביי זיי.

נישט לאַנג האָט געדויערט האָט פּיער געבערענגט אַ ספּעציעלן מענטש, וואָס האָט אָנגעלייגט די זאַכן פון זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע אין אַן אויטאָ און זיי אַרויפגעטראָגן אינעם סטודיאָ, וואָס דער זון האָט פאַר זיי געדונגען. משה־איציקל און אסתר־ליבע האָבן בלויז געדאַרפט נעמען אויף זיך די איבער־מלבושים און אַרויפפאָרן מיט דער ווינדע צו זיך.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך! — האָט אסתר־ליבע אויסגערופן מיט דערלייכטערונג ביי איר ערשטן אַריינקום, און אַרומקוקנדיק זיך מיט אַ צופריי־דענעם בליק איבערן סטודיאָ, האָט זי צוגעגעבן: אַ ברעט זאָל מען האָבן, נאָר אַליין.

— אָט דאָס רופסטו אָן אַ ברעט, אסתר־ליבע? — האָט משה־איציקל דערווידערט זיין ווייב — דו זינדיקסט מיט די רייד, קען איך דיר זאָגן... אַ שיין ברעט!... כ׳לעבן, אויף אַלע הימלאָזע ייִדן געזאָגט געוואָרן אַזאַ ברעט... עס פעלט דאָך אין יעדן ווינקל. ס׳איז דאָך אַ פּאַלאַץ. טאַקע שוין אַ ביסל צו רייך פאַר אונדז אַליין, וואָס אַן אמת.

פאַרן פענצטער פונעם סטודיאָ אויפן זעקסטן שטאָק, וואָס האָט אַרומ־גענומען אַ האַלב־רונדיקן ראָג פונעם הויז, איז געווען אַ קליין באַלקאָנדל, פון וועלכן מען האָט אָנגעזען פון אַלע זייטן אַ שטיק פּאַריז. מאַן־און־ווייב האָבן אַרויסגעקוקט אין רחבותדיקן דרויסן. אַרום האָבן זיך געשפּרייט גאַסן, הייזער, טורעמס, קוימענס, מאַנסאַרדעס, דעכער, זיך געפּלאָנטערט איינס אין אַנדערן. באַלד דערלעבן אונטן איז געווען דער לוקסעמבורג־פּאַרק, ווו זיי מאַכן זייערע טאָג־טעגלעכע נאָכמיטאָג־שפּאַצירן. פון דער אַנדערער זייט הייבט זיך אַרויס דער קופּאָל פונעם פּאַנטעאָן, ווי אַ ריזיקע יאַרמלקע, אַזאַ מין בנין, האָט געזאָגט פּיער, ווו עס ליגן אַלע גרויסע לייט פון פראַנקרייך. פון

דער וויטנס זעען זיך אַרויס די טורעמס פון דער גרויסער קירכע פון פּאַריז, די נאָטרע־דאַם. נישט ווייט איז די סען און דאָרטן ערגעץ דאַרף זיך געפינען דאָס הויפּטגעריכט, דער „פּאַלעי״, ווו זייער זון שטייט יעדן טאָג און אַמפּערט זיך מיט עקשנות ביים אַרויסראַטעווען מענטשן פון זייערע צרות. משה־איציקל האָט שוין אפילו איין מאָל געהאַט די זכיה צו זען אים דאָרטן בעת אַ פּראָצעס, וואָס ער האָט געפירט; ער, זיין זון, איז געשטאַנען אין זיין שוואַרצן קיטל אָנגעטאָן, האַלטנדיק אַ רעדע, אויסגעשפּרייט די הענט מיט די ברייטע נאָכהענגענדיקע אַרבל, ווי אַ גרויסער שוואַרצער פויגל, אויפגעשטעלטערהייט, מיט פאַנאַנדערגענומענע פליגל... קוקנדיק פונעם באַלקאָנדל, האָט מען אויך געקענט זען פון גאָר ווייט דעם הויכן דראָנג, דעם אייפל־טורעם, וואָס ווו מען זייעט אים נישט, דאָ וואַקסט ער אויס אין פּאַריז. פון רי בעלוויל אויבן פלעגן זיי אים אויך זען, גייענדיק פון ביטשאַמאָן, ביי מעטראָ פּירענעי.

הכלל, היימלעך וועט זיי שוין דאָ זיין, האָבן זיי איינגעזען, די אַלטע לייט. עס וועט זיי נישט פעלן אויף וואָס אַרויסצוקוקן, ווען זיי וועלן זיך אַ מאָל צוזעצן אויפן באַלקאָנדל, משה־איציקל מיט אַ ספר אין האַנט און אסתר־ליבע מיט איר טייטש־חומש, בעת איר ניגון וועט זיך דאָ טראָגן, פאַרפּלאָנ־טערט אין די קוימענס און טעלעוויזיע־אַנטענעס איבער די דעכער פון פּאַריז.

— זע נאָר, משה־איציקל, דעם אייפל־טורעם! — האָט אויסגערופן אסתר־ליבע מיט התפעלות — דו ווייסט, ער איז פונקט ווי די לבנה; מען זעט אים אָן פון אומעטום. מען האָט אים אָנגעזען פון רי בעלוויל און מען זעט אים אָן אויך דאָ.

— אָווא, אָווא! טאַקע גאָטס ניסים! — האָט באַוווּנדערט משה־איציקל.

און דורך דעם, וואָס אסתר־ליבע האָט געקענט דעם זעלבן אייפל־טורעם נאָך פון בעלוויל, איז ער איר עפּעס איצטער נענטער און אייגענער געוואָרן. ס'איז געווען פונקט ווי זי וואָלט דערזען אַן אַלטן באַקאַנטן און זיך דערפרייט מיט אים.

צו מאָרגנס האָט משה־איציקל געברענגט פון רי דע ראָזיע דאָס זעלטענע מזוזהלע, און אַז ער האָט עס שוין געהאַט צוגעשלאָגן צום ביישטידל פון דער טיר, האָט ער ערשט אויפן רעכטן אמת דערפילט, אַז ער איז ביי זיך אין דער היים. פּיער האָט ווייטער אָנגעהאַלטן דאָס באַזאָרגן די אַלטע טאַטע־

מאַמע מיט כשרות... עס שלאָגט פּאַרט אין אים אַ ייִדישער אָדער, האָט געטראַכט משה־איציקל וועגן זיין זון; אַליין איז ער טאַקע ווייט פון ייִדישקייט, אָבער פאַר אַפּהיטן דעם טאַטנס כשרות וועט ער זיך אָוועקברענגען, ער וועט נישט זשאַלעווען קיין צייט, ווי פאַרנומען ער זאָל נישט זיין. אפשר שטעקט נאָך אין אים אַ ניצוץ פון יענעם שטעטלדיקן ישיבה־בחורל, וואָס האָט זיך אַ מאָל געשניטן אויף אַן עילוי, האָט ווייטער געטראַכט משה־איציקל; ער האָט געהאַט אַ מאָל אַ שאַרף קעפּל צום לערנען, דער זון זיינער, נאַר, זעט אויס, אַז ער האָט שוין דעמאָלט אין זינען געהאַט עפּעס אַנדערש. האָט ער זיך באַצייטנס פאַרנומען אויף אַנדערע דרכים.

צווישן די בלעטער פון זיינע גמרות האָט מען ביי אים אַלץ אָפטער געפונען טריפה־פּסולס. ער האָט אָנגעהויבן פּאַצעטיש־גניבהש אַרונטערמאַכן די פּיאות הינטער די אויערן, פאַרשטעלן זיי, אַזוי ווי ער, משה־איציקל איצטער דעם „שדי" פון דער מזוזה אויף דער טיר, קומט אים אויפן זינען אַן אומהיימלעכע מחשבה. ס'איז אָפּגעצאָלטע זאַכן. נאָך אַלס ייִנגל, דער־מאָנט זיך משה־איציקל, איז פּנחסל, וואָס עס איז שפּעטער געוואָרן פון אים פּיער, אַוועק אין דער פרעמד, קיין פראַנקרייך, שטודירט אין דער שטאָט נאַנסי, געמאַטערט זיך, געטאָן אַלערליי אַרבעטן, בכדי ער זאָל זיך קענען לערנען, געוואָרן אויסגעריסן ביי עבודת פּרך, וואָס עס פּאַסט אפילו נישט פאַר קיין סטודענט, אַ געבילדעטן מאַן, ביז ער האָט זיינס אויסגעפּירט. ער אַליין, פּיער, טראַכט ווייטער דער אַלטער פאָטער, קען שוין איצטער נישט אָפּהיטן ייִדישקייט צוליב זיין פּראָפעסיע, שטענדיק צווישן גויִים אין זיין „פּאַלעי", וואָס איז איצטער זיין בית־המדרש, להבדיל, וווּ דעם טלית האָט ער פאַרביטן אויף זיין שוואַרצן אַדוואָקאַטישן קיטל... אפילו זיין נאָמען האָט ער געמוזט בייטן, ווייל ווו האָט מען שוין געזען ערגעץ, אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל הייסן פּנחסל?... דערפאַר אפשר היט ער אַזוי צו געטריי דעם טאַטנס כשרות, לויפט אויפן פּלעצל און שטעלט אים צו פון דאָרטן אַלץ, וואָס אַן אָפּגעהיטע־נער ייִד באַדאַרף צו האָבן. אפשר איז ער, זיין זון, פון די למד־וואָוו? אפשר שטעקט אין אים אַ פאַרבאָרגענער גילגול?... גלייך צו מאָרגנס ווי ער, משה־איציקל, האָט זיך מיט אסתר־ליבען אַריינגעצויגן אין דעם סטודיאָ האָט ער, פּיער, זיי געבראַכט מיט זיין אויטאָ אַ גאַנצן פּאַק מיט ייִדישקייט. ראָזינסקיס אַ פּעקל מצות, ליכט פאַר דער מאַמען צו בענטשן ערב שבת,

פֿאַרשידענע פּושקעס מיט עטיקעטן „כשר" און אויך עטלעכע פּליטן מיט חזנישע תפילות און אפילו אַ פּליטע פֿון אַמעריקע מיט ניגונים פֿון די חב"ד צו מלווה מלכה. גאַנץ אָפֿט האָט זיי משה־איציקל אָנגעשטעלט אויפֿן עלעק־טרישן פּאַנאָגראַף, וואָס פּיער האָט אים באַזאָרגט און געוויזן ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין מיט דער כלי, ווי אָנצושטעלן דעם שטיפֿט, ווי אַזוי איבערדרייען די פּליטע.

משה־איציקל האָט זיך געקוויקט, הערנדיק די אמתע מתיקותדיקע חזנישע שטיקלעך. ער האָט אָנגעטאָן אויף זיין עטוואָס טויבלעכן אויער זיין הער־אַפּאַראַטל, וואָס ער טוט עס אָן בלויז אין זעלטענע פֿאַלן, ווען עס שטייט אים פֿאָר צו הערן עפּעס גאָר וויכטיקס, און דאָס קיטעלע, וואָס הענגט אים נאָך נאָכן אַפּאַראַטל, דערמאָנט אים אין זיין אַמאָליקן חתן־זייגער, וואָס ער האָט געקריגן פֿון זיין קינפּטיקן שווער אַלס מתנה. ווען די פּליטע האָט זיך געדרייט, געמאַכט הקפֿות, פֿלעגט ער מיט זיין מבֿיניש אויער זיך איינהערן צום פֿלאַי־פֿלאַימדיקן קעסטל און פֿילן בשעת־מעשׂה דעם טיפֿן נחת־רוח. ער פֿלעגט זיך דערביי אויך איינקוקן אין די פֿאַרשידענע עטיקעטן מיטן „כשר" אויף די קאָנסערוון־בלעכלעך, וואָס זענען געלעגן אַרום אים פֿאַר די אויגן, און שאָקלען מיטן קאָפּ באַדויערנדיק: מנע, אַ וועלט געוואָרן היינט... ייִדישקייט אין די פּושקעס, אין די שטיפֿטן און קאָטערינקעס...

פּיער פֿלעגט זייער אָפֿט זיך צוכאַפּן צו זיינע טאַטע־מאַמע, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געפֿילט שולדיק וואָס עס האָט זיך זיי נישט גוט געלעבט ביי אים אין הויז. איין מאָל איז ער אויך צוגעקומען מיט קוויקן, בשעת ער האָט אים אַראָפּגעפֿירט שפּאַצירן, כאַפּן לופֿט. נישט אסתר־ליבע און נישט משה־איציקל האָבן זיך געריכט אויפֿן הונט און זיי האָבן זיך אפילו געפֿילט עטוואָס געטראָפֿן פֿון דעם, וואָס פּיער האָט אים געברענגט צו זיי, און משה־איציקל האָט אַזש אויסגערופֿן ביים דערזען אים:

— זע נאָר, זע נאָר, סקאָצל קומט! אַ גאַסט אין שטעטל!

— ווער? — האָט זיך פּיער געמאַכט כלא ידע.

— ער פֿרעגט נאָך ווער!... ר' קוויק! — האָט עס פֿון משה־איציקלען אַרויסגערעדט אַ פֿאַרבאַהאַלטענער פֿאַרדראָס צוליבן הונט.

אַ קנאה־געפֿיל האָט ביידע אַלטע לייט באַהערשט צו קוויקן, גלייך ווי

דורך פיערס צאַצקען זיך אַזוי מיט אים און אים מיטנעמען אַהער, וואָלט אַוועק אַ שטיק פון זייער זונס ליבשאַפט צו זיי, וואָס דער הונט נעמט צו... משה־איציקל האָט זיך פון אָנהייב דערשראָקן פאַרן הונט, ווען ער האָט אים דערזען. ס'איז אים געוואָרן בשעת־מעשׂה אומהיימלעך אויף דער נשמה. אין דעם הונט האָט ער דאָך שטענדיק געזען די גרינגשעצונג, אויב נישט פיינט־לעכקייט צו אים, וואָס האָט געהערשט אין זיין זונס הויז. קוויק אָבער, גאָר פאַרקערט, האָט זיך דערפרייט מיט די אַלטע לייט, וואָס דאָס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסער חידוש. ער האָט זיי דערקענט און נישט געוווּסט וואָס פר׳ער צו טאָן מיט זיי. דאָ איז ער געלאָפן צו אסתר־ליבען, דאָ צו משה־איציקלען, געשפּרונגען אויף זיי, אַרויפגעלייגט אויף זיי זיינע פאָדערשטע לאַפּעס, ווי צו אָזאַ מין היניטישן „שלום־עליכם״, געטרייסלט מיט די אויערן און געדרייט מיטן עק און דין געסקאַוווטשעט פאַר גרויס צופרידנקייט, און אַ גלאַנץ פון פרייד, האָט זיך געדאַכט, האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע פייכטע אויגן.

— זע נאָר די גדולה! — האָט אַזש אסתר־ליבע אויסגערופן, אָפּטרייבנ־דיק פון זיך דעם הונט — נאָר אַ נומער ווייטער!

דערביי האָט משה־איציקל אַ ווונק געטאָן און אַ מאַך געגעבן מיטן קאָפּ צו אסתר־ליבען:

— נו, וואָס זאָגסטו נישט עפּעס צום ענגלענדער, האַ? אַ גאַנצער מחותן געוואָרן מיט אונדז.

— זעסטו שוין, טאַטע — האָט זיך אָנגערופן פיער — אָבי דו האָסט זיך איינגערעדט, אַז קוויק האָט דיך פיינט. האָסט בחינם געמאַכט אויפן הונט אַ בילבול.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, פיער — האָט משה־איציקל אויפגעקלערט זיין זון — ביי דיר אין שטוב האָט ער געזען, אַז מען האָט מיך פיינט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף מיך אויך פיינט האָבן, אָבער איצטער, אַז ער זעט, אַז דו, זיין באַלעבאָס, קומסט צו אונדז צו גאַסט, איז עס ביי אים אַ סימן, אַז מיר זענען ביי דיר חשוב און עס שטייט אים דאַריבער אָן צו האָבן צו טאָן מיט אונדז און ער הייבט אָן צו האַלטן פון אונדז. פאַרשטייסט... נו, מילא, זאָל שוין זיין אַזוי...

אסתר־ליבע און משה־איציקל האָבן אויך געמוזט, פון דעסטוועגן, אַרויפּ־

קומען צו גאַסט צו זייערע קינדער. קיין גרויס חשק האָבן זיי נישט געהאַט צו דעם, אָבער עס האָט נישט געפּאַסט אַנדערש. דאָס געפּיל אָבער וואָס זיי האָבן איצטער געהאַט, זיצנדיק ביי פּיערן אין שטוב, אַז זיי ווײַנען דאָ נישט, און ווען עס וועט זיך זיי נאָר גלוסטן, וועלן זיי קענען גיין צו זיך אַהיים, האָט זיי צוגעגעבן קוראַזש צו זיצן ביים טיש, אפילו מיט געסט נישט פון זייער סגאַל.

ווי שטענדיק, האָבן די שמועסן ביים טיש זיי אַ ביסל באַלעסטיקט, פאַרמאַטערט און געמאַכט ביי משה־איציקלען די אויגן־לעפּלעך בלײַיק־שווער, אַזש ער האָט געקריגן קליינע אייגעלעך. פּיער האָט זיך באַמיט אַרויפצופירן די שמועסן אויף פּשוטע ענינים, וואָס זאָלן זיין פאַר זיין טאַטן און דער מאַמען לייכט צו צעקייען און גרינג צו פאַרדייען. ער האָט דערציילט וועגן פאַרשידענע פאַרפאַלן און פאַסירונגען, וואָס ער האָט געקענט פון די פּראָצעסן, וואָס ער האָט געפירט, און דער עיקר האָט ער דערציילט ווי אַזוי ער פאַרווילט מיט אַ ייִדישע מעשה די גוייִשע ריכטער ביים הויכן טיש, וועלכע קלויבן זיך אומגליקלעך צו מאַכן אַ גנב, אַ שווינדלער, אָדער סתם אַזוי אַן אויסגעגליטשטן מענטש, אַ קרבן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. פּיער האָט געוווסט, אַז דער טאַטע האָט שטאַרק הנאה פון זיין דערציילן פון געריכט און ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מעשׂיות, געשאָטן מיט קוריאָזן, איין קוריאָז נאָכן אַנדערן. משה־איציקל האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז מיטן דערציילן פאַר די ריכטער די ייִדישע מעשׂיות און חכמות, פירט אַריין זיין זון, נישט־ווילנדיק, צווישן די וועגט פונעם הויכן פראַנצויזישן גערעכטיקייטס־פּאַלאַץ אַ שטיק ייִדישקייט, אַ שטיק ייִדישן עבר, דעם זכר פון זייער אַמאָליק שטעטל גלינסק.

און אַלע מאָל דערמאָנט ער זיך, משה־איציקל, אין דעם אויסטערלישן פאַל, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן מיט זיין זון, ווי פּיער האָט עס אים אַליין דערציילט. משה־איציקל האָט זיך איין מאָל באַדאַרפט קויפן אַ ניי קאַפּל, דאָס אַלטע איז שוין געווען געגנוג אויסגעריבן און פאַרפעצט; האָט אים פּיער געזאָגט, אַז דער טאַטע דאַרף זיך נישט מטריח זיין צו דעם; ער, פּיער, ווען ער וועט זיין אויפן פּלעצל, וועט ער אים שוין קויפן אַ ניי סאַמעטן קאַפּל, דאָס זעלבע, מיטן זעלבן גאָלדענעם מגן־דוד'ל אין מיטן. משה־איציקל האָט מיטגעגעבן פּיערן דאָס אַלטע קאַפּל, ער זאָל זען געטרוי די גרייס, נאָר זיין

זון, דער צעפלויגענער אַדוואָקאַט, וואָס האָט טויזנטער געשעפּטן אויפן קאָפּ, האָט געכאַפּט דאָס קאַפּל און עס אַריינגעלייגט צו זיך אין טעקע צווישן פאַרשידענע דאָקומענטן און אַקטן, און דער חוש האָט אין גאַנצן שוין געהאַט פאַרגעסן אין דעם. און ווען ער איז יענעם טאָג העגדום־פּענדום אַריינגע־פלויגן אַ פאַרשפּעטיקטער אין געריכטזאַל צו אַן אוידיענץ, אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך אין דער גרעסטער איילעניש זיין שוואַרצע טאָגע, ווי עפּעס אַ מכשף, וואָס גרייט זיך צו מאַכן כישוף און געגומען אַרויסציִען פון זיין טעקע די וויכטיקע דאָקומענטן, וואָס ער האָט באַדאַרפט צו זיין פּראָצעס, האָט ער גאָר אַרויסגעצויגן פון דאָרטן דאָס אַלטע קאַפּל פאַרן ריכטערטיש, וואָס מען האָט עס נאָך געקענט אָננעמען פאַר עפּעס אַ זאַכלעכן באַווייז. ער האָט עס גיך צוריק אַריינגעלייגט צו זיך אין דער טעקע, שמייכלענדיק פאַרלעגנהייט־לעך, הגם נישט אָן גוטמוטיקייט און נישט אָן דרך־ארץ פאַרן טאַטנס קאַפּל.

משה־איציקל האָט זיך איין מאָל צוגעהערט צו אַ שמועס ביים טיש ביי פּיערן, וואָס די געסט האָבן געפירט. ס'איז געווען וועגן אַ בילדער־אויסשטע־לונג, וואָס זיי האָבן לעצטנס געהאַט באַזוכט. צו מאָרגנס האָט ער אסתר־ליבען נישט צו רו געלאָזט, אַז זיי זאָלן אויך אַ מאָל גיין זען אַן אויסשטעלונג און טאָקע די זעלבע, וואָס די געסט האָבן באַזוכט. „לאָמיר אויך וויסן אין וואָס עס גייט אַ רייד און מען זאָל נישט דאַרפן זיצן ווי די קלעצער ביים טיש", האָט ער געטענהט צו זיין ווייב. אסתר־ליבע האָט אים אין אָנהייב אויסגע־רעדט, צו נישט געמאַכט זיין משונהדיקן איינפאַל, זאָגנדיק: „וואָס אַן אַלטן ייִד פאַלט איין, נישט אַנדערש נאָר חסר־דעה, אויף מיינע שׂונאימס קעפּ", און זי האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען וואָס ער באַלאַבאַטשעט דאָרטן. זי האָט זיך אָבער דערביי דערמאָנט, ווי מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק האָט משה־איציקל זי שוין איין מאָל געהאַט פאַרשלעפּט אויף אַזאַ מין אויסשטע־לונג פון וועלטזאַכן, ווי ער האָט עס אָנגערופן. זי האָט זיך דעמאָלט געלאָזט פון אים צורעדן און ער האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ זייער שיין הויז צו באַזוכן דעם „מוזיי פון מענטש". אַזוי, דאַכט זיך איר, האָט עס געהייסן. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט פאַרמאַטערטע אין לאַנגע גרויסע זאַלן, וווּ עס האָבן זיך געפונען פאַרשידענע כלים, מכשירים, כלי־זין. — „צוליב דעם האָסטו מיך דאָס געדאַרפט אַהער מטריח זיין, מיך אַהערשלעפּן? — האָט זי געהאַט

טענות צו איר מאַן — אַז איך זאָל דאָ אָנקוקן אַט די אַלטע וואַזעס און טעפּ, וואָס אַזעלכע וואָלט איך שוין פון לאַנג פון מיין קיך אַרויסגעוואָרפן? אָדער כ׳זאָל דאָ אַרומגיין באַשוינען די אַלטע פּעלצלעך, טיזיליקעס און האַבעליאַקעס, וואָס אַ בראַקאַנטער, אַן אַלטוואַרג־הענדלער וואָלט זיי נישט געוואָלט אָנקוקן, אפילו ווען מען זאָל אים צוצאָלן?״... אָבער אַז משה־איציקל האָט זיך איינגעשפּאַרט צו גיין אויף דער בילדער־אויסשטעלונג און נאָך דערצו זי געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט נישט גיין מיט אים, וועט ער גיין אַליין, האָט אסתר־ליבע נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה און געמוזט איר מאַן נאָכגעבן זיין מאַנקאָליע, וואָס ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין.

דעם אַדרעס פונעם מוזיי, ווו די אויסשטעלונג איז פאָרגעקומען, האָט משה־איציקל אויפגעכאַפּט בעתן שמועס, וואָס די געסט האָבן געפירט ביי זיין זונס טיש, און ער האָט אים גוט פאַרגעדענקט. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האָט זיך אויסגעקליבן אין איינעם אַ נאָכמיטאָג נאָכן געוויינלעכן דרימל, זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע מלבושים און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער מעטראָ צו דער אויסשטעלונג. אויפן גאַנצן וועג איז נאָך אַלץ אסתר־ליבע געווען אויף איר מאַן אש להבה און אויסגערעדט אויף אים אסור לדבר פּאָר זיינע קרומע גענג, איבערחזרנדיק כסדר: „אַלץ דיין קאָפּ, אַלץ דיין קאָפּ״... ביי דער קאַסע האָט זיך משה־איציקל געאיילט צו צאָלן פאַר בילעטן, פאַרלויפנדיק זיין וויב דעם וועג, מעשה קאַוואַליר. ער האָט אויך געקויפט אַ קאַטאַלאָג, אַזאַ מין ביכעלע מיט די נעמען פון די בילדער, כאָטש ער האָט זיך געקענט באַגיין דעריך, נאָר גאָרנישט, מען האָט אים דאָס ביכעלע דערלאַנגט, האָט ער נישט געקענט זיין קיין חזיר און אָפּזאָגן. ער האָט טאַקע געזען, אַריינגייענדיק אין זאַל, ווי אַזוי אַנדערע זענען זיך נוהג מיט די ביכעלעך לעבן די צעהאָנגענע בילדער. אַ קוק אין אַ ביכעלע און אַ קוק אויף אַ בילד, אַ קוק אויף אַ בילד און אַ קוק אין ביכעלע. משה־איציקל איז געווען צו פויל צו דעם, אחוץ דעם איז ער נישט געווען אַזוי שווה בשווה מיטן פראַנצויזישן לשון, וואָס מען האָט געדאַרפט לייענען. אסתר־ליבע האָט שוין בעסער געקענט פראַנצויזיש פון איר מאַן, אָבער זי האָט אויך נישט געהאַט קיין חשק צו גיין זוכן אין ביכל, בפרט, אַז ביי דער גרעסטער טייל בילדער איז ביי דער זייט אויף דער וואַנט געשטאַנען אָנגעשריבן ווי זיי הייסן. צום ערשט האָבן משה־איציקל און

אסתר־ליבע אָנגעקוקט עטלעכע בילדער, ביי וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן: „נאַטור־מאָרט". מ'האָט געזען אויף אַ טעלער שבת־אויבסט. עטלעכע עפּעלעך, אַ באַרנע, אַ באַנאַנע, אַ שטיק אַרבוז. אויף אַ צווייטן טעלער דאָס זעלבע, נאָר פאַרקערט: אַ שטיק אַרבוז, אַ באַנאַנע, אַ באַרנע, עטלעכע עפּעלעך. אַזעלכע מינים שלח־מנות־טעלער. אויף אַן אַנדער בילד האָט מען שוין געזען אַ ברייטל, אַ זאַלצמעסטל מיט אַ מעסער, אַ הערינג, אַ פלעשל וויין און אַ וועקזייגער, געצוי מיט אַלע ציפערן אויפן ציפערבלאַט. זיי האָבן באַוווּנדערט די ראַיעלקייט פון דעם געמעלעכץ, ממש אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

באַלד נאָך דעם איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן. כמעט אויף אַלע בילדער האָט מען געזען בלויז נאַקעטע נשים. טאַקע אויך ראַיעל אָפּגעמאָלט, ממש אָנצוטאַפּן מיט די הענט, אָבער משה־איציקלען האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט געמוזט אָנטאָן די ברילן, כאָטש אסתר־ליבע האָט אים איבערגעלייענט, אָן איבעריקן חשק, אגב, ווי די בילדער הייסן. ביי יעדן בילד איז געשטאַנען אָנגעשריבן: „נו". — „נו איז דער טייטש נאַקעט" — האָט אסתר־ליבע געגעבן צו פאַרשטיין איר מאַן. — „כ'פאַרשטיי נישט, צו וואָס דאַרפן זיי נאָך אָנשרייבן „נאַקעט"? — האָט זיך משה־איציקל געחידושט — מען זעט דען נישט בפירוש?" — „אוודאי זעט מען — האָט אים אסתר־ליבע אָפּגעפּטרט, מוסרנדיק אים — און ער האָט זיך נאָך אָנגעטאָן די ברילן, ער זאָל בעסער זען, דער אַלטער שמדניק... נישט בחינם האָט עס אים אַזוי געצויגן אַהער" — האָט זי נאָך צוגעגעבן האַלב אין ערנסט און האַלב אין לייכטן געמיט, נישט ווייסנדיק ווו די אויגן אַהין צו טאָן.

— וואָס רעדסטו פאַר אַ נאַרישקייטן, מיין ווייב, איך האָב דען געוווּסט וואָס אַזוינס עס איז אויסגעמאָלט אויף די דאָזיקע געמעלעכצער?

— דו האָסט שוין דערשנאַפּט...

— נו, רעד שוין בעסער נישט קיין שטותים, אסתר־ליבע — האָט איר משה־איציקל אָפּגעענטפערט — און זאָג מיר בעסער וואָס עס שטייט געשריבן וויטער ביי די בילדער, לייען איבער — האָט ער זיך ביי איר געמאָנט — נו?...

— וואָס נו? זעסט דאָך, אַז עס איז אומעטום אָנגעשריבן „נו"...

— נו, און ווייטער? נו?...

— נו־נו... הער מיך שוין אויף אַזויפיל צו נוקען. לאָז מיך, וועל איך

דיר שוין איבערלייענען וואָס עס שטייט ווייטער געשריבן ביי די שאָלאָמויזן דיינע. הער זיך צו.

— יאָ, איך הער דיך, אסתר־ליבע — האָט משה־איציקל אָנגעטאָן דאָס הער־אַפּאַראַטל אויפן טויבלעכן אויער, בכדי ער זאָל בעסער הערן.

אסתר־ליבע איז געגאַנגען פון בילד צו בילד און געלייענט געלאַסן מיט איר ניגון פון טייטש־חומש די נעמען זייערע: „פרוי אַריינגייענדיק אין טייך". „פרוי אַרויסגייענדיק פון דער וואַנע". „פרוי מיט זיך אַליין". „פרוי מיט אַ פּעשל קאָרטן". „פרוי מיט אַלטמאָדישן פּעכער". „פרוי ביים שפּיגל". „פרוי ליגנדיק". „פרוי ביים פענצטער"...

— וואַרט נאָר, וואַרט נאָר, אסתר־ליבע, יאָג נישט אַזוי, פּענדזשע נישט — האָט זיך משה־איציקל געבעטן ביי זיין ווייב אַ פּאַררויטלטער — זאָג מיר נאָר, ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז ביים פענצטער מוז מען דווקא שטיין אַזוי פּאַרשייט ? מען קען זיך דאָך נאָך גוט צוקילן...

— וואָס זאָל איך דיר טאָן, מיין מאַן, אַז עס איז היינט אַזאַ אויסגעלאַסענע וועלט — האָט אסתר־ליבע אַראָפּגעלאָזט די פרומע אויגן.

— זע נאָר, אסתר־ליבע, יענע חצופה דאָרט מיט די צעשפּרייטע אָרעמס און צעלאָזטע האָר אויף דער סאָפע — האָט משה־איציקל אָנגעוויזן זיין ווייב אויף אַ בילד — זי, דאַכט זיך מיר, טראָגט יאָ עפּעס אויף זיך — האָט משה־איציקל אויסגעטאָן און צוריק אָנגעטאָן די ברילן.

— יאָ, עפּעס אַ שוואַרץ בענדעלע אַרום האַלדז — האָט אסתר־ליבע זיך איינגעקוקט.

— מער גאָרנישט ?

— מער גאָרנישט.

— זעסט, אָבער די־אָ חצופה האָט זיך פאָרט אַ ביסעלע געשעמט... — האָט משה־איציקל אויסגעפונען אַ שטיקל זכות — נו ?...

— וואָס שוין ווייטער נו ? — איז אסתר־ליבען שוין די גאַנצע זאַך געווען דערווידער.

— נו, כ׳מיין אַ גאַנצע וועלט איז „נו"... נו־נו... — האָט משה־איציקל צוגעברומט — מען איז אַזוי אויסגעטאָן פון יעדער בושה... אָבער אויפגעמאָלט זענען די נקבות ראַיעל, געטרוי מיט אַלע פּיטשעווקעס, קען איך דיר זאָגן.

— דו זײַ מיר נאָר נישט דאָ ק'אַזאַ גרויסער מבֿין, בעט איך דיך, דו אַלטער בעל־עבֿירהניק, און קום שוין אַהיים די רגע, זאָג איך דיר! — האָט אסתּר־ליבע געצויגן איר מאַן ביי אַן אַרבל — זע נאָר ווי מען קען אים דאָס גאָרנישט אָפּרייסן פון דאַנען... נאָך גוט וואָס קיינער קען אונדז דאָ נישט...

דאָס אַלטע פּאָרפֿאָלק האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון זאַל ווי פֿאַרשולדיקטע, עס האָט זיך זיי נאָר געדאַכט, אַז מען טייטלט אויף זיי מיט די פינגער. עפּעס האָבן זיי זיך געשעמט איינער פֿאַרן אַנדערן. דאָס ביכל, וואָס זיי האָבן געקויפט ביי דער קאַסע, אַריינקומענדיק, האָבן זיי אונטערגעוואָרפן ערגעץ ווי אַ טריפה־פּסול. זיי האָבן באַשלאָסן קיינעם נישט צו דערציילן וועגן זייער באַזוך אויף דער אויסשטעלונג, צו מאַכן אַ שוויַיג וועגן דער גאַנצער זאַך.

ווען פּיער איז צו מאָרגנס צו זיי אַרויפגעקומען, האָבן זיי אויך נישט קיין פּיפּס אַרויסגעלאָזט וועגן דעם.

פּיער איז ווי געוויינלעך געקומען מיט אַ פּעקל, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר זיי. אחוץ דעם וואָס ער וויל זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע איינבררענגען אַ גאַנג, צו גיין זיך שלעפּן אויפן פּלעצל, וויל זיי פּיער אויך איינשפּאָרן די פּאָר פראַנק פון זייערע מאַגערע פּענסיעס, מיט וועלכע זיי קענען קוים אויסקומען. מיט אַלעם איבעריקן האַלט זיי שוין אויס דער זון זינט משה־איציקל האָט געמוזט מיט אַ פּופצן יאָר צוריק אַוועקוואַרפן די שחיטה. ס'איז געווען דעמאָלט, ווען די רעכטע האַנט האָט אים אָנגעהויבן עטוואָס צו ציטערן. מען האָט עס אָנגעהויבן צו באַמערקן ווען משה־איציקל פלעגט טראָגן אַ גלאָז טיי מיט אַ טעצעלע. דאָס גלאָז און דאָס לעפעלע האָבן געגומען לייכט אונטערטרייסלען און צוקלינגען. דערנאָך האָט געטראָפן איין מאָל, אַז משה־איציקל איז אַ ביסל פֿאַרפֿאָרן אין אַ זייט מיטן חלף, בשעת ער האָט געפירט מיט אים איבערן האַלדז פון אַן עוף. משה־איציקל האָט דאָס גלייך איבערגעגעבן זיין זון און זיי האָבןביידע באַשלאָסן, אַז די ערלעכקייט פֿאַרלאַנגט, אַז ער, דער טאַטע, זאָל דאָס איבערגעבן אין דער קאָנסיסטאָריע. און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט אָפּגעלאָזט די שחיטה און פֿאַרלאָזט זיין שטעלע. אַ געוויסע צייט בלויז איז ער נאָך געווען אָנגעשטעלט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם שעכטהויז לאַ ווילעט צו בדיקה.

דאָס מאָל, אַזוי ווי עס איז געווען ערבֿ שבֿועות, האָט פּיער אַרויפגע־

ברענגט אַ ביסל פּוטער־קיכלעך, אַ קוילעטש און צוויי „פּייגל". ער האָט אויך געבּרענגט פון אַ כּשרן רעסטאָראַן עטלעכע שטיקלעך געפילטע פיש, כאָטש אסתר־ליבע האָט ליב צו עסן פון איר אייגענער קיך, פּונקט ווי משה־איציקל פלעגט אַ מאָל ליב האָבן צו עסן נאָר פון זיין אייגענער שחיטה.

עס האָט פאַרשמעקט דעם גאַנצן סטודיאָ מיט די היימישע מאכלים. אויך פּיער אַליין איז געווען אַ בעלן אויף זיי און ווי נאָר די מאַמע האָט אים אָנגעשלאָגן עפּעס איבערצוביסן, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די אַלע זאַכן, וואָס ער זעט זיי נישט אָן ביי זיין האַלב־ייִדיש ווייב.

אָבער נישט צוליב דעם איז איצטער פּיער געקומען. ער איז געקומען איבעררעדן מיט די אַלטע טאַטע־מאַמע מכּוח דעם קומענדיקן וואַקאַנס, וואָס רוקט זיך אָן. וווּהין וועלן זיי וועלן היי־יאָר פאָרן?

יעדן זומער פאָרט נישט פּיער אַוועק פריִער אין וואַקאַנס ביז וואַנען ער באַזאָרגט נישט זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע קיין ברינואַ אָדער אָזואַר, ביי פּאַריז, וווּ זיי טרעפן ייִדן און האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אַרויסצורעדן. אַ פּאָר טעג פריִער, איידער ער, פּיער, פאָרט אַוועק, פירט ער זיי אָפּ מיט זיין אויטאָ. ער פירט אויך דעמאָלט אַוועק ערגעץ קוויקן אין אַ פּאַנסיאָן פאַר הינט, ער זאָל אים נישט דאַרפן מיטנעמען אויף זיינע וויטע רייזעס. משה־איציקלען האָט עס עפּעס אויסגעזען זייער נישט געשמאַק, דאָס, וואָס אין דער זעלבער צייט פירט זיין זון אַוועק אין וואַקאַנס אים מיט אסתר־ליבען און אויך קוויקן. ער האָט עס שטילערהייט כמעט איבערגעקרענקט. עס האָט זיך אים געדאַכט, ווי מען וואָלט אים, משה־איציקלען, פאַרגליכן צום הונט, ווי מען וואָלט אים געשטעלט אויף איין מדרגה מיט אים. אָבער ער האָט דעם פאַרדראָס געטראָגן אין זיך, מיט קיינעם וועגן דעם נישט איבערגערעדט, אפילו נישט מיט אסתר־ליבען.

— דאָס מאָל — האָט געזאָגט משה־איציקל צו זיין זון — האָבן מיר אָפּגעמאַכט, נישט אַרויסצופאָרן אין וואַקאַנס. מיר ווילן בלייבן אין פּאַריז היי־יאָר. מיר האָבן דעם פּאַרק ממש אונטער דער נאָז, וועלן מיר גיין יעדן טאָג שפּאַצירן, זיין אויף דער לופט.

— איר מיינט עס טאַקע אויף אָן אמת? — האָט זיך פּיער אַ ביסל געחידושט.

— יאָ, יאָ, עס איז נישט געפּערלעך אַז מיר וועלן איין מאָל בלייבן אין פּאַריז. איר קענט אייך אַוועקפּאָרן געזונטערהייט. ס׳מאַכט גאָרנישט אויס. דו דאַרפסט זיך נישט זאָרגן וועגן אונדז פאַר די פּאָר וואָכן — האָט אסתר־ליבע באַרויִקט איר זון — מיר זענען דאָך נישט קיין פּיצלעך קינדער. מיר וועלן זיך שוין יאַקאָש ווי עס איז איינאָרדענען. מיר וועלן איין מאָל אין וואָך צופאָרן אויפן פּלעצל איינקויפן און ס׳איבעריקע וועלן מיר דאָ קריגן אין די געוועלבלעך. סוף כל סוף זענען מיר דאָך נישט קיין קאַליקעס...

— נו, איז טוט ווי איר פאַרשטייט — האָט פּיער געזאָגט נאָך אַ ישוב־הדעת מיט זיך אַליין.

— דו באַשטאַט נאָר קוויקן אין זיין פּאַנסיאָן און מיר וועלן זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן. זאָל ע ר נאָר קודם־כל זיין באַזאָרגט... — האָט געזאָגט משה־איציקל צו זיין זון און דער פאַרבאַהאַלטענער פאַרדראָס צוליב קוויקן האָט ווי אַרויסגערעדט פון אים. אָבער נישט אסתר־ליבע און נישט פּיער האָבן זיך געכאַפּט אויף דעם, בפרט נאָך אַז ער האָט גלייך צוגעגעבן:

— ווייסטו וואָס, פּיער, וואָס מיר איז נאָר וואָס איינגעפאַלן? קענסט קוויקן איבערלאָזן ביי אונדז. צו וואָס דאַרפסטו אים פירן אין פּאַנסיאָנען, דעם פריץ, אַז מיר בלייבן סיי ווי אין פּאַריז?

— צו וואָס זאָלט איר אָבער נעמען אויף זיך דעם עול צוליב אים? — האָט געזאָגט פּיער מיט איינזעעניש.

— ס׳מאַכט נישט אויס, פּיער — האָט זיך אַריינגעמישט אסתר־ליבע — ס׳וועט אונדז נאָך זיין היימלעכער מיט אים. מיר האָבן זיך לעצטנס זייער צוגעוווינט צום הונט. ער קען זיין ביי אונדז. צו וואָס דאַרף מען אויף אים פּטרן געלט פאַר פּאַנסיאָנען?

— נו, גוט — האָט פּיער איינגעשטימט — אויב איר ווילט דווקא, וועל איך אים אייך איבערלאָזן.

אין דער אמתן, איז שוין קוויק לעצטנס זייער אָפּט געבליבן ביים אַלטן פּאָרפּאָלק. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו זיי, אַזוי אַז צום איבער־בלייבן אויף דער צייט פון וואַקאַנס איז ער שוין געווען ביי זיי אַן אייגענער, אַ גאַנצער בן־בית. אין אָנהייב פלעגט זיך נאָך קוויק אַ ביסל שרעקן אין די

פרימאַרגנס, ווען דער אַלטער ייִד פלעגט זיך שטעלן דאַוונען און אָנטאָן טלית־און־תפילין. ער האָט געזען, דער הונט, ווי דער באַלעבאָס זיינער ציט עפּעס אַרויס אַזעלכע מאָדנע לעדערנע רימענס און ער האָט מורא געקריגן, אַז ער גייט אים שלאָגן מיט זיי. אָבער אַז קוויק האָט געזען, אַז דער באַלעבאָס לאָזט גאָר די רימענס אַראָפּהענגען ביי זיין האַלדז, וועלכע ציִען זיך פון עפּעס אַ שוואַרץ קעסטעלע, וואָס שטייט אויף זיין קאָפּ, און מיטן אַנדערן רימען פאַרוויקלט גאָר דער באַלעבאָס זיין האַנט, האָט זיך ערשט קוויק באַרויִקט. נאָר שפּעטער, ווען משה־איציקל, אַריינפאַלנדיק אין דביקות ביים דאַוונען, האָט זיך פאַרהילט דעם קאָפּ מיטן טלית, האָט קוויק אויף ס׳ניי זיך דערשראָקן. ער האָט געזען ווי דער באַלעבאָס זיינער פאַרשטעלט זיך עפּעס מיט אַ ווייס טוך און שאָקלט זיך מיט דעם, האָט ער געקוקט און געקוקט מיט אומרו און פּחד אין די אויגן. ס׳האָט עפּעס כסדר אין דעם הונט געבורטשעט אינעווייניק ביז ער האָט פאַר גרויס מורא אַרויסגעלאָזט אַ שאַרפן ביל אין דער זייט פון דעם ווייסן רוח... דאָ האָט זיך שוין גאָר משה־איציקל דערשראָקן. ער איז צו צו קוויקן און אים געגלעט איבער דער פעל פון זיין רוקן, וואָס דאָס האָט דעם הונט אַריינגעזעצט אַ חיוּת, עס האָט אים באַרויִקט און ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך געלאַשטשעט און געפּיעשטשעט. אָבער משה־איציקל האָט זיך דערביי עפּעס ראַפּטעם צוריקגעצויגן: ער, אין טלית־און־תפילין, רירט אָן דעם הונט? מעג ער דאָס? זיינע ספקות האָבן שוין מיטגעצויגן אויך אַנדערע ספקות: צי מעג ער בכלל מתפלל זיין צו גאָט אין די זעלבע ד׳ אמות, וווּ עס געפינט זיך דער הונט? און צוריק געשמועסט, איז עס דאָך אויך אַ גאָטס באַשעפעניש. יאָ, און קיין חוק האָט ער, משה־איציקל, קיין מאָל נישט געזען וועגן דעם...

אויב זענען ביי משה־איציקלען געווען ספקות, זענען זיי ביי אסתר־ליבען לגמרי נישט געווען; זי האָט נישט געוווּסט פון קיין חכמות, זי האָט נישט געדאַרפט קיין חוק וועגן קוויקן און זי האָט נישט געזוכט קיין זכות אויף אים. ווען זי האָט זיך פרייטיק פאַרנאַכט געשטעלט בענטשן ליכט, האָט זי נישט פאַרטראָגן אַז דער הונט זאָל זיין דערביי און ליגן און קוקן איר אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט איר נאָך געקענט מחלל זיין דעם שבת, און זי האָט אים משלח געווען אין אַ פלאַקאַר אַריין און אים פאַרמאַכט איבער דער צייט, וואָס זי האָט געבענטשט די ליכט.

אָבער פּונקט ווי קוויק איז שוין לעצטנס געווען צוגעבונדן צו זיינע באַלע־באַטים, אַזוי איז שוין אויך איצטער דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק, ביי זייער גאַנצן נישט־ניחאדיקן קוקן אויפן הונט, געווען צוגעבונדן צו אים. ס'איז שוין איצטער געווען צו אים מצד זיי אַ רחמנות־געפיל, טאַקע ווי צו גאָטס אַ באַשעפעניש. מיט אַ יאָר צוריק זענען זיי נאָך ווייט געווען פון דעם, גאָר ווייט.

זיי זענען געגאַנגען אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט איין מאָל אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג אין זיין וואַקאַנס־פּאַנסיאָן, ווו מען האָט אַכטונג געגעבן אויף אים, אים געקאָרמעט, געצוואָגן און געקעמט. פריער האָט זיי איין מאָל פאַרגעלייגט מיט־צופאָרן מיט אים צו קוויקן אין פּאַנסיאָן. זענען זיי געפאָרן אים גוט־זונטיק ביטן, אַזוי אויף טשיקאַווּעס, אויף געלעכטער און בייזוווּנדער. אין אַ גאַנץ היפּשן זאַל, האָבן זיי געזען, איז קוויק געלעגן אין אַזאַ מין טיפן מיט פּליוש־אויסגעבעטן ווינקל און געדרימלט, ווי אַנדערע זיינס גלייכן. ס'איז געווען קענטיק נאָך אַ מאָלצייט זיינעם, ווייל ער האָט נאָך געטראָגן אויפן האַלדז אַ סערוועטקע, וואָס מ'האָט מסתמא פאַרגעסן אים אויסצוטאָן נאָכן עסן און דערביי איז געשטאַנען לעבן אים אַ טעלער מיט עפּעס אַן איבערבלייבעכץ, שאר־ירקות.

די באַלעבאָסטע פון פּאַנסיאָן האָט געזאָגט וועגן קוויקן די בעסטע מיינונג, אַז ער פירט זיך אויף לייטיש, טשעפּעט נישט זיינע שכנים, איז קאָרעקט מיט זיי. זי האָט די געסט געבעטן צוואַרטן אַ ביסל, ווייל קוויק מאַכט איצטער זיין „סיעסט", ס'הייסט זיין נאָכמיטאָג־רו.

די באַזוכער האָבן דערווייל געוואַרט אין אַ ספּעציעלן אויפנאַם־צימער, ווו אויף אַ טישל מיט בלומען זענען געלעגן פאַרשידענע קאָלירטע זשורנאַלן מיט בילדער פון הינט פון אַלע ראַסן און פון אַלע לענדער. אַז קוויק איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָט מען אים אַריינגעפירט. דער פּאַנסיאָנער האָט גלייך דערקענט זיינע באַלעבאַטים. מיטן אַלטן פּאָרפּאָלק האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געמאַכט קיין גרויסע געשעפטן, הגם זיי האָבן אים אויפגענומען מיט אַ „ברוך־הבא" און מיט „אַ גוטן אויפשטאַנד, קוויקעלע", אָבער פון פריערן האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן, באַשמעקט אים פון אַלע זייטן, זיך געטוליעט און געלאַשטשעט צו אים. ס'האָט אויסגעזען ווי ער בענקט און בעט זיך, אַז מען זאָל אים אַהיימנעמען. פריער האָט דאָס געפילט און ער האָט

קוויקן געגלעט און געצערטלט ווי אַ קינד און ווי ער וואָלט אים געוואָלט איינגעמען מיט באַרויִקונג און טרייסט. דער הונט האָט דאָס גערן געהאַט, ער האָט זיך געלאָזט, געשטרעקט די מאָרדע מיט צוגעמאַכטע אויגן, איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ מין הינטישער פילבאַרקייט און השתפכות הלב. משה־איציקל און אסתר־ליבע האָבן דעמאָלט געקוקט מאָדנע אויף דעם און אויף זייער זון. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי דאָס קומט צו אים, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ לייכטער קאָפּ. דעמאָלט האָבן זיי נאָך נישט געהאַט צום הונט דאָס געפיל, וואָס זיי האָבן צו אים היינט, זיי זענען נאָך נישט געווען אַזוי געכאַפּט אין דער מעשׂה.

ווען קוויק איז היי־יאָר איבערגעבליבן ביי זיי אויף איבער וואַקאַנס, פלעגן זיי אים מיטנעמען אויף זייערע שפּאַצירן אין פּאַרק, כאָטש דאָס האָט נישט אַזוי געפּאַסט פאַר זיי. אָבער קיינער אין דער קאָרטיע האָט זיי נישט געקענט און קיינער האָט דאָ נישט געוווּסט פון משה־איציקלס יחוס. אסתר־ליבע האָט אויך מיטגענומען קוויקן אויף אירע טעגלעכע איינקויפן אין די אַרומיקע געוועלבלעך און זי האָט זיך דערביי נוהג געווען מיט אים ווי אַנדערע ווייבער מיט הינט: זי האָט אים צוגעבונדן מיטן רימען פון זיין האַלדז ביי אַן אײַזנדל אין דרויסן פאַרן געוועלב, ווו ס'איז אָנגעשריבן: „מען וועדט געבעטן נישט אַריינפירן קיין הינט אין געשעפט אַריין".

משה־איציקל פלעגט זיך אָנדערציילן ניסים ונפלאות פון קוויקן, נישט קענען זיך אָפּלויבן פון אים. „דער הונט איז דאָך געוואָרן אַ גאַנצער מענטש", פלעגט ער טענהן. אַזוי האָט ער זיך נישט געקענט אָפּהידושן פון אים, ווען ער האָט איין מאָל אויף דער גאַס קוויקן אָפּגעטשעפּעט דעם רימען און ער האָט גענומען גיין אַליין, אָן אים, דעם באַלעבאָס זיינעם. משה־איציקל איז אים נאָכגעגאַנגען און געזען דאָס ווונדער. קוויק האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים. דאָס איז נאָך גאָרנישט, וואָס ער האָט אַליין געטראָפן דעם וועג, נאָר דאָס, וואָס ביי יעדן ראָג, ווען עס איז געווען דאָס רויטע ליכט און די אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן, איז קוויק געשטאַנען גלייך מיט אַלע מענטשן און געוואַרט געדולדיק ביים ראַנד פון טראָטואַר, לעבן די טשוועקעס, דאָ ווו די גאַס ליגט ווי אַ פאַרקנעפּלטע מיט צוויי רייען זילבער־קנעפּ, און ווען מען האָט שוין געמעגט זאָגן „גוט־וואָך", ס'הייסט, ווען עס האָט זיך באַוויזן דאָס גרינע

ליכט פאַר די פוסגייער, האָט קוויק גענומען אַריבערגיין די גאַס ווי אַ מענטש, צוזאַמען מיט אַלע מענטשן.

אָבער נישט בלויז נחת האָט משה־איציקל געהאַט פון קוויקן. ער האָט אויך געהאַט פון אים אויסצושטיין צרות, און איין מאָל האָט ער אים טאַקע פאַרשאַפט, נישט ווילנדיק, וואָס אַן אמת, אַ גרויסע צרה. ווען ער האָט אין אַ פרימאָרגן געהאַלטן אויף דער גאַס דעם הונט ביים רימען, האָט ער זיך געצויגן צו אַ צווייטן הונט, וואָס ער האָט דערזען. קוויק איז גרויס און מעכטיק און משה־איציקל, להבדיל, קליין אין ווּקס, און מען האָט געזען, אַז דער אַלטער מאַן קען נישט, אָדער האָט נישט קיין כוח איינצוהאַלטן און צוימען דעם הונט זיינעם.

קוויק האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות צום צווייטן הונט, וואָס יענער, אָדער גאָר יענע, האָט דאָס נאָר אויסגעקוקט, געשטאַנען דערנאָך, און ער האָט מיטגעריסן משה־איציקלען, וועלכער איז אומגעפאַלן און זיך גוט צעקלאַפּט אַ פוס. מענטשן האָבן אים געוואָלט אוועקפירן אין שפּיטאָל אַריין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט. אסתר־ליבע האָט אים אין שטוב צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן. דער דאָקטער, וואָס איז שפּעטער געקומען, האָט געהייסן מאַכן אַ ראַדיאָ, וואָס האָט געוויזן אַ ביסל אַ באַשעדיקטן ביין, אָבער ער וועט זיך מיט דער צייט פאַרהיילן, האָט דער דאָקטער פאַרזיכערט. דערווייל אָבער האָט ווי געטאָן און משה־איציקל האָט נישט געקענט אַראָפּגיין אין גאַס. אסתר־ליבע האָט געשאָלטן קוויקן מיט טויטע קללות. „אַזאַ הונטשיס־קאָ, אַזאַ הונט מיט אויערן״ — האָט זי געגראַדזשעט צו אים מיט אַ האַנט, אָבער קוויק איז געלעגן אין אַ ווינקל און געקוקט אויף אַלעם, נישט וויסנדיק וואָס מען וויל דאָ פון אים און גלייך ווי נישט אים מיינט מען דאָס און ווי נישט צוליב אים וואָלט דאָס אומגליק מיט זיין באַלעבאָס געטראָפן.

משה־איציקל האָט נישט פאַרטראָגן אסתר־ליבעס קללות אויפן הונט און ער האָט איר אויסגערעדט פאַר דעם, זיך אָנגענומען די קריוודע פון קוויקן. „וואָס ווילסטו פון אים האָבן? — האָט ער געטענהט צו איר פון זיין פאָטעל, ווו ער איז געזעסן מיט זיין קראַנקן פוס אויסגעצויגן — ס׳איז דאָך אַ שטום באַשעפעניש. וואָס איז ער דען שולדיק? עס האָט אים געצויגן צום אַנדערן הונט, זיין חבר, אָדער חברטע, ער האָט געמיינט זיין גוטס און בלויז אומגערן מיר געטאָן שלעכטס, נו איז מה רעש?״ — „דו געפינסט שוין

אַ זכות אויף אים — האָט אסתר־ליבע געמוסרט איר מאַן — אויף אַלץ און אַלעמען געפינסטו נאָר אַ זכות. אפילו אויף אַ הונט, וואָס מעג זיין דיין כפרה און אַפּלייזער. איך נעם אים און שיק אים גלייך אַרויף צו פּיערן. זאָל ער זיך פרייען מיט אים. ער איז שוין צוריקגעקומען פון וואַקאַנס, קען ער אים האַלטן ביי זיך".

— לאָז אים זיין ביי אונדז. ער האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט קעגן מיר, אַז מיר זאָלן אים באַשטראָפן — האָט משה־איציקל געקוקט צו קוויקן מיט אַ מילדן בליק, פול רחמנות.

— דו שפּאַרסט זיך שוין איין, זע איך, פּונקט ווי אַנומלט צום גיין אויף דער אויסשטעלונג מיט די שיינע נקבות דיינע, וואָס איך נאָר האָב דיר דעמאָלט נאָכגעגעבן דיינע שמד־שטיק. ביי אַלע גוטע זאַכן שפּאַרסטו זיך נאָר איין — האָט אסתר־ליבע געוואָרפן אַ רוגזהדיקן בליק צום הונט.

דערווייל האָבן זיך דערנענטערט די ימים־נוראים. עס האָט אויסגעזען, אַז משה־איציקל וועט נישט קענען גיין דאַווענען ראש־השנה אין שול אַריין, כאָטש ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז ער וועט יאָ גיין. צו דער נאָענטסטער סינאַגאָגע איז געווען גאַנץ ווייטלעך, ביי אַ פופצן מינוט גאַנג, און אסתר־ליבע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איר מאַן באַלאַבאַטשעט דאָרטן, אַז ער וועט גיין דאַווענען, בשעת ער קען קוים איין שטוב זיך דורכגיין, אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן און אויף איר אָרעם. פאַרפאַלן, ער וועט מוזן דאַווענען אין דער היים. שבתים האָט שוין משה־איציקל אַ סך דורכגעלאָזט און געדאַוונט אין דער היים אָן אַ מנין. ער האָט זיך געמאַכט אַ היתר, אַז אַ ייִד, פון וואַנען ער זאָל נאָר נישט מתפלל זיין, אפילו ביחידות, אויב ער דאַוונט נאָר מיט כוונה, הערט אים דער רבונו של עולם און ער באַוויליקט זיין תפילה און שיקט אים צו זיין שכר. ווו נאָר אַ ייִד בעט צום רבונו של עולם, ווערט דאָס אָרט אַ מקום־קדוש. אָבער ראש־השנה איז איין מאָל אין יאָר און ער וועט נישט דאַווענען אין דער היים. מעג דער פוס שפּרינגען פון היינט ביז מאָרגן. ער וועט גיין, משה־איציקל...

— וואָס הייסט, דו וועסט גיין ? ביסט, חלילה, פון זינען אַראָפּ, צי חסר־דעה, צי כ'וויים וואָס ? — האָט געטענהט אסתר־ליבע — דו קענסט דאָך נישט גיין.

— איך וועל שוין קענען! איך וועל מיר אָנטאָן אַ כוח. נו, וועט מיר ווי טאָן אַ ביסל. איז וואָס? אַ ייִד מעג זיך לאָזן ווי טאָן פאַרן רבונו של עולם, האָסט פאַרשטאַנען, מיין ווייב?

— איך האָב פאַרשטאַנען, משה־איציקל, ס׳איז נאָר אַ פראַגע צי דער פּוס דיינער וועט פאַרשטיין. דו וועסט דאָך אָפּשטיין אין וועג. איז וואָס־זשע איז עס פאַר אַ חכמה, זאָג מיר? און צוריק געשמועסט, אויב דער רבונו של עולם האָט געוואָלט, אַז דער הונט זאָל דיך אַזוי צורעכט מאַכן, אַז דו זאָלסט נישט קענען גיין ראש־השנה דאַווענען, מעגסטו בלייבן אין דער היים. אויף מיר וועט זיין די עבירה. אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי וועט ער האָבן. אַזוי ווי ער בעט זיך, אַזוי וועט ער שלאָפן. האָסט פאַרשטאַנען, משה־איציק? (אַלע מאָל ווען אסתר־ליבע איז בייז אויף איר מאַן, רופט זי אים נישט משה־איציקל, נאָר משה־איציק).

— דו זינדיקסט, מיין ווייב. צוויי טעג פאַר ראש־השנה זינדיקסטו, קען איך דיר זאָגן. היינט אין אָוונט וועל איך דיך בעטן, אַז דו זאָלסט מיך אַראָפּפירן אונטן פאַרן הויז און איך וועל פּרובירן גיין. דער דאָקטער האָט דאָך אויך געזאָגט, אַז עס איז מיר שוין בעסער און איך מעג שוין פּרובירן אַ ביסל גיין.

אין אָוונט האָט אסתר־ליבע אַראָפּגעפירט משה־איציקלען אונטן פאַרן טויער. ער איז געגאַנגען מיטן שטעקן און אויך אָנגעשפּאַרט אויף איר. ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט און זיך אָפּגערוט. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום פּאַרק, וואָס איז געווען גאָר נאָענט פון זייער הויז. מער האָט ער נישט געקענט גיין. וועגן גיין אַזוי ביז צו דער סינאַגאָגע, וואָס דאַרף דויערן אַ פּופצן מינוט, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער נאָענטסטער באַנק, זיך אָפּגערוט אַ ביסל, געכאַפּט לופט, און דערנאָך צוריק אַרויף אין שטוב, וואָס דאָס איז אים נישט אָנגעקומען לייכט.

ראש־השנה אין דער פרי איז בלויז אסתר־ליבע אַוועק אין דער סינאַגאָ־גע הערן שופר־בלאָזן. זי האָט צוגעזאָגט איר מאַן נישט איין מאָל, אַז זי וועט אויך פאַר אים הערן און אויסבעטן אַ גוט יאָר. פאַרפאַלן, וואָס זאָל מען טאָן. אַזאַ מהלך ביז צו דער סינאַגאָגע. ס׳איז דאָך סכנות נפשות. גאָט וועט האָבן יאַנדעס און איינזען מיט זיי. האָט זי געטראַכט, ער ווייסט דאָך יאָ, וואָס דער

הונט האָט געטאָן מיט איר מאַן, וואָדען, ער ווייסט נישט? ס'איז דאָך זיין הונט... אַלץ איז דאָך זיינס...

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה נאָך מיטאָג האָט משה־איציקל ווידער פּרובירט אַראָפּצוגיין אונטן, נישט מער ווי ביז צום פּאַרק. דאָס גיין איז אים איצטער אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי ס'ערשטע מאָל. צום אַרויסגיין האָט דאָס פּאַרפּאָלק זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק, ווי עס פּאַסט פאַר ראש־השנה.

קוויקן האָט משה־איציקל נישט געהאַט קיין חשק מיטצונעמען היינט אויפן שפּאַציר. ער האָט נישט געזאָגט אסתר־ליבען פאַר וואָס, אָבער זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז צוליב ראש־השנה. עס האָט נישט געהאָלפן דעם הונטס תחנונים, זיין לאַשטשען זיך און סקאַמליען. משה־איציקל האָט געזאָגט ביין איז ניין. „קוויקעלע, היינט ועסטו מיר מוזן מוחל זיין און ליגן איינגע־ליגט"... — האָט ער צו אים געטענהט און אַ רחמנות איז אים געווען, משה־איציקלען, צו הערן נאָך דעם הונטס בעטן זיך און דראַפּען מיט די פיס אויף יענער זייט שוין פאַרמאַכטער טיר.

ווי שטענדיק האָט זיך דאָס פּאַרפּאָלק אָוועקגעזעצט אויף זייער באַנק ביי דער סאַדזולקע. די צוויי שוואַנען האָבן זיך גראָד געפונען אויפן ברעג, ווי עס איז געווען זייערס אַ בידל, אַזאַ מין היימעלע פאַר זייערטוועגן. לעבן זיי, אויף דרערד, האָבן געציטערט עטלעכע אויסגעפליקטע ווייסע פעדערן זייערע. ס'איז קענטיק געווען, אַז זיי האָבן זיך געהאַט נאָר וואָס געקריגט. דאָס באַווייזט, מיינט משה־איציקל, אַז זיי זענען אַ פּאַרפּאָלק, כאָטש וועלכער ס'איז דער זָכָר און וועלכער די נקבה, דערקענט מען נישט. ביידע שוואַנען זענען געווען עפּעס אַריינגעטאָן אין זיך. זיי האָבן זיך זעלבסט געפּיקט מיט די שנאָבלען. ס'האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך געקראַצט, אָדער גאָר געפּוצט, זיך געמאַכט זייער טואַלעט. משה־איציקל האָט זיך צוגעקוקט צו זיי און זיי באַטראַכט, און הגם זיי זענען ענלעך צו ווייסע כשרע גענדז, האָט ער זיי געזען ווי טמאדיקע באַשעפענישן און דער איבל, וואָס ער האָט געפילט צו זיי נאָך פון יונגלווייז אויף, האָט זיך אויך איצטער נישט אָפּגעטאָן פון אים, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז עס שטייט בפירוש געשריבן אין די הייליקע ספרים, אַז נאָך שלמה המלך האָט זיי שוין געגעסן, די דאָזיקע חברה־לייט, די ברבורים, ווי זיי הייסן אויף לשון־קודש. פון דעסטוועגן האָט ער זיי בשום־אופן נישט געקענט פאַרטראָגן, די צוויי אומהיימלעכע עופות מיט די ווייסע

געציקלטע העלדזער, וואָס רופן אַרויס ביי אים פּחדים, ווי זיי וואָלטן געווען שדים און רוחות, און וואָס צום שלימזל דערמאָנט אים נאָך גאָר איצטער זייער ווייסקייט אין דער פּאַרכטיקער ווייסקייט פון די ימים־נוראים, זיי זאָלן זיין אָפּגעשיידט...

אָט האָבן זיי זיך, די צוויי שוואַנען, געלאָזט צום וואַסער, איינער נאָכן אַנדערן. איינער אָן דעם אַנדערן רירט זיך קיין מאָל נישט. און טאַקע לויט זייער אַריינגיין אין וואַסער, איז זיך משה־איציקל משער, אַז זיי זענען אַ פּאָרפאָלק. דער, וואָס גייט דער ערשטער, מיינט משה־איציקל, איז דער ע ר און דער, וואָס גייט פון הינטן, איז די ז י, ווייל אַזוי איז שוין דער סדר־העולם, אַז די פרוי גייט שטענדיק נאָך דעם מאַן. די צוויי שוואַנען טראָגן זיך אַוועק איבערן וואַסער, שווימען שטיל און לייכט איינער נאָכן אַנדערן און אָט גאָר רוען זיי זיך אָפּ, זיצן, דאַכט זיך, אויף דער שפּיגלדיקער אויבערפלאַך מיט די לאַנגע געבויגענע און געדרייטע העלדזער, ווי אַ שלשלת, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין, ווי זיי וואָלטן זיך אַזוי האַליוביעט, געשפּילט אַ ליבע און ביידע זעען זיי אויס, איינער אַקעגנאיבער דעם אַנדערן, ווי די צוויי גוייִשע אותיות : SZ.

פלוצלינג האָט זיך משה־איציקל געכאַפּט, אַז עס איז דאָך היינט ראש־השנה אויף דער וועלט און ער קען דאָך דאָ גיין צו תשליך, טאַקע דאָ ביים טייך פון לוקסעמבורג־פּאַרק און זיך פּאַרדינען אַ מצווה.

אָנשפּאַרנדיק זיך אָנעם שטעקן, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און געמאַכט צוויי־דריי טריט צום סאַמע ברעג. — „איך גיי צו תשליך, האָט ער געזאָגט צו אסתר־ליבען, אָט דאָ־אָ צום וואַסער"... — „וווּ האָסטו דען צו גיין, האָט זי געזאָגט, דו ביסט דאָך ביים וואַסער"... — „ס'רעדט זיך נאָר אַזוי, אסתר־ליבע", האָט ער געענטפערט און איבערגעקערט די קעשענעס פון זיין שבתדיק סאַקל און זיי אויסגעטרייסלט אין וואַסער אַריין, זאָגנדיק די תפילה פון תשליך. ער האָט אָבער נישט באַמערקט ווי פלוצים איז אויסגעוואַקסן לעבן אים אַ וועכטער פון פּאַרק מיט אַ מונדיר און נאָכהענגענדיקן רעוואָלווער ביים רימען אין סטאַן. ער האָט זיך געבייזערט אויף משה־איציקלען הלמאי ער וואַרפט אַריין דעם גאַנצן שמוץ זיינעם פון די קעשענעס אין דער סאַדזולקע און מאַכט אומריין דאָס וואַסער.

משה־איציקל האָט געקוקט מיט פאַרדראָס צום וועכטער, נישט איבער־

רייסנדיק דאָס זאָגן די תפילה. בלויז צו אסתר־ליבען האָט ער זיך אָנגערופן, ווייזנדיק אויפן וועכטער: „בור־א, מפסיק"... ווי איינער זאָגט: רעד דו צו אים, זאָג אים עפּעס, דעם ערל... אסתר־ליבע האָט גלייך געזאָגט דעם וועכטער, אַז איר מאַן האָט דאָס אַריינגעוואָרפן עסן פאַר די צוויי לאַבאַנ־דזשעס, און נישט קיין שמוץ, חלילה, נאָר ריינע שטיקלעך ברויט. דער ענטפער האָט זיך דעם וועכטער געלייגט אויפן שכל און ער האָט זיך גענומען פויל אַוועקשלייכן. משה־איציקל איז ווייטער געבליבן שטיין ביים ברעג, זאָגנדיק די תפילה פון תשליך און שאָקלענדיק זיך איבערן וואַסער, מיט די צוויי נאָכהענגענדיקע אויסגעטרייסלטע קעשענעס אין דרויסן אַרויס, ווי צוויי אייטערס, נאָר צום אויסמעלקן...

צו מאָרגנס אין דער פרי, נאָך ראש־השנה, האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר פונעם סטודיאָ. ס'איז געווען דער פּאָסטטרעגער, וואָס האָט געברענגט עפּעס אַ פּעקל. אסתר־ליבע האָט עס מיט אַ סך נייגעריקייט אויפגעמאַכט און דערזען אַז דאָס איז אַ בוך, אַזוי גרויס ווי אַ גמרא. ס'איז אָנגעקומען פון תל־אביב דאָס יזכור־בוך פון זייער שטעטל, וואָס מען האָט זיך שוין פון לאַנג געריכט דערויף. „ספר גלינסק" — האָבן אַראָפּגעקוקט פון שער־בלאַט די גרויסע געצאַצקעטע גאָלדענע אותיות מיט זעקס אָנגעצונדענע ליכט אַרום זיי.

— אַ שיינעם סך־הכל געמאַכט פון גלינסק — האָט משה־איציקל טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, מישנדיק די בלעטער — דער שונא־ישׂראל האָט אונדז גוט צורעכט געמאַכט — האָט ער אַריינגעזיפצט אין זיין באָרד. ער האָט געמישט די בלעטער און געלאָזט פאַלן גיך איין בלאַט נאָכן אַנדערן, ווי ער וואָלט אַזוי געשאָטן אַ הויפן אַש און שטויב, זאָגנדיק דערביי: אָט דאָס איז איבערגעבליבן פון אַ שטאָט. אַ גאַנצע קהילה, פון קליין ביז גרויס, מיט דורות גאַנצע, מיט לעבן און טויט פאַמיעשטשעט זיך אין אַ בוך, אַז ווי צו אונדז — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַן איכה־טאָן.

אסתר־ליבע האָט זיך אויסגעווישט אַ טרער מיט אַ שפּיץ פון איר מאָרגנראָק און איינגעגראָבן איר בליק אין די בלעטער פונעם בוך, ווי אין די יאָרן פון איר אַמאָל, פון איר עבר.

גאַנצע טעג און אָוונטן פלעגט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האַלטן אין איין אַריינקוקן אין דעם יזכור־בוך און רעדן וועגן אים, דערציילן וועגן דעם

פאַרבראַנטן גלינסק, וועגן זיינע אויסגעקוילעטע ייִדן. דער סטודיאַ האָט איצטער אויפגעלעבט מיטן בוך פון טויט. ס׳איז כסדר געווען פון וואָס צו רעדן. מען האָט געהערט זיפצן און קרעכצן, שלוכצן און קרעכצן, וואָס האָבן אויסגעריסן שטיקער האַרץ, און ביטערע קללות אויפן קאָפּ פונעם צורר.

אַז פּיער איז אַרויפגעקומען האָט ער אויך אַריינגעקוקט אינעם יזכור־בוך, אַ שטיל־שווייגנדיקער, אַ פאַרמאַכטער און פאַרשלאָסענער אין זיך. דער טאַטע האָט אים אָנגעוויזן אויף די צענדליקער פאָטאָגראַפישע בילדער, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ שייכות צו אים, צו פּיערן. מען זעט אים נאָך אַלס קליין ייִנגעלע, פאָטאָגראַפירט מיט דער גאַנצער תלמוד־תורה, ווו ער האָט אַ מאָל געלערנט. מען זעט אפילו אַ פאָטאָגראַפיע, ווו די מאַמע האַלט אים נאָך אויף דער האַנט. דערנאָך אַלס יוגנטלעכער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָ־טעק פון שטעטל, פון וואַנען עס קוקט אַראָפּ אַ פאַפּירענער באַנדעראָל מיט ייִדישע אותיות: „וויסן איז מאַכט!" אַחוץ דעם זעט מען אין בוך אַ בילד פון ר׳ משה־איציקלס שחיטה־קעלערל, ווו ער שטייט פאַרן טויערל אין דרויסן מיט אַן עוף אין דער האַנט, וואָס עמעצער אַ לץ האָט אים אַזוי עקסטרע אַראָפּגעכאַפּט. דאָס גאַנצע געסל האָט טאַקע געטראָגן זיין נאָמען, ר׳ משה־איציקלס געסל, וואָס מען האָט אויך גערופן דעם שוחטס געסל.

פּיער, וועלכער האָט פאַרלאָזט גלינסק ווען ער איז נאָך געווען אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן, האָט גוט געדענקט דאָס שטעטל. ער האָט דערקענט די אַלטע שול, וואָס די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט, דעם מאַרק, וואָס איז פול געווען מיט ייִדישן מסחר און פויערישע יאַרידן. ער האָט דערקענט אַנדערע ערטער און פאַרשוינען, באַקאַנטע געשטאַלטן פון דער שטאָט. ער האָט נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די בלעטער, ווי ער וואָלט געווען צוגעשמידט צום ספר גלינסק, צוגעבונדן צו די געדיכטע בערד און שייטלען פון די ייִדן און ייִדענעס, וואָס ער האָט געזען אויף די פאָטאָגראַפישע בילדער.

אסתר־ליבע און משה־איציקל האָבן זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיטן בוך. זיי האָבן עס מיטגענומען אויף זייערע נאָכמיטאָגדיקע שפּאַצירן אין פּאַרק, הגם ס׳איז געווען פאַר זיי אַ ביסל צו שווער צו טראָגן. זיי האָבן זיך אַלע מאָל געביטן. אַ ביסעלע האָט ער געטראָגן, אַ ביסעלע האָט זי געטראָגן. און יעדע ווײַלע האָט איינער צום אַנדערן זיך געוואָנדן מיט געטרייסאַפּט און ליבשאַפט: „שוין גענוג, אסתר־ליבעלע, ס׳איז פאַר דיר צו שווער"

און: „פֿאַר דיר איז עס שווערער, משה־איציקל, לאָז מיך בעסער טראָגן״.

אסתּר־ליבע האָט געטראָגן דאָס יזכּור־בוך איינגעוויקלט אין אַ טיכל ווי אַ מחזור, אָדער איר קרבן־מנחה־סידור. אַוועקגעזעצט האָבן זיי זיך אין פּאַרק אָפּגעזונדערט אויף צוויי שטולן, אויף וועלכע מען האָט געקענט זיצן פֿאַר אַ פּאָר סאַנטים, ווו מען האָט נאָר געוואָלט. אַזוי איז זיי באַקוועמער געווען. זיי האָבן געוואָלט זיין אַליין מיט זיך און מיטן יזכּור־בוך, מען זאָל זיי נישט אַריינקוקן דערין און זייטיקע אויגן זאָלן זיך נישט האַלטן אין איין חידושן צוליב די ייִדישע אותיות און פֿרעגן וואָס דאָס איז אַזוינס, צי נישט אַ מאָל „שינוא״, ס׳הייסט כינעזיש. אונטן, פֿאַר די פֿיס לעבן זיי איז געלעגן אויסגע־צויגן קוויק, ווי ער וואָלט געוואַכט און זיי באַשיצט פֿון אַ בייז אויג, אַכטונג געגעבן מיט געטריישאַפֿט, אַז זיי זאָלן קענען רויִק און אומגעשטערט לייענען.

זיי האָבן געלייענט די מעשׂיות פֿונעם שטעטל, וועגן אַלץ וואָס עס האָט זיך דאָרטן אַ מאָל פֿאַרלאָפֿן. אַ ביסעלע האָט זי געלייענט, אַ ביסעלע האָט ער געלייענט. דאָס בוך איז געלעגן אויף איינעם פֿון זייערע שויסן אָן אויפֿגע־מאַכטס און עס האָט צוגעבויגן און דערנענטערט זייערע קעפּ, איינעם צום אַנדערן. גלינסק, וואָס האָט זיי אַ מאָל געזען פֿירן צו דער חופּה, האָט זיי איצטער נאָך אַ מאָל דערנענטערט און באַהעפֿט איינעם צום צווייטן אין אַן ענגן און אייביקן בונד.

אַזוי האָבן זיי גאַנצע טעג געלעבט מיטן טויט פֿון שטעטל, מיטן אָפּגעלעבטן לעבן פֿון גלינסק. טייל מאָל האָבן זיי זיך אויך אַרויסגעזעצט אויפֿן באַלקאָנדל פֿון זייער סטודיאָ לייענען דאָס יזכּור־בוך און קוקן אויף די פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער. משה־איציקל האָט זיך קוים דערקענט אויף איינער אַן אַלטער פֿאָטאָגראַפֿיע, ווו ער איז אַ בחורל אין אַ ייִדיש היטעלע און אַ קאַפּאָטקעלע און אסתּר־ליבע האָט זיך אויף אַ צווייטער פֿאָטאָגראַפֿיע נאָך געזען אַלס קליין מיידעלע מיט אַ שוואַרץ גזשיבקעלע איבערן שטערן און צוויי צעפּלויגענע צעפּעלעך אַראָפּגעלאָזט פֿון פֿאָרנט אויף איר בלוזקעלע. אוןביידע טייטלען זיי און טיטשען מיט די ווייזפֿינגער אויף די בילדער מיט גרויס חידוש: „זע נאָר, דאָס ביסט דו, אסתּר־ליבעלע?״... „און דאָס ביסט דו, משה־איציקל?... גאָרנישט צו דערקענען״... „וואָדען האָסטו געמיינט, מיין ווייב? די צייט שטייט נישט, מען ווערט נישט ייִנגער, נאָר עלטער... איי, שטאָ די צייטן פֿון אַ מאָל״... „דו ווייסט, משה־איציקל, איך קוק אַזוי און

קוק און עס קומט מיר פֿאַר ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען אַ חלום... יאָ, אַלץ איז פֿאַרביי ווי אַ חלום״... — זיפֿצט אָפּ טיף אסתר־ליבע, און ווי אַ שטיינדל, געשליידערט איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון אַ וואַסער, קייקלט זיך אַוועק איר זיפֿץ און ווערט געכפּלט אויף נאָך זיפֿצן און צוזאַמען מיט משה־איציקלס איכה־טענער טראָגן זיי זיך אַוועק איבער די דעכער, טורעמס און טעלעוויזיע־אַנטענעס פֿון פּאַריז, אַזש ביז צום ווייטן אייפֿל־טורעם, וואָס צוזאַמען נעמען זיי אים אַרום און דרייען זיך אַרום אים פֿאַרעקשנט, ווי אַ דולער צעפֿלויגע־נער קאַראַהאָד פֿון פֿינצטערע פֿלעדערמייז אַרום אַ פֿאַרקאָפּטשעט גלעזל פֿון אַן אַלטמאָדישן נאַפֿטלאָמפּ.

עס האָט זיך דערנענטערט יום־כיפּור. משה־איציקל איז שוין געגאַנגען גוט אויפֿן פֿוס, נישט געפֿילט מער קיין שמערצן, אָבער פֿיער האָט פֿון דעסטוועגן נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל גיין אַזאַ מהלך ביז דער סינאַגאָגע צו כּל־נדרי. ער איז געפֿאַלן אויף אַ המצאה: ער וועט דינגען פֿאַר טאַטע־מאַמע אַ צימער אין אַ האָטעל לעבן דער סינאַגאָגע אויף איבערצו־נעכטיקן און פֿאַר כּל־נדרי וועט ער זיי אַוועקפֿירן מיטן אויטאָ און צו מאָרגנס נאָך נעילה וועט ער זיי קומען נעמען און אַהיימפֿירן. משה־איציקל און אסתר־ליבע זענען באַשטאַנען אויפֿן זונס פּלאַן, ס׳האָט זיי אויסגעזען שׂכלדיק, אָבער צוויי טעג פֿאַר יום־כיפּור האָט משה־איציקל זיך דערפֿילט נישט גוט. עס האָט אים געשטאָכן און געבראָכן אין די פּלייצעס, און עס זענען אים דורכ־געגאַנגען דרעשטשעס אין די ביינער, אָרעמס, אַקסלען, ווי אַ כאַפּטע קעץ וואָלטן אַרומגעלאָפֿן אין אים און אים געשטאָכן מיט די נעגל. דער טערמאָ־מעטער האָט געוויזן אויף היץ. פֿיער האָט אַרויפֿגעשיקט אַ דאָקטער, אָבער דער חולה האָט עפּעס נישט געהאַט קיין פֿאַרטרויען צו אים און אויך נישט קיין דרך־ארץ. עפּעס איז ער אים נישט געפֿעלן. אַ יונגער דאָקטער, כּמעט נאָך אַ יונגערמאַן, און משה־איציקל האָט נישט געהאַלטן פֿון קיין יונגע דאָקטוירים, ווייל ער ווייסט נישט ווען זיי האָבן באַוויזן זיך אויסצולערנען און צו קריגן פּראַקטיקע. פֿון דעסטוועגן האָט משה־איציקל געמוזט זיך לאָזן פֿון אים אויסקוויקן די פּלייצעס, קוועטשן און קנעטן דעם בויך, אָבער אַז דער דאָקטער האָט אים געהייסן ווייזן די צונג, דאָ האָט שוין משה־איציקל געזען בפּירוש, אַז דער יונגערמאַן מאַכט פֿון אים ס׳גענאַר...

דער דאָקטער האָט מיט אַ פּאַרציקטער האַנטשריפט גיך פאַרשריבן פאַרן קראַנקן אַ פולן פּאַפּיר מיט רפואות און אָנגעזאָגט שטרענג, אַז דריי טעג זאָל ער נישט אַרויס פון בעט. אַ שרעק איז משה־איציקלען באַפאַלן ווען ער האָט דאָס דערהערט, דערמאָנענדיק זיך אַז מאָרגן פאַרנאַכט איז כל־נדרי און וואָס שייך דעם דאָקטערס אָנזאָג, האָט ער זיך געטראַכט: „אוודאי, אָט פאָלג איך אים גלייך... נישט אַנדערש... אַזאַ שנעק וועט אים זאָגן אַ דעה צי ער זאָל יאָ גיין צו כל־נדרי, צי נישט"...

אסתר־ליבע האָט נאָך געפרעגט דעם דאָקטער צי עס וועט נישט שאַטן, אַז זי זאָל איר מאַן שטעלן באַנקעס. זי איז אַ גוטע באַנקעס־שטעלערין נאָך פון לאַנגע יאָרן. דער דאָקטער האָט צום ערשט דיסקרעט געהויבן מיט די אַקסלען און דערנאָך צוגעגעבן ווי לאָמיך געמאַך: „שאַטן קען עס נישט"...

— איז ווו זאָל איך זיי אים שטעלן, די באַנקעס, דאָקטער, אויף דער פּלייצע צי פון פאָרנט? — האָט אסתר־ליבע איבערגעפרעגט.

— איר קענט זיי, מאַדאַם, שטעלן אויף דער פּלייצע, איר קענט זיי שטעלן פון פאָרנט — האָט דער דאָקטער געזאָגט צווײדײטיק — אָבער אַמבעסטן וועט זיין, אַז איר וועט זיי שטעלן אין מוזעום...

— וווּ? — האָט אסתר־ליבע שאַרף און בייניק אַ קנייטש געגעבן דאָס פּנים, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דער דאָקטער מיינט צו זאָגן. און ווער ווייסט — איז איר פּלוצים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק — צי ער האָט זיך נישט אַ מאָל דערוווּסט פון זייער באַזוך אַנומלט אין מוזעום, אויף יענער אויס־שטעלונג דאָרטן מיט די שיינע צדקניות, די מאַזשגאַרן, און זיינע ווערטער איצטער זענען אַזאַ מין רמז און שטאָך... אָבער ס'האָט איר נישט געפּאַסט אים איבערצופרעגן נאָך אַ מאָל... — זי וועט שוין שטעלן די באַנקעס ווי זי וועט פאַרשטיין, אַזוי ווי זי פּלעגט זיך אַלע מאָל נוהג זיין — „אָנהאַקן אַ פּאָר פּלייצעס"...

אסתר־ליבע האָט געמאַכט משה־איציקלען אַ גאָגל־מאָגל, טיי מיט מאַלינע־סאָק, וואָס זי האָט אַליין איינגעלייגט. אויך אַספּירין האָט דער חולה געשלונגען, אָבער זי איז זיכער געווען אַז געשוויצט האָט ער דער עיקר אַ דאַנק איר מאַלינע־סאָק... און וואָס שייך די מעדיקאַמענטן מיט די רויטע פּאַסיקלעך אַרום די העלדזלעך פון די פלעשעלעך, ווו ס'איז אָנגעשריבן: „אַכטונג, נישט אַריבערגיין די פאַרשריבענע דאָזע", האָט ער זיך נישט אַזוי

געאײלט צו זײ. ער האָט, אגב, נישט פֿאַרשטאַנען וואָס מען זשאַלעוועט אַזױ די מציאה... ער האָט אַלץ געוועדט מיט גרינגשעצונג וועגן דעם יונגן דאָקטער, וועלכער גײט זיך לערנען אױף זײן שלאָפֿקײט הײלן; און װי ער האָט דאָס קאָמאַנדעוועט מיט אים, אַן עלטערן מענטש: דאָ הוסט יאָ, דאָ הוסט נישט, דאָ אָטעם יאָ, דאָ אָטעם נישט... נאָך אַ צוציק, וואָס טראָגט אױף זיך דאָס דאָקטערישע טרײבל װי אַ שפּילעכל, אָדער נאָך גאָר װי אַ מאַמקע...

אין אָוונט האָט זיך דער הוסט בײַ משה־איציקלען פֿאַרשטאַרקט, יעדע עטלעכע מינוט האָט ער אים אָנגעכאַפּט װי אַ גזלן. „איך הער דאָך שוין, מײַן מאַן, אַז דו האַקסט האָלץ, גײ איך דיר שטעלן באַנקעס", האָט געזאָגט אסתּר־ליבע און אַרויסגענומען פֿון אַ שאַפֿקע דאָס בלעכענע קעסטל מיט באַנקעס און דעם שפּירט. — „קודם־כּל, מײַן מאַן, וועל איך דיר אײַנרײַבן אַ פּלײצקעלע מיט שפּערטעס" — האָט געזאָגט אסתּר־ליבע.

דער חולה האָט געפֿאָלגט װי אַ גוט קינד און זיך איבערגעקערט אין בעט מיטן פּנים אַראָפּ און מיט אַ פֿאַרקאָשערטער פּלײצע. ער האָט כּסדר געקרעכצט פֿון הנאה, דערפֿילנדיק װי אסתּר־ליבעס פֿינגער וועלגערן און רײַבן זײַנע בײנער. „אַ, ס׳איז גוט, אסתּר־ליבע, ס׳איז גוט... — האָט ער געקרעכצט פֿון הנאה — לײג צו אַ האַנט... אַ, ס׳איז גוט... אָט אַזױ, שטאַרקער, מיט כּוח, אסתּר־ליבעלע"... — „מיט כּוח? וווּ זאָל איך דיר דאָס נעמען, מײַן מאַן? מײנסט אַוודאי, אַז איך בין נאָך אַלץ אַן אײַזערן שטיק װי אַ מאָל?... שטאָ די מײדלשע כּוחות, משה־איציקל"... — „שטאָ, שטאָ... נו, יאָ"... — האָט משה־איציקל געקרעכצט, דאָס מאָל נישט פֿון הנאה, נאָר פֿון באַדויער.

די באַנקעס האָבן געקלונגען װי פּסחדיקע כּוסות. זײ זענען אײנציקוויז אַרויס פֿון בלעכענעם קעסטל און זיך אויסגעזעצט אויף משה־איציקלס לאָפּאַטקעס. אײנע בלויז האָט זוכה געווען צו זײַן אָנגעשעפּט מיטן שפּירט און יעדעס מאָל האָט די אײַנגעטונקענע אין איר וואַטענע קנויט אויפֿגעבליצט מיט אַ בלוילעכן פֿלאַם, װי אַ הבדלה.

אַז די גאַנצע פּלײצע משה־איציקלס איז שוין געווען „אָנגעהאַקט", האָט אסתּר־ליבע אַראָפּגעצויגן דאָס העמד איבער איר מאַנס רוקן, אַ באַגלאָזטן,

וואָס האָט געוועקט פּחדים, מיט אַ ציטער און פּאָרכטיקייט, ווי מען ציט אַראָפּ דאָס מענטעלע פון אַ ספר־תורה. זי האָט זיך נאָך דעם אַוועקגעזעצט וואַרטן לעבן איר מאַן אַ פופצן מינוט ביז עס וועט „אָנצ׳עין״.

די גאַנצע צייט האָט זי אים דערציילט פאַרשידענע מעשׂיות, בכדי צו באַלאַמוטשען אים און אים פאַרשפּילן ווי אַ קינד און עס האָט זיך איר געדאַכט בשעת־מעשׂה ווי אונטערן העמד ביי אים אויף די פּלייצעס באַקט זיך אַ געבעקס. נאָך דעם האָט זי איינציקווייז מיט פּאָרזיכטיקייט אַראָפּגעַ־נומען די גלעזלעך, וואָס זענען שוין געווען גוט צוגעפּעסטיקט צו משה־איציקלס הויט ווי צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס, און יעדער אַראָפּנעם באַזונ־דער האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ קוש, ווי אסתּר־ליבעס אַ קוש: „צו געזונט, משה־איציקל, אַ רפואה שלימה״, און דערנאָך, ווען אַלע גלעזלעך זענען שוין געווען אַראָפּגענומען, האָט משה־איציקלס פּלייצע, מיט די אויפגעלאָפענע טונקעלע רעדלעך — די איבערגעלאָזטע סימנים פון די געשטעלטע באַנקעס — אויסגעזען ווי אַ פּריש בלעטל מיט פּסחדיקע פאַרברוינטע מאַקאַראָנדלעך...

צו מאָרגנס, ערב יום־כּיפּור, איז נאָך די היץ ביים חולה נישט געהאַט אָפּגעפאַלן. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך געהאַט אַ ביסעלע געהויבן. דאָס שמאָלע פּאַסיקל לענגאויס דעם טערמאָמעטער האָט נאָך צוגעשפּרייזט, אַרי־בערגעקלעטערט דעם באַריער־שטריך פונעם 38, זיך געצויגן און געפּויזעט אַרויפצו ווי אַ פייערדיקע שלאַנג. משה־איציקל איז געלעגן ווי פאַרטראָגן מיט אַ גלאַנציקן גלי אין די אויגן. ער האָט שוין איצטער געוווסט, אַז צו כּל־נדרי וועט ער מוזן זיין אין דער היים. ער האָט זיך נישט וואָס באַריש צו מאַכן. זיין עקשנות האָט מער נישט קיין זין. אַזוי וועט עס שוין זיין, האָט ער איינגעזען, און ער האָט פון דעם געליטן מער נאָך ווי פון זיין שלאַפקייט. אסתּר־ליבע האָט ווי אַרויסגעפילט וועגן וואָס איר מאַן טראַכט און זי האָט זיך אָנגערופן: „וואָס קען מען טאָן, מסתּמא איז מען דאַך אַזוי ווערט ביי גאָט״...

אַז פּיער איז נאָך מיטאָג אַרויפגעקומען מיט זיין ווייב מבקר חולה זיין דעם טאַטן, האָט מען אין גאַנצן נישט גערעדט וועגן גיין צו כּל־נדרי. ס׳איז שוין געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. פּיער האָט געמוזט אָפּזאָגן דעם

האָטעל, וואָס ער האָט נעכטן געדונגען פאַר טאַטע־מאַמע אויף היינט אָוונט. און ער האָט אויך געהאַט עגמת־נפש דערפֿון. ער האָט צוגעזאָגט אָבער דעם טאַטן, אַז ער, דער זון, וועט פאַרנאַכט צוגיין אין סינאַגאָגע פאַר אים, פאַרן אַלטן פאָטער. משה־איציקלס פאַרשמאַכטע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ שיין פון צופרידנקייט. עס האָט אים זייער הנאה געטאָן דעם זונס הבטחה. פאַרט אייגן בלוט און פליש. ער האָט געפילט, משה־איציקל, ווי דורך זיין זונס צוגיין צו כל־נדרי וועט אים אפשר דער זכות ביישטיין אין די הימלען אין די פאַרכטיקע שעהען; ס׳וועט זיין אָנגעלייגט אויבן און מען וועט זיך רעכענען מיט דעם... פיערן איז אפילו איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו לאָזן שפּעטער, פאַרנאַכט, פאַרן צוגיין אין סינאַגאָגע, אויפשפּילן פאַרן טאַטן אַ פּליטע מיטן ניגון פון כל־נדרי, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן סוף כל סוף, איבערטראַכטנדיק, אַז עס קען נאָך אפשר דעם טאַטן ווי טאָן דאָס הערן דעם כל־נדרי־ניגון דורך דער אָנגעשטעלטער כלי, דורך דער קאָטערינקע, ווי דער טאַטע רופט אָן דעם עלעקטרישן פּאַנאָגראַף.

אין משך פונעם פרימאָרגן פון יום־כיפור איז די טעמפּעראַטור ביים קראַנקן אַראָפּגעפאַלן ביז 36,8. דער הוסט איז שוין אויך געוואָרן שיטערער און זיך איינגעשטילט. אָבער די אָפּגעשוואַכטקייט האָט אים געהאַלטן אין בעט, געצויגן ווי אַ מאַגנעט, ווי אַ שטיק בליי. עסן האָט ער סיי ווי נישט געטאָרט מער ווי דאָס, וואָס אַ פויגל קאָפּט אָוועק, אַ ביסקאָט, אַ ביסעלע זופּ, אויסגע־קאָכט אין גרינצייג. בלויז אַ ביסל וואַרעם וואַסער, גאַנץ פּשוט. האָט משה־איציקל דעריבער געהאַלטן, אַז מיט דעם און אָן דעם איז אַלץ איינס. ס׳הייסט סיי ווי נישט געגעסן. וועט ער זיך בעסער נישט נאַריש מאַכן און פּרובירן פאַסטן, זיך שטאַרקן און אויסהאַלטן. קיינער האָט אים נישט געקענט אָפּהאַלטן פון פאַסטן. נישט אסתר־ליבע און אויך נישט פיער. אסתר־ליבע האָט אפילו געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט נעמען אויף זיך די אחריות אָפּצורעדן עמעצן פון פאַסטן, אפילו אַ שווער־קראַנקן און אפילו אָן אייגע־נעם מאָן. מען דאַרף איבערלאָזן די בחירה פאַרן נוגע בדבר גופא. און זי אַליין, ווען עס האָט איר שוין פאַרנאַכט שטאַרק גענומען נאָגן אונטערן לעפעלע, האָט זי פּרובירט שמעקן האַרבשטאַרק, ווי די שוואַכע ווייבער אַ מאָל אינעם עזרת־נשים פון גלינסק פלעגן עס טאָן פאַר נעילה.

פיער האָט צוגענומען פון די צווי פאַסטערס קוויקן. ער באַשווערט דאָך

נאָך טאַטע־מאַמע און סיי ווי האָט ער נישט וואָס טועם צו זיין ביי זיי. און פאַר וואָס טאַקע זאָל ער זיך מוטשען צוליב זיי, בפרט, אַז עס איז נישטאָ קיין חוק אויף דעם, אַז אַ הונט ביי ייִדן דאַרף אויך פאַסטן אום יום־כיפור...

אסתּר־ליבע און אויך משה־איציקל האָבן אויסגעהאַלטן קוים מיט צרות דעם תּענית. זיי האָבן יאַקאָש ווי עס איז דערצויגן ביז צום ערשטן שטערן און זיך געוואַשן צו אַ שטיקל מוצאי־יום־כיפורדיקער סעודה, וואָס זיי האָבן זיך כשר פאַרדינט. שפּעטערצו איז אויך אַרויפגעקומען פּיער מיטן ווייב, מיט די קינדער, זשאַנאַ און ליליאַן, און אויך מיט קוויקן. ס'איז געווען אַ נישט־אָפּגערעדט פּראַוועון אַ שמחהלע און מאַכן אַ לחיים פאַרן ערשטן סימן פון טאַטנס אַרויסגיין פון זיין שלאַפקייט און אַ געלעגנהייט צו ווינטשן אַ גוט יאָר און אַ רפואה שלימה.

דעם קראַנקן איז בעסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ער האָט שוין אָנגעהויבן אַ ביסל אַרומצושפּאַנען אין שטוב אין אַ שלאַפראָק און אַרויפצו־וואַרפן אויף זיך דעם טלית אין די פרימאָרגנס צום דאַווענען. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עפּעס אסתּר־ליבען גענומען באַפאַלן אַ קאָפּ־שווינדל און עס האָט איר געפּייפט אין אַן אויער. אַ נײַ משולחת פון דער העלער הויט. זי האָט זיך אויף דעם זייער געחידושט, ווייל ווען האָט איר דען דאָס געפּייפט אין אַן אויער ? עס האָט איר דערמאָנט אַ ביסל אינעם פּייפן פון טשייניק, איידער ער גייט קאָכן. און טאָמער וועט זיך ביי איר דאָס פּייפּעניש נישט איינשטילן, האָט זי געטראַכט מיט מורא, וועט מען ווידער דאַרפן רופן אַ דאָקטער. הכלל, זינט זיי ווינען דאָ אין דעם סטודיאָ האָבן זיי נאָר צו טאָן מיט דאָקטוירים. זיי האָבן זיך ערשט אַרומגעקוקט וועגן אַלץ און געמאַכט דעם סך־הכּל. צום ערשט איז אונטערגעקומען דער פּוס, די צרה וואָס דער הונט האָט געבראַכט אויף זיי, דערנאָך דאָס פאַרקילעכץ, און איצטער דאָס פּייפן אין אויער. אחוץ דעם, דער פאַרשטערטער ראש־השנה און יום־כיפור.

— מסתּמא זענען מיר דאָך אַזוי ווערט ביי גאָט — האָט אסתּר־ליבע ווידער געטענהט דאָס איריקע — זינט מיר ווינען דאָ אין דער קאַרטיע האַלטן זיך נאָר אין איין טשעפּען צו אונדז פאַרשידענע צרות. דער רבונו של עולם, זע איך, האָט זיך גוט אָנגעזעצט אויף אונדז.

משה־איציקל האָט דאָס מאָל אפילו נישט געהאַט קיין פאַראיבל אויף

אסתר־ליבעס עזותדיקע רייד און איר נישט אויסגערעדט צומאָל דערפאַר. ער האָט נאָך גאָר אין געדאַנק אויסגעפונען אַ שטיקל זכות אויף איר, באשר בכן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט אויך אַזוי געטענהט צו גאָט און זיינע רייד האָט מען אפילו געקענט אָננעמען פאַר מרידה.

— נו, יאָ, — האָט ער אָפּגעזיפצט און אַרייגעפאַלן אין אַ טאָן פון עצבות — איך זע דאָך בפירוש, אַז עס איז מן־השמים. נישט אַנדערש, נאָר אַז אויבן וויל מען אַזוי. דער רבונו של עולם וויל נישט אַז מיר זאָלן ווינען דאָ אין דער קאַרטיע. איך זע עס דאָך באַשיינפּערלעך.

דאָס מאָל האָט אסתר־ליבע גענומען אַריינאַרבעטן אין משה־איציקלען, אַז מען זאָל אַלץ טאָן, אַז זיי זאָלן זיך קענען צוריק אַריבערקלייבן אין זייער פריִערדיקער וווינונג אויפן בעלוויל. — „רעד איבער מיט פּיערן, אַז ער זאָל זען עפּעס צו טאָן — האָט זי נישט צו רו געלאָזט איר מאַן — דיך וועט ער גיכער הערן. רעד מיט אים, ער איז דאָך אַן אַדוואָקאַט. ער טוט אויף אַזוי פיל פאַר אַנדערע, זאָל ער פאַר אונדז אויך עפּעס אויפטאָן״.

פּיער האָט צוגעזאָגט צו טאָן פאַר זיי אַלץ. צו פאַרבינדן זיך גלייך מיטן לאָקאַטאַר, וואָס פאַרנעמט זייער דירה. צו דערליידיקן דעם ענין אַזוי שנעל ווי מעגלעך. ער האָט מער נישט געהאַט קיין העזה אָפּצורעדן טאַטע־מאַמע פון זייער באַשלוס. ער האָט געשריבן בריוו אויף אָפיציעלע פּאַפּירן פון זיין ביוראָ צום לאָקאַטאַר, וואָס פאַרנעמט די דירה פון זיינע עלטערן. און משה־איציקל האָט אים אַלע מאָל איבערגעפרעגט: — „נו, ווי האַלט עס מיט מיין ענין, מיט מיין „אַפער״? ער רוקט זיך עפּעס פאָרויס?״ — „ס׳איז נישט אַזוי פשוט ווי עס דאַכט זיך דיר אויס, טאַטע, עס פאַרלאַנגט זיך אַ לאַנגע פּראָצעדור — איז פּיער גאָרנישט געווען אַזוי האָפערדיק — דאַרפסט וויסן, אַז די מענטשן ווינען שוין דאָרטן אַ שטיקל צייט און דאָס געזעץ זעט נישט פאָר, אַז עס זאָל דערלויבט זיין זיי אַרויסצוואַרפן״.

— שוין? הייבסט שוין ווידער אָן מיטן געזעץ? — איז משה־איציקל אַ ביסל אַרויס פון די כלים — לאָמיך שוין געמאַך, מיין זון, מיט דיינע געזעצן. אויף אַלץ האָסטו באַלד אַ געזעץ, פּונקט ווי אַ פרומער ייִד האָט אויף אַלץ אַ פּסוק — און נאָך אַ באַרויִקונג האָט ער זיך געלאָזן איבערגעפרעגט: און אפשר, פּיער, וואָלסטו געקענט אַרומגיין דאָס געזעץ?

— אַהאַ — האָט פּיער טריומפירט — איצטער, טאַטע, ווילסטו שוין יאָ,

אַז מען זאָל אַרומגיין דאָס געזעץ... נישט שטענדיק אָבער לאָזט זיך גיין. מען קען אויך אַ מאָל צעברעכן די פיס דערביי...

משה־איציקל האָט שוין איצטער מער נישט געוואָגט עפּעס אָקעגן צו זאָגן זיין זון און שטילערהייט האָט ער אים אפילו צוגעגעבן גערעכט. עס איז נישט געבליבן פאַר אים מער ווי צו וואַרטן. און ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט ביז ער האָט זיך דערוואַרט. אין אַ דריי וואָכן אַרום איז פּיער אַרויפגעקומען מיט אַ גוטער בשורה. ער האָט באַקומען אַ בריוו פון טאַטנס לאַקאַטאַר, אַז ער וועט זיך אין גיכן אַרויסציִען און באַפרייען די דירה; יענער האָט צופעליק באַקומען צו דינגען אַ וווינונג ביי אַ ייִדיש פּאַרפּאָלק, וואָס איז עולה קיין ישׂראל און טאַטע־מאַמע וועלן זיך קענען צוריק אַריינציִען אין זייער אַמאָליקער דירה נאָך שנעלער ווי זיי האָבן געהאָפט.

דאָס געמיט ביי אסתּר־ליבען און אויך ביי משה־איציקלען איז איצטער געווען אויסגעלייטערט און באַרויִקט. משה־איציקל האָט זיך שוין איצטער געפילט אין גאַנצן גוט און אויך דאָס פייפן ביי אסתּר־ליבען אין אויער האָט אין גאַנצן אויפגעהערט, פון זיך אַליין. אַזוי ווי מען האָט נישט געוווּסט פון וואַנען עס איז געקומען, אַזוי האָט מען נישט געוווּסט ווו עס איז אַהינגעקור־מען. דאָס אַלטע פּאַרפּאָלק האָט אויף ס׳ניי געמאַכט זייערע טאָג־טעגלעכע שפּאַצירן אין פּאַרק. קוויק איז שוין ווידער געווען ביי זיי, האָט ער זיי געטריי באַגלייט, געפּלאָנטערט זיך צווישן זיי ביידע, געגעבן אַ שמעק דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיינעם קיין קנאה און אַרויסגעוויזןביידן גלייך די זעלבע מאָס ליבשאַפט, איינעם נישט מער ווי דעם אַנדערן. אסתּר־ליבע האָט ווי תּמיד געטראָגן מיט זיך דאָס יזכור־בוך, איינגעוויקלט אין אַ טיכל, ווי אַ מחזור. ס׳איז נאָך אַלץ געווען אין וואָס אַריינצוקוקן דערין און וואָס צו זען. אסתּר־ליבע, זיצנדיק מיט איר מאַן אויף די צווויי שטולן אין פּאַרק, האָט געפּאַטשט הויך מיט די ליפּן, לייענענדיק די ייִדישע ווערטער פון עפּעס אַ געשיכטע. זי האָט צונויפגעשטיקעוועט גאַנץ שווערלעך אַ זאַץ און טייל מאָל האָט זי נאָך די זאַצן אויסגעזונגען מיט איר ניגון פונעם טייטש־חומש. משה־איציקל האָט זיך גאַנץ אָפּט צוגעכאַפּט צו אַ מאמר אין דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס האָט זיך געפונען אין בוך, כאָטש ס׳איז נישט געווען אין גאַנצן דער זעלבער לשון־קודש, וואָס ער האָט געקענט, און דאָס, וואָס זיי האָבן נישט פאַרענדיקט לייענען אין

פּאַרק זיצנדיק, האָבן זיי דערלייענט אין שטוב, אַרויפקומענדיק, אויפן באַלקאָנדל פון זייער סטודיאָ און אַ מאָל אויך אין בעט, זיך צושפּאַרנדיק נאָכן שפּאַציר.

— דאָס בוך איז אַזוי גרויס — האָט איין מאָל געזאָגט דאָס ווייב צום מאַן — אַז ווער ווייסט צי מיר וועלן עס נאָך באַווייזן אויסצולייענען ביז מיר וועלן זיך אַריבערציִען.

— מען קען גאָרנישט וויסן — האָט געזאָגט דער מאַן צום ווייב — מען דאַרף האָבן בטחון. אַז גאָט וועט נאָר וועלן, וועלן מיר דאָס בוך פאַרענדיקן לייענען דאָ און אַז ער וועט וועלן, וועלן מיר עס פאַרענדיקן דאָרטן, אין אונדזער אַלטער אַמאָליקער דירה.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אסתר־ליבע איז געווען גערעכט, ווייל דאָס יזכור־בוך האָט מען שוין נישט פאַרענדיקט לייענען דאָ, אינעם סטודיאָ. ווייל אין גיכן האָט פּיער צו וויסן געגעבן, אַז אין אַ וואָך אַרום קענען זיך טאַטע־מאַמע אַריבערקלייבן אין זייער פריִערדיקער דירה. זייער לאָקאַטאָר איז פּשוט געצוווּנגען אַריינצוציִען זיך וואָס שנעלער, כאָטש אַריינשטעלן אַ פּוס אין זיין נייער וווינונג, ווייל אַנישט וועט עמעץ אַנדערש קענען דאָרטן אַריינגיין. אסתר־ליבע האָט שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן איינפּאַקן אירע זאַכן. יעדן טאָג האָט זי אַרויסגענומען עפּעס אַנדערש פון דער שאַפע, פון אַ פּלאַקאַר: אַ קאָשיק, אַ וואַליזע, אַ מלבוש, אַ שמאַכטע.

אַ פּאָר טעג פאַרן אַריבערקלייבן זיך האָט שוין דער סטודיאָ אויסגעזען ווי אַ גאַנצער יאַריד. ס'איז גראָד געווען אַ לינדער זוניקער טאָג, איינער פון די געשענקטע נאָך ליכטיקע און שיינע טעג פון נאָך סוכות, ווען דער פּאַרק נעמט אָן דעם ברוינלעכן קאָליר פון טאַבאַק און פאַרשטויבט גאָלד. נאָכן אָפּעסן מיטאָג האָט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק באַשלאָסן אויסצוניצן דאָס היינטיקע מילדע וועטער, די וואַרעמע מחיהדיקע זון, און פריִער אַ ביסל אַראָפּגיין אין פּאַרק שפּאַצירן און שפּעטער זיך צולעגנען אין שטוב. זיי האָבן זיך ווי יעדן טאָג אַוועקגעזעצט אויף זייערע צוויי שטולן און געבלעטערט דאָס יזכור־בוך. זיי האָבן געמישט בלויז די זייטן ווו עס געפינען זיך בילדער, זיי האָבן געמישט, געמישט, ווי זיי וואָלטן געמישט די ווייטע פאַרגאַנגענע יאָרן זייערע. געלייענט האָבן זיי נישט, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט מער קיין

געדולד דערצו פֿאַרן צי'ען זיך. זיי האָבן דערנאָך פֿון דעסטוועגן פּרובירט אָנהייבן לייענען אַ מעשׂה וועגן יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געווען טעטיק אין די וועלדער אַרום גלינסק, אָבער זיי האָבן די זאַך נישט פֿאַרענדיקט. אַז די זון איז געוואָרן קילער, האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן און אַרויף אין שטוב. זיי האָבן זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אָפּרוען זיך פֿונעם שפּאַציר. דאָס יזכור־בוך איז געלעגן אַן אָפֿנס פֿאַר זייערע אויגן אויף דער קאָלדרע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך גוט צוגעדעקט. די ליבע וואַרעמקייט האָט זיי שוין איצטער, פֿאַרנאַכט, פֿאַליוביעט און געשמעקט. זיי האָבן געוואָלט פֿאַרענדיקן די באַשרייבונג וועגן די פּאַרטיזאַנער און אסתּר־ליבע האָט גענומען לייענען געלאַסן מיטן ניגון פֿון טייטש־חומש: „אַז די דייטשן זענען אָנגעקומען מיט פֿאַרשטאַרקטע כּוחות דורכצוקעמען די וועלדער אַרום גלינסק, האָבן די יידישע פּאַרטיזאַנער פֿאַרלאָזט זייער באַזע און זיך איבערגעטראָגן אין אַנדערע ערטער...”

אסתּר־ליבע האָט ווייטער נישט געקענט לייענען. די אויגן האָבן זיך איר גענומען צוקלעבן. — „ווייסטו וואָס, מיין ווייב, האָט זיך פּלוצים אָנגערופֿן משה־איציקל, אפֿשר וואָלסטו אַראָפּגעגאַנגען צושטעלן אַ קאַפֿע. איך וואָלט זיך איצטער ממש מחיה געווען מיט אַ ביסל וואַרעמס”... נישט ענטפֿערנדיק גאָרנישט, איז אסתּר־ליבע אַראָפּ פֿון בעט און אַריין אין דעם דערבײַיקן אָפֿענעם קיכל. זי האָט אָנגעצונדן דעם גאַז. דאָס קרענצל פֿון פּיאָלעט־בלוילעכע פלעמעלעך אַרום, וואָס האָבן געציטערט און געסיקעט, האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרגעס־מיך־נישט־בלימל. אסתּר־ליבע האָט צוגעשטעלט דאָס לאַנגע שמאָלע קאַפֿע־קענדל אויפֿצוקאָכן וואָסער און זיך צוריק אַריינגעלייגט אין בעט. די אויגן האָבן זיך זיי צוגעמאַכט. זייערע גלידער זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט אַ שווערקייט. עס האָט זיי געצויגן ערגעץ אַראָפּ אַלץ טיפֿער און טיפֿער. אַזאַ ווייכע מחיהדיקע גוטסקייט האָט זיי אַרומגענומען און זיי האָבן מער נישט געקענט גובר זיין דעם שלאָף, וואָס איז זיי באַפֿאַלן...

דאָס אָנגעוואַרעמטע וואָסער אין קאַפֿע־קענדל האָט זיך גענומען קנייטשן און ברעכן. די ערשטע בלעזעלעך, קליינע, ווי שפּילקע־קעפּלעך, האָבן זיך גענומען זאַמלען דערויף צום זידן. וואָס אַ מאָל זענען זיי אַלץ געדיכטער און גרעסער געוואָרן. דאָס קענדל האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פֿון זיך דינע טענער, ווי מענטשלעכע זיפֿצן. די צונויפֿגעזאַמלטע בלעזלעך אין קאָכנדיקן

וואַסער האָבן שוין איצטער געטאַנצט און געשפּרונגען, ווי איינס וואָלט געוואָלט איבערשטייגן דאָס אַנדערע. די פּאַרע האָט געזעצט דורכן שנאָבל פֿונעם קענדל און אויך דורכן דעקל, וואָס האָט זיך אַלע מאָל אונטערן דרוק פֿונעם דאַמף אונטערגעהויבן און זיך צוריק צוגעמאַכט, אין איין זייט, ווי אַ פֿיש אויף דער יבשה, וועלכער האָט נישט מיט וואָס צו עטעמען און מאַכט אויף און מאַכט צו דאָס מויל, זוכנדיק אַ רעטונג. די פּאַרע איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און רוגזהדיקער, זי האָט אַלץ אָפטער און אַלץ העכער אַרויפֿגע־שטופּט דאָס דעקל ביז זי האָט עס אין גאַנצן אַראָפּגעשליידערט. איצטער האָט דאָס זידנדיקע און צוואַלוועדיקע וואַסער זיך געריסן אין דרויסן אַרויס, אַרי־בערגעפּלייצט די ראַנדן פֿונעם קענדל און פֿאַרגאָסן די גאַז־פֿלעמעלעך, וואָס האָבן זיך גענומען פֿאַרלעשן איינס נאָכן אַנדערן. דאָס פֿיאָלעט־בלווילעכע פֿאַרגעס־מיך־נישט־בלימל איז צעפֿאַלן און פֿאַרשוווּנדן און בלויז געלאָזט נאָך זיך אין חלל אירע בענקשאַפֿט־רופֿן: פֿאַרגעס מיך נישט, פֿאַרגעס מיך נישט, פֿאַרגעס מיך נישט... דאָס זידנדיקע וואַסער אין קאַפֿע־קענדל האָט זיך איינגעשטילט, באַרויִקט, עס האָט זיך איצטער געהערט בלויז דאָס עטעמען פֿון די צווײ אַלטע לייט אין שלאָף און דאָס טיקען פֿונעם שפּאַרנ־דיקן גאַז. פּלוצלינג האָט זיך אויפֿגעמאַכט אַ טירעלע, אַ קלאַפּע פֿונעם אַלטמאָדישן זייגער, וואָס דאָס אַלטע פֿאַרפּאָלק האָט זינט יאָרן נישט געקענט זיך שיידן מיט אים, און אַ פֿויגל האָט פֿון אינעווייניק אַרויסגעשטעקט דאָס קעפּל, פּאַרן שלאָגן די שעה און אויסגערופֿן זיין שטענדיקן פּזמון: „קוקו, קוקו", וואָס האָט עפּעס געקלונגען ווי אַ וואָרענונג. אָבער קיינער האָט אים איצטער נישט געהערט. דער אומרו פֿונעם זייגער האָט זיך באַוועגט געלאָסן אַהין און אַהער, אַהין און אַהער. דער זייגער האָט מיט אים אָן אויפֿהער געשאָקלט אין דער ברייט אויף ניין — ניין און ניין. ניין און ניין...

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

צו מאָרגנס אין דער פֿרי, ווען דורך די טירן האָט מען אין קולואַר, ווי געוויינלעך, געהערט קלינגען די וועקזייגערס און מען האָט פֿויל און אָן חשק גענומען אויפֿשטיין פֿון די געלעגערס, האָבן שכנים, וואָס זענען די ערשטע אַרויס פֿון שטוב, דערשפּירט עפּעס אַ פֿאַרדעכטיקטן ריח, וואָס איז געקומען

דורך דער טיר פונעם אַלטן פּאַרפּאַלק, ס׳איז געווען אין דער שעה ווען מען איילט זיך אַוועקצוגיין אין ביוראָ, אין געשעפט, אין אַטעליע; ווען צווישן גיכן ראַזירן זיך, נערוועזן צושפּיליען אַ ביוסטהאַלטער און בחפּזונדיקן פרי־שטיק, כאַפּט מען אַריין על רגל אחת די ערשטע אינפאָרמאַציעס פון ראַדיאָ און עס טראָגט זיך אַרום דער ליבער אַראָמאַט פון אויפגעקאָכטע קאַפע.

אָבער דער ריח, וואָס האָט זיך איצטער אַרויסגעטראָגן דורך דער טיר פונעם אַלטן פּאַרפּאַלק, איז געווען גאָר אַן אַנדערער און ער האָט אַרויסגערופן חשד און אומרו. מען האָט גענומען אָנקלאַפּן אין דער טיר פון די אַלטע לייט, צום ערשט דיסקרעט און שטיל, נישט אויפצוּוועקן זיי, און דערנאָך הויך און נאָך העכער, אָבער קיינער האָט זיך פון אינעווייניק נישט אָפּגערופן. דאַן האָט מען באַשלאָסן דאָס צו מעלדן דער קאָנסיערזשקע. זי איז גלייך געקומען צו לויפן מיט אַ בינט שליסלען אין האַנט און דער עיקר, מיט איר פּאַס־פּאַרטו, אַזאַ מין שליסל־כל־בוניק, וואָס פּאַסט צו אַלע טירן. בליץ שנעל אָבער האָט זי פּאַרן אויפשליסן די טיר זיך מישב געווען, אַז עס וועט זיין גלייכער, און אויך פּאַרזיכטיקער, פּאַר אַלעם אָנצוקלינגען אין קאָמיסאַריאַט.

שפּעטער, נאָך דעם ווי פּאָליציי און פייערלעשער זענען אַריין אין דער דירה פונעם אַלטן פּאַרפּאַלק און זיך געהאַט געפּאָרעט אינעווייניק, איז דאָס גאַנצע געזעמל שכנים מיט דער קאָנסיערזשקע בראש אַריין דאָרטן. אָבער גלייך נאָכן מאַכן די ערשטע פּאָר טריט, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אַ רגע אויף הינטערווייַלעכץ פּאַר איבערראַשונג און דערשרעק צוליב דעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן דערזען.

אין דער אומאָרדענונג פונעם סטודיאָ, אָנגעהויפט פון פּעק, אָפענע וואַליזעס, מלבושים און כלים, ווי מען וואָלט זיך דאָ געהאַט געגרייט צו אַ רייזע, איז אויפן בעט געלעגן דאָס פּאַרפּאַלק שטיל און אומבאַוועגלעך. די אַריינגעקומענע האָבן ערשט מיט אַ פאַרקלעמטן שווייגן באַטראַכט דאָס אומהיימלעכע בעט. די צוויי אַלטע לייט זענען געלעגן דערויף מיט עטוואָס צוגעבויגענע קעפּ, איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן זיך עפּעס געזאָגט, אַריינגעשושקעט זיך אַ סוד, וואָס זיי האָבן זיך אפשר דאָס גאַנצע לעבן נישט באַוויזן צו זאָגן. זייערע הענט האָבן זיי געהאַלטן אין דרויסן אַרויס אויף עפּעס אַ גרויסן אָפענעם בוך, וואָס איז געלעגן פּאַר זיי אויף דער קאָלדרע און עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געטייטלט מיט די פינגער אויף אַן אָרט, וואָס

זיי האָבן אויסגעזוכט אין די אויפגעמישטע בלעטער און זיי ווייזן דאָרט אָן דערויף איינער דעם אַנדערן...

אונטן, לעבן זיי, אויפֿן קליינעם טעפּיכל ביים בעט, איז געלעגן אויסגע־צויגן קוויק, אָן אַנטשוויגענער, מיט אַ שטיק אַראָפּגעשלעפּטע קאָלדרע אין זיין פּיסק...

די מענטשן האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. זיי זענען געווען איין שטיק שווייגעניש. פּלוצים האָט די געדריקטע שטילקייט איבערגעריסן דער פֿויגל פֿונעם אַלטמאָדישן זייגער מיט זיין „קוקו" פֿאַרן שלאָגן די שעה, וואָס האָט עפּעס, נישט־ווילנדיק, איצטער געקלונגען ווי אַפּלאַכעניש, ווי חילול. דורך דער אויפגעפּראַלטער באַלקאָן־טיר, וואָס די פֿייערלעשער האָבן פֿריִער געהאַט אויפגעמאַכט, בכדי דער גאַז־ריח זאָל אַרויס, איז איצטער אַריין אַ קילער פֿרימאָרגן־ווינט. ער האָט אַרומגעפּלאָטערט אין אַלע ווינ־קעלעך פֿון שטוב און געשנישטערט אין דעם אָנגעוואַלגער פֿון זאַכן. דאָ האָט ער באַוועגט די ציצית פֿון אַ נישט־צונויפֿגעלייגטן טלית און דאָ די פֿראַנדזן פֿון אַ ווייבערישער יום־טובדיקער שאַל. אָט האָט ער געמישט די בלעטער פֿון אַן אָפֿענעם ספֿר און אָט פֿון אַ פֿאַרגעלטן טייטש־חומש. ער האָט צוגעטאָן איין ספֿר צום צווייטן, איין בלאַט צום אַנדערן. אָט האָט ער אַרויסגעכאַפּט פֿון די בלעטער אַרויס זייער בשותּפֿותדיקן איבערגעבליבענעם ניגון און איז צוריק אַרויס אין דרויסן דורכן באַלקאָנדל פֿונעם סטודיאָ און אַוועק מיט אים העט ווייט איבער די דעכער פֿון פּאַריז. ער האָט זיך געטראָגן מיט אים אַלץ העכער און העכער איבערן ערדישן געווימל, איבערן געפּלאָנטער פֿון דראָטן און אַנטענעס, איבער מויערן און קוימענס, איבער טורעמס און קו־פּאָלן, איבער שטאָק און שטיין, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

דער סוד

# דער סוד

קיינער פון דער משפּחה, נישט דאָס ווייב, נישט די צווי טעכטער און אײדעמס, אַחוץ דעם זון וויקטאָר, סטודענט פון לעצטן יאָר מעדיצין, האָט נישט געוווּסט, אַז זעליק ראַפּאָפּאָרטליידט אויף אַ געפערלעכער קראַנקייט און ס׳האַלט מיט אים שלעכט.

נאָך דעם ווי עס זענען אָנגעקומען פון דער לאַבאָראַטאָריע די קאָנווערטן מיטן רעזולטאַט פון די אַנאַליזן, אין וועלכע עס איז געווען פאַרבאָרגן דער גזר פונעם קראַנקן, און די בילדער פון די ראַדיאָס, וואָס דער פאַמיליען־דאָקטער האָט געהייסן מאַכן, האָט מען זיי אין הויז געהאַלטן אין איין באַקוקן, פאַרשן, באַטראַכטן מיט נייגעריקייט, האַלטנדיק די בילדער אַנטקעגן דעם ליכט. ס׳האָט אויסגעזען ווי די שטובמענטשן וואָלטן געוואָלט אַרויסבאַקומען עפּעס אַ רמז, אָדער אַ מינדסטן באַשייד פון די געהיימע קאָנווערטן אַרויס און פון די אומהיימלעכע שוואַרצע קוואַדראַטן פון די קלישעס מיט די מאָדנע צייכנס, וואָס מ׳האָט געדרייט אַהין און אַהער, אָבער גאָרנישט געקענט דערגיין פון זיי.

— לאָזט נאָר מיך אויך אַ קוק געבן — האָט זיך זעליק געשטופּט צו זיי — כ׳בין דאָך דאָ עפּעס דער הויפּט־מחותּן, יאָ צי ניין? כ׳מעג דאָך אויך זען ווי אַזוי מען האָט מיך אָפּגעפּאָרטרעטלט — האָט ער זיך געמאַכט אַ לב, נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך קיין שלעכטע געדאַנקען, אָבער פון דעסטוועגן אָנגענומען די קלישעס מיט ציטערנדיקע פינגער, מיט אַ פאַרבאַהאַלטענער מורא. נישט מער, ער האָט זיך באַמיט די מורא ווי ווייט מעגלעך צו פאַר־טרייבן, צו פאַריאָגן זי פון זיך און באַווייזן פאַר די אַרומיקע, אַז ער איז קוראַזשירט און אַז די מאָראַל זיינע איז ביי אים גוט, ווי ער האָט זיך אויסגעלערנט צו זאָגן אין פראַנקרייך.

— איך דערקען זיך דאָך דאָ אין גאַנצן נישט — האָט ער זיך געחכמעט, קוקנדיק בשעת־מעשה מיט פאַרזשמורעטע אויגן אויף די צווי ווייסע רייען ריפּן פון זיין ברוסטקאַסטן אויף די קלישעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די פליגל פון אַן אויסטערלישן פויגל — עפּעס מאַכן זיי דאָך אַ סינעמאַ פון מיר !...

— קוק שוין נישט אַזויפיל אַריין אין דעם — האָט זיך צעשע, דאָס ווייב זיינס, אַריינגעמישט — קוקסט דאָך סיי ווי אין דעם ווי אַ האָן אין „בני־אָדם". פאָלג מיך, לאָז עס איבער פאַרן דאָקטער, ער וועט שוין קוקן פאַר דיר אויך, ער נעמט גענוג געלט פאַר דעם... וויקטאָר וועט אַהיימקומען וועט ער אויך אַ קוק געבן. ער רעכנט זיך דאָך שוין באַלד פאַר אַ גאַנצן דאָקטער.

מענטשן, גוטע פריינד, קאָמיטעט־מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „קלעשטשיוו און אומגעגנט", וועמענס פרעזידענט זעליק איז געווען יאָרן לאַנג, האָבן זיך געוואָלט דערוויסן דעם רעזולטאַט פון די אַנאַליזן און וואָס דער דאָקטער זאָגט. מען האָט געהאַלטן אין איין קלינגען, מען האָט ממש אָפּגעריסן דעם טעלעפאָן. מען האָט געקלונגען אין מאַגאַזין אַריין, דעם גרויסן קאָנפעקציע־הויז, אין דער צייט פון סאַמע געדיכטן לייזעכץ, באַשטעלונגען פון דער פּראָווינץ, וויכטיקע געשפּרעכן מיט קליענטן. די צווי טעכטער סילווי און שאַנטאַל, וואָס זענען איצטער, נאָך זייער חתונה, געווען שותפטעס צום הויז, האָבן דענערווירטע אָפּגענומען דעם טעלעפאָן, אָפּגעפּטרט מיט אַ שנעלן „סאַ וואַ", אָדער אַז מען ווייסט נאָך נישט דעם רעזולטאַט, נאָכגעשפּעט די לאַנדסלייט זייער פראַנצויזיש מיטן יידישן אַקצענט. אַז מען האָט געפרעגט צי מען קען רעדן מיטן טאַטן, האָבן זיי געענטפערט אַז דער פּאַפּאַ איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען, בשעת אין דער אמתן איז ער געשטאַנען דאָ דערלעבן,ביים טעלעפאָן. זעליק איז שוין געווינט געווען צו דעם ליגן, כאָטש צוגעוויינען זיך צו דעם איז אים נישט אָנגעקומען לייכט. ער האָט געוווּסט אָבער, אַז אַזוי פירט מען זיך אין מסחר, די געשעפטן פאַרלאַנגען דאָס, מען זאָל נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ. אין אָנהייב האָט ער דאָס נישט געקענט פאַרליידן און אָנגעזאָגט די טעכטער און דעם ווייב, אַז ווען מען פרעגט זיך אויף אים אין טעלעפאָן, זאָל מען אים גלייך צורופן און נישט איבערפרעגן ווער עס רעדט. ער דאַרף נישט דעם „דע לאַ פּאַר דע קי"...

אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך געמוזט, וואָס שייך דעם ליגן אין טעלעפֿאָן, אונטערגעבן די טעכטער זיינע, פּונקט ווי זייערע אַנדערע פֿירעכצער.

מען האָט געדאַרפֿט די קאַנוועדטן מיט די אַנאַליזן און די ראַדיאָס אַוועקטראָגן צום דאָקטער, אָבער דערוויל וואָס־ווען האָט זיי זעליק אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָליצע איבער דער ביוראָ, צווישן פֿאַקטורן און געשעפֿטס־פּאַפּירן. זאָלן זיי, די שוואַרצע קלישעס, נישט ליגן אים פֿאַר די אויגן און אַרויסרופֿן ביי אים אַ פּחד, האָט ער זיך געטראַכט. און אײדער מען וועט זיי אַוועקטראָגן, וויל ער אַז וויקטאָר זאָל נאָך אויך אַ קוק געבן אויף זיי. פֿונעם זון האָט ער געהאָלטן אַ וועלט, זעליק, געהאַט אַ סך נחת פֿון אים. וויקטאָר האָט געלערנט פֿלייסיק, טאָג און נאַכט געווען אַריינגעטאָן אין זיינע שטודיעס, גאַנצע אָוונטן געזעסן אין דער היים און געהאָרעוועט, פֿאַרשוואַרצט געוואָרן, נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַרייַן, ווי אַנדערע יונגעלייט אין זיין עלטער. די טעכטער האָבן פֿרי אַוועקגעוואָרפֿן דאָס לערנען, נישט געהאַט קיין חשק צו גיין אין די שולן, נישט געהאַט קיין קאָפּ צו די לעקציעס און אויפֿגאַבן, עס האָט זיי באַצייטנס געצויגן צום קאָמערס, אין טאַטנס געשעפֿטן אַרייַן. שוין נאָך גאָר פֿרי, נאָך זייענדיק קליינע מיידעלעך, נאָך נישט האָבנדיק געענדיקט די קאָמונאַלע שול, האָבן זיי שוין געוואָלט זיין זעלבשטענדיק און האָבן אייגן געלט אין די טאַשן, אַ סך געלט, און עס קענען אויסגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס, אויף פֿאַרשידענע שמאָכטעס, נאַרישקייטן, אויף גאָרנישט. און זיי האָבן געוווּסט, אַז נאָר ווערנדיק פֿאַרדינערינס אין טאַטנס געשעפֿט, וועלן זיי האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטילן זייערע תאוות.

דאַקעגן וויקטאָר האָט פֿאַרגעזעצט מיט חשק זיינע שטודיעס, יעדעס יאָר אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, געמאַטערט זיך, געוואָרן אויסגעריסן, מוותּר געווען אויף אַלע פֿאַרגעניגנס, פֿאַרווייַלונגען, און ער האָט דערגרייכט דאָס זייניקע. איצטער איז ער שוין באַלד דאָקטער, האָט דינסט אין שפּיטאָלן און זעליק איז שטאָלץ מיט אים, גרויסט זיך מיט אים פֿאַר פֿריינד און לאַנדסלייט. אַז אַ לאַנדסמאַן ווערט קראַנק, זאָגט באַלד זעליק, אַז ער וועט פֿרעגן וויקטאָרן וואָס עס איז זיין מיינונג און וואָס מען דאַרף טאָן. און טאָמער דאַרף מען אַ מעדיקאַמענט זאָגט זעליק אַז מען זאָל נישט גיין קויפֿן

אין אַפּטייק, אַ שאָד אַרויסצוּוואַרפֿן געלט. וויקטאָר וועט שוין באַזאָרגן.

אַז זעליק וועט האָבן אַן אייגענעם זון אַ דאָקטער, פֿון דעם געדאַנק אַליין ווערט אים בעסער ווען ער פֿילט זיך נישט מיט אַלעמען. אַז וויקטאָר מאַכט אים אַ מאָל אַן איינשפּריצונג, פֿילט ער, זעליק, אַז דאָס איז פֿאַרט אייגן בלוט און פֿלייש און אַז קיין אַנדערער האָט נישט אַזאַ לייכטע האַנט ווי וויקטאָר און קיין אַנדערער וועט אים נישט אַזוי געטריי היילן ווי זיין זון. בלויז פֿון דעם געפֿיל פֿון זיכערקייט און צוטרוי אַליין ווערט ער שוין, דאַכט זיך אים, געזונט און שטאַרק.

אַז וויקטאָר איז אַהיימגעקומען און באַטראַכט די ראַדיאָס אַנטקעגן דעם ליכט און איבערגעלייענט די פֿעסטשטעלונגען און אָנווייזונגען פֿון דער לאַבאָראַטאָריע, אויף וועלכע ער איז שוין געווען אַ גוטער מבֿין, האָט ער געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז ער וועט באַשטעלן פֿאַר אים אַ ראַנדעוווּ ביי זיינעם אַ גרויסן פּראָפֿעסאָר.

— פֿאַרשטייסט, טאַטע — האָט ער אים געזאָגט — מען דאַרף זיך נישט פֿאַרלאָזן שטענדיק בלויז אויפֿן דאָקטער פֿון דער קאַרטיע. דו פֿאַר־שטייסט, איך האָב טאַקע אַ סך צוטרוי צו אים, צום דאָקטער פֿרענקעל — האָט זיך וויקטאָר גלייך געכאַפּט, אַז עס קען אויסזען, אַז ער מאַכט צו נישט אַ קאָלעגע — אָבער וואָס עס זאָל נישט זיין זיין דיאַגנאָז, וועט נישט אויסמאַכן אויסצוהערן די מיינונג פֿון אַ רענאָמירטן פּראָפֿעסאָר. דו זאָגסט דאָך אַליין אַלע מאָל, אַז מען דאַרף גיין גלייך צום קאָפּ.

— דו מאַכסט דאָך מיר אַן אַ מורא, וויקטאָר — האָט זעליק געזאָגט צו זיין זון.

— ניין, טאַטע, איך טראַכט נישט, אַז ביי דיר זאָל זיין עפּעס אַן ערנסטע זאַך — האָט וויקטאָר פּרובירט באַרויִקן זיין פֿאָטער — נאָר פֿון דעסטוועגן, מיין איך, וועט נישט שאַטן צו בייטן אַ מאָל דעם דאָקטער, נישט האַלטן זיך שטענדיק ביים זעלבן. ס׳זענען דאָ נייע מעטאָדן פֿון היילן, די מעדיצין אַוואַנסירט כסדר, שטייט נישט אויף אַן אָרט, ווי אַלץ אין אונדזער הייַנטיקער וועלט.

— אָ, ניין, וויקטאָר, נישט אויף אַלע געביטן אַוואַנסירט די מעדיצין, ווי דו זאָגסט — איז זעליק נישט מסכים געווען מיט זיין זון — ס׳זענען

נאָך דאָ געווען קראַנקייטן, וואָס די גרעסטע פּראָפעסאָרן קענען זיך נאָך אַלץ נישט קיין עצה געבן מיט זיי און זיי טאַפּן אין דער פינצטער — איז זעליק געווען אַפילו סקעפּטיש געשטימט, גלייך ווי ס׳וואָלט זיך דאָ גע־האַנדלט אין אים גופא — נאָר גאָרנישט, דו ווילסט מיך פירן צו אַ פּראָ־פעסאָר, זאָל זיין אַ פּראָפעסאָר. קודם וועל איך הערן די מיינונג פון מיין היימישן דאָקטער, וואָס ער קען מיך שוין יאָרן לאַנג און וואָס איך האָב צוטרוי צו אים און נאָך דעם, אַז דו ווילסט, קענסטו מיך פירן צו דיין גרויסן פּראָפעסאָר דאָרטן. שאַטן קען עס דאָך מיר נישט. וועט עס אויסגיין העכסטנס צו נאָך עטלעכע פראַנק. די חתונה קאָסט אַזויפיל, וועט זי קאָסטן נאָך אַ פּאָר זו...

דער היימישער דאָקטער פרענקעל, פון דער קאַרטיע, ווו זעליק האָט געוווינט, וועמענס זיכערקייט אין זעליקס געפערלעכער קראַנקייט האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָכן באַטראַכטן דעם רעזולטאַט פון די אַנאַליזן און די ראַדיאָס, איז אויך געווען ביי דער מיינונג, אַז דער פּאַציענט דאַרף אומ־באַדינגט זען אַ ספּעציאַליסט. ער איז אָבער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט ווען דער קראַנקער איז צוגעשטאַנען צו אים מיט דער פראַגע וואָס אַזוינס ער געפינט אויס אין אים, וואָס אים איז, און לסוף געזאָגט זעליקן, אַז די ראַדיאָס און אַנאַליזן ווייזן, אַז אויף דער לעבער ביי אים געפינט זיך אַ מין געשווירל, אַ קליינע אָנצינדונג, וואָס מען וועט עס וואַרשיינלעך קענען באַזייטיקן דורך פאַרשידענע באַהאַנדלונגען, און אויב עס וועט נישט געבן קיין רעזולטאַט, וואָס ער, דער דאָקטער פרענקעל, גלייבט נישט אין דעם, וועט מען אפשר דאַרפן אָנקומען נאָך אַ קליינער כירורגישער אינטערווענץ, אָבער נישט געזאָרגט, און עס וועט אַלץ גוט זיין, האָט דער דאָקטער דער־מוטיקט זעליקן; ס׳איז נישט קיין געפערלעכע זאַך און ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקן, נאָר פון דעסטוועגן מיינט ער, אַז עס וואָלט גוט געווען צו גיין זען אַ ספּעציאַליסט.

דער צוטרוי און גלויבן, וואָס זעליק האָט געהאַט צו זיין הויז־דאָקטער, האָבן אים שוין נישט איין מאָל געראַטעוועט, אים ממש געשטעלט צוריק אויף די פיס, אָבער איצטער, נאָך דעם ווי וויקטאָרס גרויסער פּראָפעס־סאָר האָט אויך אַרויסגעטראָגן דעם זעלבן דיאַגנאָז, איז דער דאָקטער

פרענקעל נאָך גרעסער געוואָרן אין זיינע אויגן, ער האָט ערשט איצטער נאָך מער געהאַלטן פון אים אַ וועלט. זעליק האָט זיך באַרו:קט פונעם פּראָ־פעסאָרס צוזאָגן, אַז מען וועט דאָס געשווירל, וואָס געפינט זיך ביי אים אויף דער לעבער און שטערט איר פונקציאָנירונג און אַרבעט, קענען אין משך פון אַ קורצער צייט באַזייטיקן מיט פאַרשידענע איינשפּריצונגען און אויך מיט געוויסע באַשטראַלונגען, און נאָך מער איז זעליק געווען באַרו:קט פון דעם וואָס דער פּראָפעסאָר גלייבט, אַז מען וועט אפשר בכלל קענען אויסמיידן די אָפּעראַציע. ביי זעליקן איז דאָס פּנים, נאָך זיין באַזוך ביים פּראָפעסאָר, געווען פרייער, אָפענער, ווי באַלויכטן מיט דער שיין פון אמונה און בטחון. זיינע אויסגעראַזירטע באַקן האָבן געבליט מיט אַ ראָזע קאָליר פון צופרידנקייט און זיכערקייט אין זיך. ער איז געווען גוט געשטימט און אויפגעלייגט און ער האָט גערופן אויף גלעזלעך אין די אַרומיקע קאַפעס וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַפילו זיינע קאָנקורענטן, וואָס מאַכן אַ שיין שטיקל אַרבעט, כאָטש קיין אַלקאָהאָל האָט ער שוין איצטער, זעליק, נישט געטאָרט טרינקען, לויט דעם אָנזאָג פונעם פּראָפעסאָר.

דאַקעגן וויקטאָר האָט נאָך זיין באַזוך מיטן טאַטן ביים פּראָפעסאָר באַקומען אַן אומעטיק־פאַרזאָרגט געזיכט, וואָס איז פרי:ער נישט געווען אָנצוזען אויף אים. אמת, ווען ער האָט זיך געפונען פּנים אל פּנים מיטן טאַטן, צי מיט דער מאַמען, האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו פאַריאָגן פון זיך דעם אומעט און די זאָרגן און מאַכן אַ פריילעכע מינע, וואָס דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. אָבער ווען ער איז געזעסן ביינאַכט אָפּגעשלאָסן אַליין אין זיין בחוריש צימער ביים טיש, האָבן אים די זאָרג און די פּיין געגריזשעט. נישט ווי געוויינלעך איז ער איצטער געזעסן געבויגן איבער זיינע ביכער, אַריינגעטאָן אָן אויפהער אין די מעדיציניש פאָרמולעס; דאָ, איינער אַליין, צווישן זיינע פיר ווענט, ווו ער האָט נישט קיין מורא געהאַט אַז עמעצער וועט זען די שרעק פונעם פאַרבאָרגענעם סוד אין זיינע אויגן, אַנטקעגן דער געדעמפּטער שיין פונעם שטיילאָמפּ מיט דער גרינער אַבאַזשור אויפן טיש, איז זיין קאָפּ געזונקען שווער, און נאָך שווערער און נאָך גרעסער האָט דער אומהיימלעכער שאָטן פון זיין קאָפּ זיך אויסגעשפּרייט אויף דער שוואַך־באַלויכטענער וואַנט און ביי אים אַליין, וויקטאָרן, אַרויסגערופן אַ געפיל פון געדריקטקייט און מרה־שחורה. דאָס גאַנצע בחורישע

צימער איז איצטער געווען איין שטיק שאָטן און אימה, וואָס וויקטאָר האָט מיט זיך אַהערגעבראַכט פונעם פּראָפעסאָרס קאַבינעט נאָך זיין באַזוך ביי אים מיטן טאָטן.

נאָכן פעסטשטעלן, אַז דעם הויז־דאָקטערס דיאַגנאָז איז אַ ריכטיקער, און נאָכן פאַרשרייבן אַ גאַנץ צעטל פון היילונגען, האָט דער פּראָפעסאָר גערעדט וועגן אַ סך מינדערוויכטיקע זאַכן, אויסמיידנדיק דעם עיקר, געגעבן אָנווייזונגען, אַז דער פּאַציענט דאַרף קיין סך נישט עסן, וואָס דאָס איז בכלל געווונטשן פאַר אַ מענטש, וואָס דערנענטערט זיך צו די זיבעציק, אויפהערן צו רייכערן, אויסמיידן שאַרפע עסנעס און נישט טרינקען קיין אַלקאָהאָל, זיך לייגן פרי שלאָפן, רוען אַ סך. מיט איין וואָרט, אַ שיינער סך־הכל פאַר אים, זעליקן, האָט זיך געטראַכט דער פּאַציענט, וואָס האָט גראָד ליב גוט אָפּצועסן און קען זיך נישט אָפּזאָגן פון אַלערליי פאַרגעניגנס.

וואָס וועט שוין דאָס, מישטיינס געזאָגט, זיין פאַר אַ לעבן פאַר אים אויב ער וועט נישט קענען אָן זאָרגן אַריינגיסן אין זיך דאָס אמתע גלעזעלע בראָנפן, אָדער היימישן שליוואָוויץ, און נאָך דעם זיך נעמען צום גוטן געפילטן פיק פיש און צום געשמאַקן פערטעלע געבראָטנס מיט קישקע און פאַרפל, אָדער גאָר אַזוי אַ וואָש געבן זיך צו צעשעס אַ טעלער קרעפּלעך, וואָס שווימען אַרום אָנגעשוואָלענע מיט פּיקאַנטן געמאָלענעם פלייש אין דער ליכטיקער פיל־אויגיקער יויך, אין וועלכער מען קען זיך שפּיגלען; נאָך דעם דער זאַפטיקער קאָמפּאָט פון עפּל און באַרנעס, אויסגעזיסצט און באַפּוצט מיט אַבריקאָסן און פלוימען, צי מיט ווייַנשל. און נאָך דעם פאַרטרינקען מיטן אמתן גלעזעלע טיי, וואָס איז, דאַכט זיך אים, דאָס בעסטע פון גאַנצן עסן; פאַרבייסן מיטן היימישן קעזקוכן צי שטרודל און נאָך דעם דער פיינער אַראָ־מאַטישער ציגאַר און איינדרימלען פאַמעלעך אין טיפן פאָטעל און כאַפּן דעם אמתן דזשים מיטן יידישן בלאַט אין האַנט...

צי וועט זיך זעליק קענען אָפּזאָגן פון דעם אַלעם? און וואָס פאַר אַן עולם־הזה, מישטיינס געזאָגט, וועט דאָס שוין זיין פאַר אים און וואָס פאַר אַ טעם וועט שוין האָבן ביי אים אַזאַ מין לעבן?

בעת זעליק האָט וועגן דעם געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון מעדיציני־שן קאַבינעט אין אַ זייטיקן צימער אַריין זיך אָנטאָן, האָט ערשט דער פּראָפעסאָר געקענט זיין אָפנהאַרציק מיט וויקטאָרן און זאָגן אים וואָס ער מיינט...

און איצטער, זיצנדיק געבויגן איבער זיינע ביכער ביים געדעמפטן אַראָפּגענידערטן ליכט, לעבט איבער וויקטאָר אויף דאָס ניי זיין וויזיט מיטן טאַטן ביים פּראָפעסאָר, דעמאָלט, אין דער פאַטאַלער שעה, ווען ער האָט זיך אַלץ דערוווּסט...

דעם פּראָפעסאָר איז, קענטיק, אַפילו פאַר וויקטאָרן, אַ יונגן דאָקטער, נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צוצוטרעטן גלייך צום ענין. עפּעס האָט ער פון דעסטוועגן געזוכט און געקליבן די ווערטער און עס האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז ער האָט געקענט אויפהייבן די אויגן צו וויקטאָרן, פאַנאַנדער־נעמענדיק די הענט מיט אַ זשעסט פון יאוש.

— עס טוט מיר זייער לייד, וויקטאָר ראַפּאַפּאָרט, איך דאַרף דאָס מודיע צו זיין, ווייל איר זענט דאָך אַ זון... נישט גוט, נישט גוט — האָט ער לייכט געפּויקט מיט צוויי פינגער אין טיש — איך בין נישט צופרידן, כ׳האָב צרות... מיט אייער פאָטער איז גאָרנישטאָ וואָס צו מאַכן... ס׳איז ביי אים אַ קאַנסערדיקער פאַל... — האָט ער ווי אַרויסגעבלאָזן פון זיך די ווערטער מיט אַן אָטעמהויך, ווי מיט אַן אָפּזיפץ... ער האָט פון דעסטוועגן אַפילו פאַר וויקטאָרן נישט געוואָלט אַרויסזאָגן אָפן און ברוטאַל דעם גאַנצן גזר־דין: ק אַ נ ס ע ר, נאָר באַמיט זיך צו מאַכן עס פלאַטשיקער, עטוואָס מילדער: ק אַ נ ס ע ר ד י ק ע ר פ אַ ל, וואָס וויקטאָרן האָט מען נישט געדאַרפט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין בכדי ער זאָל וויסן וואָס דאָס מיינט.

וויקטאָר איז געבליבן זיצן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ נאָכן אויסהערן דעם פּראָפעסאָרס פעסטשטעלונג, וואָס ער האָט אויפגענומען ווי אַ גרויזאַמען אורטייל, קעגן וועלכן עס איז נישט מעגלעך צו מאַכן קיין שום אַפּעלאַציע און ס׳איז נישטאָ צו דערוואַרטן קיין פשרה און חסד. דער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט מסתמא אָפּגעפילט וואָס אַזוינס עס טוט זיך בשעת־מעשה אין וויקטאָרס געמיט, האָט זיך אויפגעשטעלט און געבנדיק זיך די מי אים אַרויסצונעמען פון זיין מצב, האָט ער געזאָגט מיט אַ פאָטערלעכן טאָן:

— נעמט אייך אָן מיט מוט, מיין טייערער, איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אייך איבערצוגעבן דאָס, וואָס עס איז אין דער רעאַליטעט... יאָ, און וואָס שייך אייער משפחה, וועט איר אַליין פאַרשטיין ווי צו האַנדלען, כ׳מיין, ווי אַזוי פאַרצושטעלן זיי די זאַך... זעט, אַז אייער פאָטער זאָל נישט פאַרנאַכלעסיקן די היילונגען, וואָס איך האָב אים פאַרשריבן.

— איך דאַנק אייך ביז גאָר, איך וועל דאָס צוהיטן — האָט וויקטאָר געזאָגט, וויסנדיק פּונקט אַזוי גוט ווי דער פּראָפעסאָר, אַז די אַלע היילונגען און אָנווייזונגען זיינע וועלן מסתמא נישט האָבן קיין גרויסע פּעולה און נישט געבן קיין גינסטיקן רעזולטאַט.

און איצטער זיצט וויקטאָר איבער זיינע מעדיצינישע ביכער ביי זיך אין צימער און גראָבט פון זיי און גראָבט וויסן און קענטעניש און בלייבט סוף כל סוף אומבאַהאָלפן לגבי זיין אייגענעם טאַטן, נישט קענענדיק גאָר־נישט אויסגראָבן, נישט אַרויסבאַקומען די מינדסטע ישועה און רעטונג פאַר אים. נישט איין מאָל זעט ער זיך אין זיינע האַלוציגאַציעס שטיין ביי אַ ברעג פון אַ טייך, ווו אַ שיפל מיט זיין טאַטן גייט אונטער און ער, וויקטאָר, נישט קענענדיק שווימען, איז נישט בכוח אים צו ראַטעווען... אַן אַנדערש מאָל זעט ער זיך, וויקטאָר, שטיין פאַר זייער הויז, ווו עס איז אינעווייניק אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. אין הויז געפינט זיך זיין טאַטע, נאָר די טירן זענען פאַרהאַקט פון יענער זייט און אַרום זעצן אַרויס די פלאַמען און ער, וויקטאָר, קען אים נישט אַרויסנעמען פון דער סכנה...

נאָך אַ מאָל קוקט זיך וויקטאָר אום מיט אַן אומהיימלעך געפיל אויף זיין אייגענעם אויסגעוואַקסענעם שאָטן, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף דער וואַנט פון זיין צימער און ווערט גרעסער און גרעסער און ער דערמאָנט אים עפּעס, נישט ווילנדיק, אינעם קאַנסער, וואָס טאַטשעט און גריזשעט דעם טאַטנס גוף, אַזוי ווי אים, וויקטאָרן, דער פאַרבאָרגענער סוד, וואָס קיינער נישט, נישט די מאַמע, נישט די שוועסטער זיינע סילווי און שאַנטאַל און די שוואָגערס ווייסן נישט פון אים און דאַרפן אפשר נישט וויסן. און ער, וויקטאָר, מוז נאָך טראָגן אַ מאַסקע, בייטן אָפט דאָס פּנים. אַן אַנדער פּנים פאַר די שטוב־מענטשן און אַן אַנדער פּנים פאַר זיך, ווען ער איז אָפּגעזונדערט אין זיין צימער, ווו ס'איז אים שוין, אגב, בעסער איינעם אַליין, מיט זיך, ווען ער דאַרף נישט מאַכן פאַר קיינעם קיין פאַלשע פריילעכע מינע.

יאָ, און אַזוי וועט זי שוין הייסן, דעם טאַטנס קרענק, פאַר דער משפּחה, ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן: אַן אָנצינדונג אויף דער לעבער, נישט מער ווי עפּעס אַ געשווירל, וואָס מיט דער הילף פון די פאַרשריבענע היילונגען וועט עס באַזייטיקט ווערן... דער פּראָפעסאָר האָט אַפילו געלויבט דעם

דאָקטער פרענקעל, דעם טאַטנס הויז־דאָקטער, פאַר זיין איינפאַל מיטן שטעלן אַזוי דעם דיאַגנאָז, ווי וויקטאָר האָט עס אים איבערגעגעבן, און ביי וועלכן מען קען זיך שוין, אגב, האַלטן, אויב מען וויל...

וויקטאָר דערמאָנט זיך אין די שווערע וויכוחים און שטרייטן וואָס ווערן אָפט געפירט צווישן די מעדיצין־סטודענטן און יונגע דאָקטוירים: צי מען דאַרף יאָ זאָגן די נאָענטסטע משפחה־מיטגלידער, אָדער נישט זאָגן, וועגן דעם געחתמעטן גורל פונעם קראַנקן, אַז קיין שום האָפענונג איז נישטאָ צו דערהאַלטן אים ביים לעבן, אים אויסצוהיילן פון זיין געפערלעכער קראַנקייט. גראָד ער, וויקטאָר, איז געווען פון די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען איז מחויב צו זאָגן די נאָענטסטע משפחה־מענטשן דעם אמת, זיי צו־גרייטן צום אומגליק, וואָס עס דערוואַרט זיי, נישט אָפּצונאַרן זיי מיט פאַלשע האָפענונגען, וואָס עס איז נישט שיין און נישט מאָראַליש, און אַז אויך דעם קראַנקן גופא דאַרף מען אויף אַ דעליקאַטן אופן געבן אַנצוהערן, אַנדייטן אים, ווי ער האַלט אין דער וועלט, בכדי ער זאָל זיך נישט מאַכן קיין אילוזיעס און בעסער זיין געשטאַרקט צו זיין לעצטן חשבון־הנפש.

אַזוי האָט ער געהאַלטן, וויקטאָר, בעת די האַרבע וויכוחים, ווי אַ סך אַנדערע קאָלעגן זיינע, די סטודענטן פון סען־זשערמען דע פרע, די יונגעלייט מיט די פאַרלאָזטע בערדלעך און עקסטראַוואַגאַנטע גענג, אָבער איצטער, ווען ער גופא איז געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון און דער אומהיילבאַרער קראַנקער איז נישט קיין אַנדערער ווי זיין אייגענער פאָטער אַליין, זענען אַלע זיינע פעסטע איבערצייגונגען און פרינציפּן אויסגערונען געוואָרן און ער טראָגט זיך אַרום מיטן ביטערן סוד און האַלט אים בלויז פאַר זיך אַליין.

זינט זעליק האָט זיך אָנגעהויבן צו דאָקטערעווען, טרייבן אים ממש דאָס ווייב און די טעכטער פון מאַגאַזין אַרויס, באשר בכן ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן, מען וועט זיך אָן אים באַגיין, מ׳עט זיך שוין יאָקאָש באַקראַצן אָן אים; ער האָט שוין גענוג געהאָרעוועט אין זיין לעבן, זאָל ער בעסער אַרויסגיין אין שטוב זיך צולענען אַ ביסל, נעמען אַ יידיש בוך אין האַנט אַריין, אָדער אַריינגיין אין אַ קאַפע מאַכן אַ בעלאָט מיט אַ פּאָר קאַמעראַדן זיינע. זעליק ווייסט נישט וואָס זיי ווילן פון אים האָבן; נישט אַנדערש, נאָר די טעכטערלעך זיינע מיט די איידעמס ווילן אים שוין באַצייטנס ירשענען ביים לעבן. לעצטנס האָבן זיי, די טעכטערלעך, אין גאַנצן שוין

גענומען קאָמאַנדעווען מיטן הויז, זעט ער באַשיינפּערלעך. מסתּמא גיבן די אײדעמלעך זײנע אויך עפּעס צו צום פּײער, מסתּמא שטעקן אויך זײערע קעפּ אין דעם. ער, זעליק, איז זײ אַלע געוואָרן גרויס אין די אויגן, אין גאַנצן איבעריק. אויך דער נאָמען ראַפּאָפּאָרט איז זײ געוואָרן, די טעכטער, איבעריק, צו לאַנג, און ער קלינגט נישט שײן, זאָגן זײ. ער געפעלט זײ נישט, און זײ דרײען מיט די נעז. זײ זענען גרײט צו לאָזן זיך קאָסטן אַ שײנע סומע געלט אין דער פּרעפעקטור, אַז מען זאָל זײ דעם נאָמען איבער־מאַכן, פאַרקירצן, פון ראַפּאָפּאָרט זאָל ווערן ראַפּאַ, אָדער ראַפּאַט, ווײל עס קלינגט שענער, פראַנצויזיש. זײ האָבן שוין אַפילו גענומען זיך אײנאיבן אין מאַכן אונטערשריפטן אויף ראַפּאַ, האַלטן אין אײן ציקלען און מאַכן אינטעליגענטע דרײדעלעך. זײ טוען דאָך סײ ווי סײ גאָרנישט גאַנצע טעג: אָדער זײ פּוצן זיך די נעגל און פליקן זיך אויס די ברעמען, אָדער זײ לערנען זיך אונטערשרײבן ראַפּאַ. מער גאָרנישט. זײ האָבן לײכטע קעפּ, פּאַטשקען כּסדר מיטן קרעיאָן און מאַכן קאַליע דעם גאַנצן סטאָק פּאַפּיר. ווו נאָר אַ בלעטל, אַפילו אַן עק פון אַ צײטונג, זעט ער, איז אָנגעמאַזשעט ראַפּאַ און ראַפּאַ. ווו ער קערט נאָר די אויגן איז ראַפּאַ־שמאַפּאַ, פאַרענדיקט מיט פײגל אין די לופטן, מיט געדרײטע צאַצקעלעך. אָבער אים, זעליקן, נעמט עס גאָרנישט. ער ווײס זײ געבן אַ ראַפּאַ ווען זײ האָבן צו האַלטן... זײן טאַטע האָט געהײסן ראַפּאָפּאָרט, זײן זײדע האָט געהײסן ראַפּאָפּאָרט און איצטער ווילן זײ, אַז זעליק ראַפּאָפּאָרט זאָל זיך ענדיקן אין פּאַריז. געוועזן און אויס. ער ווײס זיך אָבער נישט לאָזן אָפּשנײדן זײן נאָמען. מען האָט אים שוין אײן מאָל געשניטן צו די אַכט טאָג. ס'איז גענוג... זײ מײנען, די טעכ־טער, אַז ער, זעליק, איז שוין צו גאָרנישט. עס האַלט נאָך אָבער נישט אַזוי שלעכט מיט אים, ווי זײ שטעלן זיך דאָס פֿאָר.

סוף כּל סוף האָט ער געמוזט אײנגײן, זעליק, אויף אַ שטיקל פּשרה מיט די טעכטער זײנע וואָס שײך דעם נאָמען. ראַפּאָפּאָרט בלײבט ראַפּאָפּאָרט. נישט מער, אויף דער שילד, אויף דער שויבנטיר פון מאַגאַזין און אויף די געשעפטס־פּאַפּירן וועט שטײן אָנגעשריבן, און זײער שײן צוגעמאַליעוועט: „ראַפּאַ". ס'הײסט, בלויז „עטאַבליסמאַן ראַפּאַ". נישט מער ווי דער נאָמען פון דער פירמע, די מאַרקע פון געשעפט. ער האָט זײנס אויסגעפירט...

— — — — — — — — — — — — —

ווען דער הויז־דאָקטער האָט געהאַט אַרויסגעטראָגן זיין מיינונג, אַז מען וועט אים, זעליקן, אפשר דאַרפן אָפּערירן, און עס געמאַכט אַפילו פּלאַטשיק, אַז דאָס איז אַ קליינע, לייכטע אָפּעראַציע, אַזאַ וואָס אַ סך מענטשן גייען זי אַדורך, האָט ער זיך אויך איינגעעקשנט, זעליק, אַז ניין און ניין, ער וועט בשום־אופן נישט גיין אונטערן מעסער. זיי טוט עס דען עפּעס וויי, די דאָקטוירים, וואָס זיי כאַפּן זיך גלייך צום שניידן? זיי שניידן דען עפּעס זייער פלייש?... אויב שוין יאָ שניידן — האָט ער געטענהט — איז אַהער אַ באַל שטאָף! זאָל מען אים גלייך צולאָזן צום קופּ! — און ער האָט זיך געגעבן זשוואָווע אַ פאַרקאַשער די אַרבל פון העמד און זיך געגעבן אַ שטרעק אויס פאַרויס מיט די הענט, ווי צו אַ פאַרמעסט פון באָקס...

וואָס איז אים דען, אייגנטלעך, זעליקן? דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט, אַז די לעבער ביי אים פונקציאָנירט נישט ווי עס געהער צו זיין און אַרבעט נישט גוט. נו, איז מה רעש? אַרבעט זי נישט אַזוי גוט... ער פאַרשטייט נישט, זעליק, צו וואָס אַ לעבער דאַרף בכלל אַרבעטן. זאָלן שוין בעסער אַרבעטן בעלגישע פערד איידער זיין לעבער... צי איז דען בכלל אַ לעבער אַזוי וויכטיק? — האָט זיך אים געוואָלט וויסן. אַנומלט האָט אים וויקטאָר געמאַכט אַן איינשפּריצונג, האָט ער דעם זון זיינעם בשעת־מעשה אויסגעפרעגט וועגן דער עובדא פון דער לעבער אין מענטשנס גוף. „פּאַפּאַ, האָט וויקטאָר געענטפערט, דאָס איז נישט אויף איין פוס, כ׳האָב אָוועקגעגעבן יאָרן אויף דעם. ס׳האָט אַ שייכות צו אַנאַטאָמיע... מען דאַרף עס שטודירן״...

זעליק פאַרשטייט, אַז אַ קאָפּ ביי אַ מענטש איז זייער וויכטיק, מען קען זיך נישט באַגיין אָן אים, ווייל אָן אַ קאָפּ, וואָס פאַר אַ מענטש קען מען שוין זיין, מישטיינס געזאָגט... אַ האַנט, ווייסט ער, זעליק, טוט, אַרבעט, נעמט געלט, גיט אַ רעשט, פירט אָן אויטאָ, מאַכט אַ קערטל, מאַלע וואָס נאָך... אַ פוס גייט, לויפט, שפּרינגט; לונגען עטעמען, שעפּן אָן לופט, אַ מאָגן פאַרדייעט דאָס עסן, מאַלט עס איבער ווי אַ קאַשעמילעכל. דאָס פאַרשטייט ער. ס׳זענען דאָ אַנדערע אברים, וואָס טוען גאָר וויכטיקע זאַכן. מילא, פון אַ האַרץ איז דאָך שוין אָפּגערעדט, אַפילו קליינע קינדער וויסן אַז דאָס האַרץ איז דער מאָטאָר פונעם מענטש. אָבער אַ לעבער? וואָס טוט זי? ווער דאַרף זי?... ס׳איז פונקט ווי מיט די טיילן ביי אַ שטיקל אַרבעט, מיינט ער: אַ קאָלנער, ווייסט ער, זעליק, איז זייער וויכטיק, אַן אַרבל איז וויכטיק,

אַ קעשענע איז אויך וויכטיק. פון אַ פּאַדערטייל איז דאָך שוין אָפּגערעדט. מען קען זיך אין דעם נישט באַגיין. אַ לעבער, מיינט זעליק, קען זיין גענגליכן צו אַזאַ נישט־וויכטיקן טייל פון אַ מלבוש ווי למשל אַ פּעטל, אָדער אַ מאַנקעט, וואָס אַז מען ווייל קען מען זיך באַגיין דערין און אַז מען ווייל קען עס דינען פאַר אַ פאַנטאַזיע...

זעליק וויל נישט פאַרלאָזן דעם מאַגאַזין, כאָטש ער איז אָפּגעשוואַכט און פילט זיך גאַנץ אָפּט נישט מיט אַלעמען. דער מאַגאַזין — דאָס איז זיין לעבן. ער האָט אים אויפגעשטעלט מיט זיין בלוט און שוויס, מיט זיין עקשנות און פראַצע. די לאַנגע רייען פּאַרטיקע מאַנטלען, וואָס הענגען אויף די ספּעציעלע געשטעלן איינער לעבן דעם אַנדערן, שטייען ווי אויסמושטרירטע אַרמייען, גרייטע אים, זעליקן, צו פאַרטיידיקן און באַשיצן. אין די גרויע בין־השמשותן, ווען די מאַנטלען טונקלען זיך און טוליען זיך איינער צום אַנדערן, דאַכט זיך אים אַז זיי זענען אַלע זיינע שאָטנס און ער קען זיך פון זיי נישט אָפּרייסן און אַוועק פון זיי. אַלע מאַנטלען מוזן ביי אים הענגען גלייך, אין אַ געהעריקער דיסציפּלין. טאָמער דערזעט ער, אַז ביי איינעם הענגט צור־פּעליק נאָך אַן אַרבל אַ ביסל קרימלעך, ווי אַן אויסגעלענקטער אָרעם, וועט ער נישט פאַרבייגיין רויק און וועט אים אויסגלייכן. טאָמער האָט זיך ביי אַ מאַנטל עזותדיק אויפגעשטעלט, אָדער פאַרבויגן אַ לאַץ, וועט ער אים ווי געהעריק צוריקלייגן ווי עס באַדאַרף צו זיין, און טאָמער באַמערקט ער אויף אַ פאַלע אַ פאַרבלאַנדזשעט פאָסטריגעלע, ווי אַ ווייס שלענגעלע, וועט ער עס אַראָפּנעמען מיט צוויי פינגער, ווי עפּעס טמאַדיקס. דאָס מינדסטע שטויבעלע, וואָס ער דערזעט אויף אַ מלבוש, בלאָזט ער אַראָפּ זאָרגפעליק. פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, וואָס קען, ווי אים דאַכט זיך, אַרויסרופן דעם מינדסטן אומחן ביים קונה, וועט ער נישט פאַרבייגיין גלייכגילטיק.

אָפּט, אין די אָוונטן, ווען קיינער איז שוין נישטאָ אין געשעפט, גייט זעליק אַרום צווישן די רייען הענגענדיקע מאַנטלען ווי אַן אַלטער וואַלד־שומר צווישן דיביימער, מיט וועלכע ער איז אויסגעבונדן און קען יעדן איינעם פון זיי באַזונדער; מיט יעדן בוים איז ער אויסגעקאָכט און היימיש און אפילו מיט יעדער צווייג און בלעטל. און צווישן דעם גאַנצן געדיכטן וואַלד דרייט ער זיך אַרום ווי אַן אַלטער גייענדיקער בוים — אַ גייענדיקער מאַנטל. דאָ, צווישן די מאַנטלען פילט זיך זעליק עפּעס אַמזיכערסטן, זיי

באַשיצן אים פון אַלע זיינע חולאתן און מאַטערנדיקע מחשבות. אַז ער איז אַ מאָל מיד אין אַ בייטאָג און ס׳ווילט זיך אים כאַפּן אַ דרימל, גייט ער אַריין אין הינטער־געוועלב, ווו עס ליגן אָנגעגרייט די באַלן שטאָף פאַר די קופּערס און ער לייגט זיך אַוועק אויף איינעם אַזאַ באַל שטאָף אויסרוען זיך. ער פילט זיך אויף דער קופּע שטאָף בעסער ווי אויף די ווייכע פּליושענע קאַנאַפּעס אין שטוב, וואָס האָבן אים אָפּגעקאָסט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. אַ מאָל לייגט ער זיך נאָך אונטער צוקאָפּנס אַן אַלטן טעלעפאָן־בוך און ער חכמעט זיך נאָך דערביי, אַז גאַנץ פּאַריז ליגט אונטער זיין קאָפּ... די טעכטער און דאָס ווייב שרייען, אַז ער זאָל שוין די מינוט זיך אויפהייבן און אַרויסגיין פונעם הינטער־געוועלב, זאָגן אויף אים, אַז ער איז שוין „גאַגאַ״, עובר־בטל, אָבער ער הערט זיי נישט, ער כראָפּעט שוין אויף גאַנץ פּאַריז... זיי בעטן זיך ביי אים מיט גוטן, מוסרן אים, אַז ס׳איז נישט שיין און אַז טאָמער וועט אים עמעצער דאָרטן באַמערקן, מעג מען זיך באַגראָבן פאַר חרפּה. ס׳העלפט אויך נישט זייער סטראַשען אים, אַז די קופּערס דאַרפן שטאָף צום שניידן, זיי שטייען ליידיק און פאַרלירן צייט. מען פּרובירט אַפילו אָפּערצי׳ען דעם באַל שטאָף פון אונטער אים, ער זאָל זיך מוזן אויפהייבן, אָבער ער לאָזט זיך נישט, ווי ער וואָלט געפילט אַז נישט דעם באַל שטאָף, נאָר דעם באָדן אונטער אים וויל מען אים אָפּערצי׳ען...

בלויז וויקטאָר לאָזט צו רו דעם טאַטן, מישט זיך נישט אין די ענינים זיינע פון געשעפט און שטערט אים נישט אין זיינע פירעכצער. אַ גוט קינד, דער מיזיניק זיינער. זעליק שטעלט אויס אַ סך אויף אים, ער האָט אים אַ סך ליבער פון די צוויי טעכטער זיינע, וואָס ווילן אים אַרויסשטופּן פון דעם אַלעם, צו וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן מיט זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע צען פינגער. אויך וויקטאָר האָט נישט מיט די צוויי שוועסטערלעך זיינע קיין גרויסע עסקים. אַז ער קומט אַהיים פון אוניווערסיטעט שמעקט ער נישט אַריין אין מאַגאַזין. ער שליסט זיך גלייך אָפּ אין זיין צימער אויבן און גאָרנישט גייט אים אָן. בלויז צום עסן קומט ער אַרויס. אַפילו ווען עס זענען דאָ אַ מאָל געסט אין שטוב אין אַן אָוונט, פאַרברענגט ער נישט מיט זיי. ער אַנטשולדיקט זיך אויף אַן איידעלן אופן און געזעגנט זיך מיט זיי. די עלטערן פאַרענטפערן אים, אַז ער האָט זייער אַ סך אַרבעט און מוז אַריינגיין צו זיך. ער לייגט צו די באַק צום פּנים פון דער מאַמען און דערנאָך פון

טאָטן, אויפֿן פֿראַנצויזישן שטייגער, וואָס דאָס דאַרף הייסן אַ קוש, און פֿאַרלאָזט אַלעמען. „ער דאַרף אַרבעטן״, חזרט איבער זעליק נישט איין מאָל פֿאַר די געסט און איז שטאָלץ פֿאַר זיי מיט זיין זון, שטאָלץ וואָס ער, זעליק, אַ געוועזענער אָרעמער היטלמאַכער פֿונעם באַדגעסל אין קלעשטשיוו, וועט האָבן אַ זון אַ דאָקטער. די געסט לויבן אויס וויקטאָרן וואָס פֿאַר אַ פֿיינער און איידעלער בחור ער איז און אַז ס׳איז שוין צייט אַ שידוך צו טאָן מיט אים פֿאַר אַ לייטיש יידיש קינד, און טאַטע־מאַמע לעבן שוין איבער באַצייטנס דעם גרויסן נחת און שאָקלען צופֿרידענע מיט די קעפּ.

וויקטאָר, דער בעל־דבר אַליין, פֿון וועמען דער באַשערטער נחת איז געוועדנדט, הערט שוין גאָרנישט די אַלע רייד, וואָס האָבן אַ שייכות צו אים. ער זיצט דאָרט אָפּגעזונדערט אין זיין צימער, ביי זיין שרייבטיש, דעם באַוואָרפֿענעם מיט ביכער און העפֿטן, ענציקלאָפּעדיעס און האַנטביכער. נישט אַזוי די שווערע אויפֿגאַבן פֿון זיינע פּראָפֿעסאָרן מאַטערן אים, ווי דער פֿאַרבאָרגענער סוד וועגן זיין טאַטן. ער שטיקט זיך פּשוט מיט אים און וואָס אַ מאָל מער פֿילט ער אַ באַדערפֿעניש צו טיילן דעם סוד מיט עמעצן, כאָטש מיט איין איינציקן מענטש, נישט פֿון דער משפּחה. אָבער מיט וועמען? דעם איינציקן מענטש פֿאַר דעם האָט ער געזען נאָר אין פּנחסן, פּנחס קאַנדלצוקער, דעם טאַטנס בעסטער פֿריינד און יוגנט־חבר נאָך פֿון דער היים, און סעקרעטאַר פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט „קלעשטשיוו און אומגעגנט״. בלויז פֿאַר אים וועט זיך וויקטאָר קענען פֿאַרטרויען און אָראָפּרעדן פֿון האַרצן.

וויקטאָר האָט אָפּגעריסן אַ שעה־אַנדערטהאַלבן פֿון זיינע שטודיעס און האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט פּנחסן אין אַן אָוונט ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגענער קאַפֿע אין אַ וווייטלעכער געגנט, ווו קיין היימישע מענטשן קענען נישט אַריינקומען און זיי שטערן. ביידע זענען געזעסן ביי אַ טישל אין אַ ווינקל ביי אַ גלעזל קאָניאַק, וואָס איז אין גאַנצן געווען איבעריק און מען האָט עס געזופּט פֿאַר יוצא וועגן נאָך דעם ווי וויקטאָר האָט איבערגעגעבן פּנחסן בסוד־סודות וועגן דעם צוועק פֿון זיין באַגעגעניש מיט אים. פּנחס האָט אויס־געהערט וויקטאָרס רייד וועגן דעם ביטערן גורל פֿון זיין אַלטן גוטן פֿריינד און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. זיינע דיקע ברילן־גלעזער זענען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן דורך זיי מיט אַ טוי־פּרעסטעלע, וואָס פֿון גרויס

צעטומלטקייט און איבערגענומענקייט האָט זיי פּנחס אַפילו נישט אויסגעי־
ווישט און זיי געלאָזט אַזוי מיט דער פּייכטער פאַרהוויכטקייט.

וויקטאָר האָט געזאָגט פּנחסן, אַז מען טוט, נאַטירלעך, אַלץ וואָס מען קען, ווי ווייט מעגלעך. ער אַליין, וויקטאָר, פירט דעם טאַטן אינעם קאַנסער־אינסטיטוט פון ווילזשוויף, ווו ער איז שוין, אגב, דאָרטן געווען עטלעכע טעג, אין דער קליניק פונעם אינסטיטוט, אויף אָבסערוואַציע, צו מאַכן אים די באַשטימטע באַשטראַלונגען, וואָס פאַר טאַטע־מאַמע הייסט עס, אַז מען מוז זיי מאַכן דאָרטן ווייל יענער סאָרט לאָמפּן, וואָס זענען נויטיק פאַרן טאַטנס אָנצינדונג אויף דער לעבער, געפינען זיך נאָר אין יענעם אינסטיטוט.

פּנחס האָט לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך פון דער פינצטערער בשׂורה, וואָס וויקטאָר האָט זי בלויז אים פאַרטרויט. ער האָט זיך אָבער מיט אַלע כוחות באַמיט צו האַלטן פאַסאָן, צו פאַרבאַהאַלטן ווי עס איז, כאָטש אויסערלעך, זיין שווערן איינדרוק פאַר וויקטאָרן, אָן אייגענעם זון, בכדי עס זאָל נישט האָבן אויף אים נאָך אַן ערגערע ווירקונג. אָבער אין זיך, אין געדאַנק, האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „אַזוי־אַזוי. איז שוין, הייסט עס, זעליק אויך באַקליידט מיט יענער קרענק”... יאָ, אָבער וועגן איינעם אַ דעליקאַטן ענין וואָלט ער זיך געוואָלט אַן עצה האַלטן מיט וויקטאָרן. וויקטאָר ווייסט דאָך, אַזוי גוט ווי ער, פּנחס, אַז דער טאַטע ווערט אין גיכן אַלט זיבעציק יאָר און אַז דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פייערן אויף אַ שיינעם און בכבודיקן אופן זיין געבורטסטאָג, וואָס פאַלט אויס, אגב, צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמעס גאָלדענע חתונה. און דאָ... אַז אַזאַ שרעקלעך אומגליק האָט געטראָפן — האָט פּנחס זיך באַמיט בייצוקומען דאָס טרערן־שטיקעניש אין זיין האַלדז — איז וואָס טוט מען? זאָל מען אפשר אין גאַנצן אָפּרופן די שׂמחה, וואָס דאַרף שוין פאָרקומען אין אַ צוויי חדשים אַרום? וואָס וועט עס דאַן הייסן פאַרן טאַטן און פאַר דער מאַמען? וואָס פאַר אַ סיבה וועט מען זיי דען קענען אָנגעבן פאַרן אָפּרופן די פייערונג? און דאָ איז שוין אַלץ כמעט צוגעגרייט, דער זאַל איז שוין פון לאַנג געדונגען, די איינלאַ־דונגען זענען שוין באַשטעלט...

וויקטאָר פאַרשטייט זייער גוט פּנחסעס שווערע פאַרלעגנהייט, אַחוץ אַלעמען, ער מיינט אָבער, אַז די פייערונג דאַרף יאָ פאָרקומען, אַנדערש וועט עס זיין פאַרן טאַטן אַ גרויסער קלאַפּ און מען דאַרף נישט צונעמען ביי אים

דאָס איינציקע ביסל פרייד, וואָס איז אים נאָך געבליבן אין זיין לעבן. סיידן אַז דער טאַטע וועט נישט זיין בכוח מיטצומאַכן די שׂמחה, דאַן וועט מען זי, פאַרשטייט זיך, מוזן אָפּרופן, און פאַר דער משפּחה וועט עס הייסן, אַז מען לייגט אָפּ די פייערונג צוליב געזונט־טעמים פונעם יובילאַר, וואָס דאָס וועט אויך, אגב, זיין דער אמת.

פּנחס האָט געהאַלטן, אַז דער ענטפער פון וויקטאָרן איז אַ שׂכלדיקער און אַז בכלל דאַרף ער איינגיין אויפן ווילן פונעם אייגענעם זון פון זיין אַלטן גוטן פריינד.

צו פייערן זעליקס ווערן אַ בן־שבעים האָט דער קאָמיטעט געהאַט באַ־שלאָסן נאָך מיט אַ צייט צוריק. דאָס איז געווען שוין פון לאַנג פאַרויסגעזען. פּנחס קאַנדלצוקער, דער סעקרעטאַר, טראָגט ביי זיך שטענדיק אַרום אַ קליין נאָטיץ־ביכעלע, ווו עס זענען פאַרשריבן זאָרגפעליק די געבורטס־דאַטעס פון אַלע קאָמיטעט־מיטגלידער און לעבן זיי אויך די יאָרצייטן פון די פאַר־שטאָרבענע לאַנדסלייט. זייער אָפט קוקט פּנחס אַריין אין זיין ביכעלע, בכדי ער זאָל וויסן ווו ער האַלט אין דער וועלט, ער זאָל אַ מאָל, חלילה, נישט פאַרגעסן און נישט ווילנדיק דורכלאָזן עמעצנס אַ געבורטסטאָג. נאָך דאָס פעלט אים. מילא, מיטן דורכלאָזן אַ יאָרצייט איז נאָך ווי עס איז, ווייל מיט אַ פאַרשטאָרבענעם מיטגליד האָט פּנחס אַ ביסל ווינציקער מורא אַנצוהייבן ווי מיט אַ לעבעדיקן...

וואָס שייך זעליקס געבורטסטאָג דאַרף פּנחס נישט אַריינקוקן אין זיין ביכעלע. אַ צו גוטער־ברודער איז ער מיט זעליקן, אַז ער זאָל נישט געדענ־קען די דאַטע פון אויסנווייניק. נאָך איידער מען האָט דעם ענין אַרויפגענומען אויפן טאָג־אָרדענונג אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט, האָט פּנחס באַשלאָסן אַליין אַדורכצורעדן זיך מיט זעליקן אויף אַ היימישן און אינטימען אופן וועגן דעם, און טאַקע ווי מיט אַן אייגענעם און נאָענטן מענטש. די גינסטיקסטע צייט אויף צו כאַפּן אַ שמועס וועגן עפּעס מיט זעליקן איז שבת פאַר מיטאָג אין זיין מאַגאַזין. דעמאָלט איז זעליק אַמבעסטן אויפגעלייגט. ער האָט צייט. די וואָך איז שוין מיט מזל און מיט אַ גוט געמיט פאַרענדיקט. קיין קונים פון דער פּראָווינץ קומען דעמאָלט נישט. דער מאַגאַזין איז נאָך טאַקע שבת פאַר מיטאָג אָפן, אָבער שוין נישט פאַר מסחר, נאָר פאַר בטלנות, קהלס

געשעפטן, פּאָר קליינע לויפנדיקע קאָמיטעט־ענינימלעך. כאַפּן זיך טאַקע דעמאָלט אַריין צו זעליקן אויפן שפּרונג גוטע־ברידער און לאַנדסלייט איבער־צורעדן מיט אים וועגן דעם און יענעם, באַטשקען און פּלוידערן אַ ביסל, זאָגן אַ חכמה און הערן אַ חכמה, כאָטש זעליק האָט, וואָס אַן אמת, ליבער, אַז מען זאָל הערן זיינע חכמות איידער ער זאָל הערן די חכמות פון אַנדערע.

אין אַזאַ שבת־פרימאָרגן האָט זיך פּנחס אַריינגעכאַפּט צו זעליקן אין געשעפט אַריין איבערצורעדן מיט אים נישט־אָפיציעל, נאָר גאַנץ פּשוט, היימישלעך, וועגן דעם גרויסן קומענדיקן געשעעניש פון יאָר — זעליקס זיבעציקסטער געבורטסטאָג, וואָס רוקט זיך אונטער בקרוב. צו דעם צוועק האָט פּנחס אים אַרויסגערופן אין אַ ביסל אַ ווייטלעכער קאַפּע, ווו קיינער וועט נישט וויסן ווו צו זוכן זעליקן און זיי וועלן זיך קענען געמיטלעך אַדורכשמועסן.

וועןביידע לאַנדסלייט און פריינד זענען געזעסן טעט־אַ־טעט ביים קאַפע־טישל ביי צוויי גלעזלעך „זשי ד׳אָראַנזש״, האָט פּנחס אָנגעהויבן:

— זעליק, איך ווייס נישט צי דו ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז דו ווערסט היי־יאָר אַ בן־שבעים, ביז הונדערט און צוואַנציק. ביי מיר איז אָט אַ דאָ אַלץ פאַרשריבן — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין בוזעם־קעשענע, ווו עס געפינט זיך דאָס ביכעלע זיינס — דערויף בין איך סעקרעטאַר, אַז איך זאָל אַלץ האָבן אויף מיין קאָפּ. נאָר גאָרנישט, וועגן דיר און דיין געבורטס־טאָג ווייס איך אַזוי אויך, אָן ביכעלעך. אין מיינע אויגן זעסטו מיר נאָך טאַקע אויס ווי אַ יינגל, וואָס איך האָב נאָך געקענט אַ מאָל אין קלעשטשיוו, אַ יונגערמאַנטשיק...

— גיי שוין גיי, פּנחס, וואָס פאַר אַ יונגערמאַנטשיק בין איך דיר — האָט זעליק איבערגעהאַקט — זאָג בעסער אַן אַלטערמאַנטשיק. אין דער קאָרט ד׳אידאַנטיטע איז אַלץ פאַרשריבן...

— אוי, אין דעם גייט עס טאַקע — האָט פּנחס אָפּגעזיפצט — וואָס אין דער פּרעפעקטור און ביי מיר איז אַלץ פאַרשריבן... אָבער איך זע, זעליק, אַז דו ביסט, ווי מען זאָגט עס, אַזוי ווי צו זיבן אַזוי צו זיבעציק. נאָר אַזוי זאָל מען טאַקע אַלץ אויפנעמען, אויך די עלטער, מיט אַ חכמה, מיט אַ ליצנות, מיט אַ וויץ און מיט אַ גוט געמיט. אַזוי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

לאָמיר צוטרעטן צו דער זאַך, זעליק. איך האַלט, אַז גאַנץ קלעשטשיוו און אומגעגנט דאַרף פּייערן דיין געבורטסטאָג ווי עס געהער צו זיין, טאַקע מיטן גאַנצן קנאַק, ווי דו האָסט עס כשר פאַרדינט. איך מיין, זעליק, אַז דו וועסט גאָרנישט האָבן דאַקעגן, אַז איך וועל דאָס פאַרלייגן דעם קאָמיטעט אויף דער קומענדיקער זיצונג.

— איך ווייס ?... — איז כלומרשט זעליק געווען באַשיידן — אפשר וועט מען מאַכן אַ קליין שמחהלע, בלויז פאַר דער משפחה און עטלעכע נאָענטע פריינד... אגב, ווילן די קינדער אויך שוין ביי דער זעלבער געלעגנהייט פראַוועו נאָך אַ שמחהלע צוזאַמען מיט מיין געבורטסטאָג. ס׳פאַלט גראַד אויס ביי אונדז היי־יאָר אַ דאַטע, וואָס איז נישט ביי דיר פאַרשריבן אין דיין בי־כעלע, נאָר אין דער כתובה: ס׳ווערט פופציק יאָר זינט מיין חתונה מיט צעשען.

פנחס האָט פאַרשטאַנען, אַז זעליק מאַכט זיך נאָר בלויז אַזוי באַשיידן און אין דער אמתן וועט ער זיין צופרידן, אַז די געזעלשאַפט וועט אויף אַ לייטישן אופן פייערן זיין געבורטסטאָג צוזאַמען מיט דער גאָלדענער חתונה. און אַ סברא, אַז צוליב דעם גאַר האָט ער, כלומרשט, אגב־אורחאדיק, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דער גאָלדענער חתונה...

— ווייסטו וואָס ? אויב עס גייט דיר אין דעם — האָט פנחס פאַרגעַ־לייגט — קענען מיר פאַראייניקן ביידע אין איין גרויסער שמחה — און זעענדיק, אַז זעליק קווענקלט זיך, כלומרשט, האָט ער צוגעגעבן: לאָז עס איבער פאַר אונדז, זעליק. דו ביסט טאַקע פרעזידענט, אָבער דאָ האָסט דו גאָרנישט וואָס צו זאָגן. און איך בעט דיך, זיי נישט אַזוי באַשיידן. גלייב מיר, דער כבוד איז מער פאַר אונדז ווי פאַר דיר. דיינע פאַרדינסטן פאַר דער סאָסיעטע זענען שוין גאָרנישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

און אַלץ איז געבליבן ווי אָפּגעמאַכט אין יענעם שבת־פאַרמיטאָג.

יאָ, וואָס שייך טאַקע זעליקס פאַרדינסטן פאַר דער סאָסיעטע, איז ווער קען זיי נאָך אַזוי גוט ווי ער, פנחס. ערשטנס, דער קאַווע, און צווייטנס, די סאָסיעטע בכלל. אַ דאַנק זעליקס פאַרעניש, שתדלנותן און אויך גרויסע סומעס געלט, וואָס ער האָט זיך פערזענלעך געלאָזט קאָסטן, האָט היינט דער קאָמיטעט אַן אייגענעם זעלבשטענדיקן קאַווע אויפן בית־עולם באַניע, פאַר די מיטגלידער אויף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. און אויך אַ

דאַנק זעליקן שטייט בכלל די סאָסיעטע אויף די פיס און איז נישט צעבראָכן געוואָרן, ווי עס האָט געקענט געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

ווען דער קאַוואָ איז אָפּגעקויפט געוואָרן און אַלע וועקסלען זענען שוין געווען אויסגעצאָלט, איז זיך דער קאָמיטעט צונויפגעקומען אין אַן אָוונט אויף אַ ספּעציעלער זיצונג אין אַן אָפּגעזונדערט שטיבל אויף אַן אויבערשטן שטאָק אין אַ קאַפּע אויף פּלאַס רעפּובליק. ס׳איז געווען אַזאַ מין טרויעריקער חנוכת־הבית, בעת וועלכן מען האָט אויסגעטרונקען ווער אַ טיי, ווער אַ קאַפּע־קרעם און ווער אַ גלעזל ווישי. דערביי האָבן זיך אַ טייל קאָמיטעט־מיטגלידער צוגעווונטשן, אַז וואָס שייך דעם קאַוואָ, זאָל מען אים נישט באַדאַרפן. אַנדערע האָבן דערווידערט: „וואָס הייסט, נישט באַדאַרפן? צו וואָס האָט מען אים געקויפט, דעם קאַוואָ? זאָל מען זיך נאָר נישט מאַכן קיין אילוזיעס. מען וועט אים שוין טאַקע יאָ דאַרפן! איר קענט זיין פולשטענדיק זיכער אין דעם. גאָט איז אַ בטוח״. דאָס, וואָס יעדער איינער האָט זיך יאָ געקענט שטילערהייט ווינטשן, איז געווען: נישט צו זיין דער ערשטער אויף צו באַנייען דעם קאַוואָ... אָבער אַזוי ווי אַן ערשטער מוז שטענדיק און אומעטום זיין, איז ער אויך דאָ געווען. קיינער האָט אים נישט באַשטימט אויף קיין זיצונג פון קאָמיטעט און אים נישט אויסגעוויילט מיט אַ מערהייט שטימען, אָבער ער איז געווען...

דער ערשטער מת אויף קומען צו קבורה אינעם קאַוואָ איז געווען די קריסטלעכע פרוי פונעם מיטגליד חיים ווישניאַק, וועלכע האָט געשטאַמט פון בודאַפּעשט. ווען די פרוי איז געשטאָרבן און מען האָט זי געדאַרפט, ווי דאָס ווייב פון אַ מיטגליד, קובר זיין אינעם קאַוואָ, האָט זיך אויפגעהויבן אַ ויצעקו אויפן קאָמיטעט. אַן עקסטרע־דרינגענדיקע זיצונג איז צונויפגערופן געוואָרן ביי זעליקן אין שטוב און זי האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. די לופט איז ממש געווען אָנגעגליט פון די פייערדיקע היציקע רייד, וואָס האָבן זיך דאָרט געהערט, פון די הויכע שאַרפע קולות פון די צוויי צדדים, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט אין דעם ביטערן ענין. אויפן טיש זענען געשטאַנען נישט־דערזופּטע גלעזלעך ווייַן. עס האָבן זיך געוואַלגערט נישט־דעררייכערטע ציגאַרעטן, די אַשבעכער זענען איבערגעגאַנגען פון אַש און דאָ און דאָרט האָט מען געזען שוואַרצלעכע פלעקן אויפן טישטעך. אַ טייל קאָמיטעט־מיטגלידער, מיט זעליקן בראש, האָבן

געטענהט, אַז דער קאַווע איז פאַר קלעשטשיווער יידן און נישט פאַר גויים. אַנדערע, ווידער, האָבן געטענהט, אַז דאָ איז פּאַריז און נישט קלעשטשיוו, אַז עס איז אַ בזיון המת, אַז ס׳איז מיטלאַלטער און אַז דאָס איז ראַסיזם פון ערגסטן מין. אַנדערע האָבן באַוויזן, אַז די פאַרשטאָרבענע איז געווען אַ צדיקת, איינע פון די חסידי אומות העולם, אַז זי האָט ווישניאַקן געראַטעוועט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. אויף דערויף האָבן אַנדערע, ווידער, אָפּגעענטפערט, אַז דאָס האָט זי אים געראַטעוועט מיט אַ כוונה, פאַר זיכסוועגן, אַז זי זאָל שפּעטער קענען מיט אים חתונה האָבן.

זעליק האָט זיך געקאָכט מער פון אַלע:

— איר קענט מיר זאָגן וואָס איר ווילט — האָט ער געשריגן — איך אָבער, ווען די שעה וועט קומען, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וויל איך קומען צו קבר ישראל און כ׳וויל נישט ליגן לעבן אַ גויע!...

דאָ איז אויפגעשפּרונגען גאָדל, אַ געוועזענער דעפּאָרטירטער און אַ געוועזענער פּרעסער מיט אַ צייט צוריק ביי זעליקן, און האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש, אַז אַלע גלעזלעך זענען אַזש אונטערגעשפּרונגען:

— זעליק! אָבער מיט לעבעדיקע שיקסעס שטייט דיר יאָ אָן צו ליגן!...

כמעט אַלע זענען געבליבן זיצן פאַריטשמיעלעט, מיט אָפענע מיילער און אַרויסגעזעצטע אויגן. די איבעריקע האָבן גאָר אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. בלויז פּנחס און נאָך איינער פון זעליקס גוטע־ברידער האָבן זיך פאַר יוצא וועגן אָנגענומען פאַר זיין כבוד, אויסרופנדיק צו גאָדלען:

— עזות־פּנים!

— מחוצף!

— דרך־ארץ! דאָ זיצן פּרויענצימערס!...

זעליק איז געווען טויט און רויט. דאָס גאַנצע בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין. נאָך אַ גליק וואָס צעשע איז נישט געווען דערביי. זי איז פּונקט געהאַט אַרויסגעגאַנגען אין קיך אַריין צושטעלן דעם טשייניק אויף כיבוד.

גאָדלס פויסט אין טיש איז אין יענעם אָוונט עלול געווען צו צעקלאַפּן די גאַנצע סאָסיעטע. אָבער זעליק מיט זיין קלוגן שווייגן, אָדער אָן־ברירה־דיקן שווייגן האָט זי דעמאָלט געראַטעוועט. אויף גאָדלס היציקע רייד האָט זעליק גאָרנישט געענטפערט. און אַ סברא, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַט וואָס

צו ענטפערן. לסוף האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אַן אומבאַהאָלפענער מיט אַ ציטערנדיקער אונטערשטעטער ליפּ:

— נו, אויב אַזוי, אויב עס גייט שוין אין טשעפּען זיך צו מיר פּערזענלעך, איז טוט ווי איר ווילט. איך מיש זיך נישט מער און זאָל אַן אַנדערער ווערן פּרעזידענט אויף מיין אָרט.

אין זיין טאָן איז נישט געווען אַפילו קיין סימן פון אַ פּרווו צו אַ קאָנ־טעראַטאַקע, אָדער אַ באַמיִונג צו פאַרטיידיקן זיך לייטיש, נאָר גיכער אַ וועלן זיך אַרויסדרייען, ווי עס איז, און אַרויסגיין כאָטש מיט אַ ביסל כבוד פון אַ פּריקרען פּאַסקודנעם עסק.

אַלנפאַלס, זעליקס וואָרפן דעמאָלט דעם קאָמיטעט דעם גט פּאַר די פיס, דאָס קינדיקן זיין פּרעזידענטשאַפט האָט מען נישט אָנגענומען. נישט איצטער איז דער מאָמענט צו דיסקוטירן וועגן דעם, האָט מען געטענהט פון אַלע זייטן. זעליק אַליין האָט אויך געפילט, אַז זיין אָפּזאָגן זיך ווייטער צו זיין פּרעזידענט וועט מען נישט אָננעמען, ס'איז נישטאָ קיין בעסערער פון אים, איז ער געווען זיכער ביי זיך, און אַחוץ דעם האָט ער געהאַט צו ברייטע פּליי־צעס, אַז ער זאָל אַזוי נישט־מיר, נישט־דיר, ווערן אויס קאָפּעליושמאַכער.

צום אַהיימגיין האָט זיך דער עולם אויפגעהויבן פון די שטולן אַ דער־דריקטער און דענערווירטער. ביים אָנטאָן זיך האָט מען נישט אַריינגעטראָפן אין די אַרבל אַריין, מען האָט זיך פאַרטוישט די מלבושים און קאָפּעליושן, מען האָט פאַרגעסן און איבערגעלאָזט שירעמס. אַנשטאָט צו עפענען די טיר צום אַרויסגיין, האָט מען אויפגעמאַכט די טיר פון דער קאַבינע־טואַלעט. אַזוי צעחושט איז מען געווען. די קאָמיטעט־מיטגלידער זענען אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אָבער מיט אַן אָנגענומענעם באַשלוס.

ווישניאַקס פאַרשטאָרבענע קריסטלעכע פרוי איז אין אַ מעת־לעת אַרום געקומען צו קבורה אינעם קאַוואָ פון די קלעשטשיוועך.

אַ שטיק צייט נאָך דעם האָט מען נאָך צווישן די לאַנדסלייט גערעדט וועגן דעם שווערן און פּיינלעכן אינצידענט ביי זעליקן אין שטוב. צווישן זיך האָט מען געהאַלטן, אַז אויב גאָדל איז דעמאָלט אַזוי אַרויסגעשפּרונגען, האָט ער מסתמא געוווּסט וואָס ער רעדט. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז אַפילו ווען עס איז אַזוי, ווי גאָדל האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מאָמענט פון אויפּ־

רעגונג, האָט מען געדאַרפט האָבן פון דעסטוועגן אַ ביסל איינזען און יאַנדעס נישט אַזוי מביש צו זיין זעליקן, אים פאַרצאַפן זיין בלוט אין אַלעמענס אויגן. אַנדערע האָבן געמיינט, אַז מען דאַרף גאָר זיין דאַנקבאַר גאָדלען, ווייל מיט זיין פיסק און מיט זיין קלאַפּ אין טיש ביי זעליקן אין יענעם אָוונט האָט ער געראַטעוועט די סאָסיעטע, וואָס האָט דעמאָלט גע־קענט אין גאַנצן צעזעצט ווערן.

אַלע אין דער סאָסיעטע האָבן געקענט גאָדלען פאַר אַ שייגעץ און נישט אַלע מאָל האָט מען פאַרטראָגן זיין גרויסן פיסק. מען דערמאָנט זיך ווי איין מאָל, בעת אַ יזכור־אָוונט, נאָכן מאַכן דעם „אל מלא רחמים״, האָט ער זיך דערלויבט, צום ביטערן פאַרדרוס פון די מענטשן אַרום אים, אַזאַ מין זאָג צו געבן: „ווו איז יושר, וויל איך וויסן, דער וואָס זיצט אויבן האָט געלאָזט מאַכן פון אונדז אַש און פּאָרעך און ער הייסט אַן אל מלא רחמים״...

אויפן דאָזיקן זאָגעניש גאָדלס האָט מען פאַרשידן רעאַגירט. איינער האָט זיך געקאָכט, אַז דאָס איז גאָט־לעסטערונג, אַ חילול־השם, אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז עס איז עזות און אַ דריטער האָט געזאָגט, אַז עס איז טאַקע עזות, אָבער עס איז אויך וואָר דאָס, וואָס גאָדל זאָגט.

אַזוי האָט מען אויך באַהאַנדלט דעם זבענק אין טיש פון גאָדלען ביי זעליקן. ער האָט דעמאָלט פון דעסטוועגן אויפגעטאָן אַ גוטע זאַך, גאָדל, ווייל צוליב זיינע אָפענע קאָרטן, וואָס ער האָט אַרויסגעלייגט, איז זעליק געוואָרן אַזוי צעחושט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים און ער האָט מער נישט געהאַט דעם קאָפּ איינצושפּאַרן זיך, אַז מען זאָל ווישניאַקס פּרוי נישט קובר זיין אינעם קאַוואָ פון די קלעשטשיוער... מען האָט אויך אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז מצד גאָדלען איז עס געווען אַ נקמה־אַקט אין זעליקן, ווייל זעליק האָט אים אַ מאָל געהאַט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. ס'האָט דעמאָלט געהייסן, אַז ס'איז „צוליב ענדערונגען אין פּער־סאָנאַל״. און קעגן וועמען האָט אַזוי זעליק געהאַנדלט? קעגן אים, גאָדלען, אַ לאַנדסמאַן, אַ ייִד, אַ טאַטן פון צוויי קינדער און אַ געוועזענעם דעפּאָר־טירטן. זעט אויס, אַז זעליקן האָט געשטערט דאָס, וואָס גאָדל, אַן אייגענער מענטש, קוקט זיך צופיל צו צו זיינע פירעכצער און ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אים.

„זאָל זיין, אַז מצד גאָדלען איז עס געווען אַ נקמה־אַקט, האָבן אַנדערע דערווידערט, אָבער דאָס וויל דאָך נישט זאָגן, אַז אין תּוך איז גאָדל נישט געווען גערעכט און נישט געוווּסט וואָס ער רעדט״. און דער גאָדל האָט שוין גראָד יאָ געוווּסט וואָס ער רעדט, אַ סך געוווּסט וועגן זעליקס מאָדנע גענג. און וואָס ער האָט געוווּסט, האָבן שוין אויך אַנדערע לאַנדסלייט געוווּסט.

גאָדל, זייענדיק אַ פּרעסער ביי זעליקן עטלעכע יאָר, האָט גאַנץ גוט געזען ווי דער פּאַטראָן זיינער, דער לאַנדסמאַן, אַרויפקומענדיק אין אַטעליע פון מאָל צו מאָל צו זען ווי די אַרבעט גייט צו, פלעגט נאָכלויפן די מאַשי־נעריגס און האַנט־נייערינס און מיט די יונגע און שיינע איז ער גאָר געווען קוצעניו־מוצעניו, געקלעפּט אין זיי, געמאַכט זיי קאָמפּלימענטן, אויף אַזוי ווייט אויף וויפל אַ פּאַטראָן קען זיך עס דערלויבן, זיין פּרעסטיזש זאָל נישט ליידן דערביי. פון איינער אַ האַנט־נייערין, דער בלאָנדער פון זשיטוויזי, איז ער גאָרנישט אָפּגעטראָטן, זיך אויסגעזוכט פאַרשידענע תּירוצים בכדי צו קענען זיין לעבן איר. אַלע מאָדעלער האָט ער נאָר געזען אָנצומעסטן אויף איר, באשר בכן איר פיגור איז גאָר כלומרשט פּאַסיק פאַר אַלע מאָדעלער און מאָסן. אָבער ער, גאָדל, ווייסט, אַז איר פיגור איז אים, זעליקן, געפעלן געוואָרן נישט בלויז אויף צום אָנמעסטן די מאָדעלער. זעליק פלעגט צו־טראַכטן פאַרשידענע פּרעטעקסטן בכדי זי צו פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער אין דער אַטעליע אויף איבער־שעהען, כלומרשט, פאַרנאַכט, ווען אַלע גייען אַוועק. ער האָט אַזוי געקענט דעמאָלט אַרויפקומען אין אַטעליע מיט אַ געמאַכטער צעיאָכמערטקייט און מיט אַ מאַנטל איבערן אָרעם און זי בעטן, אַז זי זאָל בלייבן נאָך אַ שעה, ווייל ער האָט אַן אייליק שטיקל אַרבעט אַרויסצוזענדיקן. אַלץ אַזעלכע שמד־שטיקלעך און ממזרישע תּירוצים, אַז ער זאָל קענען מיט איר בלייבן אַליין. אָבער אים, גאָדלען, האָט ער עפּעס קיין מאָל נישט געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן נאָך אַ שעה אין אַטעליע אויף אָפּצופּרעסן אַ דרינגענדיק שטיקל. גאָדל האָט אַפילו איין מאָל באַמערקט, פון אַ קאַפע זיצנדיק, ווו ער איז אַריין נאָך דער אַרבעט עפּעס אויסטרינקען, ווי זעליק פירט די מויד אין זיין אויטאָ. מסתמא זי צוצופירן צו דער באַן קיין זשיטוויזי. ס׳איז גראָד געווען דעמאָלט, ווען צעשע איז געהאַט אַרויס־געפאָרן קיין עקס־לע־בען זיך היילן איר רעוומאַטיזם.

— — — — — — — — — — — — —

אויב זעליק האָט זיך אַזוי געקאָכט אויף יענער שטורעמדיקער זיצונג פונעם קאָמיטעט ביי אים אין שטוב צוליב דער קבורה פון ווישניאַקס קריסטלעכער פרוי, איז עס זיכער געווען דערפאַר ווייל ער האָט זיך די לעצטע יאָרן אַ סך געענדערט. ער איז לעצטנס געוואָרן געזעצטער, מיושב־דיקער און אויך אַפילו אַ ביסל פרום. מעגלעך, אַז מיטן אַנרוקן זיך פון דער עלטער האָט ער אָנגעהויבן מורא צו קריגן פאַר גאָט. אויך צו מענטשן איז ער געוואָרן די לעצטע צייט בעסער און צוגעלאָזענער. דער גוף איז אים געוואָרן שווערער, אָבער די האַנט איז אים געוואָרן גרינגער. ער האָט מיט אַ לייכטער האַרץ, ווי אַ מאָל, געגעבן פאַרשידענע אונטערשטיצונגען, געבאָרגט גמילות־חסדים, נישט אָפּגעזאָגט קיינעם פון די לאַנדסלייט, אויסגעלייגט גרויסע סומעס געלט פאַרן קאָמיטעט. „אין קבר אַריין וועט מען גאָרנישט מיטנעמען״, האָט ער אָנגעהויבן לעצטנס צו טענהן.

אַפילו מיט אָרעמעלייט, בעטלער, וואָס גייען פאַרביי די געשעפטן, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פירן לייטישער, אַנשטענדיקער. אַ מאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט געקענט טרעפן, אַז אַן אָרעמאַן זאָל אַריינקומען צו אים אין מאַגאַזין אַריין נאָך אַ נדבה און ער, זעליק אַליין, זאָל אים זאָגן, אַז דער פּאַטראָן איז נישטאָ... און איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ער האָט דאָס געזאָגט צו אַן אָרעמאַן, וועלכער האָט מסתמא געוווּסט, אַז זעליק אַליין איז דער פּאַטראָן און נישט מאַכנדיק זיך וויסן, אַז ער ווייסט דאָס, האָט ער נאָכגע־שריגן זעליקן ביים אַרויסגיין:

— מיסיע, כ׳בעט אייך, זאָגט דעם פּאַטראָן, ווען ער וועט אַריינקומען, אַז ער זאָל צעברעכן הענט און פיס...

זעליק דערמאָנט זיך נישט איין מאָל אין דער ממזרישער קללה פונעם אָרעמאַן, וועלכע האָט אים געבריט ביז אין דער זיבעטער ריפּ. ער האָט זיך שפּעטער געשעמט און גוט חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט דעם אָרעמאַן אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט און ער האָט זיך עס נישט געקענט שענקען און זיך געגעבן אַ נדר, אַז מער וועט ער דאָס נישט טאָן. און ווירקלעך, היינט, ווען אַ בעטלער מאַכט נאָר אויף די טיר פונעם מאַגאַזין, כאַפּט ער זיך, זעליק, גלייך צו דער הויזן־קעשענע, ווו עס קלינגט נאָכלעסיק דאָס קליינ־געלט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט אויסקויפן זיינע אַמאָליקע זינד, און נעמט אַרויס ברייטלעך אַ זשמעניע מטבעות אומגעציילט און ער גיט זיי

דעם אָרעמאַן. און ער איז נאָך צופרידן וואָס יענער נעמט, גלייך ווי דער אָרעמאַן וואָלט אים נאָך געטאָן אַ טובה מיטן נעמען ביי אים דאָס געלט. ווען דער בעטלער האָלט שוין די קליאַמקע צום אַרויסגיין, זאָגט אים נאָך זעליק נאָך:

— טאָמער דאַרפט איר אַ געניצטן מלבוש, טאָ קומט אַריין מאָרגן, וועל איך אייך אָנגרייטן.

— מיסיע ראַפּאַפּאָרט — דרייט זיך אויס צוריק דער אָרעמאַן, שוין אַרויסגייענדיק — אפשר האָט איר אַ מאָל אויך עפּעס אַ געניצטן אויטאָ? — פרעגט ער, געבנדיק אַ כיטרען קנייטש מיט אַן אויג...

אָט די חכמה פונעם בעטלער איז עפּעס זעליקן גלייך געקראַכן אין קאָפּ אַריין. ס'האָט, זעט אויס, געדאַרפט זיין אַ מין אַריינזאָגן אים אויף אַ פאַר־שטעלטן אופן, אַ שטעכעלירן אים, וואָס האָט זעליקן פאַרשאַפט ביטערן פאַר־דרוס. משמעות, האָט ער געטראַכט, האָט דער אָרעמאַן געמוזט וויסן, אַז ער, זעליק, האָט צוויי אויטאָס, איינעם אַ ביסל אַ געניצטן, אַ וואָכעדיקן, און איינעם אַ שפּאָגל־נייעם, אַ יום־טובדיקן, אַ שבת־זונטיקדיקן. און ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן, אַז ער זאָל דאָס דורכלאָזן און נישט אָפּענטפערן אויך מיט אַ חכמה אויף דעם אָרעמאַנס חכמה, נישט צו פאַרשוויגן אים:

— צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרפט איר אַן אויטאָ? פון שטענדיק אָן וויס איך, אַז אָרעמעלייט גייען איבער די הייזער, און דאָ הער איך צום ערשטן מאָל, אַז זיי ווילן גאָר פאָרן איבער די הייזער...

ווענן דעם, אַז זעליק איז לעצטנס געוואָרן אַ ביסל פרום, ווייסן אַ סך לאַנדסלייט און גוטע־ברידער. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך שוין אַפילו געהאַט פאַרלאָזט אַ באָרד, אָבער אַזוי ווי צעשע, האָט מען דערציילט, האָט געטענהט צו אים, אַז זי וועט אים נישט אַריינלאָזן אין בעט אַריין מיט אָט דעם בעזעם, האָט ער די באָרד געמוזט צוריק אַראָפּנעמען. ראַפּטעם פון דער העלער הויט האָט זעליק אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען פון צעשען, אַז זי זאָל פרייטיק צו נאַכטס בענטשן ליכט. אויב נישט בענטשן ווי זיין מאַמע אַ מאָל אין קלעשטשיוו, מיט פרומקייט און כוונה, איז כאָטש נעמען און אָוועקשטעלן אויפן ווייס־געדעקטן טיש צוויי לייכטער מיט אָנ־געצונדענע ליכט. זאָלן כאָטש די אייניקלעך זען דעם אונטערשיד פון אַ געוויינלעכן אָוונט און אַ פרייטיק־צונאַכטס, האָט ער געטענהט. דאָס האָט

אים שוין צעשע יאָ נאָכגעגעבן. זי וויל נישט איינרייסן מיט אים, מען קען דאָך אים נישט שמייסן מיט אַלע ריטער, בפרט נאָך אַז ער איז לעצטנס אַ ביסל חולהוואַטע און מען דאַרף אים זען אַ סך געניגן צו טאָן. און מען קען נישט זאָגן, אַז זי אַליין, צעשע, טוט דאָס אין גאַנצן מיט גלייכגילטיקייט. נאָכן אָנצינדן די ליכט לייגט זי אַפילו צו די הענט צו איר פּנים, פֿאַרשטעלט זיך אַ ביסל די אויגן מיט זיי, הגם זי שעפּטשעט נישט קיין תפילה.

אין דער טונקלעניש זעט זי ווי אויף אירע דלאָניעס שטעלן זיך אויס אַלע קלעשטשיווער פּרייטיק־צונאַכטיקע ייִדישע הייזלעך מיט די הייליקע ליכט־פֿלעמלעך אין די שייבלעך. זעליקן קומט צו אַ שטיק געזונט פֿון די אָנגעצונדענע שבת־ליכט. ער קוועלט ווען ער הערט ווי די קינדער רופֿן אויס מיט גרויס התפּעלות: „מעמע! אָ, ווי שיין דאָס איז!"

זעליק האָט אויך גענומען לעצטנס שטרענגער ווי פֿריִער אָפּהיטן די יאָרצייט פֿון זיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, וואָס זענען אומגעקומען אין דער היים. ער ווייסט נישט גענוי ווען עס געפֿאַלט זייער יאָרצייט, דער טאָג, אָדער אַפילו וואָך, פֿון זייער טויט. ער ווייסט נאָר ווען מען האָט אַלע ייִדן אַרויסגעטריבן פֿון קלעשטשיוו, אַרויסגעפֿירט מיט האַק־און־פּאַק אויפֿן מאַרק. צווישן זיי זענען אויך געווען זיינע טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער מיט זייערע מאַנען און ווייבער און קינדער. און אין דעם טאָג פֿון גירוש, ס'איז געווען אין אַ שׂמחת־תּורה, צינדט זעליק אָן אַ גלאָז בוימל מיט אַ קנויט און ער לאָזט עס שטיין אין אַ ווינקל אויף דער שאַפֿע — אין יאָרצייט־ליכט פֿאַר אַלע. אַ פּחד נעמט אָן צו קוקן אַהין, צו יענעם ווינקל, ווו איבער דער שאַפֿע גיט דאָס גלאָז אַרויס פֿון זיך די מוטנע טונקעלע שיין. און אין אָט דעם דורכזיכטיק־טריבן גלאָז בוימל, דאַכט זיך זעליקן, קומען זיך טובלען און לייטערן די נשמות פֿון זיין אומגעקומענער משפּחה און די נשמות פֿון אַלע קלעשטשיווער ייִדן.

יום־כּיפּור האָט זעליק שטענדיק געהאַלטן צוגעמאַכט דאָס געשעפֿט. אָבער לעצטנס האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, אַז אויך ראש־השנה מוז זיין דאָס געשעפֿט געשלאָסן. אַפילו ווען עס פֿאַלט אויס אין אַ מאָנטיק, ווען ס'רוב געשווירענע קונים זיינע פֿון דער פּראָווינץ קומען צו פֿאָרן און עס איז דעמאָלט דאָס אמתע לייזעכץ. ער האָט שטענדיק דערביי צו טאָן מיט די

טעכטער זיינע און די איידעמס, וועלכע ווילן דווקא האַלטן אָפּן דאָס געשעפט, טענהנדיק אַז מען קען נישט היזק האָבן אַזויפיל געלט, מען וועט פאַרלירן די קונים, ווייל זיי וועלן גיין ערגעץ־אַנדערש, דאָרט וווּ ס׳איז יאָ אָפּן. זיי ווייזן אָן דערביי, אַז ביי מאַקסן איז אָפּן, ביי בערנאַרדן איז אָפּן, ביי וואָלפּטעקס, ביי בערטעקס און ביי אַנדערע איז אָפּן. זעליק האַלט זיך ביי ס׳זייניקע, ווייל פון גאָרנישט וויסן, ער וויל זיך נישט פאַרקוקן אויף אַנדערע, זאָלן זיך אַנדערע פאַרקוקן אויף אים, און אַז בכן גוייִשע יום־טובים קאָסטן אים אָפּ מער געלט, מעג אים נאָך אַ ייִדישער יום־טוב אויך עפּעס קאָסטן. פראַנעק האָט נאָך נישט די גאַנצע דעה איבער אים, און די טעכטער זיינע מיט די שיינע איידעמס, וואָס קוקן שוין אויס מסתמא, אַז ער זאָל צומאַכן אָן אויג, וועט ער נישט נאָכגעבן. עס וועט זיך טוען ריסעס, בלוט וועט זיך גיסן אויב מען וועט אים נישט נאָכגעבן, שפּאַרט ער זיך איין, און ער פירט סוף כל סוף אויס דאָס זייניקע.

געוויינלעך איז זעליק פרימער אין די ימים־נוראים ווי אַ גאַנץ יאָר. אויב אַמאָליקע יאָרן פלעגט ער אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקן די רעליגיעזע צערעמאָניע אינעם זונטיק ערב יום־כיפּור, ווען זיין סאָסיעטע פלעגט גיין אויף קבר־אָבות צוזאַמען מיט אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אויפן בית־עולם באַניע, היט ער זי היינט צו מיט אַ סך מער כוונה און ערנסט. ער באַזאָרגט זיך באַצייטנס מיט אַ חזן וואָס זאָל מאַכן אָן „אל מלא רחמים״ און זאָגן קדיש פאַר די פאַרשטאָרבענע און אומגעקומענע לאַנדסלייט. אמת, ער האָט איינגעפירט, אַז זיין סאָסיעטע קומט אַרויס אויפן בית־עולם ערשט אַרום פיר אַ זייגער, ווען ס׳איז שוין נאָכן פאַרביידעפילירן פון אַלע געזעלשאַפטן מיט זייערע פענער און נאָך אַלע רעדעס אויף דער גרויסער טריבונע.

זעליק וויל, אַז די סאָסיעטע זיינע זאָל זיין נייטראַל, נישט האַלטן מיט דעם און נישט מיט יענעם, נישט מישן זיך און גיין באַזונדער. דערפאַר קומען די קלעשטשיוועער אויפן בית־עולם אַ ביסל שפּעטער, נאָך אַלעמען.

זעליק קומט צו קבר־אָבות אין זיין בעסטער קאַמפּלע מיטן שענסטן קראַוואַט און אין זיין שפּאָגל־נייעם אויטאָ, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט אַרויסווייזן באַציִונג צו די טויטע. אַרויספאָרנדיק אין גאַס אַריין, טרעט נאָך זעליק אָפּ אין וועג אויף עטלעכע אַדרעסן, נאָך אַ פּאָר גוטע־ברידער,

נאָענטע קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס ער נעמט זיי מיט אין זיין וואָגן און דערביי רופט ער זיך אַליין אָן: „דער קלעשטשיווער באַלעגאָלע".

אויפֿן בית־עולם גייען די קלעשטשיווער צו די קברים ווו עס רוט דאָס געביין פֿון זייערע פֿאַרשטאָרבענע משפּחה־מענטשן און פֿריינד און ווו צו די מאָנומענטן זענען צוגעשטעלט מאַרמאָרנע אָנדענק־טעוועלעך מיט קליינע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדלעך פֿון אומגעקומענע קרובים אויף דעפּאָרטאַציע. נאָך דעם גייען זיי צו צו דעם זעלבשטענדיקן קאַווואָ פֿון „קלעשטשיוו און אומגעגנט", אין וועלכן עס ליגט דערווייל בלויז די פֿאַרשטאָרבענע קריסט־לעכע פֿרוי פֿון חיים ווישניאַק, ווו איר פֿאַראָבלטער מאַן שטעלט אַוועק צו איר אָנדענק אַ וואַזאָן מיט געלבלעכע צעפּאַטלטע כריזאַנטעמעס. די לאַנדס־לייט באַטראַכטן דעם קאַוואָ מיטן מאָנומענט ווי אַ ניי־אויסגעבויטע ווילע, ווו מען וועט זיך דאַרפֿן אַריינצי׳ען איינציקווייז.

זעליק שטייט דאָרטן אַ פֿאַרזונקענער אין מחשבות, ביים מאָנומענט, אויף וועלכן ס׳געפֿינט זיך שוין אַ ליידיק אָרט פֿאַר די נעמען פֿון די לאַנדס־לייט, וואָס מען וועט דאַרפֿן שפּעטער אויסקריצן. די געדאַנקען, וואָס קומען אים איצטער אין קאָפּ אַריין, זענען אומהיימלעכע, דער עיקר וועגן דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי אים אין שטוב דעמאָלט ווען מען האָט דאָ געדאַרפֿט קובר זיין דעם ערשטן מת, ווישניאַקס קריסטלעכע פֿרוי. וויפֿל בזיונות ער האָט דאָס געדאַרפֿט אויסשטיין אין יענער נאַכט. ער דערמאָנט זיך גאָדלס אומפֿאַרשעמט און חוצפּהדיק אַרויפֿוואַרפֿן זיך אויף אים, זיין פֿאַרהאַלטן אים די מעשׂה מיט די „לעבעדיקע שיקסעס"... אָבער ער, זעליק, וויל נישט טראַכטן וועגן דעם. בעסער וועט זיין פֿאַר אים, אַ ייִד וואָס ווערט בקרוב אַ בן־שבעים, נישט צו געדענקען אין דעם, פֿאַרגעסן דאָס, בפֿרט נאָך דאָ, אויפֿן הייליקן אָרט, און נאָך דערצו עטלעכע טעג פֿאַר יום־כּיפּור... ער שטייט נאָך אַזוי אַ ווײַלע מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איבערן מצבֿה־שטיין און טראַכט: דאָ וועט זיך ענדיקן קלעשטשיוו...

דער זומער האָט זיך גענומען פּאַמעלעך אויסלעשן אויף די פּאַריזער גאַסן, בולוואַרן און פּלעצער. די לופֿט איז געווען סעפּטעמבערדיק־אָלולדיק. אין די פֿרימאָרגנס און אָוונטן איז שוין געווען קיל, פֿרעסטלדיק און נעפּל־דיק. זיצנדיק ביי זיך אין שטוב פֿאַרנאַכט איז מען שוין גערן אַריין אין אַ

וואַרעמען שלאָפּראָק און אין פּלאַנעלענע טיפּע שטעקשיך און ס׳האָט שוין געשמעקט צו כאַפּן אויף זיך אַ וואָלענעם פּולאָווער. אין די בייטאָגן, דאַקעגן, איז נאָך געווען גוט וואַרעם, שיין, זוניק, ליבע, געשענקטע טעג, וואָס דער מענטש באַגלייט זיי מיט באַדויער. דער וואַקאַנס איז געווען געענדיקט. מ׳האָט זיך צוריקגעלאָזט קיין פּאַריז פון אַלע זייטן, מיט אַלע קאָמוניקאַציע־מיטלען. ווי דורך אַ היישעריק איז פּאַריז באַפּאַלן געוואָרן דורך די צוריק־פּאָרנדיקע וואַקאַנס־לייט, באַלאַגערט געוואָרן נישט דורך קיין שׂונא, נאָר דורך אירע אייגענע פרידלעכע און צופרידענע איינוווינער. די באַנען, שיפן און אַוויאָנען האָבן טאָג־טעגלעך אויסגעשיט מאַסן פּאַסאַזשירן און זיי אונ־טערגעוואָרפן אויף די וואָקזאַלן, פּאָרטן און אַעראָדראָמען. נישט רעדנדיק שוין פון די פּריוואַטע אויטאָס, וואָס האָבן זיך אין לאַנגע קאַראַוואַנען גע־צויגן אויף די וועגן, אָפט געבליבן שטיין מחמת ענגשאַפט און פאַרשטאָפּט־קייט, נישט געקענט זיך רירן פון אָרט און פאָרן ווייטער, און די שאָפערן האָבן דערווייל פאַר אומגעדולד און לאַנגווייליקייט זיך געזידלט קעגנזייטיק, מיינענדיק, יעדער איינער, אַז זיין אויטאָ־שכן איז דאָ אין עפּעס שולדיק. אומענדלעכע לאַנגע שורות אויטאָמאָבילן, באַלאָדענע מיט פּעק, וואַליזעס און קינדער־וועגעלעך, צוגעפּעסטיקט צו די דעכער אויבן מיט שטריק, האָבן זיך געצויגן און געשלעפּט איבער די וועגן, ווי איין ריזיקער וואַקאַנס־גלות, און געשפּאַרט צו פּאַריז.

די געשעפטן זענען שוין געווען אָפן. דער בריוטרעגער האָט נאָך אַריינגעבערענגט די לעצטע פּאַרשפּעטיקטע פּאַרביקע פּאַנאָראַמע־קאַרטלעך פון וואַקאַנס פון פאַרשידענע געגנטן אין לאַנד און אויסלאַנד מיטן טראַדיצ־יאָנעלן „באָן סווועניר”. מ׳האָט אָפּגענומען פון די פאָטאָגראַפישע אַנשטאַלטן די בילדלעך, וואָס מ׳האָט אַליין געמאַכט מיט אייגענע אַפּאַראַטן אויף די פּליאַזשעס, אין די בערג, פאַר די פּאַנסיאָנען, און מ׳האָט זיי לאַנג באַטראַכט מיט בענקשאַפט. אין די מיטאָג־שעהען, ווען ס׳איז נאָך געווען גוט וואַרעם, האָט מען געקענט זען אין גאַס יונגע פרויען, צוריקגעקומענע פון וואַקאַנס, מיט אָפּגעדעקטע פאַרברוינטע אָרעמס, אַקסלען און נאַקנס. ערשט נישט לאַנג האָט אויף די טומלדיקע זאַמד־ברעגן די זון פאַרגאָסן זייער הויט מיט בראָנדז, ווי ווייט זי האָט נאָר געקענט דערגרייכן זייער נאַקעטקייט. זייער צוגעברוינטע פרויִשע לייביקייט האָט איצטער דערמאָנט אין פרישן גע־

שמאַקן געבעקס, וואָס מ׳האָט נאָר וואָס אַרויסגענומען פון אויוון אַרויס. עס האָט געשמעקט פון זיי מיט געזאַלצנס פון ים, מיט טייך־וואַסער, מיט נאַסע באָד־קאָסטיומען און אָפּגעצוואָגענע רינענדיקע האָר. עס האָט איצטער אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געשוועבט אין די גאַסן און דורך זייער אָפּגעדעקטער פאַרברוינטקייט וואָלטן זיי מיט עקשנות נאָך געוואָלט אויפהאַלטן יענע זיסע טעג און שעהען, ווען זיי האָבן אין בריִענדיקן זאַמד זיך זאָרגלאָז געקענט אויסלייגן און אָפּגעבן זיך דעם זון־בלענד, ווי זאָגנדיק: „נאָ, און נעם וויפל דיין האַרץ גלוסט״, און לאָזן די פּיאַלעט־שטראַלן, ווי מחיהדיקע לאַש־טשענדיקע פינגער, זיך שפּילן מיט זייער לייב.

פון די פּלאַטאַנען, אַקאַציעס און קאַשטאַנען־ביימער אויף די טראָטואַרן פון די פּאַריזער בולוואַרן האָבן שוין אָנגעהויבן איינציקע פאַרגעלטע בלעטער אַראָפּצופאַלן. צום ערשט פּאַמעלעך, פלעגמאַטיש, ווי לאָמיך געמאַך. טייל האָבן זיך ווי פאַרהאַלטן אין דער לופט אין מיטן פאַלן, ווי זיי וואָלטן זיך מישב געווען צי ס׳איז שוין טאַקע אויף אַן אמת געקומען די צייט אויף זיי, צי נאָך נישט.

דאָ, אויף דער לאַנגער גרויער גאַס פון פאַרטיקע מלבושים זענען קיין בלעטער נישט געפאַלן, ווייל ס׳איז נישט געווען פון וואָס. קיין בוים איז נישט געווען דאָ פאַרפלאַנצט אויף דער גאַנצער לענג פון די טראָטואַרן. נישט קיין בלאַט, נאָר גיכער אַ שטיקל אָפּפאַל־שטאָף האָט דאָ געקענט אַראָפּפאַלן פון אַן אָפענעם אַטעליע־פענצטער און אַנשטאָט די ווייסע האַרבסט־פעדעם אין דער לופט, האָט מען דאָ געקענט זען זיך ציִען ווייסע פאַסטריגעס. דאָ, אויף דער לאַנגער גאַס פון קאָנפעקציע־געשעפטן פון „גראָ — דעמי גראָ״ האָבן זיך צונויפגעדרענגט בשכנות די שיין־דעקאָרירטע וויט־רינעס מיט די אויסגעסטראָצלט־עלעגאַנטע מאַנעקינען מיט אויסגעשטרעקטע צו דער גאַס איידעלע הענטעלעך און אויסגעצויגענע לאַנגע פינגער מיט פאַרלאָקנדיקע רופנדיקע זשעסטן און באַוועגונגען. איינע ביי דער אַנדערער געפינען זיי זיך דאָ, די וויטרינעס, אַזוי אַז עס איז נישטאָ צווישן זיי קיין אָרט פאַר אַ בעקעריי, צי וועשעריי און וווּ אַ בלומען־געוועלבל דאַרף מען אויף כפּרות. גאָרנישט מער נאָר מלבושים און מלבושים. די הינט, וואָס פאַרען זיך אין די פאַרטאָגן ביי די אויסגעשטעלטע קעסלען מיסט פאַר די טויערן און נישטערן אין זיי פאַרעקשנט, ניוכען און זוכן עפּעס טועם צו זיין

ביי זיי, טראָגן זיך סוף כל סוף אָפּ אַנטוישטע מיט אַראָפּגעלאָזטע עקן. און ס׳איז נישט קיין וווּנדער פּאַר וואָס: נישט זיי געפינען דאָרטן אַ בייַן, שוין אָפּגערעדט פון אַ שטיקל פלייש, און נאָר שמאַטעס און שמאַטעס, וואָס האָבן נישט קיין היגטישן טעם...

בייטאָג הערט זיך אַרויס פון די אָפענע אַטעליע־פענצטער אַ געזשום פון עלעקטרישע מאָטאָרן פון די הונדערטער ניי־מאַשינען, וואָס פאַרגייט זיך אַזוי אומעטיק־באַנג און לאָזט זיך אויס ווי מיט אַ דינעם, אויסגעצויגענעם זיפץ, אינאיינעם מיט די לעצטע שלאָגער־לידלעך פון די שאַנסאָניערן. אַ מאָל הערט זיך דאָ אויך אַרויס פון צווישן זיי אַ שוואַכער אויסגייענדיקער ימים־נוראימדיקער ניגון, וואָס ווערט אָבער באַלד בטל בשישים.

זעליק האָט היי־יאָר צוליב זיין נישט־איבעריק גוטן געזונט־מצב און מידקייט פאַרבראַנגט זיינע וואַקאַנס־וואָכן ביי זיך אין דער ווילע אין שאַנטיאי. צו פאַרמאַטערט איז ער געווען און אָפּגעשוואַכט, אַז ער זאָל זיך לאָזן אין די ווייטע געגנטן, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, ווען די שיינע ווילע זיינע מיטן נאָמען „מאָן רעוו" איז געבליבן שטיין פאַרמאַכט און האָט גע־פּוסטעוועט. און אַחוץ דעם, צו וואָס דאַרף ער פאָרן אין די אויסגעצייכנטע פּאַנסיאָנען, זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן, נישט טאָרן עסן די אַלע פיינע מאכלים, וואָס מען סערווירט דאָרטן, צאָלן געלט פאַר גאָרנישט און קוקן ווי אַנדערע עסן. דערביי האָט ער מיט אַ קרעכץ באַטראַכט אַזוי דעם אונטער־שיד פון די אַמאָליקע צייטן און היינט; וואָס פאַר אַ פאַרדרייטע וועלט ס׳איז איצטער געוואָרן. אַ מאָל אין קלעשטשיוו האָט מען געקענט עסן צעזעצטער־הייט, איז נישט געווען וואָס, און היינט, ווען עס איז שוין יאָ דאָ צו פרעסן און צו זויפן, טאָר ער נישט עסן. כאָטש קוק און דריק. מען זאָגט, אַז דאָס עסן קען אים, זעליקן, געבן צופיל קאַלאָריעס. אַ נייע צרה. אין קלעשטשיוו האָט מען פון אָט דעם אַנשיקעניש נישט געוווּסט. בכלל האָט מען אין קלעשטשיוו פון אַ סך שלעכטע זאַכן נישט געוווּסט. אַזוי, למשל, האָט מען דאָרטן נישט געוווּסט פון שיטער בלוט, אַז אַ מענטש קען האָבן שיטער בלוט, פון וואָס וויקטאָר האָט מיט אים אנומלט גערעדט; אין קלעשטשיוו האָט מען געוווּסט, אַז די גריץ קען זיין שיטער, אָבער נישט קיין בלוט... אין קלעשטשיוו, צום ביישפּיל, האָט מען געוווּסט, אַז קאַלך קריגט מען ביי

מרדכי־וואָלפֿן אין קרעמל אויפֿן מאַרק, און דאָ קריגט מען גאָר קאַלך אין די אָדערן... יאָ, וויקטאָר האָט עס אים איין מאָל געהאַט אויפגעקלערט ווי אַזוי ביים מענטש זעצט זיך אָפּ דאָס פעטס ביי די ווענטלעך. פאַרשטייט ער שוין ווידער נישט, זעליק. וואָס פאַר אַ ווענטלעך? ווי קומען צו אַ מענטש ווענט־לעך? וואָס איז אַ מענטש, אַ סוכה? אַ ביידל?... אָבער ער האָט שוין מער נישט געוואָלט דרייען אַ קאָפּ וויקטאָרן.

פאַר ראש־השנה קויפט־איין זעליק אַ גאַנצן שטויס מיט ווינטשקאַרטן אויף צו שיקן צו אַלע לאַנדסלייט, גוטע פריינד און אויך קליענטן. דאָס איז שוין יאָר־יערלעך זיין שטיקל אַרבעט, אויף וועלכן ער האָט חזקה. ער קוקט זאָרגפעליק אַדורך די רשימה פון אַלע זיינע קונים און ער לייגט אָפּ אין אַ זייט די, וואָס זענען אין משך פון יאָר אַוועק פון אים און ער האָט מער נישט מיט זיי קיין מגע־ומשׂא און די, וואָס זענען געבליבן זיינע געשווירענע חסידים. דורכזיפנדיק די אַדרעסן זעט ער איין ווע‎מען נאָך יאָ צו שיקן אַ קאַרטל און וועמען נישט און שמייכלט דערביי אונטער: „מי לחיים ומי למות”... ס'איז אויך זיין שטיקל אַרבעט אַריינצוגעבן אין די ערב־יום־טובדיקע פאַרגרעסערטע צייטונגען אַן אַנאָנס אויף דער גאַנצער ברייט פון אַלע קאָלאָנעס, אין וועלכן עס איז געדרוקט, אַז „עטאַבליסמאַן ראַפּאַ ווינטשט אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט יאָר אַלע קרובים, פריינד, לאַנדס־לייט, חשובע קונדן און כל ישׂראל”.

אויף ימים־נוראים האָט היי־יאָר זעליק געקויפט אַ „שטאָט” אין אַ שול אויפן פלעצל, וואָס האָט זיך דאָס מאָל אַנאַנסירט מיט אַ באַרימטן חזן אַן אַנטיק און מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטימע. די שטאָט האָט שוין זעליק באַשטעלט אויך אויף איבער אַ יאָר, מען זאָל דערלעבן מיט אַ גוט געזונט. די לעצטע יאָרן פאַרפעלט נישט זעליק צו קומען אין שול אַריין ראש־השנה און יום־כיפור. פריער פלעגט ער דאָרטן קומען בלויז אַ שמעק טאָן, ווי אַ נייגעריקער זען בלויז און הערן, אָבער לעצטנס קומט ער טאַקע דאַווענען. אמת, קיין גרויסער דאַווענער איז ער נישט, זעליק, ער מעסט אָן דעם טלית און קוקט אַריין אין אַ מחזור. ער איז יוצא. לויט דעם וואָס ער איז בכלל געווען מאָל נישט געווען קיין שול־ און בית־מדרש גייער, סיידן אַ מאָל, אַלס יינגל, איז עס שוין אַ סך פאַר אים.

די גרעסטע טייל צייט פון יום־כיפורדיקן טאָג דרייט זיך זעליק אַרום

אין פּאַליש, אין די זייטיקע קאָרידאָרן און אַ ביסל אויך אין דרויסן, פאַר דער שול. ער זעט זיך מיט די קאָנקורענטן זיינע און כאַפּט מיט זיי אַ שמועס וועגן עניני דיומא. ער רעדט מיט זיי וועגן דעם בראַכעדיקן סעזאָן, וואָס האָט זיך היי־יאָר געשטעלט שוין גאָרנישט פויגלדיק. פאַרשטייט זיך, אַז ער טרייבט אַ סך איבער בכיוון, מאַכנדיק אַ זויערע מינע וועגן די הייגטיקע געשעפטן, בכדי מען זאָל אים נישט צופיל מקנא זיין. ער רעדט מיט זיי וועגן די שווערע שטייערן און שטרענגע קאָנטראָלעס, אָבער וואָס שייך אַ נייע מאָדעלעכל זיינס, דאָס וועט ער זיי ווייזן אַ פייג. ער קוקט אַריין אין מחזור און האָט אין זינען זיין שוואַך געזונט, די לעבער, דאָס שלעכטע וועטער, זייער אַ פּאַסקודנע וועטער. טאָמער דאַרף אַזוי ווייטער אָנהאַלטן און ס׳וועט נישט אויפהערן צו זיין וואַרעם אין דרויסן איז דער גאַנצער סעזאָן אַוועק־געהרגעט צום טויט... ער נורעט איין טיפער די אויגן אין די בלעטער פונעם מחזור, ווי ער וואָלט געוואָלט פון דאָרטן אַרויסבאַקומען אַ ווינט, אַ רעגן, אייז, דאָס אמתע רעגנדל דאַרף מען, אַנישט מעג מען זיך באַגראָבן מיט דעם גאַנצן סטאָק אָנגעגרייטע „חלות״ אויפן ווינטער־סעזאָן.

פאַסטן פאַסט ער, זעליק, מיט אַ שטאַרקן ווילן און קוראַזש, בפרט אַז וויקטאָר זאָגט, אַז עס איז גוט פאַרן מאָגן אַז מ׳זאָל אַ מאָל אַ טאָג נישט עסן, מ׳זאָל אים אַ מאָל געבן אַ שאַנס אָפּצורוען זיך. דער מאָגן האָרעוועט גענוג שווער, מעג ער אויך האָבן כאָטש איין טאָג אין יאָר וואַקאַנס. אויב שוואַכע ייִדענעס פלעגן אַ מאָל אין קלעשטשיוו פאַסטן יום־כּיפּור, חלשן, שמעקן האַרבשטאַרק און אויסהאַלטן, וועט אים, זעליקן, אַ מאַנצביל, אַוודאי גאָרנישט געשען און ער וועט אויסהאַלטן דעם תענית, האָט ער בטחון.

די לערן־אַנשטאַלטן און שולן האָבן שוין צוריק אויפגעמאַכט זייערע טירן און טויערן און די שילער האָבן שוין צוריק באַנייט זייערע לימודים און זיך שוין אונטערגעגאַרטלט אויף ס׳ניי צו קנעלן און שוויצן טעג און אַוונטן. וויקטאָר איז ווידער אָפּגעשלאָסן ביי זיך אין צימער ביי זיינע ביכער. ער טראַכט מיט אַ סך אומרו וועגן זיין טאַטן. אמת, די לעצטע וואָכן, נאָך די אַלע איינשפּריצונגען, מעדיקאַמענטן און באַשטראַלונגען איז דעם טאַטן אַ ביסל לייכטער, אָבער ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי ער, וויקטאָר, וואָס פאַר אַ ווערט דאָס האָט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג און האָפט דאָס קען האָבן; אַז דאָס

איז נישט מער ווי אויף דערווייל, אַ שטיקל פאַרלענגערונג, אַ צייטווייליקע זאַך, אַן אויסגעבעטלטע נדבה פאַר דער חיי־שעה.

וואָס טויג אים, וויקטאָרן, זיין שטודיום, זיין מאַטערן זיך, זיין גריבלען זיך אין דער וויסנשאַפט, אין דער מעדיצינישער לערע, האָט ער ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל איבערגעטראַכט דאָס שוין אַזויפיל מאָל איבער־געטראַכטע, אַז ער קען גאָרנישט אַרויסבאַקומען פון איר פאַר זיין אייגענעם טאַטן די מינדסטע רעטונג און הילף, וואָס זאָל זיין בכוח אָפּצושטעלן און פאַרהאַלטן דעם סכנותדיקן גאַנג פונעם קאַנסער, וואָס שפּרייט זיך אויס אין זיין גוף און פאַרכאַפּט אַלץ נייע שטיקער זיינע, פאַרוויקלט אים און פאַר־פלאָנטערט אָן רחמנות אין זיין וויסטער נעץ אַריין און ווי אַ פאַרביסענער שונא רוקט ער זיך פאָרויס און פאַרנעמט וואָס אַ מאָל מער שטח.

און דאָ גרייטן זיך טאַטע־מאַמע צו דער פייערונג פון זייער גאָלדענער חתונה און טאַטנס זיבעציקסטן געבורטסטאָג, וואָס דאַרף פאַרקומען שוין אין חודש נאָוועמבער. ער, וויקטאָר, האָט דעם לעצטן שבת פרימאָרגן גע־הערט ווי פּנחס האָט געזאָגט אין מאַגאַזין צום טאַטן: „זעליק, איך האָב שוין אָפּגענומען פון דרוקער די איינלאַדינגער און יעצנד דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט אויף דער גאַנצער פאַרע". דער שיינער רחבותדיקער זאַל פון האָטעל קאָנטינענטאַל איז שוין געדונגען. די דאַטע איז שוין באַ־שטימט. די לאַנדסלייט זענען פאַרטאָן מיט די צוגרייטונגען, מיטן פאַר־שפּרייטן די בילעטן. מען זעט פאַר, אַז עס זאָל קומען צו דער פייערונג אַ גרויסער עולם, אויך יוגנט, ווייל עס וועט אויך זיין אַן אָרקעסטער און עס וועט פאָרקומען אַ באַל.

וויקטאָר האָט זיך צוגעקוקט צו דער פאַרעניש פון די קאָמיטעט־מיט־גלידער און דער עיקר, צו דעם גרייטן זיך פון זיינע טאַטע־מאַמע, מיט אַ פאַרבאַהאַלטן שווער און פריקרע געפיל, וואָס ער האָט עס נישט געקענט מיט קיינעם טיילן, אַפילו נישט מיט פּנחסן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי מיטן דאָזיקן יום־טוב, וואָס מען גרייט צו, וואָלט מען דעם טאַטן פאַרשעמט און אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט. אמת, ער, דער טאַטע, ווייסט גאָרנישט פון דעם, אָבער ער, וויקטאָר, ווייסט דאָך, אוי, ווייסט ער. און אָפּרופן דעם יום־טוב קען מען שוין נישט, פאַר קיין שום פאַל נישט.

צום יום־טוב האָט זיך זעליק געלאָזט עקסטרע נייען אַ נייע קאָמפּלע

מיט אַ סמאָקינג מיט זיידענע לאַצן. באַשטעלט האָט ער די מלבושים ביי הענעכן, דעם בעסטן קאָמאַנד־שניידער פון קלעשטשיוו, וועלכער האָט אַ שם אין פּאַריז, נישט בלויז ביי די קלעשטשיווער. נישט מער ווי צוויי־דריי שטיקלעך אַ וואָך מאַכט הענעך, נייט כּמעט אַלץ אויף דער האַנט און מיט די קלענסטע שטעכעלעך, וואָס עס איז נאָר מעגלעך. עס נייען זיך ביי אים אַפילו באַנקירן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און פילם־אַקטיאָרן. פיר מאָל דאַרף מען קומען ביי אים פּאַסן אַ וועסטאָן, אָבער צו זעליקן, ווייל ער איז זיין פּרעזידענט, און אויך צוליב דעם ווייל ער איז אַ ביסל נישט מיט אַלעמען לעצטנס, איז הענעך געקומען צוויי מאָל פּאַסן צו אים אין שטוב אַריין. הענעך האָט געוווסט, אַז אויף דער שׂמחה ביי זעליקן וועט זיך טוען אויף טישן און אויף בענק, עס וועט זיין אַ גרויס אַנגעלויפעכץ און אַלע וועלן קוקן אויף זעליקן ווי אַזוי ער איז אָנגעטאָן און אַלע וועלן וויסן, אַז דאָס איז הענעכס אַ שטיקל אַרבעט און מען וועט זיך שפּיגלען דערין און מען וועט באַוווּנדערן זיינע גאָלדענע הענט.

אויך צעשע האָט זיך געגרייט צו איר און צו איר מאַנס טאָפּלטן יום־טוב. זי האָט זיך ספּעציעל געלאָזט נייען ביי איר שטענדיקער שניידערין אַ זיידן קלייד. צוזאַמען מיט דער שניידערין האָט זי לאַנג געזוכט אין דעם מאָדע־זשורנאַל אַ פּאַסיקן מאָדעל, וואָס זאָל נישט זיין פאַר איר צו אַלט און פון דעסטוועגן אויך נישט צו יונג, ווייל קיין יונג מיידעלע איז זי דאָך שוין נישט, צעשע. אמת, זי האָט זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן אירע יאָרן פאַר מענטשן, ביי וועמען זי זעט טאַקע אויס יינגער ווי פאַר איר עלטער, אָבער זיך אַליין אָפּנאַרן קען זי דאָך נישט. טייל מאָל וויל זי נישט טראַכטן וועגן דער עלטער, נישט געדענקען אין איר, אָבער אַנומלט האָט מען דאָס איר דערמאָנט אויף אַ נישט־געשמאַקן אופן: זי האָט געדאַרפט מאַכן ערגעץ אַ קורס און דער אויטאָ איז געווען אין גאַראַזש אויף רעפּאַראַציע און קיין טאַקסי האָט זי בשום־אופן נישט געקריגן, האָט זי באין־ברירה געמוזט פאָרן מיט דער מעטראָ. אין וואַגאָן זענען אַלע זיצפּלעצער געווען פאַרנומען, און דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונגערמאַן און איר אָפּגעטרעטן דאָס אָרט צום זיצן און דאָס איז געווען פאַר איר אַ סימן, אַז מען קוקט שוין אויף איר ווי אויף אַן עלטער מענטש. זי איז געוואָרן מיד, וואָס אַן אמת, נישט געקענט שטיין אויף די פיס און דאָס פלאַץ, וואָס דער יונגערמאַן האָט איר אָפּגעטרעטן צום זיצן,

האָט זי טאַקע געניטיק געדאַרפֿט מיטן לעבן, פֿון דעסטוועגן האָט עס איר נישט פֿאַרשאַפֿט קיין פֿאַרגעניגן. מען האָט איר דערמאָנט אין דעם וואָס זי וויל נישט געדענקען. צוליב דעם אויך האָט זי נישט גערן אַריינצוקוקן אין דעם אַלבום ווו עס געפֿינען זיך די פֿאַרגעלטע און שוין אָפּגעשאָסענע אַלטע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אירע יונגע יאָרן, אויף וועלכע מען זעט אָן, אַז זי איז געווען אַ מאָל אַ שיינהייט, אַן אָסאָבע, אַ העלדישע פֿרוי. אוי, דעמאָלט, ווען אַרויסגייענדיק פֿון שטוב און טראָגנדיק זיך אויף איר לייכט צעוויגט געגנגעלע און מיט איר זגראַבנעם געשטעל, האָט זי פֿאַרשיינט די גאַס און יונגעלייט פּלעגן איר נאָכקוקן און קריגן פֿאַר איר די נכפה.

זי באַמיט זיך, צעשע, נישט צוצולאָזן צו זיך דעם געדאַנק וועגן דער עלטער, זי אָפּצושטופּן ווי ווייט מעגלעך. אָפּט שטייט זי ביים שפּיגל און מאַכט צו אים חנדעלעך און סיגעלעך, דרייט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער, ווי זי וואָלט געוואָלט אַרויסבאַקומען פֿון אים אַ קאָמפּלימענט, אַ צוזאָגל. זי גייט אָפּט אין שיינקייט־סאַלאָנען, באַניצט פֿאַרשידענע קאָסמעטיקעס, לאָזט זיך מאַכן אַלערליי מאַסאַזשן, אויסגלייכן די קנייטשעלעך אויף איר הויט, וואָס פֿאַרצי:ען זיך ווי די נעץ פֿון זיקנה, וואָס כאַפּט אַריין איר האַלדז, אירע באַקן און איר גאַנץ לייב־און־לעבן. פֿאַרן שלאָפֿנגיין שמירט זי נאָך איין איר געזיכט מיט פֿאַרשידענע קרעמען, פּאָמאַדעס און זאַלבן און נעמט עס אַריין אין אַ שאַטקע פֿון פֿעדעם, פֿון וואַנען עס גלאַנצט אַרויס מיט אַ פֿעטיקייט, ווי עס וואָלט געווען אָפּלאַקירט. אָפּט זיצט זי אָפּ שעהען־לאַנג אין פֿריזיר־אַנשטאַלט און „מאַכט זיך דעם קאָפּ", זיצט אונטער אַ גרויסן מעטאַלענעם קאַסק צום טריקענען די האָר, וועלכער דערמאָנט אין אַ קלעשטשיווער קוגל־שאַרבן. ביי די, וואָס זעען זי, רופֿט עס אַרויס לעכערלעכקייט און קאָמישקייט, ווייל מיטן מעטאַלענעם קאַסק, אַראָפּגעלאָזט איבער איר פּנים, זעט זי אויס ווי עפּעס אַ ריטער, אַ קריגסמאַן פֿון פֿאַרצייטנס.

טראָץ איר זיצן שעהען־לאַנג אין פֿריזיר־אַנשטאַלט, טוט זי נאָך אָן אויף פֿאַרן שלאָפֿנגיין פֿאַרשידענע בלעכלעך און דרעטלעך אין די האָר, וואָס גיבן איר צו דעם אויסזען פֿון עפּעס אַן אויסטערליש באַשעפֿעניש, אָדער אַ מכשפֿה. אָט דער באַהאָנגענער קאָפּ צעשעס מיט די דרעטלעך און בלעכלעך און דאָס פֿעט־גלאַנציקע פּנים אירס אין דער שאַטקע רופֿן ביי זעליקן אַרויס אַן איבל און עס נידזשעט אים צו קוקן אויף איר און עס

איז אים נישט ניחא אַפילו אַריינצוגיין צו איר אין בעט אַריין. ער טוט זיך אָבער אָן אַ כּוח און נעמט זיך אָן מיט קוראַזש און גייט יאָ אַריין צו איר אין בעט, ווייל סוף כּל סוף ווייסט ער דאָך פאַרט, אַז זי איז צעשעט, זיין ווייב, און ער וויל פאַרשטיין אַז מסתמא דאַרף זי דאָס אַלץ אַרויפליייגן אויף איר פּנים בכדי אויסצוזען אַ ביסל שענער. אַ פרוי איז דאָך נישט מער ווי אַ פרוי.

בלויז איין וויקטאָר האָט זיך נישט באַזונדערס געגרייט צום יום־טוב אין דער משפּחה, נישט געמאַכט קיין ספּעציעלע הכנות. וויפל די מאַמע האָט זיך נישט געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך אויך לאָזן אויפנייען אַ נייע קאָמפּלע ביי הענעכן צוזאַמען מיטן טאַטן, האָט עס נישט געהאָלפן, ער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט און פאַר וואָס האָט קיינער נישט געוווסט, אַחוץ ער איינער אַליין. עס איז אים נישט ניחא געווען ספּעציעל זיך אויסצופּוצן צום טאַטנס יום־טוב, די פרייד איז אים נישט געווען דערביי, דער גאַנצער יום־טוב איז אים דאָך נישט איינגעגאַנגען. האָט ער דעריבער געטענהט, אַז ער דאַרף נישט קיין אַנצוג, ער האָט גענוג אַנצוגן הענגען אין דער שאַפע. זעליק האָט געזען אין דעם אַ סימן, אַז וויקטאָר וויל זיך אַרויסווייזן פאַר אַן איינבערענגער, ער וויל נישט מען זאָל קאַליע מאַכן געלט. ער איז אַ גוט קינד, אַ גאָלד. דאַקעגן צעשע און די טעכטער אירע האָבן געהאַלטן, אַז וויקטאָר איז אַ שלימזל, אַן אָפּגעלאָזטע בריאה, אַ בטלן. יאָ, אַ בטלן.

דאָס האָבן זיי שוין געזען נאָך מיט אַ יאָר צוריק. ס׳איז געווען דעמאָלט ווען ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און דער טאַטע האָט באַשלאָסן צו קויפן אים אַ מתּנה אַן אויטאָ. אַ ספּעציעלער משפּחה־ראַט איז זיך צונויפגעקומען בכדי צו באַשטימען פון וואָס פאַר אַ קאָליר מען זאָל וויקטאָרן קויפן דעם אויטאָ: אַ בלויען, אַ רויטן, אַ בעזש־גרויען, אָדער קרעם־העלן. מען האָט זיך געקאָכט און געאַמפּערט אַ גאַנצן אָוונט און מען האָט נישט געקענט קומען צו אַ הסכּם און דערגיין צו קיין טאָלק און ער, וויקטאָר, וויפל מען האָט אים נישט געפרעגט זיין מיינונג, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער. אים, דעם בטלן, איז עס גאָרנישט אָנגעגאַנגען, ער איז געווען גלייכגילטיק צו דעם וואָס פאַר אַ קאָליר זיין אויטאָ וועט האָבן און ער האָט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער, זיך פאַרגראָבן אין זיינע ביכער, גלייך ווי נישט אים וואָלט מען דאָס געמיינט. אַזאַ בטלן...

— — — — — — — — — — — — —

דערווייל, איידער וואָס־ווען, בסך־הכל עטלעכע וואָכן פאַרן גרויסן יום־טוב אין דער משפּחה, האָבן זיך די ראַפּאַפּאָרטס געגרייט צו אַן אַנדערן יום־טוב זייערן, אַ קליין שׂמחהלע, אַן אגב־אורחאדיקס, אַ זייטיקס, ווי „אַ טרונק בראַנפן ביז צו דער קרעטשמע". דאָס איז געווען די דערעפענונג פון אַ ניי גרויסאַרטיק געשעפט „אַן דעטאַי" אין דער געגנט פון מאַדלען. לאַנג האָט עס געדויערט דאָס צוגרייטן און אויסשטאַטן דאָס נייע געשעפט, דאָס טראַנס־פאָרמירן דעם לאָקאַל, איבעראַנדערשן, איבערמאָלן. חדשים־לאַנג זענען דאָרטן געווען באַשעפטיקט מויערער, שלאָסערס, פּלאָמביערס, עלעקטראָ־טעכניקער, סטאָליערס, מאָלערס, דעקאָראַטאָרן. מען האָט געדאַרפט די גאַנצע דיספּאָזיציע פון מאַגאַזין ענדערן, פאַרגרעסערן, האַקן ווענט, איבערשטעלן פּילאָרן, פאַרטיפערן און פאַרברייטערן די וויטרינעס, אַריינשטעלן אולטראַ־מאָדערנע גלעזערנע טירן און ספּעציעל־צוגעפּאַסטע לאָמפּן.

מיטן איינאָרדענען דאָס נייע געשעפט האָבן זיך דער עיקר פאַרנומען די טעכטער און די איידעמס, אָבער דער גאַנצער איינפאַל און פּלאַן צו קויפן עס איז געווען זעליקס מיט אַ שטיקל צייט צוריק — נאָך איידער ער איז קראַנק געוואָרן. ער האָט שוין פון לאַנג איינגעזען, זעליק, אַז „געלט דאַרף גיין צו געלט"; אַז געלט דאַרף נישט ליגן און פאַרגליווערט ווערן, ווי פּישיויך אין אַ פאַן; ס'דאַרף מאַכן ריווח, פּראָפיט, האַלט ער, געלט דאַרף נישט ליגן סתם אין די בענק. וואָס וועט עס אויסליגן? מען דאַרף עס פּלאַסירן. ס'דאַרף זיין ווי זריעה אויף די פעלדער, מיינט ער, זעליק; ס'דאַרף זיין ווי אַן איי, וואָס מען לייגט־אונטער אונטער דער הון בכדי אַפּערצונעמען צוויי. געלט דאַרף מאַכן אַנדער געלט, פּונקט ווי אַ מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויף דערויף, אַז ער זאָל באַשאַפן אַנדערע מענטשן, מיינט ער.

ער האָט אַזוי לאַנג אַריינגעטראַכט, זעליק, ביז ער האָט זיך דערטראַכט. פאַר זיין איינפאַל מיטן קויפן דאָס נייע געשעפט האָט ער געהאַט די סמי־קאַלקע און די ספּריטנעקייט, און מיט וואָס צו קויפן עס האָט ער אויך געהאַט. עס האָבן זיך געפּאָרעט דערביי מעקלערס, עצה־געבערס, ווינקל־אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן אויך נישט צוגעלייגט צו זעליקן דער באָבעס ירושה. איצטער ליגט כמעט אַלץ אין די הענט פון די טעכטער און די איידעמס. זאָל זיין אַזוי. וואָס קען ער זיך העלפן? ער האָט סיי ווי איינגעזען באַצייטנס, אַז איינע פון זיינע טעכטער וועט מוזן איבערנעמען דאָס אָנפירן

מיטן נייעם געשעפט. ער קען דאָך נישט זיין אומעטום. אָבער וואָס איז דען דאָס וויכטיק? יעדער פון דער משפחה האָט דאָך סיי ווי שטעקן אין דער נייער אונטערנעמונג כך וכך און וועט אַרויסנעמען כך וכך, ווי גלייכע שותפים, און ער האָט בטחון אַז דאָס געשעפט וועט גיין גוט. דער פונקט איז אויסגעצייכנט, נישט ווייט פון דער אָפּערא און קאַפע דע לאַ פּע, ווו עס שווימלט און גריבלט מיט אויסלענדישע טוריסטן, דער עיקר אַמעריקאַנער, וואָס זענען לייכט אויף אויסצוגעבן דעם דאָלאַר, אַבי אַהיימצוברענגען עפּעס אַ שמאָכטע פון פּאַריז. שאַנטאַל, וואָס וועט שטיין אין נייעם געשעפט, וועט עס זיכער מאַכן ווי ס׳געהער צו זיין. ער קען זיך פאַרלאָזן אויף איר. אַ געבוירענע סוחרטע. זי האָט אַן אייזערנע גבורה צום מסחר, זי קען צוצי׳ען אַ קונה, זי האָט אַ פּיסק אויף שרויפן אין פראַנצויזיש און אַ ביסל ענגעליש קען זי אויך דרעפּטשען. עס וועט איר צוניץ קומען. נישקשה. אוודאי וועט זי פעלן ביי אים אין גרויסן געשעפט „אַן גראָ״, אָבער וואָס קען ער טאָן? ער קען זיך נישט צערייסן. ער האָט נישט מער ווי דריי קינדער. מער האָט זי נישט געוואָלט האָבן, צעשע. נאָך די צוויי מיידן, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי נאָך אַ מאָל פאַרשוואַנגערט, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַ יינגל, און נאָך דעם ווי זי האָט געהאַט וויקטאָרן, איז כאָטש ער האָט עס באַגערט, האָט זי מער נישט געוואָלט האָבן קיין קינדער. זי האָט זיך אַפילו אָנגעטאָן צרות בכדי נישט צו האָבן מער ווי די דריי, זיי זאָלן געזונט זיין, און פון די דריי האָבן זיך בלויז צוויי אויסגעטויגט צום מסחר, זיך אַרויסגעוויזן פאַר לייט, פאַר פייערדיקע סוחרטעס. וויקטאָר וואָלט אויך געווען אַ גוטער סוחר, האָט ער אָבער געהאַט נישט קיין שלעכט קעפּל צום לערנען. האָט זיך צעשע דווקא איינגעשפּאַרט, אַז ער זאָל נאָר שטודירן אויף יאָקטער. ס׳איז געווען איר שטיקל אַרבעט. ס׳האָט איר דאָס געשמעקט אַזוי און פּאַליוביעט. אַז וויקטאָר האָט געענדיקט דעם ליצײ און געמאַכט ביידע „באַשעס״, האָט זי נאָר געוואָלט, ער זאָל גיין אויפן אוניווערסיטעט. איצטער איז ער שוין צופרידן, זעליק, און אַפילו שטאָלץ מיט דעם וואָס וויקטאָר וועט זיין אַ דאָקטער, אָבער דעמאָלט, ווען זיין זון האָט אָנגעהויבן צו שטודירן, האָט ער זיך, זעליק, גוט געיאָדעט, און ס׳האָט נאָך געפעלט אַ האָר, אַז וויקטאָר זאָל נישט שטודירן מעדיצין, נאָר גאָר פילאָזאָפיע... פאַר דעם האָט ער שוין, זעליק, אין גאַנצן געציטערט. נאָך אַ פילאָזאָף מיט אַ לאַנגע פּאָלקע און מיט

אויסגעריבענע הויזן האָט אים צוגעפּעלט אין דער משפּחה... פּילאָזאָפיע האָט אים שוין אין גאַנצן אויסגעזען עפּעס אַן אַ האַפּט און אָן ממשות. ס׳איז עפּעס שמינגע־דעגינגע און בכלל אַ מין בטלנות, ביי וועלכן מען קען פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע. אַזוי צי אַזוי, וויקטאָר פעלט אים שטאַרק אויס צום קאַמערס. ער וואָלט פאַר אים איצטער געעפנט, פאַר אים אַליין, אַ שיינעם מאַגאַזין, נאָך אַ שענערן ווי דער ביי מאַדלען. און וויסן דאַרף מען, אַז דאָס שטודירן דאָקטעריי נעמט לאַנגע יאָרן און ווער ווייסט ווען וויקטאָר וועט זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַ תכלית, זיך עפענען אַן אייגענעם קאַבינעט. דערווייל לייגט מען די חלה אין דער מוציא. נאָר גאָרנישט. שוין. אַזוי איז עס.

אין טאָג פון דער דערעפענונג פונעם נייעם מאַגאַזין האָבן די ראַפּאָ־פּאָרטס גערופן אויף אַ קאָקטייל באַקאַנטע, פריינד און קליענטן. אַזוי ווי די אויפנאַמע איז גערופן געוואָרן אויף אַן אָוונט, פון זעקס ביז אַכט אַ זייגער, איז מען געקומען און געגאַנגען. מען האָט באַוווּנדערט דאָס נייע געשעפט, די שיינע פאַרטיקע קליידער, צעהאָנגען יעדעס אויף זיין אָרט. אין דער נאָז האָט נאָך געריסן דער שאַרפער ריח פון טערפּענטין און פאַרב פון די פריש־געמאָלענע ווענט. אין די וויטרינעס זענען שוין געשטאַנען פיקס־און־פאַרטיק די אויסגעסטראָצלטע מאַנעקינען מיט די שיינע זיידענע און סאַמעטענע קליי־דער אויף זיך, מיט די זיסע שמייכלענדיקע פּנימלעך און אויסגעצויגענע איידעלע פרויען־הענטלעך מיט לאַנגע שמאָלע פינגער. אַנדערע מאַנעקינען זענען נאָך געלעגן אינעווייניק אין מאַגאַזין אין אַ זייט, נישט־אָנגעטוענע. לעבן טייל מאַנעקינען זענען געלעגן באַזונדער זייערע אויסגעשרויפטע הענט און פיס און זיי האָבן אויסגעזען ווי שמייכלענדיקע קאַליקעס. די נאַקעטקייט פון די ליגנדיקע מאַנעקינען האָט אַרויסגערופן אַן איבל און זייערע גאַלע ביוסטן האָבן געוועקט אַ געפיל פון זשענירטקייט און שעמעוודיקייט. מען האָט זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון די שיינע אָריגינעלע דעקאָראַציעס, געמאַכט מיט אַ סך געשמאַק.

פון אַלע זייטן האָבן געבלענדט די לאָמפּן מיט אַלערליי קאָלירטע אַבאַ־זשורלעך. אַנדערע לעמפּלעך זענען געווען דיסקרעט באַהאַלטן, איינגעפּאַסט אינעם טונקל־בלויען סופיט, ווי גאָלדענע נעסטן פון עפּעס אויסטערלישע, לעגענדאַרע פייגל. די ליכטער האָבן זיך געטאָפּלט אין די גרויסע פּיל־צאַליקע שפּיגלען אויף די ווענט, אין וועלכע עס האָבן זיך געזען נאָך

קליידער, נאָך געסט, נאָך קלי־ענטן, נאָך שמייכלען, נאָך פינקלענדיקע לחיים־גלעזלעך אין די הענט...

אין דרויסן, פאַר די שיין־דעקאָרירטע וויטרינעס, האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער, זיי האָבן נייגעריקע אַריינגעקוקט אין דעם ניי־געעפנטן געשעפט, באַטראַכט דעם יום־טובדיקן עולם אינעווייניק. דעם בליק האָט צוגעצויגן דער נאָמען פונעם מאַגאַזין, וועמענס אותיות האָבן אויבן, איבער דער גאַנצער ברייט פוןביידע וויטרינעס און טירן, געשיינט מיט נעאָן־ליכט פון לילאַ־קאָליר און כסדר געמיניעט און געבליצט: „קרעאַסיאָן זעל". די איינגעלאַדענע געסט האָבן פאַרן אַריינגיין אין געשעפט דאָס באַוווּנדערט און נישט מיט אָן אַ ביסעלע קנאה: „וואָס פאַר אַ בייזע גבורה די ראַפּאַפּאָרטס האָבן"... זעלטן אָבער ווער פון די געסט, און אַוודאי נישט ווער פון די פאַרבייגייער אין דרויסן, האָט געוווּסט אַז אָט דער שיין־קלינגענדיקער נאָמען „זעל" האָט אַ שייכות צום קליין־שטעטלדיקן ייִד פון פוילן, זעליק; אַז דאָס איז אַן אָפּגעבראָכענער, אַן אָפּגעטשעשעטער טייל פון זיין היימישלעכן נאָמען.

אַזוי איז עס שאַנטאַלן איינגעפאַלן אַ נאָמען צו געבן דאָס נייע געשעפט, און אויך סילווין און זייערע מענער איז עס געפעלן געוואָרן. זיי האָבן געזען אין דעם אַ קניפּ מיט אַ שלייף: אי עס וועט שמייכלען דעם אַלטן, אי עס קלינגט שיין און אי קיינעם וועט נישט קומען אויפן זינען אַז דאָס מיינט מען דעם טאַטן... „קרעאַסיאָן זעל", דאָס איז געווען שאַנטאַלס אַ געדאַנק. זי האָט זיך אירע אידעען און איינפאַלן, שאַנטאַל. דאָס איז אויך איר איינגעפאַלן אַ נאָמען צו געבן דעם טאַטנס ווילע אין שאַנטיאי „מאָן רעוו". זי האָט דאָס געהאַט געזען ערגעץ, אין מאָנטע־קאַרלאָ, צי אין ביאַריץ.

מיטן אַ נאָמען געבן דעם נייעם מאַגאַזין „קרעאַסיאָן זעל" האָבן שאַנטאַל און סילווי געוואָלט דעם טאַטן אָנטאָן כבוד און פאַרשאַפן אים נחת. שטילערהייט האָבן זיי אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי וועלן מאַכן דעם טאַטן אַ סורפּריז, זיי וועלן אים מעלדן אין טאָג פון זיין געבוירן, אַז דאָס נייע געשעפט איז זייערס אַ מתנה פאַר אים צו זיינע זיבעציק יאָר, צו זיין אַניווערסער. אַלע מאָל, ווען ס'איז דעם טאַטנס געבורטסטאָג איז ביי זיי אַ גאַנצער קלאָפּאָט וואָס אַזוינס צו קויפן אים אַ מתנה. אַז אַלץ האָט ער און גאָרנישט דאַרף ער, טאָ וואָס אַזוינס קען מען אים פאָרט קויפן, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן פאַר־

געניגן, פלעגן זיי זיך אַלע מאָל ברעכן די קעפּ. ס׳איז זיי שוין נמאס געוואָרן יעדעס יאָר צו לויפן אויפן פּלעצל און נאָכפרעגן זיך ביי די ייִדישע בוכ־הענדלער אויף עפּעס אַ שיין בוך פאַרן טאַטן, און טאַקע אונטערגעשטראָכן דערביי: פאַרן טאַטן, מען זאָל נאָך אַ מאָל, חלילה, נישט מיינען, אַז דאָס איז פאַר זיי. און אויסגעלאָזט האָט עס זיך שטענדיק מיט דעם, אַז זיי האָבן אַהיימגעבערענגט דעם טאַטן אַ דיק ייִדיש בוך מיט גרויסע גאָלדענע אותיות אויפן טאָוול. דערפאַר זענען זיי געווען ביז גאָר צופרידן פון זייער איצטיקן אָריגינעלן איינפאַל און צו מעלדן דעם טאַטן אַז דאָס נייע געשעפט, דאָס איז פאַר אים זייער „קאַדאָ ד׳אַניווערסער״ און דער עיקר, אַז דער נאָמען פונעם געשעפט, „קרעאַסיאָן זעל״, איז פאַר זיין כבוד וועגן. זיי האָבן דערמיט דעם טאַטן געוואָלט אונטעררוקן אַ לעקעכל, אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם וואָס ער ווערט צו ביסלעך אַרויסגעשטויסן פון גאַנצן פעסט־איינגעשטעלטן הויז. מען האָט עס אויך דאָ, ביי דער אינאַוגוראַציע, געפילט באַשיינפּערלעך: זעליק האָט זיך עפּעס אַרומגעדרייט אין נייעם מאַגאַזין ווי אַ פינפט ראָד צום וואָגן און דער עיקר האָבן דאָ די טעכטער געשפּילט די ערשטע פידל. אַפילו אויך צעשע האָט זיך געפילט עפּעס ווי לאָמיך געמאַך, געהאַט עטוואָס אַ זויערע מינע, זייער אַ דיסקרעטע, ווי עס וואָלט איר עפּעס געקוועלט און שטילערהייט געבורעט אינעווייניק און זי איז די גאַנצע צייט אַרומגע־גאַנגען ווי אַ מחותנתטע אויף אַ חתונה וואָס איז נישט איינגעגאַנגען אויפן שידוך...

וויקטאָר איז בכלל נישט געקומען צו דער דערעפענונג פונעם נייעם מאַגאַזין, ער האָט זיך גראָד געדאַרפט גרייטן צו עקזאַמענס און געווען שטאַרק פאַרנומען, זיך געמאַטערט און געבראָכן דעם קאָפּ, ווי שטענדיק, געהאָרעוועט און געשוויצט, נישט געהאַט קיין צייט אַפילו אַ שידוך צו טאָן, צוצוקלויבן זיך אַ כלה. הכלל, די אויבערהאַנט אינעם נייעם מאַגאַזין האָבן געהאַט די טעכטער און די איידעמס, און ס׳אָנרופן דאָס נייע געשעפט אויפן טאַטנס נאָמען, דאָס האָבן זיי זיך גאַנץ פיין געקענט דערלויבן. ס׳וועט זיי דען עפּעס קאָסטן טייערער? סיי ווי וועט עס דאָך, דאָס נייע געשעפט, שוין נישט געהערן צו אים. טאָ זאָל ער כאָטש, דער אַלטער, בלייבן ביי אַ שטיקל זעליק...

צו דער אינאַוגוראַציע פונעם נייעם מאַגאַזין איז געווען צוגעגרייט אַ

בופעט אויף צו נעמען על רגל אחת אַ לחיים, אַ גלעזל שאַמפּאַן, וויסקי און אַנדערע געטראַנקען און צו פאַרבייסן מיט געזאַלצענע ניסלעך און מאַנדלען, מיט באַטעמטע קליינע סאַנדוויטשלעך, מיט פאַרשידענע פּיטשינקע בולקע־לעך פון אַ ראַפינירטן געשמאַק, אָנגעפּילט מיט ווורשט, מיט געריבענעם קעז און מיט מאַיאָנעז, וואָס עס האָט כסדר געצויגן זיי טועם צו זיין. יעדעס מאָל האָט אַ פלאַש שאַמפּאַן אויסגעשאָסן און אַרויסגערופן קוויטשערייען צווישן די פרויען און אַ מורא נישט באַשפּריצט צו ווערן.

סילווי און שאַנטאַל און אויך די נייע פאַרקויפערינס פון געשעפט האָבן אַרומגעשמייעט צווישן עולם מיט פולע טאַצן פון כל־טוב, געברענגט פון בופעט, דער הויפט־באַזע פון דער פרעסאַרניע, און זיך געבעטן ממש, מען זאָל נעמען נאָך און נאָך, אָבער מען האָט זיי העפלעך אָפּגעזאָגט, מען האָט שוין מער נישט געקענט. פון די געמישטע געטראַנקען האָבן זיך גענומען פאַרדרייען די קעפּ ביי אַ סך פון די טרינקערס, זיי זענען געווען עטוואָס באַרוישט און בגילופין, און אַלע מאָל האָבן זיך אַנדערע געסט געזעגנט מיט די באַלעבאַטים, זיי געווונטשן, אַז דאָס נייע געשעפט זאָל גיין גוט, עס זאָל האָבן אַ סך דערפאָלג. אַנדערע זענען אַוועק מיט פּעקלעך אונטערן אָרעם, מיט עפּעס אַ זאַך, וואָס זיי האָבן געקויפט, ווי ס׳איז דער מנהג, נישט דערפאַר ווייל זיי דאַרפן עס צו האָבן, עס פעלט זיי צו אין טאָפּ אַריין, נאָר פאַר יוצא וועגן, גלאַט אַזוי, לשם געבן עפּעס צו לייזן, אויף מזל, ווי ס׳פירט זיך, צו מאַכן אַ פּאָטשאָנטעק. אַוועקגייענדיק האָט מען זיך געווונטשן צו טרעפן זיך בקרוב אויף דער גרויסער שמחה לכבוד זעליקס זיבעציקסטן געבורטסטאָג און צו זיין גאָלדענער חתונה מיט צעשען, וואָס דער היינטיקער לחיים איז געווען נישט מער ווי אַ קליינער אַדערויף.

צו ביסלעך האָט זיך דער נייער מאַגאַזין אין גאַנצן אָפּגעליידיקט פון די פאַרבעטענע געסט. געבליבן זענען בלויז די סימנים פון דער פאַרגעקו־מענער שמחה: אַן אָנגעוואַלגער פון אויסגעליידיקטע פלעשער, צווישן זיי אַ סך שאַמפּאַן־פלעשער מיט באַגילדעטע העלדזלעך; צעפּאַטשקעטע רעשט־לעך, שיריים פון די ראַפינירטע מאכלימלעך און פוסטע שאַכטלען פון באָמ־באָניערעס און שאָקאָלאַד מיט אויפגעריסענע דינע אונטערשלאַקן. אין דער לופט זענען געשטאַנען אויסגעמישטע ריחות פון ציגאַרן־רויך און ווייבערישע פּאַרפומען. אויף דרערד זענען געבליבן שטיין באַכלעסיק, ווי פאַרזעענע יור־

דים, וואַזאַנען און בוקעטן בלומען, וואָס די באַזוכער האָבן געברענגט מיט זיך — אַ צייכן, אַז זיי זענען דאָ געווען און זיך משׂמח געווען מיט דער דערעפענונג פון „קרעאַסיאָן זעל".

ס'איז געווען אַ פּיכטלעכער נעפּלדיקער פּאַריזער נאָוועמבער־אָוונט, ווען די טירן פון רחבותדיקן האָטעל קאָנטינענטאַל האָבן זיך ברייט פּאַנאַנדערגעעפנט פאַר דעם יום־טוב, וואָס די קלעשטשיוער לאַנדסלייט האָבן איינגעאָרדנט פאַר זעליק און צעשע ראַפּאָפּאָרט. ס'איז געווען אַ שבת אָוונט, ווען דאָס געמיט איז לייכט צום פאַרברענגען און אַלע זענען געווען זאָרגלאָז, גוט געשטימט און אויפגעלייגט. די פינקלענדיקע אויטאָס זענען יעדעס מאָל פאַרפאָרן נאָענט פון זאַל און אויסגעקוקט אַ שטיקל אָרט ווו זיך אָפּצושטעלן און זיך אַריינצוקוועטשן ערגעץ. מען איז געקומען מיט פּריוואַטע אויטאָס, מיט טאַקסיס און אויך גאַנץ פּשוט מיט דער מעטראָ. דער ברוק און די טראָטואַרן זענען געווען נאַס און שפּיגלדיק פונעם עסעדיקן שטעכעדיקן רעגנדל, וואָס האָט אָן אויפהער געקאַפּעט. מען האָט זיך קוים אַרויסגעפּאַקט פון די „וואָטיערס" דורך די מיט געטראַסק אויפגעמאַכטע טירלעך, אונטערהייבנדיק פאַרזיכטיק די פאַלעס פון די יום־טובדיקע פאַרדעסיס און דעם זוים פון די לאַנגע באַלקליידער, און מען האָט וואָס גיכער שוין געוואָלט זיין אין זאַל, נישט שטיין אונטערן רעגן. די רויטע, בלאָע, גרינע און געלע נעאָן־ליכטער פון די רעקלאַמעס און האָטעל־שילדן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַ צעקריפּלטן און צעשוווּמענעם אופן אינעם נאַסן אַספאַלט אונטן, זיך צעשמירט און צעפּאַטשקעט אין דער בלאָטיקער נעץ, ווי שרײַיִקע גראָבע קאָליר־פלעקן פון עפּעס אַן אַבסטראַקט געמעל.

צוליב דעם וואָס עס איז געווען אָנגעגעבן אין די איינלאַדונגען, אַז די פייערונג וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַ באַל, האָט מען געזען פאַדן איינגאַנג פונעם זאַל אַ סך יונגוואַרג, יונגעלייט און מיידלעך פון קלעשטשיוער עלטערן און פון אַנדערע שטעטלעך מיט זייערע חברים און חברטעס. עס זענען אויך געקומען וויקטאָרס חברים, די באַבערדלטע און באַליולקעטע בחורים מיט אַראָפּגעלאָזטע טשופּרינעס איבער די אויגן ווי די גזלנים, גאַרנישט ווי וויקטאָר, און מיידלעך מיט הויך־גאָרנדיקע פריזורן, אויפגעטורעמטע, ווי

נעסטן פון באַטשאַנעס, אויף זייערע קעפּ, און מיט קליידלעך ביז איבער די קני. זיי זענען געשטאַנען און זיך געדרייט אויף די הויכע קנאַפּל, לייכט אונטערטענצלענדיק. טייל האָבן געריייכערט ציגאַרעטן, געבלאָזן ווילעריש דעם רויך, און טייל האָבן געקייט שווינגאָם, געמאַכט אָן אויפהער מיט די מיילער. בכלל האָט זיך אויך אָנגעזאַמלט אַן עולם יונגוואַרג, וואָס קומט כאַפּן יעדן שבת ביינאַכט אַ טענצל ווי נאָר עס לאָזט זיך און אויף וועלכן באַל עס זאָל נישט זיין און זיי זענען אומעטום לאַנדסלייט...

אינעווייניק אין זאַל האָט זיך דער בופעט ממש געבראָכן פון דער שפע פון יידישע עסנוואַרג און פראַנצויזישע און אַנדערע געטראַנקען, פאַרשידענע אַפּעריטיוון, דיזשעסטיוון, ליקערן, קאָניאַקס, וואָדקאַ, שליוואָוויץ, וויש־ניאָווקע, כרמל־ווייַן און אויך, להבדיל, ווישי־וואַסער, עוויאַן, וויטעל, פּעריע און אַפילו סאָדע־וואַסער — פאַר אַלע מעגענער, אַפּעטיטן, טעמפּעראַמענטן, לויט יעדנס געשמאַק און אויך לויט יעדנס געזונט. אין אַ באַזונדערן זאַל זענען געווען אויסגעשטעלט געדעקטע שניי־ווייסע טישן אין דער פאָרעם פון אַ חית, ביי וועלכע מען וועט באַלד פּייערן זעליקס געבורטסטאָג, און טאָקע אויך די גאָלדענע חתונה. ביי אָט די טישן, באַשטעלט מיט בלומען און מיט כיבוד, וועט זיך די לאַנדסמאַנשאַפט באַלד באַזעצן מיט זעליקן און צעשען בראש און מען וועט זיך משמח זיין מיט זיי און מען וועט נעמען לכבוד זיי דעם לאַנג־דערוואַרטן אמתן „לחיים". אָבער איידער וואָס־ווען האָט מען זיך געשטופּט ביים היימישן בופעט, ווו מען האָט געקענט דערווייל כאַפּן אַ קיי, נעמען אַ שנעפּסעלע, טועם זיין אויפן שפּרונג, נישט מער ווי אַן אַדערויף.

מען האָט געגנומען צו קאָפּעלעך בראָנפן און פאַרביסן מיט שטיקלעך שמאַלץ־הערינג, אַרויפגעשטאָכענע אויף איידעלע העלצעלעך ; מיט היימישע געזאַלצענע און מיט מאָן־באַשפּרענקלטע מצהלעך און מיט געלבלעכע אייער־קיכלעך, ווי די ליכטיקע לבנות. מען האָט נישט געוווסט פון וואָס פריִער אָנצוהייבן. ביים בופעט איז געווען פון אַלדאָס גוטס : געשמאַקע סאַנדוויטש־לעך, קאַנאַפּקעס, פון ווייסן און שוואַרצן ברויט, מיט געהאַקטע ציבעלעס און לעבערלעך, מיט גאָלדענע שפּראָטן, מיט פלאַמיקע רעדלעך טאָמאַטן און געל־ווייסע רייפלעך איי, ווי רייצנדיקע אוירינגען, און ליכטיקע קעזן מיט חן־גריבעלעך און לעכעלעך. באַלייגט מיט אָט די פיל־קאָליריקע פאַטראַוועס, האָבן די פולע טעלערס מיט קאַנאַפּקעס אויסגעזען ווי מאָלערישע קאָמפּאָ־

זיציעס, שטיללעבנס, אָנגעוואָרפן מיט געדיכטע פאַרבן, אַ פאַרב אויף אַ פאַרב. עס האָבן געוווּנקען און פאַרלאָקט ווי לעבהאַפטע פינקלדיק־ממזרישע אייגעלעך, די שוואַרצע און גרינע אַליוון, און די פיטשינקע לויכטנדיקע פינטעלעך, ווי קאָסטבאַרע שפּילקע־קעפּלעך, פון רויטן און שוואַרצן קאַוויאַר; עס האָבן געצופּט פאַר דער צונג די ראָזלעכע לאַקסן, די טונקל־רויטע לעקערס און געפּעקלטע ברוסט, די דאַרע גענדזענע גריון, בערדיקע און קרוכע, די בלוילעכע מאַרינירטע הערינג פון די אייגענע סלאַיען, די גרינלעך־גרויע דורכזיכטיקע פאַרגליווערטע פיס, גאַליער, ווי שטיקער פאַרפרוירן טייך־וואַסער, און צוגעלייגטע גרינע זויערע אוגערקעס, ווי אַ צולאַג אומעטום, וואָס צו אַלץ, ווו מען האָט זיי נאָר נישט צוגעלייגט, האָבן זיי געפּאַסט.

ווער עס האָט געהאַלטן פון זיסוואַרג, פון צוקער־געבעקס, פון נאַשוואַרג, האָט געוואָרפן אַן אויג צו די היימישע בלעכן מיט שטרודלען, פלאָדנס, קעז־קוכן, לעקעכער און טאָרטן, וואָס די קלעשטשיוער ווייבער האָבן זיך גע־פלייסט, און דאָס אַליין געגומען אויף זיך, אָנצובאַקן. פון די פולמיסעקס און טאַצן האָבן זיך געריסן מעכטיקע געפילטע קעפּ פיש מיט געלע פליטש־לעך מייערן אין די מיילער, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרמאָסטן זיי אַרויפצושפּייען צום טונקעלן מיט אָרנאַמענטיק באַגילדעטן סופיט, באַהאָנגען מיט בלענ־דנדיקע קרישטאָלענע ליוסטרעס. עס האָבן געגלאַנצט פעטע ברוינלעכע גע־בראָטענע גענדזולעך און קאָטשקעס מיט פאַרשטעקטע דינע פאַפּירענע סער־וועטקעס אין די הינטער־חלקס. פון אַלע ביי־מאכלימלעך און צובייסעכצער האָבן דעם גרעסטן דערפאָלג געהאַט ביים עולם די מערביקע מאָן־קיכעלעך, געבאַקן אַ לאַ קלעשטשיוו, וואָס האָבן אַזויפיל דערמאָנט אין די אַמאָליקע שלום־זכרס, פדיון־הבנס און תנאימס. איבערקייענדיק מיט זיי די ציין, האָט מען געזען פאַר די אויגן דאָס שטעטל, די ווייטע אָפּגעלאָפענע קינדהייט און יוגנט, און ווען די קיכעלעך זענען, צוליב טויזנט טעם, וואָס זיי האָבן געהאַט, צעגאַנגען אין מויל, ווי מען האָט געזאָגט, איז ביי די עסערס אויפגעגאַנגען אַזאַ נאָגנדיקע בענקשאַפט.

גוטע־ברידער, לאַנדסלייט, באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג נישט געהאַט געזען, האָבן זיך געריסן צו צאָלן איינער דעם אַנדערן גלעזלעך, מען האָט געשלעפּט צום בופעט מיט גוטהאַרציקייט און ברייטקייט. צווי לאַנדס־

לייט זענען געשטאַנען ביי אַן עק פון בופעט און געפירט צווישן זיך עפּעס אַ הייסע דיסקוסיע, האַלטנדיק דערביי אין די הענט צוויי היפּשע גענדזענע פולקעס, מיט וועלכע זיי האָבן לעבהאַפט זשעסטיקולירט אַהין און אַהער, אַ מאָל רויִקער, געלאַסענער און אַ מאָל האַסטיקער, שטאַרקער, שנעלער, לויט דער היציקייט אָדער מעסיקייט פון זייער וויכוח. אַנדערע האָבן זיך געמאַכט חכמות, הנאה געהאַט פון אָפּנאַרן עמעצן, פון אָפּטאָן עמעצן אַ שפּיצל, אַ הלצהלע. אָט האָט מען איינעם געשטעלט אַ גלעזל ווישי־וואַסער אַנשטאָט בראָנפן, וואָס יענער האָט פאַרלאַנגט, און ער האָט געמאַכט הכנות צו דעם, פאַרוואַרפן דעם קאָפּ, ווי עס איז דער שטייגער ביי שיכורים, אויף אַריינצוגיסן אין זיך מיט קוראַזש און ווילערישקייט דאָס גלעזל וואָדקאַ, און דאָ האָט ער, נאָכן איינשלינגען עס מיט איין זופּ, געמאַכט עפּעס אַ לעקי־שעוואַטע מינע, זיך פאַרקרימט, זייענדיק אויסגעשטעלט צום נאַר, צו אַלע־מענס אויסגעשאָסענעם געלעכטער. און אָט, פאַרקערט, אַ צווייטע אָפּנאַרעניש, אַ גאָר פאַרקערטע, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט ערגער: מען האָט גאָר איינעם, וואָס האָט נישט געקענט, און אפשר אויך נישט געטאָרט טרינקען, געשטעלט אַ גלעזל בראָנפן, אַנשטאָט ווישי, וואָס יענער האָט זיך געהייסן געבן, און ער האָט עס רויִקערהייט, ווי קיין מאָל גאָרנישט, גענומען צום מויל אויסצוטרינ־קען און פּלוצלינג האָט ער זיך פאַרקרעקט און פאַרכלישטשעט ווי אַ קינד און געוואָרן טויט און רויט.

מיט אַ מאָל האָבן אויפגעהערט די חכמות און געלעכטערס, מען האָט איינגעהאַלטן דאָס איבערקייען די ציין ביים בופעט און ס'איז געוואָרן שטיל צווישן די רעדלעך און ביי די טישלעך. זעליק מיט צעשען האָבן זיך באַוויזן אין זאַל, זיי זענען נאָר וואָס אַריינגעקומען פון דער גראַדעראָבע אויסגע־פּוצטע און אויסגעפּיאָקעוועטע. עמעצער האָט עפּעס אַריינגעשושקעט דעם קאַפּעלמייסטער פון אָרקעסטער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליינעם פּאָדיום ביי אַ וואַנט. דער אָרקעסטער האָט גלייך געגעבן אַ שפּיל־אויף די „התקווה״. נאָך דער „התקווה״ איז געקומען די ריי אויף דער מאַרסעליעזע. בעת די מוזיק האָט געקנאַקט די צוויי נאַציאָנאַלע הימנען, האָבן די, וואָס זענען געזעסן, זיך אויפגעשטעלט, און די, וואָס זענען געשטאַנען, זענען שוין סיי ווי געשטאַנען. האָט עס שוין געהייסן, אַז אויך זיי שטייען לכבוד זעליקן און צעשען.

זעליק האָט זיך מיט אַלעמען באַגריסט. על פּי מנהג האָט ער, מעשׂה

בעל־שמחה, געדאַרפט טרינקען מיט אַלע געסט, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך מיט עמעצן דערנענטערט צום בופעט, איז שטענדיק אויסגעוואַקסן הינטער אים וויקטאָר און זיך געבעטן ביי אים: „טאַטע, נעם אַ ווישי, אַן עוויאַן". אָפט האָט ער אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און אים אויף אַן איידעלן אופן געמוסרט: „טאַטע, דו מוזט זיך נישט געפינען כסדר לעבן בופעט"... וויקטאָרן איז געווען פּריקרע, ס'האָט אים אַפילו ווי געטאָן צו הערן ווי אַלע מאָל ווינטשט אַן אַנדערער דעם טאַטן: „זעליק, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... ביז הונדערט און צוואַנציק מיט צעשען... ביי אַ גוט געזונט און נחת פון קינדער און אייניקלעך... פאַר אַ גליקלעכער און געזונטער עלטער, האַ... ביז הונדערט און צוואַנציק, מיסיע ראַפּאָפּאָרט... עד מאה ועשרים, זעליק"...

זעליק האָט געמוזט זיין לעבן בופעט, ער האָט נישט געקענט אַנדערש, ס'האָט נישט געפּאַסט. ס'איז געווען זיין שמחה. ער האָט געדאַרפט הערן פון יעדן אַ גוט וואָרט און זאָגן יעדן אַ גוט וואָרט. ער האָט אַלעמען מכבד געווען מיט גלעזלעך, אַפילו אַזעלכע, מיט וועלכע ער איז נישט געווען אַזוי גוט, געווען אַ ביסל ברוגזלעך. ער האָט זיך מיט זיי אַלע איבערגעבעטן. אַפילו מיט גאָדלען האָט ער זיך איבערגעבעטן, כאָטש דאָס איז אים נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

מיט גאָדלען האָט זעליק נישט גוט געלעבט זינט יענעם שטורמישן אָוונט ביי אים אין שטוב, ווען ס'האָט זיך געטאָן אויף טישן און אויף בענק צוליב דער קבורה פון ווישניאַקס פאַרשטאָרבענער קריסטלעכער פרוי. אַז זעליק און גאָדל פלעגן זיך אַ מאָל טרעפן ערגעץ־ווו, פלעגן זיי, וואָס אַן אמת, לפנים אויסרעדן צווישן זיך עטלעכע ווערטער, ווייל אַנדערש האָט נישט געפּאַסט פאַר לייטן, אָבער וואָס איינער האָט דערביי געטראָגן אין האַרצן צום אַנדערן האָבן זיי אויסבאַהאַלטן. פון דעסטוועגן איז גאָדל היינט געקומען צו דער שמחה פון זעליקן. מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם, מען האָט זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל זיין קליגער און נישט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער, אַז ער טאָר נישט מביש זיין זעליקן. אין אָנהייב איז גאָדל געווען איינגעעקשנט און געענטפערט: „נישט ביי מאַטיען", אָבער שפּעטער איז ער ווייכער געוואָרן. עס האָט אים גענומען דאָס, וואָס מען בעט אים, אַז ער זאָל זיין קליגער... דאָ אויפן זאַל האָט זיך גאָדל אַרומגעדרייט

ווי אויף אַ פֿרעמדער חתונה, זיך כסדר געשאַרט אין אַ זייט, אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט זעליקס בליק. ביז זעליק אַליין האָט אים פֿון הינטן אָנגענומען ביי אַן אַקסל און אַזוי גוטברודעריש אים אַ זאָג געטאָן:

— מאַך נישט קיין פּוילע שטיק, גאָדל, און וואַרף אַריין אַ גלעזל לכּבוד מיר און פֿאַר מיין געזונט. ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן, אָסור. מען דאַרף נישט אייביק טראָגן אַ בייז האַרץ איינער אויפֿן אַנדערן. דו האָסט מיר געטאָן מער עוולות ווי איך דיר, אָבער לאָמיר זיך איצטער נישט רעכענען... איך האָב דיך שטענדיק געהאַלטן פֿאַר מיינעם אַ פֿריינד...

גאָדל איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער. די פֿיינטשאַפֿט זיינע צו זעליקן האָט זיך נישט געקענט ביי אים אַזוי לייכט איינשטילן, אָבער דאָ, ווייסט ער, איז היינט זעליקס יום־טוב און מען דאַרף אים אפֿשר נישט פֿאַרשעמען און נישט אָנטאָן אים קיין עגמת־נפֿש — איז ער געשטאַנען און גאָרנישט גע־ווּסט וואָס צו ענטפֿערן. זעליק האָט דאָס געזען און ס'האָט אים צוגעגעבן קוראַזש ווידער זיך אָנצורופֿן:

— גיב לשון, גאָדל, וואָס שווייגסטו? הער זיך איין, וואָס געווען איז געווען. דו האָסט געטראָגן אַ כּעס אויף מיר און איך האָב געטראָגן אַ כּעס אויף דיר. אָבער לאָמע דאָס יעצנד פֿאַרגעסן. היינט איז ביי מיר יום־כּיפּור, גאָדל, און יום־כּיפּור זענען זיך ייִדן אַלץ מוחל... געדענקסט נישט וואָס עס האָט זיך אַזוינס אָפּגעטאָן אַ מאָל אין קלעשטשיוו ערב כּל־נדרי? מ'זעמער דאָך ייִדן, גאָדל, פּאַטש־איין און לאָמע אַריינוואַרפֿן אַ גלעזל! איך שטעל אַ גאַנצן שטאָף בראָנפֿן!

— אַ, איין גלעזל וועט אויך זיין איבער גענוג — האָט ענדלעך גאָדל זיך אָנגערופֿן מיט אַ וואָרט פֿאַר יוצא ווען, וואָס אַלע אַרום האָבן דאָס אָנגענומען פֿאַר אַ גוטן סימן, ס'הייסט, אַז דאָס אייז האָט געפּלאַצט.

גאָדל איז נאָך געשטאַנען מיט אַ פֿאַרביסענער ליפּ, זיך געוואַקלט צווישן ברוגז און חבֿר, אָבער פֿון דעסטוועגן האָט דאָס האַרץ, וואָס איז געווען האַרט ווי אַ שטיין, אָנגעהויבן צו ווערן עטוואָס ווייכער, נאָכגיביקער. אַרום זענען געשטאַנען מענטשן, אַ גאַנץ רעדל, און זיך צוגעהערט צו זעליקס רייד און געזען גאָדלס קאָרגשאַפֿט אויף אַ וואָרט. מען איז געווען נייגעריק צו זען וואָס דאָ וועט זיין. פּנחס האָט אומעטום צוגעלייגט אַן אויער, צו אַלץ זיך צוגע־הערט מיט אויפֿמערקזאַמקייט און פּילדייטיק געשוויגן... וויגדאָראָוויטש, דער

קאַסירער, האָט נישט אין זינען געהאַט די קאַסע און נאָר געוואַרט אויף אַ שלום צווישן זעליקן און גאָדלען. אויך העגעך, דער בעסטער קלעשטשיוער קאָמאַנד־שניידער, האָט געוואַרט אויף דעם, אָבער ער איז כסדר געשטאַנען פאַרגאַפּיעט, בלויז געטראַכט פון זיין שטיקל אַרבעט, דעם סמאָקינג, וואָס ער האָט אויפגעצנייט פאַר זעליקן און ער האָט זיך ממש געשפּיגלט דערין. ער האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן דערויף און געחלשט אַ גלעט געבן די זיידענע לאַצן. זעליק האָט נישט אָפּגעלאָזט גאָדלען:

— גלייב מיר, גאָדל, אַז ס׳לוינט נישט אייביק זיך אַרומצורייסן — האָט זיך זעליק ממש ווי געבעטן — מ׳זאָלנמע אַלע אַזוי, הערסט, ווי ס׳איז נישט כדאַי. סיי ווי איז דאָס לעבן נישט ווערט קיין שישקע פּולווער, זאָג איך דיר. מ׳איז אַלע גוט אין דער פּעטשקע. דאָס לעבן האָט אַ גרויסן ווערט, מישטיינס געזאָגט... ווי פלעגט מען עס אַ מאָל זינגען ביי אונדז אין קלעש־טשיוו ביי די ניימאַשינען? צ׳דערמאָנט זיך? — האָט ער אַ קוק געגעבן צו אַלעמען און גלייך אויפגעזונגען מיט אַ נידעריקער שטימע דאָס ליד, וואָס איז אים איצטער געקומען אויפן זינען:

אַ קורצער שפּאַן איז פון וויגל ביז צום גרוב,
דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ חלום...

— יאָ — האָט זיך גאָדל אָנגערופן — אָבער ביי איינעם איז דאָס לעבן אַ לעכטיקער חלום און ביי אַ צווייטן איז דאָס אַ פינצטערער חלום, אַ שטיק חושך מצרים...

— כ׳מיין שוין עפּעס — איז זעליק מסכים געווען מיט זיין לאַנדסמאַן — נאָר כ׳בעט דיך, גאָדל, טו מיר צוליב און לאָז עס אָפּ אַצינדערט. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ באַוווּנדיקער עלעמענט, אָבער היינט, ווייסטו דאָך, איז מיין יום־טוב און כ׳בעט דיך, גאָדל, לייג איצטער אַוועק אין אַ זייט דיין פּראָ־פּאַגאַנדע... איי, גאָדל, גאָדל, לאָגעמאַך, מ׳עט שוין אַזוי ווי עס איז, יאַקאָש, צובענדיקן די פּוע יוע...

אין דער אמתן איז זעליק נישט געווען אַזוי שפּלדיק און געפאַלן ביי זיך, ווי מ׳האָט געקענט מיינען. ער האָט זיך בלויז געמאַכט אַזוי פאַר גאָדלען, אַז אַלץ איז ביי אים הכל־הבלדיק, בכדי אַרויסצורופן ביי אים דעם איינזען, אַז אַלץ איז גאָרנישט ווערט און אַז עס איז נישט כדאַי אַרומצורייסן זיך אויף דעם זינדיקן וועלטל. ביי זיך אָבער אין האַרצן האָט שוין זעליק גראָד יאָ

געהאַלטן פון לעבן און עולם־הזהדיקייט. זעליקס חסידים האָבן זיך איבער־געוווּנקען און אָנגעקוואָלן פון זיין אָפּענטפערן גאָדלען און מען האָט זיי ביידע, די צוויי צעקריגטע לאַנדסלייט, צוגעשטופּט ממש איינעם צום אַנדערן און זיי האָבן זיך געמוזט, ווילנדיק, נישט־ווילנדיק, וואַרפן אויף די העל־דזער. גאָדל האָט איבערגעקערט אַ גלעזל זובראָווקע און אויך זעליק האָט זיך דערלויבט, אין אַן אויסנאַם־פאַל, אויסצוטרינקען אַ ביסעלע בראָנפן מיט גאָדלען, קוים צו באַנעצן די ליפּן אויף לחיים, און אויך אַנדערע האָבן געגנו־מען צו ביסעלעך. אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם וואָס גאָדל וועט דאָ אַזוינס זאָגן און ווינטשן. האָט ער זיך פּאַסמאַקעוועט און אַרויסגעפּאַטשט מיט די טשמאָטשקענדיקע ליפּן:

— אַך, ס'איז דאָך דאָס אמתדיקע ביסעלע בראָנפן!...

זעענדיק אָבער, אַז מען איז אַנטוישט, האָט ער צוגעגעבן: „מען זאָל נאָר טרינקען אויף שׂמחות!"...

— אָמן — האָט מען צוגעטשמאָטשקעט מיט בראָנפנדיקע ליפּן אינעם רעדל.

אַרום גאָדלען איז מען געשטאַנען מיט פלעשלעך אין די הענט, גרייט אונטערצוגיסן, און וויקטאָר, זעענדיק דאָס, האָט צו אַלעמען געמאַכט מיט די אויגן: „נישט פאַרן טאַטן, נישט פאַרן טאַטן"... גאָדל, הגם ער האָט געשמט פאַר אַ גוטן טרינקער, האָט ער אָפּגעשטופּט אַלע פלעשלעך, וואָס מ'האָט געשטרעקט צו אים, ער האָט מער נישט געוואָלט טרינקען. פונעם גלעזל בראָנפן אין זיין מויל איז איצטער געגאַנגען אַ שׂרפה און אין זיין ברי, האָט זיך געדאַכט, זענען אַלע פאַרדרוסן, קוועלן און ביטערנישן צווישן אים און זעליקן, איבערגעברענט געוואָרן.

— און יעצנד קען מען גיין צום טיש! — האָט זיך זעליק געוואָנדן אַן אויפגעלייגטער צו אַלעמען — דער זאַל איז געגרייט מיט כל־טוב. קומטס אַריין! איך פאַרבעט אייך אַלע. ס'איז היינט מיין שׂמחה. איך בין אייער פּרעזידענט און איר זענט אַלע מיינע בירגער, מיינע קינדער!... — און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום עסזאַל און נאָך אים האָבן אויך אַלע זיך גע־לאָזט גיין.

עמעצער פון זעליקס מקורבים האָט, גייענדיק, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט צו זיינעם אַ שכן, אויפן אַדרעס פון זעליקן:

— ווער ווייסט, צי ער האָט נישט היינט גענומען אַן איבעריק גלעזל...

אַז וויקטאָר האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך דערשראָקן און גלייך זיך איבערגעקוקט מיט פּנחסן. באַרויִקט האָט ער זיך ערשט ווען דער עולם האָט זיך גענומען אויסזעצן ביי די טישן. פון דאַנען, איז וויקטאָר געווען זיכער, וועט שוין קיינער דעם טאַטן נישט שלעפּן צום בופעט.

ביים אויבנאָניקן טיש האָט זיך אויסגעזעצט דער קאָמיטעט מיט זעליקן און צעשען אין דער מיט. זיי האָבן ביידע געשיינט פאַר נחת און גליק, וואָס מען האָט זיי איצטער פאַרשאַפט. דער פאָרזיצער און צערעמאָניע־מייסטער פון דער פייערונג האָט געדאַרפט זיין פּנחס, אָבער באַלד נאָך אין אָנהייב פון אָוונט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד מיטן תירוץ, אַז דער האַלדז טוט אים וויי מחמת ער האָט נעכטן אַריינגעכאַפּט אַ שטיקל גריפּע. קיינער, נאַטירלעך, האָט נישט געקענט וויסן די אמתע סיבה, אַז עס וואָלט געווען ביי אים אַן אָפּקומעניש צו עפענען היינט דאָס מויל און אַקעגנטראָגן זעליקן אַ פאַרשטעלט פּנים, בעת די פרייד איז ביי אים קיין פרייד נישט... האָט דעם פאָרזיץ באין־ברירה געפירט וויגדאָראָוויטש דער קאַסירער, אַ מענטש, וואָס די צונג איז שוין ביי אים נישט אַזוי געשליפן ווי ביי פּנחסן און ווען ער מאַכט אויף דאָס מויל ביי אַ צונויפקום פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, בעת וועלכן ער פירט אַ מאָל דעם פאָרזיץ, זוכט ביי אים איין וואָרט דאָס צווייטע און ער ראַטעוועט זיך תמיד אַרויס דערמיט וואָס ער גיט איבער שנעל דאָס וואָרט אַנדערע, וואָס געפינען זיך ביי אים אויפן צעטל צו האַלטן רעדעס.

זעליקן האָבן שטילערהייט הנאה געטאָן די שבחים, מיט וועלכע עס האָבן אים באַוואָרפן די רעדנער, און אויך צעשע האָט אַנגעקוואָלן פון זיי. באַזונדערס האָט זי געשיינט פאַר נחת ווען זעליק האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע פון זיין שפּאָגל־נייעם סמאָקינג ס'פּאַפּיר מיט זיין אָנגעשריבענער רעדע, וואָס לייזערווישקעווער, דער קלעזשטשיוועער פּאָעט, האָט זי איבערגעקלאַפּט אויף זיין שרייב־מאַשינקע. ווישקעווער איז באַקאַנט אין דער לאַנדסמאַנשאַפט מיט זיינע היימישע גראַמען און פּאַראָדיעס אויף די קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס ער לייענט פאָר, אָדער זינגט אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען בעתן קינסטלערישן טייל. צום איבערשרייבן זיינע לידער אויף ריין האָט זיך לייזער איינגעהאַנדלט אין דער שווייץ זיין קליינע גרוי־גרינלעכע „הערמעס־בייבי״־מאַשינקע און אַלץ וואָס דער קאָמיטעט דאַרף

נאָר, מאַטעריאַלן, רעדעס, רעזאָלוציעס, רשימות פאַר געלט־זאַמלונגען, קלאַפּט ער איבער אויף איר.

ביי זעליקס רעדע האָט לייזער גענוג געהאָרעוועט און געשוויצט, גע־מעקט און געשטראָכן און דאָ און דאָרטן אויך צוגעגעבן עפּעס פון זיין אייגענעם קאָפּ אַרויס. אַז זעליק האָט גענומען אין האַנט אַריין זיין אָפּגע־קלאַפּטע רעדע האָט ער זי אין גאַנצן נישט דערקענט. דאָס גרעסטע וווּנדער, ממש פּלאי־פּלאים, איז געווען פאַר אים דאָס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט ווי עס זענען אַהינגעקומען זיינע קאָטשערעס און לאַפּעטעס און וואָס אויך קיינער וועט עס שוין נישט וויסן...

זעליקס רעדע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גאַנץ צעטל יישר־כּוחס פאַר אַלע פאַרשטייערס פון אַנדערע געזעלשאַפטן און פאַר די איינאָרדענערס פון דער שׂמחה לכבוד אים און צעשען. דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיינע געפילן פון געריערטקייט וואָס דער היינטיקער אָוונט רופט ביי אים אַרויס (כאָטש דאָס איז שוין געווען אָנגעשריבן אייערנעכטן). צעשע האָט געקוקט זעליקן אין מויל אַריין און געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. זי האָט געהאַט פאַרדרוס און זיך זייער געערגערט ווען מען האָט איר מאַן געשטערט; ווען ס׳איז נישט געווען פולשטענדיק שטיל בעת זיין רעדן, ווען דאָ און דאָרט האָט עמעצער געגעבן אַ הוסט, אָדער אומפאָרזיכטיק געגעבן אַ קלונג מיט אַ לעפעלע, צי מיט אַ גלאָז, אָדער מ׳האָט סתם גערעדט צווישן זיך שטילער־הייט. די מינדסטע שושקעניש האָט ביי איר אָפּגעקלונגען ווי אַ גאַנצער געפילדער.

זעליק האָט יעדעס מאָל אויפגעהויבן די אויגן פונעם פּאַפּיר בכדי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין רעדע מאַכט אויפן עולם. אין דער אמתן האָבן זיך נישט אַלע אַזוי גוט צוגעהערט. געווען אַפילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך ממש געלאַנגווייליקט און געוואָלט, אַז די רעדע זאָל זיך שוין ענדיקן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. זיי האָבן געריסעוועט מענטשעלעך אויף די סערוועטקעס, אָדער זיך געוואָרפן דיסקרעט מיט אויסגעקנעטענע קייקעלעך ברויט. מען האָט געטריבן ליצנות, זיך געחכמעט, זיך איבערגעוווּנקען צווידייטיק אויפן אַדרעס פונעם בעל־יובל. זעליק, ווי נישט אים וואָלט מען דאָס געמיינט, האָט אַלץ אויפגעהויבן יעדעס מאָל די אויגן פונעם פּאַפּיר און אַרומגענומען מיט זיין בליק אַלע פּנימער. אָבער מער פון אַלץ האָט ער געזען פאַר זיך

דעם גרויסן גאָטאָ, דעם קיילעכיקן טאָרט מיט די אַריינגעשטעקטע זיבעציק ליכטלעך, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים אויפן טיש, מיט אויסגעלייגטע אותיות פון קרעם מיט ברכות אין פראַנצויזיש און אין ייִדיש: „באָן אַני־ווערסער" און „עד מאה ועשׂרים". די זיבעציק ליכטלעך זענען דאָס געווען צו זיינע זיבעציק יאָר. אַ יאָר אַ ליכטל. ס׳איז אַ פראַנצויזישער מנהג און ער געפעלט אים גראָד יאָ, זעליקן; פראַנעק ווייסט נאָך אויך פון עפּעס שיינס... באַלד וועט מען לכבוד אים, זעליקן, אָנצינדן אַלע זיבעציק ליכטלעך און ער וועט זיי דאַרפן אויסלעשן מיט איין בלאָז, אַלע מיט אַ מאָל, ווי עס פירט זיך.

דערווייל דערמאָנען זיי אים, די זיבעציק שטיקלעך, ווי ווייט ער, זעליק, איז שוין אָפּגעפאָרן, און יעדעס ליכטל זעט אים אויס צו זיין אַ יאָרצייט־ליכט נאָך אַ יאָר זיינעם, וואָס איז פאַרביי און וועט זיך שוין מער נישט אומקערן. אָבער פון דעסטוועגן דאַרף מען נישט אַריינפאַלן אין אַזאַ יאוש, מוסרט ער זיך אַליין אין געדאַנק. אין דער אמתן פאַרנעמט ער זיך נאָך, זעליק, לאַנג צו לעבן. זיין זיידע האָט געלעבט לאַנג און זיין טאַטע, ווען נישט היטלער, ימח שמו, וואָלט ער אויך געווען געלעבט לאַנג... אוי, די פיינע ליכטעלעך, וואָס ער וועט זיי באַלד דאַרפן געבן אַ בלאָז אויס און טאַקע זיין דערביי אַ בריה און זיי אויסלעשן אַלע מיט איין מאָל... אָבער ער דאַרף זיך נישט, נאָך אַלעמען, אַזוי שרעקן פאַר זיי. ער האָפט נאָך אַזוי, מיט גאָטס הילף, אויסצולעשן מיט איין בלאָז אויך זיינע אַכציק ליכטלעך. ער קלויבט זיך נאָך אַזוי אַריינצובלאָזן ביז הונדערט און צוואַנציק... ער וועט אַכטונג געבן אויף זיך. ער וועט זיך אָפּהיטן. ער טראַכט וועגן צוריקציִען זיך פון אַלע זיינע געשעפטן. ער האָט זיי שוין געגנוג. ער דאַרף נישט דאגהן פאַר זיין אויסקומעניש. נישקשה, ער וועט נאָך האָבן פון וואָס צו לעבן. סיי ווי וועט ער שוין נישט באַוויזן אויפצועסן דאָס אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. צו זיינעם אַ קאַמעראַד האָט אַנומלט דער דאָקטער געזאָגט: „מיסיע, אויב וועט איר נישט אָוועקלייגן די געשעפטן, וועלן די געשעפטן אייך אָוועקלייגן". צו וואָס דאַרף ער, זעליק, וואַרטן ביז וואַנעט מען וועט אים דאָס זאָגן? אמת, קיין סך האָט ער שוין לעצטנס נישט געטאָן. אָבער ער קען שוין אין גאַנצן אויפּ־הערן צו אַרבעטן. זאָלן זיך שוין פאַרנעמען מיטן הויז די טעכטער מיט די איידעמס. פאַרפרעמדט ווערן וועט עס דאָך נישט...

עס וועט אים נישט פעלן, זעליקן, וואָס צו טאָן אָן דעם מסחר. ער וועט מאַכן רייזעס מיט צעשען. אַלע זיינע קאַמעראַדן זענען שוין אויסגעוועזן אַ וועלט און נאָר ער ליגט איינגעלייגט און רירט זיך נישט פון אָרט. וועט ער אויך פאָרן. ער איז נאָך נישט געווען אין גריכנלאַנד און נישט אין איטאַליע. ער מוז נאָך אומבאַדינגט זען ווענעציע, אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך, נעבעך, אויפן וואַסער... ער וויל נאָך אויך צוכאַפּן זיך קיין ישראל איבער אַ יאָר, מ׳זאָל דערלעבן. ער איז שוין, וואָס אַן אמת, איין מאָל געווען דאָרטן, אָבער ער קען זיך זאַט נישט אָנקוקן. וואָס י׳דעלעך האָבן באַוויזן אויפצוטון, האַ. י׳סרוליקל...

פאַר די זיבעציק אַריינגעשטעקטע ליכטלעך, וואָס האָבן געדיכט אָרומ־געזוימט דעם גאַטאָ, ווי אַ חלבנער פּלויט, האָט זעליק אין אָט די רגעס געמאַכט דעם סך־הכל פון זיינע אָפּגעלאָפענע יאָרן. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָ און דאָרטן זאַכן, ענינים, פּאַסירונגען, סיי גוטע, סיי שלעכטע, פון פאַר־שידענע צייטן, וואָס זענען אים איצטער קאַפּויערגעקומען, אָט אַזוי ווי מען שטעלט צונויף פאַרשידענע איבערבלייבעכצער, „סאָלדן״, רעשטלעך, פאַר־לעגענע אויסגעאַרבעטע סחורות ביים מאַכן דעם אינוועטאַר אין געשעפט סוף יאָר... אַזוי האָט ער געמעקט און געשטעלט און געסדרט אין די מחשבות אַלץ וואָס עס איז אים איצטער געקומען אין קאָפּ אַריין וועגן דער פאַרגאַנ־גענער צייט. און ווי האָט ער נישט געקענט איצטער אויך טראַכטן וועגן דעם מענטש, וואָס זיצט דאָ היינט לעבן אים ביי זיין רעכטער האַנט און וואָס געפינט זיך שוין אַ קימא־לן פון איבער פופציק יאָר אַזוי נאָענט פון אים און וואָס צוזאַמען האָבן זיי שוין ביידע אַדורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס?

ער געדענקט עס אַזוי ווי איצטער, זעליק, ווי ער איז טאַקע מיט פופציק יאָר צוריק געשטאַנען מיט צעשען אונטער דער אָפּגעבליאַקירטער און צע־טעפּעטער חופה־דעק פאַר דער אַלטער קלעצשטשיווער שול; ווי ער האָט איר געשטופּט אויפן פינגער דאָס גילדענע קידושין־רייפל, נאָכזאָגנדיק וואָרט ביי וואָרט דעם „הרי את״. אָט ווי עס וואָלט ערשט אַנומלט געווען. ער איז דעמאָלט אַלט געווען צוואַנציק יאָר און צעשע בלויז אַריבער אַכצן. אַ קלייניקייט, שוין פופציק יערלעך!... פאַרביי אַזוי גיך נאָך איידער ער האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן. ווי די צייט לויפט... ער איז אַזוי געשטאַנען, געדענקט ער ווי איצט, אין די נייע סטוטשקאָווע הויזן מיט אַ האַרטן קאַנט;

מיט די פֿאַלש־געניייטע סקריפּענדיקע קאַמאַשן און מיטן בלעכענעם אָנגע־קראַכמאַליעטן ווייסן הערצל פֿון העמד מיטן שטייפֿן קאַלנער ווי אַ כאָמעט, וואָס האָט אים געקוועטשט דעם האַלדז. צעשעס שיין פּנימל איז געווען פֿאַרדעקט מיטן ווייסן וועלאָן און ער האָט עס נישט געקענט זען, אָבער ער איז געווען זיכער דערמיט, ס׳איז זיינס... מיט איין זעץ פֿונעם רעכטן פֿוס האָט ער ווי אַ ביסל צעקנאַקט דאָס גלעזל, וואָס מ׳האָט אים אונטערגעלייגט אויף דרערד און צוזאַמען מיט די שפּליטערס אונטן האָט זיך צעשאָטן אַרום אים אַ געדיכטער „מזל־טוב!״ פֿון אַלערליי שטימען.

און פֿאַרוואָס טאַקע נישט אָנהייבן פֿון נאָך פֿריִער, פֿון דער צייט, ווען ער, זעליק, האָט ערשט אָנגעהויבן צו „גיין״ מיט צעשען, דעמאָלט ווען מ׳האָט זי נאָך גערופֿן אַזוי באַחנט־היימישלעך: ציפּעלע... ער געדענקט דעם הייסן תמוז־טאָג ביים טייך הינטערן שטעטל, די שמאָלע זשיקע, ווו יונגוואַרג פֿלעגט זיך באָדן זומערצייט. עס איז געווען אין טייך אַ באַזונדערע טייל פֿאַר די פֿרויען און מיידלעך, אַ ביסל דערווייטערט פֿון די מאַנצבילן, אַ מין עזרת־נשים אין וואַסער. אָבער עס פֿלעגט זיך טרעפֿן אַ מאָל, אַז די בחורים פֿלעגן זיך כלומרשט טועה זיין און „פֿאַרבלאָנדזשען״ צו די מיידלעך. גלייך איז דאָרטן צווישן זיי געוואָרן אַ טומל און אַ בהלה. טייל האָבן זיך גענומען פֿעסטער צוהאַלטן די העמדער און די פֿאַרטעכער, אין וועלכע זיי האָבן זיך געבאָדן, און אַנדערע האָבן זיך אונטערגעטיקט אין וואַסער, געמאַכט אַ נורעק, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט דערמיט באַשיצן, אָדער פֿאַרלעשן דערמיט די אָנגעצונדענע רויטקייט אויף זייערע פּנימער.

ווען זיי זענען ענדלעך קאָפּויערגעקומען פֿון אונטערן וואַסער אָפּער, זענען ביי טייל געווען די נאַסע העמדער און פֿאַרטעכער אויפֿגעבלאָזן ווי פּענכער און די פֿרויען האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען אין די הויכע חדשים. פּלוצלינג האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ זשוואַווע ווייבל, האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן נאַסן קאָפּ האָר און פֿאַרלייגנדיק ווילעריש די הענט אויף די באַקעס, האָט זי זיך געוואָנדן, אין נאָמען פֿון אַלע, צו די בחורים און מיט אַ טאָן ווי זי וואָלט זיי געשטעלט אַן אולטימאַטום: — לאָבוסעס, איך וואָרן ענק, עץ זאָלט שוין אָוועק פֿון דאַנען! טאָמער טראָגט עץ ענק נישט אָפּ שוין די רגע, וועלן מיר אייך עפּעס אָפּטון: מיר וועלן זיך אויסטועון אין גאַנצן נאַקעט און איר וועט זיך דאָ באַלד אַלע פֿאַרשעמען!...

צווישן די יונגעלייט איז גלייך געוואָרן אַ שטיקל מהומה און סומאַטאָכע. אַ סך פון זיי האָבן גענומען מאַכן אַ השיבנו נאָזאַד. זעליק האָט דערזען אין טייך נישט ווייט פון אים ציפּעלען. זי איז געשטאַנען אַקעגנאיבער אים, געקוקט אויף אים אָן בושה. דאָס נאַסע דינע קרעטאָנענע פּאַרטעכל האָט געקלעפּט צו איר גוף און בולט געצייכנט אירע פאַרבאָרגענע מיידלשע ליניעס. זעליק האָט געקוקט אויף איר און איז געווען עפּעס ווי צעטראָגן. ציפּעלע האָט געפילט בחוש ווי אים גלוסט זיך נישט צוריק אַוועקצופּאַטשן אין וואַסער צו דער מענער־אָפּטיילונג. עס האָט זיך איר געדאַכט ווי ער וואָלט זיך אין געדאַנק שטילערהייט געבעטן ביי איר אַ דערלויבעניש צו זיין דאָ. האָט זי דעריבער געזאָגט צו אים, געבנדיק דערביי אַ חנעוודיק־שיין קוקעלע צו אים מיט אירע גרינע קעצישע אויגן:

— פאַר מיינסטאַלבן קענסטו דאָ בלייבן, זעליקל...

ס׳איז אָבער נישט געווען געזאָגט ערנסט און ס׳איז אויך נישט מעגלעך געווען, אַז ער, זעליק, זאָל דאָ בלייבן, ווייל אַלע מיידלעך און ווייבלעך האָבן גענומען פּאַטשן און פּליעסקען מיט די הענט אין וואַסער און אים אָפּשפּריצן ווי גרויס ער איז געווען און אויך באַשיטן ציפּעלען מיט פאַר־ווורפן און אויסריידן פאַר איר פּאַרשייטן שפּאַס.

פון דעמאָלט אָן האָט זעליק געוואָרפן אַן אויג אויף ציפּעלען. ער האָט זיך באַמיט זי אָנצוטרעפן אין גאַס, ער האָט ממש געטשאַטעוועט אויף אירע טריט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו שפּאַצירן אין די שבת־פאַרנאַכטן אויפן לאַ־כאָווער שאָסיי, הינטערן שטעטל. ער איז געגאַנגען שעמעוודיק לעבן איר מיט אַ שקאַרמיץ ארץ־ישראל־ניסלעך און מיט אַ גראָבן בוך אונטערן אָרעם, נישט אַזוי צוליבן לייענען ווי פאַר לייטישקייטס־וועגן, פאַר פאַנ־טאַזיע, ווי ס׳איז געווען דעמאָלט די מאָדע. דאָס בוך, געדענקט ער נאָך איצטער, האָט געהייסן „סאַנין״ און דער שרייבער דערפון, אויב ער מאַכט נישט קיין טעות, איז געווען אַרציבאַשעוו, אַ פאָניע...

אַז ער האָט ציפּעלען איין מאָל אָנגערירט ביי אַ פינגער האָט זי זיך פאַר אים געפּיעשטשעט און זיך אָנגערופן מיט אַ קאַפּריזנע חנדעלע: „טשעפּע נישט, זעליקל, ס׳איז אַ שוועבעלע... געדענק, די שפּילסט זיך מיט פייער״... און זי איז טאַקע אַליין רויט געוואָרן ווי אַ פייער און האָט אים געגעבן אַ לייכט פּעטשל איבער דער האַנט, וואָס האָט געהאַט ביי זעליקן

טויזנט טעם און ער האָט געקענט באַשטיין אַריינצוכאַפּן נאָך אַ סך אַזעלכע פּעטש...

זעליק האָט געזען אין ציפּעלעס פּעטשל אַ גוטן סימן. ער האָט אָפּגע־לאָזט איר פינגער און זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט, זאָגנדיק צו איר: „שאַט נישט, ציפּעלע, איך האָב ליב פייער"... ס'האָט געדאַרפט זיין פון זיין זייט אַ מין ליבע־דערקלערעניש מיט אַ פאַרשטעלט לשון, ווי ער האָט זיך אויס־געלערנט פון די פלירטן, וואָס יונגוואַרג פלעגט שפּילן ביי אים אין שטוב, אַריינקומענדיק אין די שבת־נאָכמיטאָגס צו זיין עלטערער שוועסטער ברכה.

אין שטעטל האָט מען גענומען רעדן, אַז זעליק און ציפּעלע „גייען"... די בחורים האָבן אָנגעהויבן מקנא צו זיין זעליקן. מען האָט געהאַלטן אין איין אויסרעדן אויף אים, אויסגעפינען אויף אים אַלערליי חסרונות, געמאַכט אים מיט דער בלאָטע צו גלייך און געוואָרפן אויף אים שטעכווערטלעך, ווי למשל: „זעליק האָט אויסגעכאַפּט דאָס שענסטע מיידל פון קלעשטשיוו"... „ווי קומט צו אים אַזאַ געשמאַקע מויד, צו דעם היטלמאַכער פון באָדגעסל? באשר וואָס, ווייל ער דעקט צו דעם פּאַרך?"... „ער וועט דאָך אַפילו נישט וויסן וואָס צו טאָן מיט איר, דער שלימזל"...

שוין אַ שטיקל צייט נאָך זיין חתונה מיט צעשען איז אַרומגעגאַנגען אין שטעטל אַ ווערטל וועגן זעליקן, וואָס די נישט־פאַרגינערס זיינע האָבן עס אויפגעכאַפּט און עס צעטראָגן, און וואָס זעליקן האָט עס געקאָסט אַ סך געזונט. ס'האָט אים עמעצער געהאַט אַמאָל געזאָגט: „דו ווייסט, האָסט אַ שיין ווייבל, זעליק". האָט זעליק דערויף געענטפערט: „פּהע, ווען איר זעט נאָך מיין ציפּקעלען אויפן לייב"... ער האָט זיך דעמאָלט, זעליק, אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט און עס שוין נישט געקענט צוריקכאַפּן. מ'האָט עס שפּע־טער צעטראָגן און געלאַכט דערביי אין די פויסטן, אָבער זעליק האָט זיך באַצייטנס אַרומגעזען, אַז עס וועט זיין קראַנטער פאַר אים נישט אַרויסצווייזן, אַז עס אַרט אים און ער האָט אויך מיטגעלאַכט, וואָס דאָס איז געווען אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס. ס'האָט געדאַרפט הייסן פאַר לייטן, אַז די גאַנצע מעשה האַלט ער כלומרשט פאַר אַ שפּאַס, פאַר אַ ליצנות, און ער האָט אַליין די גאַנצע זאַך געמאַכט פלאַטשיק, צו גאַרנישט...

— — — — — — — — — — — — —

ווער ווייסט ווי לאַנג זעליק וואָלט נאָך געוועז אַזוי פאַרטראַגן אין די עולמות, געזעסןביים יום־טובדיקן טיש אַזוי פאַרגאַפּיעט, אַריינגעטאָן אין די נעכטיקע טעג, ווען נישט עמעצער, וואָס האָט גענומען מיט אַ שוועבעלע אָנצינדן די זיבעציק אַריינגעשטעקטע ליכטלעך אינעם גאַטאַ, אַ ליכטל ביי אַ ליכטל, וואָס דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: „זעליק, שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די אַמאָליקע יונגע יאָרן. צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, ביסטו אַ זיבעציקער", און דערביי האָט מען אים אַ שטורכע געגעבן, ווייזנדיק אים אויף די אָנגעצונדענע ליכטלעך, וואָס דאָס האָט אים שוין גאָר אויפגעוועקט פון זיינע רעיונות:

— ני, ני, זעליק, נעם זיך צו די כלים. באַווייז וואָס דו קענסט. גיב אַזוי אַזאַ מין ליטישן בלועז ווי עס געהער צו זיין...

זעליק האָט זיך טאַקע איצטער געגרייט אויסצולעשן די זיבעציק ליכטלעך מיט איין מאָל. ער האָט זיך אָנגעגורט די לענדן, געמאַכט הכנות ווי פאַר אַ שפּרונג צו אַ וויטער מעטע, אָננעמענדיק פולע לונגען מיט לופט. ער האָט שוין געוווסט בייטאָג, אַז עס שטייט אים פאַר אין אָוונט אַזאַ מין שטיקל אַרבעט און ער האָט זיך אין דער היים געפּעדערט צו דעם, געמאַכט מאַ־נעוורעס; ווען קיינער האָט נישט געזען האָט ער איין מאָל און נאָך אַ מאָל געגעבן אַ שטאַרקן בלאָז אויף אַ קופּע יידישע ביכער, וואָס ער האָט אָנגע־לייגט, פאַרשטעלנדיק זיך אין געדאַנק, אַז דאָס איז דער „גאַטאַ". ער האָט זיך געשפּילט ווי אַ יינגל און אַליין דערביי הנאה געהאַט פון זיך. און אָט איז איצטער געקומען די דערוואַרטע רגע. זעליק האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טאָרט און מיט ברייט־אויפגעמאַכטע אויגן אַרומגענומען אים אין גאַנצן ווי גרויס ער איז געוועזן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איינשלינגען מיטן בליק אַזוי ווי ער שטייט און גייט.

אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פון גאַנצן עולם אַרום די טישן האָט זעליק געגעבן דעם שוין לאַנג־דערוואַרטן און מיט רעפּעטיציעס־אויסגעשטודירטן שטאַרקן בלאָז און אויסגעלאָשן מיט איין מאָל ניין און זעכציק ליכטלעך, און שנעל, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָט ער גלייך נאָך דעם פאַרטיק געמאַכט דאָס זיבעציקסטע... ער האָט עס טאַקע געמאַכט אין איין אויגנבליק און אַזוי קונציק, אַז זעלטן ווער האָט עס געקענט באַמערקן, אָבער ער, זעליק גופא, ער האָט דאָך געוווסט דעם גאַנצן אמת, און עס האָט זיך אים צוליב

דעם עפּעס איבערגעדרייט אין די געדערעם. זעליק האָט קיין מאָל נישט געגלייבט אין קיין זאַבאָבאָנעס און נאַרישקייטן, אָבער אין דעם, וואָס ער האָט נישט באַוויזן אויסצולעשן דאָס זיבעציקסטע ליכטל גלייך מיט אַלע איבעריקע, האָט ער עפּעס געזען נישט קיין גוטן סימן... עפּעס איז עס אים נישט געפעלן געוואָרן... אָבער מען דאַרף נישט אַריינטראַכטן וועגן דעם, האָט ער זיך אַליין געמוסרט, וועלנדיק זיך מאַכן אַ לב, און פאַרקאַטשענדיק זיך די אַרבל פונעם נייעם סמאָקינג, האָט ער מיט גרויס קוראַזש גענומען מיט אַ מעסער שניידן פונעם קיילעכיקן טאָרט קליינע דרייעקן, קליניקלעך...

אין דערבײַיִקן זאַל, ווו ס׳איז געווען דער בופעט און דער אָרקעסטער, איז געזעסן ביי ספּעציעל־רעזערווירטע טישלעך דאָס יונגוואַרג, די פריילעכע בחורים און מיידלעך, וואָס זענען גיכער געקומען דאָ סתם אַזוי אַ הוליע טאָן איידער פייערן זעליקס געבורטסטאָג, צי די גאָלדענע חתונה, און ווען די מוזיק האָט ענדלעך אַ זעץ געטאָן, אַ סימן אַז דער אָפיציעלער טייל איז געענדיקט, האָבן זיך די יונגעלייט, די מיידלעך און יונגע פרויען אַ ריס געטאָן פון די ערטער און זיך אַריינגעוואָרפן אין טאַנץ און אין די אָרעמס, וואָס האָבן שוין געבענקט איינע צו די אַנדערע נאָך באַרירונג און אַרומנעם. פון די אַלע פאַרשידענע אַפּעריטיוון און אַלערליי ווײַנען זענען די קעפּ ביי זיי געווען שווער ווי בליי און די געמיטער לייכט ווי טיול, נאָר צום אַוועק־בלאָזן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די קעפּ קענען זיך נישט האַלטן ביי זיי אויף די אַקסלען און וואַקלען זיך און בייגן זיך איינער צום אַנדערן, ווי איינער וואָלט זיך געוואָלט צושפּאַרן צום צווייטן, אונטערהאַלטן זיך קעגנזייטיק בכדי זיי זאָלן נישט אומפאַלן.

צו ביסלעך האָט זיך דער גאַנצער זאַל אַריינגעדרייט אין טאַנץ, אין געוויג, אין געשוועב, אין געפלאַטער. פון יעדן ווינקל אַרויס האָבן אויפגעצ־טויכט, ווי אַרויסגעוואַקסן פון ערגעץ, נייע טענצערס, פרישע פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון די בענקלעך און גלייך זיך גענומען פאַר די הענט, זיך געהאַלטן פאַר די אָרעמס נאָך גייענדיק, ווי אַן אַדערויף צום פאַרגעניגן, ווי מענטשן, וואָס לאָזנדיק זיך אין אַ הייסן זומערטאָג צום טייך זיך באָדן, וואַרפן זיי שוין אויפן וועג אַראָפּ עפּעס פון זיך... די נייע פּאָרלעך האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פריִערדיקע, צעגאַנגען אין זיי, געוואָרן איינס,

פֿאַרגרעסערט דאָס שווינדלענדיקע ראָד, פֿאַרשטאַרקט דעם געווירבל. ווי נאָר מען האָט ערגעץ־ווו, אַפֿילו פֿון דער ווייטנס, דערהערט די קלאַנגען פֿון דער מוזיק, האָט זיך תּיכף אַ האַנט געצויגן צו אַן אַקסל ווי פֿון זיך אַליין, אַ פֿוס האָט זיך געשטרעקט און געגליטשט איבערן גלאַנציקן פּאַר־קעט, און ווען די מוזיק האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט בכדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און דער טאַנץ איז געווען דערווײַליק פֿאַרענדיקט, מאַכנדיק אַ קליינע הפסקה, האָבן זיך די הענט אָפּגעלאָזט שלאַבעריק, אָן חשק, מיט באַדויער, אָבער גלײַך ווי זי האָט ווידער גענומען אויפֿשפּילן, אַזוי האָט זי פֿון דאָס נײַ געוועקט הערצער, גלידער, חשק און קוראַזש, און שמייכלען צו שמייכלען האָבן זיך אַקעגנגעטראָגן, און לײַכט האָבן זיך פֿינגער געלייגט מיט מילדער באַרירונג אויף אַקסלען, אויף נאַקנס, אַרום טאַליעס, און אַלץ איז ווידער אַוועק אין עקסטאַז, אין שיכּרות, אין פֿאַרזונקעניש.

ביי די ווענט, אויף די לאַנגע פּליושענע בענק פֿון אַ טונקל־רויטן קאָליר זענען געזעסן עלטערע מענטשן און מיט מידע בליקן זיך צוגעקוקט צום טאַנץ. ס׳רוב זענען דאָס געווען באַיאָרטע פֿרויען, פֿון וועלכע דער שווייס האָט גערונען מחמת דער גרויסער היץ אויפֿן זאַל. פֿון אונטער די אויגן און אַרום די מײַלער בײַ זיי איז שוואַרצע פֿאַרב און שמינקע צעגאַנגען און זיך אויסגעמישט מיט די שווייס־טראָפּנס ווי אין אַ טונקל פֿאַרקנעטעכץ. זייערע פֿולכלע הענט און אָרעמס, טייל באַהאַנגען מיט צירונג, זענען איבערגעגאַנגען און אַריבערגעפֿאַליעט איבער די ווייכע פּליושענע אָנלענס און זענען געווען בײַ זיי ווי עפּעס איבעריק, נישט נויטיק. די זיצנדיקע ווײַבער האָבן באַ־טראַכט די שיינע טואַלעטן, די רײַכע שטעטער און הייַנטיקע מאָדעס, וואָס עס האָבן געטראָגן די יונגע אויסגעפּוצטע פֿרויען. די אַלטע האָבן זיך צוגעקוקט צו זיי, ווער מיט התפּעלות און ווער מיט אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם קנאה־געפֿיל. די יונגע פֿרויען זענען אַלע מאָל פֿאַרבײַ פֿאַר זייערע אויגן, אויסקוקנדיק דאָ און דאָרט אַ פּאַרטנער, וואָס זאָל זיי אײַנלאַדן צום טאַנצן, און מיט אַ צוזאָגנדיקן דיסקרעטן בליק האָבן זיי אַליין אײַנגעלאַדן די אײַנלאַדערס. זיי האָבן געטראָגן ענגע געפּאַסטע קליידלעך, שטאַרק אײַנגעצויגן פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט, וואָס האָבן אָנזעעווודיקער געמאַכט בײַ זיי די ווײַבלעכע בולטקייטן. בײַ אַנדערע זענען געווען זאָרגפֿעליק אָפּגעדעקט שטיקער לײַב, וואָס האָבן פֿאַרבלענדט דאָס אויג. ווער ס׳האָט געהאַט אַ שיינעם אַקסל,

האָט געוויזן דעם אַקסל, ווער ס׳האָט געהאַט אַ שיינעם אָרעם, האָט געוויזן דעם אָרעם, ווער ס׳האָט געהאַט אַ שיינעם נאַקן, האָט געוויזן דעם נאַקן, און ווער ס׳האָט גאָרנישט געהאַט, האָט גאָרנישט געוויזן.

עטלעכע פון די זיצנדיקע ווייבער אויף די פּליושענע בענק האָבן זיך געווישט דעם שוויס מיט זיידענע פּאַרפומירטע טיכלעך, זיך געפאָכעט מיט אַלטמאָדישע פעכערס. מער היץ האָבן זיי נאָך צוגעגעבן די קאַראַקולענע מאַנטלען זייערע מיט די וויזאָן־קעלנער, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אויף זייערע שויסן, נישט וועלנדיק זיי די גאַנצע צייט אָפּגעבן אין דער גאַרדעראָבע — ווייל אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, מען קען קיין מאָל נישט וויסן...

מ׳איז שוין געווען מיד פון קוקן אויף די טענץ, וואָס האָבן זיך כסדר געענדיקט און זיך צוריק אָנגעהויבן, און אויף די פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט און געדרייט אויפן פּאַרקעט און בשעת־מעשׂה זיך געקוקט אין די אויגן אַריין ווי זיי וואָלטן דאָרטן געזוכט מי יודע וואָס. און די מוזיק האָט אַלץ געזעצט, אַראָפּגענומען די קעפּ, געריטשעט און געליאַרעמט, געשפּילט אויף די נערוון. מען איז אַזוי געזעסן און פּרובירט פאַרגלייכן די היינטיקע משונהדיקע טענץ, די אויסגעלאַסענע און פאַרשייטע, מיט די אַמאָליקע שיינע טענץ פון דער היים. ווי קומט דאָס צו אַ קלעשטשיוער וואַלס, צו אַ פּאָלקע מאַזורקע, צו אַ טאַנגאָ, אַ שער, אַ לאַנסער, אַ קאַדריל, אַ מצווה־טענצל, צי אַ ברוגז־טאַנץ? נישטאָ דער אַמאָליקער טעם און חן. ווו האָט מען דען דאָס געזען אין קלעשטשיוו אַז ביי אַ טאַנץ זאָל מען זיך אַזוי קוועטשן איינער צום אַנדערן און זיך האַלטן פאַרן הינטן ווי מען וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט, חלילה, נאָך אַנטלויפן?... ס׳גייט דאָך פּשוט אָן אַ ברעכינג... ווי קען מען דאָס אַזוי אַלעמען אויסשטעכן די אויגן? נאָר אין פּאַריז קען מען זען אַזוינס...

מען איז שוין געווען מיד נישט בלויז פון הערן די מוזיק, נאָר ס׳איז שוין אויך נמאס געווען צו קוקן אויף די מוזיקאַנטן מיט די גרינע אוני־פאָרמען און גאָלדענע שליפעס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן קליינעם פּאָדיום ביי דער וואַנט. אויך זיי זענען שוין געווען פאַרמאַטערט, טויט־מיד, האָט מען אָנגעזען. ס׳איז געווען פּשוט אַ רחמנות צו קוקן אויף זיי. עס האָט דענערווירט דער פּויקער, וואָס האָט שוין געגעבן ווי לאָמיך געמאַך, שלאַ־בעריק און נאָכלעסיק אין דער פּויק אַריין קלעפּ און זעץ ווי די ברעטער; דער

טראָמבאָניסט, וואָס האָט אָן אויפהער אַרויסגעלאָזט די לאַנגע מעשענע רעו־
און זי גלייך צוריק אַריינגעצויגן, ווי ער וואָלט זי אַזוי כסדר איינגע־
שלונגען און צוריק אויסגעשפּיגן, און עס האָבן שוין פּשוט אויפגערעגט די
אָנגעבלאָזענע קיילעכיקע באַקן פונעם טרומייטן־בלאָזער, אַזש אָפט האָט זיך
זיי געוואָלט אויספּאַטשן, אַריינפּליאַסקען אין זיי, זעצן אין זיי ווי קינדער אין
גומעלאַסטיק־פּילקעס, ווען זיי ווילן זיך דערוויסן וואָס עס טוט זיך אינע־
ווייניק...

ווען די מוזיק האָט אויפגעשפּילט דעם נייעם משונהדיקן טאַנץ, דעם
טוויסט, איז אויף די פּליושענע בענק ביי דער וואַנט שוין גאָרנישט געווען
אויסצוהאַלטן. ס'איז פּשוט געווען שווער צו קוקן ווי אַ גאַנצער זאַל, פרויען,
מענער, יונגעלייט, מיידלעך, אַפילו קינדער, גאָך נישט פון דער אייערשאַל
אַרויס, האָט זיך געבומען דרייען ווי חסר־דעה, זיך וואַרפן ווי אין קדחת.
דער גאַנצער זאַל האָט זיך ממש געשאָקלט און געטרייסלט, געצאַפּלט און
געדריגעט. מ'האָט זיך געשטופּט און געשטויסן, זיך עפּעס ווי געטשעפּעט
און געריסן איינער צום אַנדערן מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די קני,
מיט די עלנבויגנס, מיט די בייכער, מיט די הינטנס, מיט די געלענקען,
מיט די בוזעמס, מיט די ליטקעס, מיט די זייטן, מיט די היפּטן און מיט די
געדערעם. יעדער מוסקל, יעדעס שטיקל לייב און יעדעס שטיקל אבר
באַזונדער און פאַר זיך האָט געטאַנצט! יעדעס שטיקל צירונג אויפן האַלדז,
יעדע שפּילקע, בראָשקע, אוירינגל, יעדעס שטיקל פאַלע, קלייד, שטאָף, אַלץ,
אַלץ האָט געטאַנצט און געטוויסטעוועט, זיך געוואָלט אָפּרייסן, זיך אַוועק־
טראָגן ערגעץ אין שאול־תחתיה, אין עק וועלט, זיך אַוועקוואַרפן אויף הפקר,
אויף גאָטס באַראָט. אָט האָט זיך געדאַכט ווי איינער האָט צום אַנדערן עפּעס
טענות און מען וואַרנט יענעם, אַז ער זאָל אָפּשטיין, מען גייט זיך וואַרפן אויף
אים מיט קלעפּ, מיט לייגעס, טליקעס, טערעבענצעס און סטוסאַקעס; און אָט
גאָר רוקט מען זיך אַוועק איינער פון אַנדערן ווי ברוגז, ווי צעקריגטע, ווי
דם־שונאים, מיט אָנגעבויקערטע פּלייצעס, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן
און מיט אונטערגעהאַקטע זייטן...

די ווייבער אויף די ווייכע בענק האָט עס געשווינדלט פאַר די אויגן.
עס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר זיי און זיך געדרייט מיט אַן אויסערגע־
וויינלעכער געשווינדיקייט עפּעס אַן אויסטערלישע צעוויכערטע יענוועלטיקע

קאַרוזעליע, אויף װעלכער עס זענען אַרומגעפלויגן און אַלע מאָל אויף ס'ניי קאַפּויערגעקומען מכשפות, לצים, צעלאָזטע און צעלאַכטע הולטייעס. פאַרן בליק האָבן אַלץ פאַרבייגעשוועבט, זיך געמישט און געפלאָנטערט: זאָקן, לאַטשן, שניפּסן, לאָקן, פּאָלעס, פאַרבן, טיכלעך, קנאַפּל, ספּינקעס, קלאַמרעס, שפּיצן, זוימען, פאַלדן, פאַסן, שאַרפן, פראַנדזן... און נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל צוריק דאָס זעלבע, נאָר פאַרקערט: פראַנדזן, שאַרפן, פאַסן, פאַלדן, זוימען, שפּיצן, קלאַמרעס, ספּינקעס, קנאַפּל, טיכלעך, פאַרבן, פּאָלעס, לאָקן, שניפּסן, לאַטשן, זאָקן — — — אוי, דער קאָפּ, דער קאָפּ האָט זיך זיי שוין פאַרדרייט!... עס האָט זיי אַזש, די ווייבער, ממש געאיבלט און געניִדזשעט, זעענדיק די אַלע אויסטערלישע „פיגורן", די העוויות און משונהדיקע באַוועגונגען, וואָס זיי האָבן נישט געקענט באַווייזן נאָכצויאָגן און כאַפּן מיטן בליק.

אויך צעשע איז שוין איצטער, נאָך אַלע דרשות, באַגריסונגען און נאָך דער סעודה, געזעסן צווישן די ווייבער אויף דער באַנק און זיך צוגעקוקט צו דעם צעבושעוועטן פייערפלאַם, צו דעם שטורעם, צו דעם שגעון און ווילדעניש, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן זאַל; צו דעם געפלאָנטער און געדריי פון גופים און גלידער, צום געפאָך פון צעפּאַטלטע שעוועליורן און קליידער, צום געשטרעק און געצי פון פיס, עלנבויגנס און העלדזער, און זי האָט געטראַכט דערביי פון אירע אַמאָליקע יונגע יאָרן, ווי זי וואָלט זיי דאָ איצטער אויך געזען אַריינדרייען זיך און אַריינפּלאָנטערן זיך אין דעם צעלאָזטן קאַראַהאָד, אין דעם צעווילדעוועטן קעסלגרוב און מישמאַש, כאָטש זי אַליין, צעשע, איז שוין נישטאָ דערביי און נישט יענע מיידלשע יאָרן, און זי מוז שוין אַזוי דאָ בלייבן מיט די ווייבער, וואָס זיצן אויף דער פּליו־שענער באַנק ביי דער וואַנט, ווי אַ מאָל די ייִדענעס אין קלעשטשיוו, אויף די פריזבעס פאַר די שטיבער אין דרויסן.

די ווייבער, צוקוקנדיק זיך צום משונהדיקן טאַנץ, האָבן פון מאָל צו מאָל אַריינגעוואָרפן אַ שטאָכוואָרט, אַ חוזקל, אַן אָפּלאַכעניש, וואָס איז געקומען אפשר פון קנאה, פון פאַרדרוס, פון אומצופרידנקייט און נישט־פאַרגינעריש־קייט, פאַר נישט קענען זיך אויך אַליין אַריינוואַרפן אין דער תאווה און גלוסטעניש פונעם טאַנץ, אין דער ברויזעניש, קאָכעניש און צוואַלוועניש.

— כ'זאָג אייך, ס'אַ משוגענע וועלט — האָט זיך איינע פון די ווייבער

מיט אַ פּנים ווי אַן אָפּגעבראָטענער עפּל, אָנגערופֿן צו אירס אַ שכנה.

— מ'האָט לייכטע קעפּ, מאַדאַם גוטשעלע — האָט יענע אָפּגעענטפֿערט, צושאָקלענדיק מיט איר מאַטשיקן גוידערל.

— מען ווייסט שוין גאָרנישט אויף וואָס מען גייט — האָט אַ דריטע געמאַכט אַ גרימאַסע און אַ סיגעלע מיט אירע דינע ליפּעלעך — זעטס נאָר דאָרטן די־אַ מוידטשיסקאַ, ווי זי האָט זיך דאָס צעהאָפּסלט. זי פּאַרלירט דאָך אַלץ פֿון איר קלייד אַרויס, דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אירס, אַזוי צעהאָצקעט האָט זי זיך!...

— און זעט נאָר, מאַדאַם ציפּעלע — האָט איינע זיך אָנגערופֿן צו צעשען אויפֿן היימישן שטייגער — ביי אייער סילווי קריכט דאָך דאָס גאַנצע לייב אַרויס. די מאַנצבילן האַלטן דאָך אין איין קוקן צו איר...

— זאָלן זיי קוקן און דריקן...

— זאָלן זיי די אייגעלעך אַרויס...

— זעטס נאָר די היינטיקע טענצערס, מישטיינס געזאָגט. קוקטס זיי נאָר אָן. ס'כאַפּט דאָך פּשוט אָן אַ שרעק צו קוקן אויף זיי. בלויז פֿאַרקרימע־נישן, פֿאַרזעענישן און מאַזשגאַרן. נאָך אַ נס וואָס עס איז נישטאָ צווישן אונדז קיין שוואַנגערדיקע... לאָמע שוין בעסער נישט קוקן...

און פֿאַר די אויגן פֿון די זיצנדיקע ווייבער האָט זיך אַלץ פֿאַרבייגע־טראָגן דער טוויסט, האָט אַלץ פֿאַרבייגעשווינדלט דאָס אויסטערלישע אָמ־פּערניש, דאָס ווילדע רייסעניש פֿון איינעם מיטן אַנדערן ווי פֿון רוחות, שדים און קליפּות. טייל מאָל האָט עס אויסגעזען ווי דער גאַנצער עולם וואָלט געוויאַסלעוועט. אַהין און אַהער. אָדער געלייגט קלאַפּטער אין וואַסער. און אָט האָט זיך געדאַכט ווי אַלע וואָלטן זיך געבאָקסעוועט, איינער מיטן צווייטן, אָדער ווי מען וואָלט געזעגנט האַלץ, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, אָן אויפֿהער אַזוי, מיט די הענט, מיט די עלנבויגנס. אָדער גאָר ווי מען וואָלט זיך געבאָדזשעט מיט הערנער, איינער מיטן אַנדערן, ווי צווי איינגעשפּאַרטע קאָזשיאָלס אויף אַ שמאָל בריקל. ס'האָט אויך טייל מאָל אויסגעזען ווי אָט־אָט וועט זיך דער גאַנצער זאַל אַריינלאָזן אין אַ שרעקלעכן געשלעג, מען וועט זיך אַנידערוואַליען אויף דרערד און מען וועט זיך קאַלערן, קייקלען און וואַלגערן. מען וועט זיך לייגן אויף די לאָפּאַטקעס און מען וועט זיך צוריק אויפֿהייבן קוים מיט צרות. מען וועט זיך אַריבערלייגן און זיך מאַכן משכבֿתאָס

און זיך אַריינפּיצקען וויפּל נאָר עס וועט אַריין, מען וועט זיך דורסן און זיך געבן שטאָרגעס, זבענקעס, כמאַליעס, פּעטש, ליאַפּעס, פליאַסקעס און באָכעס; מען וועט זיך קיילן, קנייפּן, שטשיפּען, דראַפּען און גראַטשען; מען וועט זיך רייסן פאַר די האָר, זיך פאַרפאָרן אין די ציין, מען וועט זיך כאַפּן פאַר די קעפּ, פאַר די שויבערס, קענדזשערס און קודלעס, מען וועט זיך אַריינקריכן אין די גרגרת מיט די פינגער און נעגל, אַזש בלוט וועט זיך גיסן און ס'וועט זיין ממש אַ שרעק און מורא צו קוקן! און אַ ליאַדע רגע וועלן זיך די ווענט אַ טרייסל טאָן, די קרישטאָלענע ליוסטרעס וועלן זיך ראַש צעוויגן און דער סופיט וועט אַראָפּפאַלן און אַלץ און אַלעמען צודעקן און אַלצדינג וועט זיך צעטראַסקען, צעשיטן, צעקרישלען און צעשטויבן — און ס'וועט זיין דער סוף פון דער וועלט...

כאָטש די טענץ האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אין סאַמע ברען, האָבן זיך שוין מענטשן געקליבן אַהיימצוגיין. מען האָט זיך איינציקווייז געלאָזט צו דער גאַרדעראָבע און מען האָט זיך אומגעקערט מיט פולע אָרעמס מלבושים. די ראַפּאָפּאָרטס זענען געווען פון די ערשטע וואָס האָבן געוואָלט אַהיימגיין פרי. זיי האָבן נאָך דאָס געדאַרפט טאָן צוליב אַ גאַנצן פלאַן, וואָס זיי האָבן געהאַט. ס'איז געווען פאַרגעזען, אַז די גאַנצע משפּחה מיט נאָך עטלעכע גאָר נאָענטע מענטשן, וועט נאָך דער פייערונג אַרויספאָרן קיין שאַנטיאי אין זייער ווילע; מען וועט דאָרטן בלייבן נעכטיקן און צומאָרגנס פאַרברענגען דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג. מען וועט ערשט פראַווען דעם יום־טוב אין אינטימקייט, אין אַן ענגן קרייז. צעשע וועט מאַכן אַ מיטאָג כיד המלך. זי האָט אַלעמען צוגעזאָגט קרעפּלעך מיט יויך, איר ספּעציאַליטעט, און געוויקלט קרויט מיט רייז און ראָזשינקעס, ווי מען פלעגט עסן אין קלעש־טשיוו שמחת־תורה און ס'איז גוט געווען, אַז קיין שונא זאָל נישט וויסן דעם טעם.

וויקטאָר איז געגאַנגען אין דער גאַרדעראָבע אָפּנעמען די מלבושים און צעשע האָט זיך געלאָזט גיין נאָך זעליקן. באַלד זענען זיי ביידע אַריינ־געקומען אין טאַנצזאַל, געאָרעמט ווי חתן־כלה נאָך דער חופּה. זעליק אָבער האָט שוין גאָרנישט געהאַט אַזאַ חתנדיקן אויסזען. עפּעס איז ער געווען געל און גרין, די אויגן זענען ביי אים געווען אונטערגעשלאָגן. ער איז געווען

באַשאָטן מיט קאָנפעטי. דער שפּאָגל־נײַער סמאָקינג זײַנער האָט אויסגעזען ווי באַשנייט. זעליק האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ פּאַרווײלונגס־הוט פון קאַרטאָן, אַזאַ ווי עס האָט געטראָגן נאַפּאָלעאָן, ווי מען זעט אים אויף די בילדער, ווו ער שטייט אין אַ העלדישער זיגערישער פּאָזע, בעת ער האַלט דאָס רעכטע הענטל אַרײַנגערוקט אינעם פאָדערטייל פון זײַן אימפּעראַטאָרישן סורדוט אויבן ביים בוזעם, טראָגנדיק ווייסע געפּאַסטע מייטקעס. אויף דער פייערונג לכבוד זעליקן זענען געווען פאַרשידענע אַזעלכע קאַרטאָנענע היט אויף צום פאַרווײלן זיך און זיך מאַכן נאַריש: מיליטערישע היטלען פון פאַרשידענע מינים, די קײַלעכיקע פעסעלעך פון דער פּאָליס, פייערלעשערקאַסקעס, פּלאַטשיקע מאַטראָסן־היטעלעך, ברייט־ראַנדיקע קאָובאָי־היט, קלאָונישע מיצלעך, צילינדערס, מעלאָניקעס, האַרטע בעכערס. זעליקן איז גראָד געפעלן געוואָרן נאַפּאָלעאָנס הוט, דער דריי־שפּיציקער, מיט די צוויי עקן ביי די זייטן, אין דער פאָרעם פון אַ קרעפּל. און אַזוי, טראָגנדיק אים אויפן קאָפּ, איז זעליק אַרײַנגעקומען אין טאַנצזאַל מיט צעשען. זײַן לציש אויסזען האָט אָבער איצטער גאָרנישט געפּאַסט צו זײַן נישט־איבעריק גוטן פילן זיך. נאָך ביים טיש, פאַרן אַרויסגיין פון עסזאַל, האָבן אים אָנגעכאַפּט זײַנע מיחושן, עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, עס האָט אים געאיבלט אונטערן לעפעלע, די קני זענען אים געווען ווי אונטערגעבראָכן. ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט זאָגן צעשען און אויך נישט וויקטאָרן בכדי זיי זאָלן נישט האָבן קיין עגמת־נפש און עס זאָל ביי זיי נישט פאַרשטערט ווערן די פרייד פונעם יום־טוב. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, אײַנגעהאַלטן זיך מיט אַלע כוחות, נישט אַרויסצווײַזן, אַז ער פילט זיך נישט גוט. אין אַ זייט, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָט ער אײַנגעשלונגען אַ פּילעכל, וואָס ער טראָגט ביי זיך שטענדיק, מיט דער האָפענונג אַז עס וועט אים באַלד איבערגיין, אַז עס וועט אים בעסער ווערן, און געזאָגט האָט ער צו זיך אין געדאַנק: „זעליק, האַלט זיך, נעם זיך אין די הענט אַרײַן". דערביי האָט ער אויסגעדרייט דעם נאַפּאָלעאָנישן הוט אויף זײַן קאָפּ מיט אַ שפּיץ פון פאָרנט, אַראָפּגערוקט אים טיף איבער די אויגן בכדי מען זאָל נישט אָנזען זײַן פּנים, מען זאָל נישט זען וואָס פאַר אַ צורה ער האָט...

מען האָט געוואַרט אויף די מלבושים מיט אומגעדולד. יעדע רגע איז

שוין געווען איבעריק. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך פאַרעקשנטע איזאָלירטע טענצער־פאָרלעך געדרייט און געגליטשט איבערן פאַרקעט, אָבער אַלע אַנדערע זענען שוין געווען טויט־מיד, אָוועקגעפאַלן ווי געהרגעט. אָבער די מוזיק האָט זיך מיט זיי נישט גערעכנט און נאָך אַלץ געקנאַקט ווי פאַר אַ גאַנצן זאַל טאַנצנדיקע. אַלץ איז שוין געווען מיד און געגאַרט אויסצורוען זיך. די פאַרקויפערינס ביים בופעט זענען געזעסן ווי פאַרשלאָפן. מען האָט שוין גאָרנישט געלייזט. די פאַרבליבענע, נישט־אויפגעגעסענע מאכלים זענען שוין, האָט זיך געדאַכט, אויך געווען מיד, זיי האָבן שוין אויסגעזען אַלע ווי איבערגעשטאַנען. ביים בופעט האָט מען שוין נישט געגעסן, סיידן אַז עמעצער האָט פאַר לאַנגווייליקייט עפּעס געדזשאַמדזשעט. עפּעס אַ פאַר־בלאָנדזשעטע פליג, נישט צו וויסן פון וואַנען זי האָט זיך דאָ גענומען, האָט אַרומגעפּאַדעט איבער די עסנעס פון בופעט, איבערהויפּט אויף די איבער־געבליבענע שטיקלעך קעזקוכן און שטרודל, אַרומגעפלויגן פון איין שטיקל צום אַנדערן, דאָ געגעבן אַ שמעק, דאָ אַ לעק, זיך אָפּגעטראָגן און ווידער צוריקגעקומען צו פליִען, אַרומגעקרייזט, געמאַכט הקפות, און די פאַרקוי־פערינס האָבן אַפילו נישט געהאַט דעם קוראַזש זי אָוועקצויאָגן. צווישן די רעשטלעך צוקער־געבעקס איז אין אַ פּולמיסעק געזונקען אַן איינציק־איבערגעבליבענער געפילטער קאָפּ פון אַ קאַרפּ אין אַ קאַלוזשע פּישיויך. ער איז געלעגן אַ פאַרלאָזטער, אַ פאַרשעמטער, ווי אַ יורד, און ווי אַ פּריטשמיעלעטער פון דער מוזיק און פונעם געטומל האָט ער געשיקלט זייטיק און ווי מיט אַ סקעפּטיש, הבל־הבלימדיק אויג געקוקט אויפן גאַנצן טאַראַראַם.

וויקטאָר איז אָנגעקומען פון דער גאַרדעראָבע מיט אַ באַרג מלבושים, פון וועלכן מען האָט אים קוים אַרויסגעזען. ער האָט יעדן איינגעטיילט וואָס יענעם איז געקומען און וואָס יעדער האָט דערקענט אַלס דאָס זייניקע. און אַזוי, מיט די מלבושים אויף די אָרעמס, אָנגעהאָנגען אויף זיך, אָדער כאַפּנ־דיק זיי אויף זיך, האָט מען זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. זעליק, נאָך אַלץ מיטן משונהדיקן נאַפּאָלעאָנישן הוט איבערן פּנים, מיטן מאַנטל פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען, האָט איצטער אויסגעזען ווי אַ גייענדיקע סטראַשידלע פאַר פייגל.

די ראַפּאָפּאָרטס מיט זייערע מקורבים האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. פאַרן

אַרויסגיין אין דרויסן האָט צעשע אָפּגעטרייסלט פון זעליקן די שטיקלעך קאָנפעטי און אַרומגעוויקלט אים דעם האַלדז מיט אַ שאַליקל, אַז ער זאָל נישט כאַפּן קיין פאַרקילעכץ. נאָך דאָס האָט אים געפעלט. אין דרויסן האָט אַ פריש און שניידנדיק ווינטעלע געלעקט דעם שוויס פון די פאַרשוויצטע פּנימער. פון אַלעמענס גופים האָבן זיך אויסגעוועפּט און אויסגעלופטערט די פאַרשידענע שטיקנדיקע ריחות, מיט וועלכע מען האָט זיך אָנגענומען אין די אָנגעהיצטע זאַלן. מען האָט זיך געלאָזט גיין צום נאָענטן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. אויף דער רי דע ריוואָלי, פון איין זייט, לענגאויס די אַרקאַדן, און פון דער צווייטער זייט, לענגאויס דעם טיולערי־גאָרטן, האָבן זיך געצויגן די געדיכטע רייען לאָמפּן ווי לאַנגע קאָסטבאַרע שימערירנדיקע שנורן פּערל, און זענען זיך צונויפגעגאַנגען אין דער פּערספּעקטיוו אין אַ שפּיץ, וואָס האָט זיך אָוועקגעטראָגן ווי אַ געשליידערטע גאָלדענע פייל. דאָס רעגנדל האָט אויפגעהערט, אָבער דער אַספאַלט פונעם ברוק און פון די טראָטואַרן איז אַלץ געווען נאַס, קויטיק־שפּיגלדיק און אומהיימלעך־שפּיגלדיק, און די רויט־גרין־געל־בלאָע נעאָן־ליכטער זענען געווען אין זיי, אונטן, צעשוווי־מען און צעכליאַפּעט און נאָך צעטראָטן און צעדעפּטשעט פון די גייער און אין קאָליר האָט זיך עזותדיק אַריינגעריסן אין דער אַנדערער און זיך קעגנ־זייטיק אָפּגעשפּריצט און עס האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבן־הענדלער וואָלט אויף זיין טונקעלן פאַרטעך — אויפן שוואַרצן פאָן פון דער נאַכט — צע־שמירט און צעפּאַטשקעט אויף אַ גראָבן אופן אַלע מוסטערן פון זיין סחורה...

וויקטאָר, זעליקס צוויי איידעמס און פּנחס זענען געגאַנגען זוכן זייערע אויטאָס, וואָס זענען געשטאַנען ערגעץ וויט אָוועק אין אַ זייטיקער גאַס. עס זענען געווען פיר אויטאָס און פּאַסאַזשירן זענען געווען פופצן. די והותר. זיי וועלן זיך אַלע פּאַמיעשטשען, אין לויטן חשבון וועט נאָך אַפילו זיין אַן איבעריק ליידיק פּלאַץ. עס איז געוואָרן אָפּגעמאַכט, אַז אַלע וואַרטן אויפן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד ביים אָבעליסק, ווו די אויטאָס וועלן צופאָרן זיי נעמען. ערשט אויפן פּלאַץ האָט צעשע באַמערקט אַז זעליק טראָגט נאָך אַלץ דעם ליצנישן נאַפּאָלעאָנישן הוט און זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך מער נישט צו נאַר מאַכן און אים אויסטאָן. די מיחושן זיינע האָבן שוין זעליקן איצטער נישט געמאַטערט, ער האָט זיך געפילט בעסער און זיך מער נישט געדאַרפט פאַרשטעלן דאָס פּנים. פון דעסטוועגן האָט זיך אים

עפּעס נישט געגלוסט אויסטאָן דעם הוט, אַזש צעשע האָט זיך געדאַרפט אויפרעגן און זיך אָנבייזערן אויף אים דערפאַר, און דאָס נאָך גלייך נאָך זייער יום־טוב:

— זאָלסט מיר שוין אויסטועז דעם שיינעם יאַנקעליוש, דו הערסט? זעסט דאָך אויס ווי אַ וואַרער פורים־שפּילער. וואָלסט זיך געמעגט, כ'לעבן, איינקוקן אין אַ שפּיגל, וואָלסטו געזען ווי שיין דו זעסט אויס — האָט זי אים געמאַכט פאָרווורפן.

זעענדיק אָבער, אַז זעליק וויל זיך נישט צעשיידן מיטן וואַזשנעם חפץ, מיטן שטיקל צונויפגעקלעפּטן קאַרטאָן, האָט זי אים דעם הוט אַראָפּגעריסן פון קאָפּ און אים אַנידערגעוואָרפן אויף דרערד. זעליקן האָט עס אונטער־געטראָגן און ער האָט אים אויפגעהויבן אַ נאַסן, אָבער אים פון דעסטוועגן נישט אָנגעטאָן צוריק, נאָר געהאַלטן אים אין דער האַנט און דערביי גע־שוויגן אַ פאַרביסענער. צעשע, זעענדיק דאָס, האָט זי זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ ווייכערן טאָן:

— וואָס מיינסטו, ביסט נאָך אַ יינגל וואָס דו מאַכסט זיך אַזוי נאַריש? פאַרגעס נישט, זעליקל, אַז דו ביסט היינט אין אָוונט אַרויס פון האָטעל קאָנטינענטאַל אַ זיבעציקער.

זי האָט סוף כל סוף איינגעזען, אַז מען דאַרף נישט מאַכן קיין רוגז צוליב אַ נאַרישקייט, אים יאַדען פאַר גאָרנישט, בפרט נאָך אַז מען טאָר אים נישט דערצערנען און מען דאַרף אים ווי ווייט מעגלעך געניגן טאָן.

אויך זעליק איז ווייכער געוואָרן, ער האָט איינגעפונען, אַז ס'איז טאַקע איצטער נישט דער מאָמענט צו קריגן זיך, בפרט נאָך דאָ, אויפן שיינעם פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד און צווישן לייטן. האָט ער אָנגעטאָן דעם אמתן קאַפּעליוש זיינעם און אָנווייזנדיק צעשען אויפן אימיטירטן נאַפּאָלעאָנישן הוט אין זיין האַנט, האָט ער געזאָגט צו איר:

— איך וויל אים באַהאַלטן פאַר אַן עוויגן אָנדענקינג...

— נו, גוט — האָט צעשע געזאָגט, נעמענדיק דעם קאַרטאָנענעם הוט פון זיין האַנט — איך וועל אים שוין גוט באַהאַלטן, זאָרג דיך נישט. וועסט זען, זעליקל, וועסט נאָך דערלעבן צו טראָגן אים אויך אויף דיין אַכציק־יאָריקן אַניווערסער. זאָלסט אים מיר נאָר פאַזשיצן געזונטערהייט און זיך פרייען און זיך נאַריש מאַכן מיט אים אויף שמחות...

— אָמן — האָט זעליק צוגעבאָמקעט אין לייכטן געמיט...
מיט דעם האָט זיך דאָס קליינע נאַרישע רוגזל געענדיקט.

די גרופּע קלעשטשיווער האָבן אַרומשפּאַצירט געלאָסן אויפן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, וואַרטנדיק אויף די אויטאָס, דאָ לעבן דעם אָבעליסק און דאָ לעבן דעם פאָנטאַן, וואָס ביידע האָבן זיך געפונען נישט ווייט איינער פון אַנדערן. דער הויכער שטאָלטנער אָבעליסק, אַ ספּעציעל־באַלויכטענער, מיט אויסגעקריצטע עגיפּטישע היראָגליפן, האָט געשטאַרצט אַרויף אויבן ווי אַ ווייזפינגער פון עפּעס אַ לעגענדאַרער ריזן־געשטאַלט, וואָס דערציילט וועגן דעם גאָר ווייטן עבר, וועגן די טויזנטער יאָרן, וואָס ער, דער אָבעליסק, איז שוין אַלט און וועגן דער געשיכטע זיינער, לויט וועלכער עגיפּטן האָט אים געשענקט אַ מתנה פאַר לואי־פיליפּ דעם ערשטן, קעניג פון פראַנקרייך, מיט בערך אַ הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק.

דער פאָנטאַן דערנעבן איז איצטער געווען שטיל און וואַכעדיק, נישט ווי זומערצייט, ווען ער איז באַלויכטן און גיסט מיט וואַסער פון אַלע זייטן. אין דער טיף איז געשטאַנען די סטאַטוע פון נעפּטון, דער גאָט פון די וואַסערן, מיט זיינע נאַקעטע טעכטערלעך און האָבן געכאַפּט אַ ציטער פאַר קעלט. פון די אָפענע פּיסקעס פון די פיש, וואָס עס האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט די סירענעס, האָט איצטער נישט אַרויפגעשפּריצט קיין וואַסער. עס האָט זיך געדאַכט, ווי מיט זייערע אָפענע מיילער וואָלטן די פיש געזוכט אויבן אַ שטערן איינצושלינגען, אָבער קיין שטערן איז נישט געווען בנמצא אין דעם שווערן פינצטערן הימל, אָנגעשוואָלן פון טריבע וואָלקנס, פון וועלכע עס האָט גענידערט אַ פייכטער נעפּל, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. די שיינע פייערלעכע קאַנדעלאַברעס, צעשטעלטע אויפן רחבותדיקן פּלאַץ, האָבן זיך געשטיקט אין אים. זיי האָבן אויסגעזען ווי בלישטשענדיקע שטענג־גלעך טרויבן, באַדעקט מיט אַ פרעסטלדיקן טוי. זייער געשימער האָט איצטער אויסגעזען צעשוווּמען און מוטנע.

די גרופּע יידן האָבן זיך געפילט ווי פאַרלוירן אויפן וועלט־באַרימטן פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. זיי האָבן זיך דאָ, ביי דער שיין פון די קאַנדעלאַברעס, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן צוזאַמען מיט זייערע שאָטנס, ווי זיי וואָלטן אין אַ דעם שבת צו נאַכטס מחדש געווען די לבנה אויפן קלעשטשיווער

מאַרקפּלאַץ, און הינטער זיי, אויפן פאָן פונעם נאַכטיקן הימל, האָבן זיך קוים געצייכנט די טונקעלע ליניעס פונעם אייפל־טורעם, ווי אַ ריזיקע בשׂמים־ביקס...

דער ערשטער מיט זיין אויטאָ איז צוגעפאָרן האַרט ביים טראָטואַר וויקטאָר. ווי נאָר ער איז אַרויס דורכן אויפגעמאַכטן טירל, האָט זיך זעליק אָפּגעריסן פון דער גאַנצער גרופּע און זיך דערנענטערט צו אים. ער האָט גלייך געזאָגט צו זיין זון:

— וויקטאָר, איצטער, קיין שאַנטיאַי, וועל איך פירן דעם וואָגן. וועסט מיר נישט אָפּזאָגן דאָס פאַרגעניגן.

— צו וואָס טויג עס דיר, פּאַפּאַ? — האָט וויקטאָר פּרובירט אָפּוועגדן דעם טאַטן פון זיין חשק צו פירן דעם אויטאָ.

— עס טויג מיר שוין איין מאָל — האָט זעליק אויסגערופן — איר אַלע זענט דאָך שיכור ווי לוט און נאָר איך בין דאָ דער איינציקער ניכטערער מענטש צווישן אייך. דו האָסט דאָך מיך געהאַלטן אין איין פּאָיען מיט ווישי־וואַסער, מיט עוויאַן און וויטעל...

— יאָ, טאַטע, דו ווייסט דאָך אָבער אַז דו ביסט אַ ביסל נישט מיט אַלעמען — האָט וויקטאָר זיך באַמיט לייכט איינצונעמען זיין פאָטער.

— נו, איז וואָס? מען פירט נישט קיין אויטאָ מיט דער לעבער, נאָר מיט די הענט — האָט זיך זעליק נישט געלאָזט.

דער ווערטער־אויסטויש צווישן פאָטער און זון האָט אָנגעהויבן צו ווערן היציקער — כאָטש וויקטאָר האָט זיך באַמיט צו זיין איינגעהאַלטן — מען האָט עס דערקענט לויט זייערע פּנימער. ווער עס האָט זיך דערנענטערט צו זיי, יענעם האָט זעליק מיט אַ געמאַכטער לייכטקייט געבעטן, כלומרשט אין שפּאַס: „האָט נישט פאַראיבל, מיר האָבן גרויסע סודות צווישן זיך. מיר מאַכן דאָ ביידע פּלענער ווי אַזוי אָפּצוקויפן דעם אייפל־טורעם... איין רגעלע, אַנטשולדיקט"... אַפילו צו צעשען, ווען זי איז צוגעקומען, האָט וויק־טאָר געזאָגט מיט אַ שמייכעלע: „מאַמע, איין ווײַלע, איך האָב עפּעס מיטן טאַטן אַ סוד איבערצורעדן, ס'איז בלויז פאַר מאַנספּאַרשוינען"... „שיין זעט מען שוין אויס, האָט צעשע געזאָגט, אויך אין לייכטן טאָן, מען האָט שוין סודות אויך פאַר אַ מאַמען און פאַר אַן אייגן ווייב"... — און זי האָט געלאָזט דעם זון און דעם מאַן אַליין.

וויקטאָר האָט געוווּסט אַז דער טאַטע האָט נישט ליב, אַז די מאַמע מישט זיך אַריין אין זיינע אויטאָ־ענינים. אָפּט האָט געטראָפן, אַז ער האָט זייער נישט פאַרטראָגן ווען זיצנדיק לעבן אים ביים רעדל, האָט זי קאָמאַנדעוועט מיט אים: „דאָ נעם רעכטס, דאָ נעם לינקס"...

איצטער, ווען טאַטע און זון זענען ווידער געווען נישט געשטערט פון קיינעם, האָבן זיי אָנגעהויבן אויף דאָס ניי אַריינצורעדן אין זיך און זיך צו אַמפּערן בנוגע זעליקס חשק צו פירן דעם אויטאָ. וויקטאָר האָט געזאָגט:

— טאַטע, נאָכן היינטיקן אָוונט וואָלסטו אפשר, מיין איך, געדאַרפט זיך אָפּהאַלטן פון פירן דעם אויטאָ. האָסט געהאַט עמאָציעס...

— עמאָציעס־שמאָציעס... איך בין נישט קיין צעדרייטער... — האָט זעליק דערוווּדערט זיין זון — ס'וועט זיך טאָן חושך, וויקטאָר, אַז דו וועסט מיר נישט נאָכגעבן... אין אייערע אויגן בין איך דאָך שוין מסתמא אַן אַלטע צעבראָכענע כלי, אַן אויסגעריבענער וויעכעטש צום אַרויסוואַרפן, האַ... קען זיין, אַז איך בין שוין טאַקע צו גאָרנישט, לויט אייך, אָבער איינס קען איך דיר זאָגן, וויקטאָר, אַז ווען איך זיץ אין אויטאָ און האַלט דאָס רעדל אין האַנט — לעב איך... איך בין דעמאָלט גאָר אַן אַנדערער מענטש...

— דו לעבסט אַזוי אויך, טאַטע... — האָט וויקטאָר פּרובירט עפּעס זאָגן לשם זאָגן.

— איך לעב... — האָט זעליק אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — ס'איז יענץ לעבן... וויקטאָר, הער זיך איין. אויב וועט איר זיך מיט מיר אַזוי פירן — „טו נישט דאָס, טו נישט יענץ" — וועל איך דאָך נאָך טאַקע קענען מיינען אויפן רעכטן אמת, אַז איך בין אַ געפּערלעכער קראַנקער און אַז איר ווייסט עפּעס וועגן מיר, נאָר איר באַהאַלט עס אויס פאַר מיר...

דער לעצטער אַרגומענט פון זעליקן האָט אויף וויקטאָרן געווירקט. „זאָל ער פירן דעם אויטאָ, האָט ער זיך איבערגעלייגט, וואָס אייגנטלעך קען אים שוין פאַרשאַטן דאָס פירן? וואָס אייגנטלעך קען דאָס אים שוין מאַכן ערגער?"

— נו, גוט, טאַטע. בכדי צו ווייזן דיר, אַז דו ביסט נישט גערעכט מיט דיין אַריינטראַכטן אַזוי וועגן זיך, קען איך באַשטיין, אַז דו זאָלסט פירן דעם אויטאָ — האָט וויקטאָר געזאָגט — וועסט פירן אַ ביסל, בלויז ביז אויסער דער שטאָט און דערנאָך וועלן מיר זיך בייטן...

בינו־לבינו זענען צוגעפֿאָרן די אַנדערע דריי אויטאָס און אַלע אויפֿן פּלאַץ האָבן זיך געלאָזט צו זיי. וויקטאָר האָט אָנגעפֿירט מיטן באַזעצן די פּאַסאַזשירן. ווער מיט וועמען, ווער אין וועלכן אויטאָ. דאָס לייִדיקע איבער־ריקע פּלאַץ וועט זײַן לעבן טאַטן. זאָל קיינער נישט זײַן לעבן אים און אים נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ. די אַנדערע צוויי פּאַסאַזשירן פֿון הינטערשטן געזעס וועלן זײַן די פּייסעכאָוויטשעס. ער, יאַשקע פּייסעכאָוויטש, איז באַקאַנט פֿאַר אַ גרויסן שווייגער און מרוק, וועט ער דעם טאַטן לאָזן צו רו. ער וועט זיך אַרײַנזעצן אין אויטאָ וועט ער גלייך אײַנשלאָפֿן, ווײַל אַחוץ דעם וואָס יאַשקע איז אַ גרויסער שווייגער, האָט ער נאָך אויך אַ טבע, אַז ער שלאָפֿט כמעט שטענדיק און ווו נאָר עס לאָזט זיך. ער איז אויף אַ זיצונג און ער שלאָפֿט. ער נעמט אַ וואָרט און ער שלאָפֿט, ער רייכערט אַ ציגאַרעט און ער שלאָפֿט. שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, אַז ווען ער ליגט בײַנאַכט אין בעט שלאָפֿט ער אויך...

ווען צעשע האָט געזען, אַז זעליק גרייט זיך אַרײַנזעצן פֿאָרנט אין אויטאָ און אַז די פּייסעכאָוויטשעס פֿירט וויקטאָר אַרײַן צו אים, איז עס איר נישט געווען אַזוי צום האַרצן, אָבער וויקטאָר איז איר ווי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, זאָגנדיק צו איר:

— קום, מאַמע, מיט מיר אין אַן אַנדערן אויטאָ. דער טאַטע וועט פֿירן אַ ביסל דעם וואָגן. לאָמיר אים לאָזן בלויז מיט די פּייסעכאָוויטשעס. יאַשקע איז דאָך אַ פּעפּער, ווייסטו דאָך, וועט ער דעם טאַטן נישט פֿאַרקלאָפּן דעם קאָפּ.

— וואָס קלערסטו, וויקטאָר, דער טאַטע דאַרף בכלל נייטיק דאָס פֿירן דעם אויטאָ, ער האָט נישט וואָס צו טאָן — האָט צעשע געזאָגט בלשון סגי־נהור — ער וואָלט טאַקע נישט געקענט אויסקומען אָן דעם...

— בלויז אַ ביסל אין פּאַריז, ביז צו אַ פּאָרט, מאַמע. דאָס פֿאָרן קען אים נישט שאַטן — האָט וויקטאָר צוגעגעבן מיט אַ טאָן פֿון דאָקטערישער אויטאָריטעט.

אַלע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין די אויטאָס. זעליק האָט זיך אָוועקגעזעצט בײַם רודער ווי צו אַ הייליקער עבֿודה. ער האָט זיך געפֿעדערט צום פֿאָרן, געמאַכט הכנות, ער האָט אָנגעטאָן די זאַמשענע הענטשקעס, וואָס ער טראָגט זיי ספּעציעל בײַם האַלטן דאָס רעדל, ער האָט געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר און דער אויטאָ האָט גערירט פֿון אָרט. היות זעליק האָט

אַמבעסטן געקענט דעם וועג קיין שאַנטיאַי איז ער געפֿאָרן דער ערשטער און אַלע האָבן געצויגן נאָך אים, נישט אַרויסגעלאָזט זיין אויטאָ פֿון אויג. גלייך ווי מען האָט גענומען פֿאָרן האָט יאַשקע אָנגעהויבן צו כראָפּען, וואָס דאָס האָט אַ ביסל זעליקן דענערווירט. אָבער דאָס ווייב האָט יאַשקען כסדר געשטורכעט אין אַ זייט, ווי זי טוט דאָס געוויינלעך אין בעט ליגנדיק, ביינאַכט, און דאָס כראָפּען האָט זיך איינגעשטילט אויף אַ ווײַלע און באַלד צוריק זיך אָנגעהויבן און ווידער זיך אָפּגעשטעלט, מאַכנדיק אַ קליינע הפסקה. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן כסדר.

פֿאַרלאָזנדיק דעם פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, האָט דער קליינער קאַראַוואַן פֿון די פֿיר אויטאָס מיט דער פּריילעכער כאַליאַסטרע געצויגן דורך די פּייכטע נאַכטיקע פּאַריזער גאַסן, פֿאַרנעמענדיק זיך צו צפֿון פֿון דער שטאָט. אויפֿן וועג האָט דאָס דינע שאַרפֿע רעגנדל צוריק אָנגעהויבן צו שפּריצן, ווי ס'וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט, זיך דערמאָנט פּלוצים, אַז ס'איז שוין לאַנג שטיל געווען. אַרויסקוקנדיק דורך די פֿאַררעגנטע שויבן, איז געווען קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן, אָבער אינעווייניק, אין די אויטאָס, איז מען געווען באַשיצט, ס'איז געווען אָנגענעם און גוט. זעליק האָט געלאָזט אין גאַנג די צוויי אויטאָ־מאַטישע שויבן־ווישערס פֿון פֿאָרנט, וואָס האָבן גענומען אַרבעטן מעשׂים, זיך געבויגן אַהין און אַהער, איינער צום צווייטן, זיך געשפּילט אין יאָגעלעך, נאָכגעלאָפֿן איינער דעם צווייטן ווי דולע, זיך געוואָלט דעריאָגן און אָנכאַפּן איינס דאָס אַנדערע און בשום־אופֿן נישט געקענט. און אַזוי יאָגנדיק זיך אָן אויפֿהער אַהין און אַהער, האָבן זיי אויסגעגעסן אַ שטיק פֿון דער פֿאָרנטיקער שויב, אַ האַלבקיילעך פֿון דער פּייכטער רעגנדיקער פֿאַרהויכטקייט. זעליק איז כסדר געפֿאָרן, געזעסן באַקוועם און צופֿרידן ביים רודער, געהאַלטן אַ גליקלעכער דאָס רעדל, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט ער געהאַלטן אין זיינע הענט. ער האָט פֿאַרצויגן עפּעס אַ ימים־נוראימדיק ניגונדל, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון מויל, אַזאַ וואָס ער ברומט אונטער אַלע מאָל ווען ער זיצט ביים רודער, זאָגנדיק אַז דאָס איז אַ סגולה צום גוטן פֿאָרן.

צוקומענדיק צו פּאָרט דע לאַ שאַפּעל, האָט זעליק גיך אַדורכגעפּאַטשט מיטן אויטאָ, נישט וועלנדיק זיך אָפּשטעלן, בכדי וויקטאָר זאָל אים נישט דאַרפֿן פֿאַרבייטן ביים רודער, כאָטש אָפּגערעדט איז געוואָרן אַז בלויז ביז

אויסער פּאַריז וועט זעליק פירן דעם וואָגן. ערשט אָפּפאָרנדיק נאָך עטלעכע קילאָמעטער האָט זיך זעליק אַליין אָפּגעשטעלט, אָבער נישט צוליבן האַלטן וואָרט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין מאָטאָר טאָגט שוין, עס פעלט אים שוין אויס בענזין, דער דעך גייט אים אויס, און ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער ערשטער־בעסטער בענזין־סטאַציע וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין וועג, און אַלע אַנדערע דריי אויטאָס האָבן זיך שוין בינו־לבינו אויך געמוזט אָפּשטעלן הינטער זעליקס אויטאָ און וואַרטן.

פונעם דערבייִיקן באַלויכטענעם ביוראָ־ביידל איז גלייך אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי, אַ פאַרבאַבלטע אין אַ פּעלצל, מיט אַ ציגאַרעטל אין מויל און מיט רויטע באַקן, צעשמיסענע פון ווינט, פון זיין, זעט אויס, מער אין דרויסן ווי צווישן פיר ווענט. גאָרנישט פרעגנדיק וואָס מען וויל, האָט זי מעכאַניש אַראָפּגענומען פון דעם בענזין־ציילער דעם קראַן און זיך גענומען פאָרען ביים הינטערשטן טייל פון אויטאָ, אַריינגעשטעקט אין אים די גומענע קישקע, ווי זי וואָלט אים פון הינטן אַריינגעזעצט אַ קאַנע. וויקטאָר איז דערוויל אַרויס פון זיין אויטאָ און איינגעטענהט מיטן טאַטן, אַז עס וועט שוין זיין פאַר אים גענוג געפאָרן און אַז די מאַמע מיינט אויך אַזוי, אָבער זעליק האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען, זאָגנדיק אַז עס פאָרט זיך אים אַ מחיה. „זעסט נישט ווי ס׳איז רויִק ביי מיר אין אויטאָ, וויק־טאָר ? — האָט ער געזאָגט — יאַשקע שלאָפט דאָך ווי געהרגעט. וועסט זען, אַז ערשט מאָרגן צו די קרעפּלעך וועט ער זיך אויפכאַפּן״. וויקטאָר האָט איינגעזען, אַז זיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן, ער וועט גאָרנישט אויפטאָן מיטן טאַטן, ער איז אַן עקשן. ער וועט נישט אַרויסלאָזן דאָס רעדל פון האַנט און ער, וויקטאָר, האָט רעזיגנירט פון צושטיין צו אים און פּרובירן איינברעכן זיין עקשנות.

די פרוי פון דער בענזין־סטאַציע האָט געהאַט פאַרענדיקט דאָס אָנ־פּאָמפּען דעם בענזין אין אויטאָ. זי האָט נאָך דאָ און דאָרט געגעבן אַ וויש און אַ גלעט מיט אַ שמאַטע די פאָרנטיקע נאַסע שויב און די ווענטלעך פונעם אויטאָ. זעליק האָט באַצאָלט און נאָך ברייטלעך געגעבן אַ שיינעם „פּורבואַר״, צוריק אַריינגעזעצט זיך אין אויטאָ ביים רודער און ווידער געלאָזט גיין דעם מאָטאָר. אַלע פיר אויטאָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דער נאַכט אַריין. אַלץ ווייטער איז די שטאָט געבליבן הינטער זיי. דער וועג,

וואָס איז אַקעגנגעלאָפֿן, איז געוואָרן וואָס אַ מאָל פֿוסטער, טונקעלער, הינ־טערשטאַטיש. דער אויטאָ האָט אויפֿגעגעסן איין קילאָמעטער נאָכן אַנדערן. דאָס רעגנדל האָט אַלץ אָנגעהאַלטן. דאָס ימים־נוראָימדיקע ניגונדל צווישן זעליקס ציין האָט זיך ווידער געפּלאָנטערט און די צוויי אויטאָמאַטישע שויבן־ווישערס האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין שווינדלען פֿאַר זעליקס אויגן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, זיך געיאָגט איינער נאָכן צווייטן, ווי איינס דאָס אַנדערע וואָלט זיך געוואָלט אָנכאַפּן און זיך דורסן. די צוויי פּאָרנטיקע לאָמפּן פֿונעם אויטאָ האָבן אויסגעביסן אַ שטיק פֿון דער נאַכטיקער חשכות, אַזוי אַז זעליק האָט געזען פֿאַר זיך ווו ער האַלט אין דער וועלט. פֿון ביידע זייטן וועג זענען אים אַקעגנגעלאָפֿן שורות ביימער ווי צעטראָגענע, זיך געשליידערט פֿאָרויס ווי קריגס־מחנות אין אַטאַקע. זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויפֿוואָרפֿן אויף אים, זעליקן, און נישט קענענדיק דאָס באַווייזן, האָבן אַנדערע ביימער פֿון הינטן, וועלנדיק זיי אַרויסהעלפֿן, זיך געלאָזט נאָך זיי, אויספּרובירנדיק דאָס מזל און וועלנדיק מצליח זיין, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן די פֿריערדיקע שורות ביימער. אַזוי האָט אַ גאַנצע וועלט מיט ביימער זיך פֿאַרלייגט מיט עקשנות זיך אַרויפֿצוּוואָרפֿן אויף אים, זעליקן, און אים צעמאָרשטשען. פּלוצלינג האָט ער דערזען ווי נאָענט פֿאַר זיין אויטאָ, דורך דער ברייט פֿון שאָסיי, איז דעם וועג פֿאַרבייגעלאָפֿן, ממש פֿאַרביי־געפֿלויגן, אַ געלע אָפּגעצוואָגענע קאַץ, ווי אַ נישטגוטס, אַ רוח. „אַ קאַטאַ!" — האָט זעליק אויסגעשריגן צום דרויסן אַרויס — געזען אַ משולחת אין מיטן דער נאַכט, זיך געיאָוועט אַהער פֿון ערגעץ, ווער ווייסט ווו, נישט אַנדערש נאָר עפּעס אַ גילגול, האָט ער געטראַכט; נאָך אַ נס וואָס עס איז נישט געווען קיין שוואַרצע קאַץ...

אויטאָס אויפֿן וועג זענען כסדר פֿאַרביי זעליקן. אַזעלכע וואָס זענען אים אַקעגנגעפֿאָרן און אַזעלכע וואָס זענען געפֿאָרן אין דער זעלבער ריכטונג וואָס ער, פֿון הינטן, און האָבן אים איבערגעיאָגט. „זאָלן זיי יאָגן און פּגר־דזשען, משוגעים! — האָט ער געטראַכט — וואָס איז דאָס געאײַלעניש? ווו ברענט?" די הינטערשטע רויטע לאָמפּן פֿון די אויטאָס, וואָס האָבן אים איבערגעיאָגט, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם נאַסן אַספֿאַלט. זייער אָפּשיין, אַ צעפֿלאָסענע, האָט זיך ווי נאָכגעשלעפּט אויף דרערד און ווי צוויטיקע צעטעפּעטע טיכער אויסגעווישט די בלאָטע...

פאַר זעליקס אויטאָ, נישט האָבנדיק באַמערקט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָט אַ שווערער קאַמיאָן זיך גערוקט זייער פּאַמעלעך און אים געשטערט צו פאָרן. זעליקן איז שוין אַזש נמאס געוואָרן דאָס קריכעניש פונעם קאַמיאָן. ער האָט עטוואָס קוים אַרויסגערוקט אויף לינקס דעם קאָפּ, ווי אַ מויז פון מויזנלאָך, צו זען צי דער וועג איז פריי. ער האָט מיט פאָרזיכ־טיקייט פּרובירט אָפּווייכן אויף לינקס בכדי אויסצומיידן דעם לאַסטוואָגן, אָבער פּלוצלינג האָט אַ לאָמפּ פון אַ קעגנאיבער־אַנפאָרנדיקן אויטאָ מיט זיין בלענדנדיקער שיין אַ שיקל געטאָן צו אים אין פּנים אַריין און זעליק האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן אויף רעכטס. ער האָט שוין איצטער געמוזט האָבן געדולד און נאָכפאָרן דער גרויסער כּלי פּאַמעלעך. סוף כּל סוף איז דער שווערער קאַמיאָן פאַרשווונדן פון זיינע אויגן. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן, פאַרקערעווענדיק אויף אַ זייטיקן וועג און זעליק האָט געקענט לייכטער אָפּ־עטעמען.

איצטער איז שוין אַלץ געגאַנגען גלאַטיק און כשורה. פון צייט צו צייט האָט פון דער ווייטנס, אַקעגנאיבער זעליקן, אויפגעלויכטן אַ שיין, וואָס איז בהדרגהדיק גרעסער און ליכטיקער געוואָרן און פאַרכאַפּט אַ שטיק שטח. אַן אויטאָ, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון פּאַריז און איז פאַרביי מיט אַ גרויסער שנעלקייט, האָט, פאַרבייטראָגנדיק זיך, באַשפּריצט זעליקן מיט זיין בלענדנדיק ליכט. אָט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ ריזיקער קאַמיאָן, דאָס מאָל זעליקן אַנטקעגן, אַ גאַנצע געביידע ממש, און אַ בליץ געגעבן מיט זיינע וועלפישע אויגענעס. דער קאַמיאָן איז געווען שווער באַלאָדן מיט גרינצייג און האָט זיך מיט זיין משׂא געשלעפּט קיין פּאַריז. מסתמא פאָרט ער צו די האַלעס, האָט זיך זעליק געטראַכט. אַזוי־אַזוי, אין מיטן דער נאַכט דאַרף מען שוין צושטעלן דעם פרעס קיין פּאַריז... יאָ, מיט די האַלעס איז ער אויך געווען אַ מאָל אַ מחותן, דערמאָנט ער זיך, זעליק. ער געדענקט די באַרימטע געשמאַקע ציבעלע־זופּ, וואָס ער האָט דאָרט געגעסן פאַרטאָג, ווען מ׳האָט זיך דאָרט אַזוי געגעבן אַ כאַפּ אַראָפּ מיט חברה פּראַווען הוליאַנקעס. ס׳איז אַוודאי געווען מיט אַ גוטע דרייסיק יאָר צוריק. ער איז געווען געזונט־אייזן און ער האָט געקענט אויפעסן אַ פערד מיט די פּאָדקאָוועס... איצטער איז דאָס אַלץ שוין נישט חל אויף אים. די דאָקטוירים הייסן אים עסן וואָס ווינציקער... זאָל ער זיך פאָרן, דער קאַמיאָן, געזונטערהייט. ער, זעליק, האָט נישט קיין

גרויסע אויגן אויף אים. און צוריק געשמועסט, וואָס פּאַר אַ ראָלע שפּילט ער שוין, זעליק, אין אָט דעם וועלטעלע? און אַז ער וועט נישט עסן, וואָס וועט עס שוין אויסמאַכן? ווער מען וועט עס אַנגיין? די פּרעסאַרניע שטעלט זיך סיי ווי נישט אָפּ, די האָלעס וועט מען ווייטער אָנפּילן און די קישקע אָוודאי און אַוודאי. נישט בחינם האָט איינער אַ שרייבער, ער געדענקט שוין נישט געגנוי וועלכער, צי עמיל זאָלאַ, צי אַנאַטאָל פראַנס, פאַרגליכן די האָלעס צום בויך פון פאַריז... נישקשה פון אַ בייכעלע, האַ?... אים, זעליקן, אַרט עס נישט, סוף כל סוף, דער איבערגעלאָדענער קאַמיאָן מיט עסנוואַרג. פאַר זיינסטאַלבן זאָל מען פרעסן צעזעצטערהייט. ער, זעליק, פאַרגינט אַלעמען... פון דעסטוועגן איז אים עפּעס לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה ווען דער קאַמיאָן איז שוין געהאַט פאַרבייגעפאָרן און ער האָט אים, זעליקן, מער נישט אָפּגעדריקט די גאַל, און אַ צווייטער, אַ לוקסוסדיקער אויטאָ־מאָביל, האָט זיך לייכט אָנגערוקט אים אַנטקעגן און די שפּיגלדיקע צאַצקע האָט זיך געטיקט אין דער רעגנדיקער גליטשיקער פייכטקייט פונעם אַס־פאַלטירטן וועג. עס האָט זיך נאָך אונטערגערוקט אַקעגן זעליקס אויטאָ אַ סקוטער, וואָס האָט זיך פלינק אַריינגעשניטן צווישן זיין אויטאָ און דעם לוקסוס־אויטאָמאָביל. אויפן סקוטער זענען געזעסן אַ בחור מיט אַ מיידל. דעם בחורס אָפּגעוויקלטער שאַליק און דעם מיידלס לייכט קאַפּטיכל האָבן געפלאַטערט אין ווינט. ס'איז שיין געווען דאָס צו זען... די מויד, האָט זעליק באַמערקט, פאַרבייפאָרנדיק, האָט זיך צוגעהאַלטן אָן דעם בחור פון הינטן, בכדי זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן. ס'אי' גוט, ס'אי' גוט, האָט זיך זעליק געטראַכט, אי זי האַלט זיך אָן אינעם יונג און אי זי טוליעט זיך צו אים... גאַרנישט שלעכט אַזאַ פאַרעכץ... יונגוואַרג ווייסט פון אַ לעבן צו זאָגן, וואָדען... באַלד איז אונטערגעקומען אַ צווייטער סקוטער און איבערגעריסן זעליקס געדאַנקען. יענער איז אָנגעקומען אַ ביסל אומגעריכט און אַ ביסל צו גיך, גראָד דעמאָלט ווען זעליק איז געווען פאַרנומען מיט זיינע רעיונות וועגן דעם פּאָרל אויפן סקוטער און ווען פון די דריי הינטערשטע אויטאָס האָבן זיך אַרויסגעהערט די זאַרגלאָזע געלעכטערס און קוויטשערייען פון דער פריילעכער כאַליאַסטרע. ס'איז געווען אַ ביסל פאַר אַ נאָסן וועג־אויסבייג און זעליק האָט ראַפּטעם אָפּגעווייכט אויף רעכטס, וועלנדיק אַדורכלאָזן דעם צווייטן סקוטער. ס'פאָדערשטע רעכטע ראָד פון זיין אויטאָ האָט זיך אַ גליטש

געגעבן אַראָפּ אויף דער פּייכטקייט און מיטגעצויגן די איבעריקע דריי רעדער, וואָס האָבן אַ שלעפּ געטאָן דעם אויטאָ מיט אַ האַסטיקער שנעלקייט צום וועגראַנד, ווו אַ דורכגענעצטער שוואַרצער בוים ביי דער זייט האָט אים פֿאַרשטעלט דעם וועג...

די הינטערשטע דריי אויטאָס, וואָס האָבן כסדר נאָכגעפֿאָלגט זעליקס וואָגן, האָבן פּלוצים דערהערט פֿון פֿאָרנט אַ געטראַסק, אַ געבראַזג און אַ געקלונגערײ פֿון צעבראָכן גלאָז, אויסגעמישט מיט מענטשלעכע אַנגסט־געשרייען. מען האָט נישט באַוויזן צו דערזען דורך די שייבלעך ווי זעליקס אויטאָ האָט זיך אָנגעשלאָגן אינעם בוים און אָפּגעשפּרונגען און זיך איבערגעקוליעט. אין איין אויגנבליק האָבן זיך אָפּגעשטעלט די דריי אויטאָס און אַלע פּאַסאַזשירן זענען פֿון זיי אַרויס דורך די אויפֿגעפּראַלטע טירלעך, גלייך ווי איינעווייניק וואָלט אויסגעבראָכן אַ שׂרפֿה. מיט ספּאַזמאַטישע קולות און פּאַניק־רופֿן האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אין דער נאַכט אַריין און צו זעליקס אויטאָ, וואָס איז געלעגן לעבן דעם בוים, אַן איבערגעקערטער אויף אַ זייט, ווי אַ פֿאַרוווּנדעטע חיה.

צעשע האָט זיך מיט אַלע כּוחות אַרויסגעשליידערט דורכן אָפֿענעם טירל פֿונעם אויטאָ און מיט אויפֿגעריסענע אויגן פֿון מבולבלדיקייט אַריינגעשניטן זיך אין דער חשכות אַריין. זי איז געלאָפֿן אין איין אָטעם צו זעליקס איבער־געדרייטן אויטאָ. לויפֿנדיק האָט זי אויפֿן וועג אַוועקגעוואָרפֿן פֿון זיך אין דער בלאָטע אַריין אויף דרערד איר קאַראַקולענעם מאַנטל און דעם נאָפּאָ־לעאָנישן הוט, וואָס זי האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן אויף איר שויס און מעכאַניש זיי מיטגענומען ביים אַרויסוואַרפֿן זיך פֿון אויטאָ. „ווי איז צו מיר — האָט עס אַרויסגעשריגן פֿון איר ביים שליידערן די זאַכן אויף דרערד, לויפֿנדיק — ווער דאַרף שוין די אַלע שווילטאָגן מיט די אַלע נאַריש־קייטן!"... די אַנדערע, וואָס זענען אַרויס אין בהלה פֿון די אויטאָס און געלאָפֿן נאָך איר, האָבן געטראָטן אויף איר פֿוטער און אים איינגעדעפּטשעט אין דער בלאָטע. פּלוצלינג האָט זיך דער מאָטאָר פֿון זעליקס ליגנדיקן אויטאָ אָנגעצונדן. ווען מען האָט דערזען אַרויסזעצן דעם פֿלאַם איז די שרעק ביי אַלעמען נאָך גרעסער געוואָרן. אויפֿן שוואַרצן פּאָן פֿון דער נאַכט־פֿינצטער־ניש האָט די רויטע פֿייערצונג זיך אָנגעזונן מוראדיק און האָט צוגעצויגן מענטשן. אַלע פֿאַרבייפֿאָרנדיקע אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן וועג.

די יללות פון די קלעשטשיווער האָבן נאָך שאַרפער געשניטן דעם טונקעלן חלל ווי מיט חלפים. צעשע, זעענדיק דעם פלאַם וואָס זעצט אַרויס פון זעליקס אויטאָ, האָט געשריגן מיט באַנומענע קולות: „געוואַלד, מענטשן! ראַטעווע־ע־ט! מיין זעליק ווערט פאַרברענט!" עמעצער האָט אַפילו, לויפנ־דיק, געריפן מיט אַ יעמערלעך קול: „שמע ישראל!" מען האָט אַרויפגע־וואָרפן אויפן פייער מאַנטלען, קאַפּעליושן, קאָצן, פּעקלעך און אויך זיך אַליין, די אייגענע גופים. מען האָט אַפילו אין פאַרצווייפלונג אַרויפגעגאָסן אויפן פלאַם פלעשער ווישי־וואַסער און וויטעל, וואָס מען האָט מיטגענומען אין די אויטאָס צום מאַרגנדיקן מיטאָג, און מען האָט דאָס פייער סוף כל סוף צוגעדושעט און איינגעלאָשן.

פון דער הינטערשטער טייל פון זעליקס אויטאָ, ווו עס זענען געזעסן די פּייסעכאָוויטשעס, האָט זיך אַרויסגעהערט אַ פאַרשטיקט קרעכצן. פונעם פאָרנטיקן טייל, ביים אָרט פונעם שאָפער איז געווען שאַ־שטיל. דער אויטאָ איז געווען צעקלאַפּט, דאָ און דאָרט האָט ער געהאַט טיפע קנייטשן. די פאָרנטיקע שויב און די לאָמפּן זענען געווען אויסגע־שלאָגן און אַרום האָבן זיך געוואַלגערט גלאָז־שפּליטערס, וואָס האָבן גע־שטאָכן אין האַרצן. אַ סך מי און מאַטער האָט געקאָסט דאָס אַרויסציִען די פאַרווונדעטע פונעם איבערגעקערטן אויטאָ. מען האָט זיי אָוועקגעלייגט אין אַ זייט, אויפן נאַסן גראָז, אויף אויסגעשפּרייטע קאָצן, וואָס מען האָט אַרויס־גענומען פון די אויטאָס. וויקטאָר האָט מיט פיבערדיקע פינגער גיך צע־קנעפּלט דעם טאַטנס שפּאָגל־נייעם סמאָקינג און דורכן שניי־ווייסן יום־טובדיקן העמד זיינעם, אַ באַשפּרינקלטס און באַפלעקט מיט רויטע טראָפּנס און פליאַמעס און פאַרשוואַרצט מיט סאַזשע־פלעקן און רויך, האָט ער זיך געמאַכט אַ וועג צו זיין פאָטערס האַרץ, וואָס האָט נישט רעגלמעסיק אָפּ־געענטפערט צו זיין אַנגעשטרענגטן געהער.

וויקטאָר האָט געגעבן דעם טאַטן די ערשטע הילף, אים געריבן די שלייפן מיט קאַלטע פייכטע הענט, געמאַכט אים לייכטע מאַסאַזשן, גע־פּעטשלט אים זיין פּנים, געטרייסלט זיין קאָפּ אַהין און אַהער, אָבער זעליק האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף דעם אַלעם, נישט געענטפערט, נישט געגעבן קיין מינדסטן ריר, קיין צוק מיט אַ מוסקל. ער איז געווען עפּעס פאַרטראַגן ערגעץ, ווי אין אַ הינערפּלעט, נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים.

דערלעבן האָט וויקטאָר געכאַפּט אַ בליק אויף די פּייסעכאָוויטשעס, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין לייכטער פאַרוווּנדעט, ווי דער טאַטע, און זיין געוויסן איז געווען באַרויִקט וואָס ער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיי אַזוי ווי מיטן טאַטן. ווי האָט ער דען געקענט זיין אומעטום אין דער זעלבער צייט?

— נישטאָ קיין איבעריקע מינוט צו פאַרלירן! — האָט וויקטאָר אויסגערופן צו די אַרומיקע, וואָס האָבן זיך געבויגן איבער זעליקן און צוגעלויכטן מיט טאַשן־לעמפּלעך, און נישט אַרויסלאָזנדיק פון זיין האַנט דעם טאַטנס פּולס, וואָס האָט אים כסדר באַאומרויִקט, האָט ער שנעל צוגעגעבן: דער טאַטע איז שווער געטראָפן... גיכער אין די אויטאָס אַריין און צום נאָענטסטן שפּיטאָל אין פּאַריז!...

מען האָט אומגעלייגט די געזעסן אין צוויי אויטאָס און מען האָט אויף זיי פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט די פאַרוווּנדעטע. אין איין אויטאָ זעליקן און אין צווייטן די פּייסעכאָוויטשעס. עמעצער האָט אויפגעהויבן פון דרערד צעשעס פוטערנעם מאַנטל. בלויז זעליקס נאַפּאָלעאָנישן הוט האָט מען שוין אַזוי געלאָזט ליגן. צעשע האָט אַפילו מער נישט געדענקט אינעם פוטער. עס איז איר גאָרנישט מער איינגעגאַנגען. זי האָט געהאַלטן אין איין רייסן פון זיך שטיקער, שרייענדיק צו איר זון:

— וויקטאָר! ראַטעווע דעם טאַטן! דער טאַטע איז פאַרביי!...

זי האָט נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט איר און די טעכטער אירע האָבן זי געמוזט צוהאַלטן, ווייל יעדעס מאָל האָט זי אין פאַרצווייפלונג געזעצט מיט די הענט אינעם שטאַם פון בוים. ס׳האָט אויסגעזען ווי צעשע דראָט אים מיט די הענט און שלאָגט אים, גלייך ווי ער וואָלט איר עפּעס שולדיק געווען. דער פייכטער טונקעלער בוים האָט זיך עפּעס ווי איינגעקורטשעט, אַריינגעזונקען נאָך מער אין דער חשכות אַריין, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטרינען פון אַ שטראָף. ווען מען האָט געטראָגן זעליקן צום אויטאָ האָט צעשע נישט אויפגעהערט צו שרייען אַלץ מיט באַנומענע קולות:

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט די שווילטאָגן, אַז וויי איז מיר! פאַר־וואָס האָב איך זיך נישט געקענט באַניגענען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט?!... יום־טובים, גאָלדענע חתונות האָב איך געדאַרפט!... אָט האָב איך שוין איצטער מיין גאָלדענע חתונה!... גאָלד מיט בריליאַנטן האָב איך געדאַרפט

האָבן, אַז אַך און ווי איז שוין צו מיר!... קוקטס נאָר אָן מיין זעליקן ווי ער זעט שוין אויס!... איר זאָגט מיר קיינס גאָרנישט, ווייל איר זענט שוין אַלע גוטע מבינים אויף מיין בראָך, פּונקט ווי איך...

בשעת זעליק איז שוין געלעגן אין אויטאָ האָט זיך דערהערט ווי ער גיט אַרויס פון זיך אַ פאַרשטיקטן ברום, וואָס דאָס האָט געוועקט האָפענונג, אָבער צעשעס יסורימדיקע רייד אין מיטן דער נאַכט, אין אַן עק וועלט, צווישן די צעשראָקענע שאָטנס פון די אַרומיקע, האָבן נישט אויפגעהערט צו רייסן ביים האַרצן. די אַלע, וואָס האָבן זיך געקענט פּאַמיעשטשען אין די דריי אויטאָס, זענען אַריין אינעווייניק. די אַנדערע האָבן פרעמדע אויטאָס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוליבן אַקצידענט, אויפגענומען און זיי אָפּגע־פירט קיין פּאַריז. פּופצן קילאָמעטער איז געווען צו פאָרן ביז אין שטאָט אַריין, ביז צום סאַמע נאָענטסטן שפּיטאָל. מען האָט אין גרויס איילעניש געצירט פון אָרט. די מאָטאָרן האָבן געברומט און געיאָמערט אין דער נאַכט אַריין. מען איז אָפּגעפאָרן פון דעם אָרט פון אומגליק מיט דער גרעסטער שנעלקייט. די רעדער האָבן ממש געריסן שטיקער וועג. הינטער אַלעמען האָט זיך געשוואַרצט דער גרויזאַמער בוים. אים צופוסנס איז געבליבן ליגן ביים וועג זעליקס אויטאָ, אַ באַשעדיקטער און פאַרקריפּלטער, ווי אַ פאַרשעמ־טער, מיט נאָכהענגענדיקע שטיקער בלעך, ווי שלומפּערדיקע פּאָסן, און לעבן אים האָט זיך געוואַלגערט אויף דרערד זעליקס נאַפּאָלעאָנישער הוט. דער ווינט האָט באַוועגט מיט אים, ווי ער וואָלט געפּאָכעט מיט אים צו די פאַרשווינדנדיקע אויטאָס, ווי צו אַן אומעטיקער געזעגעניש, צו אַן אָפּפאָר אָן אַ צוריקקער...

נישט לאַנג האָט געדויערט האָבן די אויטאָס מיט די קלעשטשיווער יידן זיך שוין געפונען פאַרן טויער פון אייזערנע שטאָכעטן פונעם שפּיטאָל. זיי האָבן זיך דאָרטן אַלע געפּאָרעט מיט אַנגסטפולע און צערודערטע פּנימער, ווער ביים אַריינטראָגן די פאַרוואונדעטע און ווער ביים אַלאַרמירן די ביוראָ, די דינערשאַפט. אין שפּיטאָל איז מען געווינט געווען צו אַזעלכע פּלוצימדיקע נאַכט־אַלאַרמען, צו אַזעלכע בהלהדיקע נאַכט־וויזיטן. אַלץ איז געווען גרייט צו געבן די סאַמע גיכסטע הילף און רעטונג די אומגליקלעכע. אויף דריי אויסגעלייגטע שטופּ־וועגעלעך האָט מען זיי אין גרויס איילעניש

אָפּגעפירט דורך די פינצטערע לאַנגע גאַלעריעס צום אויפנעם־זאַל פונעם דיזשורירנדיקן הויפּט־דאָקטער. מען האָט זיי אין געאייל אַריינגעפירט אין דעם באַשטימטן אָפּעראַציע־צימער און אַלע משפחה־מענטשן, אַחוץ וויקטאָרן, זענען געבליבן וואַרטן אין קאָרידאָר. די אַנדערע קלעשטשיווער זענען געבליבן אין אַ זייטיקן וואַרטצימער, געזעסן דאָרטן שוויגנדיקע, איינגענורעטע אין זיך און באַהערשט פונעם איינציקן געדאַנק, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט צוצולאָזן צו זיך: אַז מיט זעליקן האַלט עס שמאָל...

וויקטאָר האָט זיך גלייך פאָרגעשטעלט פאַר די דאָקטוירים ווער ער איז, אַז ער, דער זון פונעם שווער־פאַרווונדעטן, איז דאָקטער און אָנגעגעבן אַפילו די שפּיטאָלן ווו ער האָט דינסט און געבעטן דורכויס צו אַסיסטירן די קאָלעגן זיינע ביים מאַכן זייערע באַמיִונגען צו ראַטעווען זיין פאָטער. אין דער גרעסטער שנעלקייט זענען די פאַרווונדעטע אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די אָפּעראַציע־געשטעלן. פון דעם זייטיקן צימערל אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל האָט זיך געהערט דאָס קלינגען פון די אָפּעראַציע־אינסטרומענטן, לאַנצעטן, שערלעך און איינשפּריצערס און אַלץ, אַלץ האָט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין צוגעאיילט, אונטערגעיאָגט.

אַרום זעליקן האָבן זיך אַרומגעשטעלט די דאָקטוירים, אַ יונגער אַסיסטענט און קראַנקן־שוועסטערס אין זויבערע כאַלאַטן. זיי האָבן זיך געפּאָרעט און זיך געבויגן איבער אים אינעם נידעריקן בלענדנדיקן ליכט און געפּלאַטערט ווי ווייסע געשפּענסטער. כמעט אַלע זענען געווען פאַרשטעלט אין ווייסן, אויך די קעפּ און אויך די פּנימער. בלויז די אויגן האָט מען ביי זיי אַרויסגעזען. זיי זענען געווען בלויז אויגן, אויגן פול רחמים און מיט אייז־קאַלטער שטרענגער אַחריות, ווי זייערע מעסערס... אַלע זייערע שאָטנס אויף די ווענט זענען זיך אָט דאָ צונויפגעגאַנגען אין איין ריזיקן אימהדיקן שאָטן און אָט דאָ זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, פאַנאַנדערגעפאַלן אויף שטיקער, אויף חלקים, ווי צעריסענע אברים פון איין גוף. פונעם דערבײַיקן אָפּעראַציע־צימער איז אַריינגעלאָפן אַ דאָקטער, וואָס זיין געניט אויג נאַרט אים קיין מאָל נישט אָפּ אין זיין פּראַקטיק, ער האָט אַ מבינישן קוק געגעבן אויף זעליקן און געזאָגט גאַנץ שטיל צו זיינעם אַ קאָלעגע, אַז וואָס שייך יענע צוויי, ער האָט געמיינט די פייסעכאָוויטשעס, איז דאָ אַ האָפענונג זיי צו דערהאַלטן ביים לעבן, אָבער... — האָט ער אָנגעצילט זיין בליק אויפן צע־

ניזוקטן מענטש און נישט דערזאָגט, געשוויגן. דער כירורג האָט זיך דערבײַ אײַנגעהאָרכט אין זעליקס איבערשטן טייל גוף, אויפגעהויבן אַ האַנט פונעם פאַרווונדעטן און זי אָפּגעלאָזט שלאַבעריק, ווי מיט רעזיגנאַציע. זי איז צוריקגעפאַלן אין אָנמאַכט, ווי זי וואָלט נישט געווען זעליקס... דער כירורג האָט געגעבן אַ פּיל־באַדייטנדיקן שטילן ברום אין זיך אַרײַן, אַראָפּגעלאָזט די הענט און געשוויגן אַ ווײַלע מיט צוגעפּרעסטע ליפּן און אין זײַן שווײַגן איז געווען משפּט, גזר, אורטייל. אויפן כירורג האָט מען אַ סך געקענט שטעלן. ער איז געווען אין שפּיטאָל אַן אויטאָריטעט. אָפּט זעט מען נאָכגיין נאָך אים און טומלען אַרום אים אַ חברה סטודענטן, ווי הינדעלעך אַרום אַ קוואָקע. די אָנלויפנדיקע קראַנקן־שוועסטער מיט די צוגעגרייטע אָפּעראַציע־מכשירים האָט ער מיט אַ דעצידירנדיקן זשעסט פון זײַן האַנט געגעבן אַ צייכן, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: „נישט נויטיק מער"... און צו וויקטאָרן האָט ער געזאָגט דאָס, אויף וועלכן ער, וויקטאָר, האָט זיך, אגב, שוין גערעכט: „עס טוט מיר זייער לייד, מײַן טײַערער קאָלעגע... מיר האָבן געוואָלט טאָן פאַר אײַער פאָטער אַלץ וואָס מיר זענען געווען בכוח, אָבער"... און ער האָט זיך געלאָזט גיין און נאָך אים אויך אַלע, צו דער אַרויסגאַנגס־טיר, וואָס פירט צום קאָרידאָר, איבערלאָזנדיק איינעם אַליין אונטערן נידעריקן שאַרפן ליכט דעם אײַנזאַמען אומבאַוועגלעכן שאָטן אויפן אָפּעראַציע־טיש...

אין דער אָפענער טיר איז וויקטאָר אַרויפגעפאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז אַ צעהעשעטער, זיך צוגעדריקט צו איר, ווי ער וואָלט געוואָלט אײַנשטילן מיט זיך איר אויסברוך פון פאַרצווייפלונג און צער בעת איר אָפּגעבן זיך אַ דין־וחשבון. דער דאָקטער האָט אַרויסגעזאָגט איין וואָרט בלויז צו די וואַרטנדיקע: „לײַדער"...

צעשע האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם קלעם פון איר זונס אָרעמס, און כאָטש סילווי און שאַנטאַל האָבן זי אונטערגעהאַלטן, האָט זי געקענט פאַרברעכן די הענט און באַהאַלטן דאָס פּנים אין זיי. דאָ האָט זי זיך געבראָכן די פינגער, זיך אויסגעפליקט שטיקער פון די באַקן און דאָ האָט זי זיך געריסן די האָר פון קאָפּ מיט דער געמאַכטער יום־טובדיקער בלאָנדקייט. איר שטים האָט יעמערלעך אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט־שטילקייט פונעם שפּיטאָל־קאָרידאָר און זיך צעטראָגן ווײַט אַוועק אין אַלע ווינקלען.

— — — — — — — — — — — — —

די ידיעה וועגן זעליקס טויט אין אַן אויטאָ־פּאַרפּאַל האָט זיך גלייך צומאַרגנס אין דער פרי פאַרשפּרייט צווישן אַ סך ייִדן פון פּאַריז נאָך איידער עס האָבן זיך באַוויזן אין די ייִדישע צייטונגען די גרויסע נעקראָלאָגן מיט די גראָבע שוואַרצע ראַמען, וואָס האָבן אַרומגעצוימט זיין נאָמען.

זעליקן האָט מען אין זיין אָרון געברענגט פון שפּיטאָל אַהיים אין זיין נייעם רחבותדיקן אַפּאַרטאַמענט אין זעכצנטן אַראָנדיסמאַן, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט לעצטנס, נישט אויפגעבנדיק די קלענערע וווינונג, וואָס ער האָט געהאַט לעבן דעם געשעפט. דאָס טויער פון הויז איז געווען דראַפּירט מיט אַ שוואַרצן פאָרהאַנג, ווי ס'איז דער שטייגער, באַפּוצט מיט זילבער־ווייס ביי די זוימען און עקן און באַהאַנגען מיט פראַנדזן און טראָלדן. סאַמע אויבן ביים פאָרהאַנג, אַרומגענומען מיט אוזאָרן און פליטערלעך, האָט זיך אָנגעזען אַ ווייסער מאָנאָגראַם, אַ גרויסער R וואָס האָט געמיינט צו זאָגן, אַז דאָס איז טאַקע זעליק ראַפּאָפּאָרט און נישט קיין אַנדערער. דער פאָרהאַנג אונטן איז געווען צעטיילט מיט אַ צווישנשייד, וואָס האָט געפירט צום הויז און דורך וועלכער מען האָט געדאַרפט אַדורכגיין ווי דורך אַ בראַנד. אינעווייניק, אין די רייך־מעבלירטע צימערן מיט אַ סך גרויסע שפּיגלען, אין וועלכע עס האָבן זיך געזען נאָך צימערן און נאָך מעבל, נאָך קרישטאָלענע וואַזעס און קאַנדעלאַבערעס, איז דאָס ליכט געווען זייער טונקל געדעמפּט. עס האָט זיך געהערט אויף יענער זייט טיר, פאַר די טרעפּ, ווי אַלע מאָל קלאַפּט זיך צו די ווינדע. מענטשן זענען געקומען און געגאַנגען. בלויז די פאַראָבלטע משפחה און אַ ביסל גאָר נאָענטע מענטשן זענען כסדר געבליבן. מען איז געקומען צעשען, און די גאַנצע משפחה, מנחם־אָבל־זיין. מען האָט זיך געשטופּט צו איר. זי איז געזעסן אַן איינגעקורטשעטע אין אַ טיפן פאָטעל, אַ פאַרזונקענע אין דער ווייכקייט און אין איר ווייטיק. זי האָט זיך אַלע מאָל אויפגעשטעלט ווי אַן ווילן און אין אָנמאַכט, ווען עמעץ איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און זיך מיט איר צעקושט, אין גאַנצן נישט לויטן קלעש־טשיוועער און נישט ייִדישן שטייגער, אָבער מיט אַ טיפן שלוכץ און אָכץ און מיט טרייסט־ווערטער פון „נישט וויסן מער פון קיין צער”, וואָס איז שוין גראָד יאָ געווען ייִדישלעך און לויטן קלעשטשיוועער שטייגער. מען איז אַלץ געקומען אָפּגעבן זעליקן דעם לעצטן כבוד. מען האָט געשוויגן. מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, קוים אָנגערירט די פּאָדלאָגע, כאָטש די

טריט זענען סיי ווי פאַרלוירנגעגאַנגען אין די ווייכע רויטע מאַקעטן. אַזוי איז מען אַריין און אַרויס. טירן האָבן זיך אָפּגעלענט און זיך צוריק צוגעלענט. פאַרהאַנגען האָבן געהיימניש־פול אָוועקגעפּלאַטערט און צוריק צוגעפּלאַטערט. אַרום דעם אָרון האָט זיך יעדע פּופּצן מינוט געטוישט די ערנוואַך פון לאַנדסלייט, פריינד, עסקנים. די מענטשן זענען געשטאַנען דערשלאָגן, פאַר־שטיינערט, פאַרזונקען אין זיך. יעדער איז געווען איין שטיק שטילשוויי־געניש, איין שטיק עצבות. די פיר גרויסע ליכט ביי די עקן פונעם אָרון זענען געשטאַנען שטראַם און שטרענג, ווי פיר זיילן פון עפּעס אַ סודות־פולן און מיסטעריעזן שלאָס, וואָס אַ פחד נעמט אָן אַריינצוגיין אין אים אינע־וויניק. עס האָט זיך געדאַכט ווי זעליקס זיבעציק יובילייִ־ליכטלעך פון מיט צוויי־דריי טעג צוריק האָבן זיך דאָ צונויפגעשמאָלצן און זענען איצטער אַלע מגולגל געוואָרן אין אָט די פיר גרויסע טרויער־ליכט...

בעת דער שעה פון דער לוויה האָט זיך אָן עולם מענטשן פאַרזאַמלט אונטן, פאַרן טויער. עס זענען געקומען לאַנדסלייט פון קלעשטשיוו און פון אַלע אַרומיקע שטעטלעך, עס זענען געקומען סוחרים, קלִיענטן, פּאַסאַזשירס, רעפּרעזענטאַנטן, קופּערס, שטאָף־צושטעלערס, צודאַטן־פאַרקויפער, קנעפּ־הענדלער, לעכל־שלייפער, פּאָדעם־ברענגער, מעקלער, גבאים, שטיצע־מאַנער, געלט־קלויבער, צדקה־קלאַפּער, אַלע, אַלע, וואָס האָבן געצויגן חיונה פון זעליקן, זיך געדרייט אַרום אים, און סתם יידן, וואָס האָבן זעליקן געקענט, אָדער בלויז געהערט פון אים. מען איז געשטאַנען און געוואַרט, מען האָט אַריינגעטראַכט וועגן דעם ווערט און תכלית, מישטיינס געזאָגט, פון מענטש־לעכן לעבן און פון מאָל צו מאָל האָט מען אויסגעזוכט עפּעס אַ שבח נאָכצו־זאָגן דעם פאַרשטאָרבענעם. די איינוווינער פון דער אַריסטאָקראַטישער געגנט האָבן געקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן אויפן מאָדנעם עולם, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט צום „אַנטערעמאַן", געקוקט אויף די פרעמדע פּנימער, וואָס זיי זענען נישט געוווינט דאָ צו זען. די אויטאָס, וואָס זענען דאָ פאַר־פאָרן כסדר מיט באַגלייטערס, האָבן נישט געהאַט ווו זיך אָוועקצושטעלן. בלויז פאַרן שוואַרצן לוויה־וואָגן און פאַר די אויטאָקאָרן האָט געמוזט זיין פּלאַץ. די מענטשן אויפן טראָטואַר האָבן געשטערט די פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיך געאײַלט אויף דער גאַס צו זייערע עסקים. פּאָליצײַ האָט געמוזט

האַלטן אָרדענונג, רעגולירן די צירקולאַציע, געבן אָנווייזונגען די פאַרביי־פאָרנדיקע אויטאָמאָביליסטן זיך צו פאַרקערעווען אין זייטיקע גאַסן.

אַחוץ ביים טויער, פאַרן הויז, האָט שוין אויך געוואַרט אַן עולם אַרום דעם הויפּט־איינגאַנג פון בית־עולם באַניע, הינטער פאַריז. די מענטשן זענען דאָ אַהערגעקומען דירעקט פון די געשעפטן און אַטעליעס מיט דער מעטראָ, מיט אויטאָבוסן, מיט טאַקסיס און מיט אייגענע אויטאָמאָבילן, בכדי דאָ אָפּ־צוואַרטן דאָס אָנקומען פונעם לוויה־קאָרטעזש און פון דאַנען אויס צו באַ־טייליקן זיך אין זעליקס קבורה. מען האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרן בית־עולם־טויער און אויף יענער זייט טראָטואַר, לעבן דער קעגנאיבערדיקער קאַפע. געוועזן צווישן די מענטשן באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג נישט געהאַט געזען און האָבן געהאַט דאָ אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען, זיך אויסצו־פרעגן וואָס מען מאַכט אין געזונט און ווי עס גייט צו די אַרבעט. אַנדערע זענען דערווייל אַריין אינעווייניק אין דער קאַפע אויסצוטרינקען עפּעס און צו שטאַרקן זיך דאָס געמיט.

וואַרטנדיק יעדע מינוט אויפן אָנקומען פון די לוויה־אויטאָקאָרן, האָט מען זיך צוגעזעצט ביי די טישלעך און זיך געהייסן געבן אַ קאַפע בכדי זיך צו דערוואַרעמען די דורכגעפרוירענע ביינער און מ׳האָט טאַקע נאָכגעשריגן דעם גאַרסאָן: „ביען שאָ!"... מען האָט הנאה געהאַט פונעם ביסל וואַרעמס און דערביי באַדויערט זעליקס גורל, זיין טראַגישן סוף אינעם אויטאָ־אַקסידאַן. מען האָט צו נישט געמאַכט דעם ווערט און זין פון אַרויפאַרבעטן זיך און איינרייסן אַ וועלט, אַנשטאָט צו זיין בעסער באַשיידן און צו באַני־גענען זיך מיט דעם וואָס מען האָט און ליגן איינגעלייגט, בכדי צו קענען רויקערהייט צוענדיקן די פּאָר נאַרישע יאָרן, וואָס זענען נאָך באַשערט. דערביי האָט מען געלייגט אין דרערד אַריין דעם ווילטאָג און פּראָספּעריטעט און מען האָט געשאָלטן די היינטיקע טעכניק מיט דער גאַנצער מאָדערנער ציוויליזאַציע, וואָס נעמט צו אַזוי פיל מענטשלעכע קרבנות. בינו־לבינו האָט איינער ביי די טישלעך גענומען אַרויסווייזן באַהאַוונטקייט און בקיאות אין דער סטאַטיסטיק פון דער צאָל קרבנות פון אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס אַ יאָר אין פראַנקרייך, אין אייראָפּע, אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

— אַזוי־אַזוי — האָט אַ צווייטער אָפּגעזופּט אַ ביסל קאַפע מיט אַ

זיפּץ — נאָך האַרץ און נאָך קאַנסער איז דער אויטאָ געוואָרן לעצטנס די גרעסטע פּלאָג פאַר דער מענטשהייט...

— וואָס ווילט איר? — האָט אַן אַנדערער זיך אָנגערופן, אָפּשאָקלענדיק דאָס אַש פון זיין ציגאַרעט — דער מלאך־המוות האָט זיך אויך געמוזט צופּאַסן צו דער היינטיקער צייט, ער איז געוואָרן מאָטאָריזירט...

— און אַנישט, הייסט עס, באַווייזט ער נישט אָנצוקומען אומעטום צו דער צייט... — האָט מען באַמערקט פון אַ דערבײַיִק טישל — כאַטש, אייגנ־טלעך, וואָס איז שוין די נפקא־מינה, אַ קאַנסער צי אַן אויטאָ? ס׳איז שתי כפרות ביום אחד.

— זאָלסט דאָס נישט זאָגן — האָט אַן אַנדערער אָפּגעענטפערט — מיט אַ וואָגן, אַז מען איז פאָרזיכטיק, איז עס פאָרט נישט דאָס זעלבע.

— פאָרזיכטיק אַהין, פאָרזיכטיק אַהער — האָט זיך ווידער אָנגערופן דער סטאַטיסטיקער — איך קען אייך באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די צאָל קרבנות פון די אויטאָ־קאַטאַסטראָפעס האַלט אין איין שטייגן פון יאָר צו יאָר אין דער גאַנצער וועלט — און ער האָט געוואָלט גיין אויסרעכענען אַ גאַנצע רשימה מיט לענדער און קאָנטינענטן, אָבער איינער אַ לץ האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געלעכטערל:

— אויב וועט עס אַזוי גיין ווייטער, וועט מען דאָך שוין נישט דאַרפן מער זאָגן: אַ נוטה למות, נאָר אַן אויטאָ למות...

מען האָט דעם, וואָס האָט דאָס געזאָגט, גלייך אויסגערעדט, אַז עס איז נישט דער מאָמענט איצטער צו חכמענען זיך. אָבער דעם לץ האָט עמעצער פאַרטיידיקט, זאָגנדיק צו דעם ערנסטן קריוודע־אָננעמער:

— הער זיך איין, אויב זאָל מען זיך שוין קיין שפּאַס אויך נישט טאָרן מאַכן, דאַרף מען נעמען און זיך גלייך צולייגן צו זעליקן... זעליק אַליין, ווען ער וואָלט עס געקענט, וואָלט ער אויך נישט מסכים געווען מיט דעם...

אַזוי אַמפּערנדיק זיך, האָט מען פלוצלינג דערהערט, אַז די אויטאָקאַרן קומען אָן. מען האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון די ערטער, לאָזנדיק שטיין די טעפּלעך און גלעזער נישט אויסגעטרונקענע.

געלאַסן איז אָנגעפאָרן צום ערשט דער קלענערער אויטאָקאַר מיטן אָרון, וואָס זיין שוואַרצקייט האָבן פאַרשטעלט די פּיל־פאַרביקע קרענץ, וועלכע האָבן אים באַדעקט פון אַלע זייטן. נאָך אים זענען געפאָרן די צוויי גרויסע

אויטאָקאָרן מיט די באַגלייטער און נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַן ערב־רב און אויסגעמיש פון פאַרשידענע פּריוואַטע אויטאָמאָבילן. אַלע זענען אַריין דורכן ברייט־צעפּראַלטן הויפּט־טויער פונעם בית־עולם און די מענטשן, וואָס האָבן דאָ געוואַרט אַרום דער קאַפּע, האָבן זיך געלאָזט אין איילעניש נאָך זיי.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, קוים וואָס ער האָט זיך גערירט, איז געפאָרן אין דער בית־עולם־אַלייע דער וואָגן מיטן אָרון, וואָס האָט געוויזן אַלעמען אַ ביישפּיל צו זיין געלאַסן און איינגעהאַלטן. אינעווייניק, אינעם לויה־וואָגן, פון פאָרנט, הינטער דעם שאָפער, זענען, אין שוואַרצן געקליידט, געזעסן בלויז פיר משפּחה־באַגלייטער. אין איין ווינקל צעשע מיט וויקטאָרן און אין אַנדערן ווינקל שאַנטאַל און סילווי. די דריי פרויען זענען געזעסן איינגעקורטשעט, פאַרזונקען אין זיך, באַזונדערס צעשע, פאַרהילטע אין שוואַרצן, אַז מען האָט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען. וויקטאָר האָט כּסדר געהאַלטן די מאַמען אונטערן אָרעם, זיך געטוליעט צו איר, געגעבן איר וואַרעמקייט פון זיין גוף און גענומען וואַרעמקייט פון איר גוף, וואָס האָט זייביידן עטוואָס גרינגער געמאַכט דעם וועג צום טאַטנס קבר. אויפן גאַנצן דורכפאָר, פונעם זעכצנטן אַראָנדיסמאַן ביז אַהער, אויפן בית־עולם, איז מען געזעסן און קנאַפּ גערעדט. ס׳איז שוין גאָרנישט געווען וואָס צו זאָגן. פון ציט צו צייט בלויז האָט זיך צעשע צעוויגט מיט אַ טרויעריקן ניגון, ווי אַ מאָל אַ יידענע אין קלעשטשיוו לעבן אַ מת, און איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פאַר וויקטאָרן די זעלבע ווערטער, וואָס זי האָט שוין נישט איין מאָל געזאָגט, נאָך אין שטוב, טרייסלענדיק מיטן שוואַרץ־פאַרהילטן קאָפּ:

— אַז עס האָט אים נאָר געצויגן אין טויט אַריין... אַליין זיך געריסן צו אים... נאָר פאָרן האָט זיך אים געוואָלט... פירן דעם אויטאָ... נאָר באַווייזן זיך... ווילעס האָט ער געדאַרפט, הייזער, אויטאָס, רייכקייט, שווילטאָג, איינגעמען וועלטן, איבעריאָגן אַנדערע... איז געקומען דער מלאך־המוות און האָט אים איבערגעיאָגט, אַז ווי צו מיר... ס׳האָט אים נאָר געצויגן אין טויט אַריין... פאַר וואָס האָט מען אים געלאָזט פירן דעם אויטאָ, פאַר וואָס ? האָ, פאַר וואָס ? — האָט זי זיך בשום־אופן נישט געקענט שענקען.

דער מאַמעס אָפּגעהאַקטע ווערטער פון אונטער איר שוואַרצן שלייער

אפֿער האָבן וויקטאָרן געשניטן ביים האַרצן. אים האָט זיך געדאַכט ווי מען וואָלט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים אַ שולד פֿאַרן אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן מיטן טאַטן.

דער וואָגן האָט זיך אַלץ גערוקט פּאַמעלעך אין דער בית־עולם־אַליע, דערנענטערנדיק זיך צו זעליקס קבר, צום קאַוואַ פֿון די קלעשטשיוועך. אַלע פֿיר שוואַרצע געשטאַלטן, טוליענדיק זיך אין די ווינקלען פֿון אויטאַ, זענען ווידער געווען פֿאַרזונקען אין שווייגן. פֿלוצלינג האָט זיך אויף ס׳ניי צעשע צעוויגט מיטן זעלבן טרויעריקן ניגון וואָס פֿריער. זי האָט גערעדט אי צו וויקטאָרן און אי צו זיך אַליין, פֿאַר זיך, ווי צום שוואַרצן שלייער בלויז:

— וואָלט מען געווען מער אַכטונג געגעבן אויף אים, וואָלט מען אים נישט געוועזן געלאָזט פֿירן דעם אויטאָ — וואָלט ער געווען געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן...

וויקטאָר האָט געשפּירט ווי דאָס בלוט קומט אים אין פּנים אַריין. אין דער מאַמעס ווערטער האָט ער ווי אַרויסגעפֿילט אַן אָנדייטונג פֿון אַ ביטערן פֿאַרוואורף קעגן אים און ער האָט געפֿילט פֿאַר נויטיק צו זאָגן איר עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אַראָפּנעמען פֿון זיין האַרץ אָט דעם שווערן שטיין, וואָס די מאַמע האָט אים אַרויפֿגעלייגט. ער מוז אומבאַדינגט צונעמען ביי איר די איינרעדעניש און זיכערקייט, אַז דער טאַטע וואָלט געקענט אויסלעבן זיינע יאָרן ווען מען וואָלט אים געווען נישט לאָזן פֿירן דעם אויטאָ. און ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו זאָגן דער מאַמען, שוין איצטער, דאָס וואָס ער האָט פֿאַר איר די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן, און ער האָט אַריינגערעדט אין איר שוואַרצן שלייער אַריין:

— ניין, מאַמע, דער טאַטע האָט סיי ווי נישט געקענט לעבן...

— וואָס? — האָט דער שוואַרצער שלייער אַ ציטער געטאָן.

— מאַמע, גלייב מיר, אַז איך ווייס וואָס איך רעד... דער טאַטע וואָלט סיי ווי שוין לאַנג נישט אָנגעהאַלטן... ער האָט געהאַט אַ קאַנסער...

— וואָס אַזוינס הער איך פֿון דיר איצטער, וויקטאָר!... — האָט צעשע זיך אַרויסגעמאַכט פֿון איר זונס אָרעם און געוואָרן מיט אַ מאָל לעבהאַפֿט. זי האָט פֿלוצלינג אויפֿגעדעקט איר פּנים, אַרויפֿשאַרצנדיק דעם שוואַרצן שלייער איבערן הוט, ווי זי וואָלט נישט דערקענט איר זון און האָט אים געוואָלט בעסער אָנקוקן...

— יאָ, מאַמע, איך האָב עס ביז איצטער געהאַלטן בסוד... ס׳איז מיר שווער געווען דיר דאָס צו זאָגן ביים טאַטנס לעבן...

צעשע האָט אָנגעקוקט וויקטאָרן מיט אויפגעריסענע גרויסע רויטע אויגן. זי האָט זיי אָנגעשטעלט אויף אים ווי צוויי גרויסע פייערדיקע נעצן, וווהין זי האָט אים געוואָלט איין גאַנצן אַריינכאַפּן. באַלד האָט זי זיי פאַר־זשמורעט מיט אַ שאַרף שפּעלטעלע, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט אָט דער שאַרפקייט אַרויסבאַקומען פון אים אַ טיפע פאַרבאָרגענע כוונה:

— דו זאָגסט עס מיר אומישנע, וויקטאָר, ווייל דו ווילסט מיך טרייסטן אַזוי אַרומעט, מיר לייכטער מאַכן מיין שווער געמיט... און אפשר אויך דער־פאַר, ווייל...

זי האָט דאָס איבעריקע נישט געקענט דערזאָגן. עס איז איר מיט אַ מאָל שווער געווען צו באַשולדיקן איר אייגענעם זון, אַז ער טראַכט גאָר אויס, מיט אַ נישט שיינער כוונה, אויפן טאַטן אַ מעשׂה מיט אַ קאַנסער, בכדי מען זאָל נישט טראָגן אויף אים, וויקטאָרן, אַ שווער האַרץ פאַר דעם וואָס ער האָט געלאָזט דעם טאַטן פירן דעם אויטאָ... די טרערן האָבן זי אויף ס׳ניי געוואָרגן, זיך געשטעלט פאַפּריק אין איר קעל, גלייך ווי אויך זיי וואָלטן נישט געוואָלט, אַז זי זאָל רעדן ווייטער...

— מאַמע — האָט וויקטאָר זיך אָנגעטאָן אַ כּוח צו רעדן — צי קענסטו גלייבן, אַז דיין זון וועט דאָ, לעבן דעם טאַטנס אָרון, דיר קענען זאָגן אַ ליגן וועגן טאַטן? אַז איך וועל זיין איצטער אימשטאַנד עפּעס אויסצוטראַכטן אויף אים?

הערנדיק אַזוי רעדן וויקטאָרן, וואָס זיין יעדעס וואָרט, האָט זיך איר געדאַכט, זאָגט ער אַרויס מיט אַ שטיק האַרץ, און עס האָט געקלונגען ווי זיינס אַ שבועה אָט דאָ, צוקאָפּנס זיין פאָטערס אָרון, האָט איצטער צעשע טיף געגלייבט, אַז איר זון זאָגט דעם ריינעם אמת. זי האָט צוריק אַראָפּגע־לאָזט דעם שוואַרצן שלייער איבער איר פּנים און זי האָט אויף דאָס ניי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, כאָטש עס האָט זיך ערשט מיט אַ מינוט פריִער געקענט אויסדאַכטן, אַז זי האָט שוין אַלע אירע טרערן אויסגעוויינט. נייך, עס זענען נאָך געווען טרערן. און זיי האָבן אויף ס׳ניי צוגעשפּאַרט צו אירע אויגן און האָבן אומהיימלעך געפינקלט דורך דער נעץ פון איר שוואַרצן שלייער, שוין נישט אַזוי צוליב איר מאַנס טויט, דאָס מאָל, נאָר

צוליב איר זונס אַנטפּלעקונג, צוליב זיין אויסגעזאָגטן סוד, אָט דאָ, לעבן איר מאַנס אָרון.

שוין. דאָ איז עס. דער וואָגן האָט זיך שטיל אָפּגעשטעלט, נישט מאַכנדיק דעם מינדסטן רעש. אין אַ זייט פון דער אַלייע האָט דאָס קבר שוין געוואַרט אָן אָפּנס, אַ גרייטס, אויף זעליקן. אויך די צוויי פראַנצויזישע בית־עולם־אַרבעטער, וואָס זענען זיך מטפּל ביי די קברים, האָבן שוין געוואַרט, אין זייער פראָסטער אַרבעטס־הלבשה און מיט די קנוילן שטריק אין די הענט. זיי האָבן זיך אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן לייטיש־געקליידטן עולם באַגליי־טערס און זענען געשטאַנען מיט אומגעדולד, וועלנדיק אָפּטאָן וואָס גיכער זייער אַרבעט.

דער איינציקער הספּד־מאַכער ביים אָפענעם קבר איז געווען פּנחס. דער האַלדז האָט אים איצטער נישט ווי געטאָן, ווי אויף זעליקס יובֿליי־פייערונג. ער האָט גערעדט אין נאָמען פון אַלע לאַנדסלייט, פון אַלע פריינד און אויך אין נאָמען פון דער פאַראַבלטער פאַמיליע. אין אַלעמענס, אין אַלעמענס נאָ־מען האָט ער געזעגנט דעם פאַרשטאָרבענעם. פּנחס האָט גערעדט וועגן דעם וועג, וואָס זעליק האָט דורכגעמאַכט פון קלעשטשיוו ביז פּאַריז, דערמאָנט זיינע אויפטוען פון אַ גוטן און געטרייען ייִד. ער האָט דערמאָנט וועגן זיינע גרויסע מעלות, ווי זיין הויז איז געוואָרן לעצטנס אַ בית וועד לחכמים, ווי ס'איז געווען ביי אים אַן אָפענע טיר און אַן אָפן האַרץ. גאָרנישט האָט ער אָפּגעזאָגט. אַ בוך פון אַ ייִדישן שרייבער — איז אַ בוך פון אַ ייִדישן שריי־בער, אַ בילד פון אַ ייִדישן מאָלער — איז אַ בילד פון אַ ייִדישן מאָלער. און הגם ער איז נישט געווען קיין פאַנאַטיש־פרומער מענטש, האָט ער שטיצע פאַר אַ ישיבה פון די ליובאַוויטשער אויך נישט אָפּגעזאָגט. דער מענטש האָט גאָרנישט לעצטנס געקענט אָפּזאָגן. ער האָט בכלל נישט אַרויס־געלאָזט קיין ייִד מיט ליידיקע הענט. ער האָט נישט געזשאַלעוועט זיין געלט און זיין פאַרמעגן און דאָס, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרן איז געווען פון זיין אייגענער מי און פראַצע, פון זיין שוויס און בלוט, פון זיין ער־לעכער האָרעוואַניע און אַלץ אַ דאַנק זיין ייִדישער ענערגיע, זיינע פעיִקייטן און אונטערנעמונגס־גייסט, וואָס האָבן געקערעוועט מיט אַלע זיינע דערגריי־כונגען און מעשׂים־טובֿים. עס גייט אַוועק איצטער אין קבר אַריין אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַ מענטש וואָס האָט נישט געטשעפּעט קיין פליג אויף דער וואַנט,

וועלכער האָט נישט געוווּסט וואָס עס הייסט טוען וועמען שלעכטס און וואָס פאַר טוען עמעצן אַ טובה האָט ער זיך געקענט אָוועקבערענגען. זעליק איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט צו שיינקייט און צו רחבותדיקייט און די דאָזיקע שטרעבונג האָט אים געפירט פון באָדגעסל אין קלעשטשיוו ביז צו שאַנז־עליזיי אין פּאַריז. אָבער זעליק איז אומעטום פאַר־בליבן זעליק און ער פאַרבלייבט עס אויך איצטער, קומענדיק צו קבר ישׂראל און צו קבר קלעשטשיוו.

נאָך פּנחסעס הספד האָט אַ ראַבינער אין אַ הויכער אַכט־קאַנטיקער יאַרמלקע, ווי אַ שוואַרצע קרוין, און אין אַ פרעמדלעכער נישט־יִידישער הלבשה, געמאַכט אַן „אל מלא רחמים" און געזאָגט טרויער־תּפילות. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קאַפּעליושן, האָבן אַרויסגענומען פון די קעשענעס בערעטן און אויך קאַפּעלעך צו באַדעקן די קעפּ. די, וואָס האָבן נישט גע־טראַכט וועגן דעם פריִער, האָבן אַרויפגעלייגט אויף די קעפּ זייערע נאָז־טיכלעך מיט געמאַכטע פיר קניפּן ביי די עקן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ווייַ־בערישע קופקעס. ווען דער ראַבינער האָט געהאַלטן ביים פּסוק: „ה׳ נתן, ה׳ לקח", איז פּלוצלינג אַראָפּ אַ גאָס רעגן. די, וואָס האָבן געהאַט שירעמס, האָבן זיי גיך אויפגעמאַכט. מ׳האָט זיך באַהאַלטן אונטער זיי, צו פיר קעפּ אונטער יעדן שירעם, וועלנדיק זיך באַשיצן פאַרן רעגן. מען האָט זיך גע־טוליעט איינער צום אַנדערן, אי צוליב דער מורא פאַרן רעגן און אי — און אפשר נאָך מער — צוליב דער מורא פאַרן טויט.

אַז דער ראַבינער האָט פאַרענדיקט זיינע תּפילות, האָט וויקטאָר, אין אַ קאַפּעלע פאַררוקט אויפן שפּיצקאָפּ, געזאָגט מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט קדיש פון אַ קליין יִדיש לוחל אַרויס, געדרוקט מיט לאַטיינישע אותיות. נאָך דעם האָבן די צווי באַגרעבער, מיט רויע ציגל־רויטע פּנימער פון ווינט און פון טרינקען וויין, גענומען אַרבעטן גיך־גיך מיט די שטריק און זיך באַלד אָוועקגעשטעלט פאַרן אָפענעם קבר, ווי ס׳איז דער מנהג, מיט צווי שיסלען אין די הענט, איינע מיט פרישע ערד און די צווייטע אַ ליידיקע, אויף געלט. יעדער פון די באַגלייטערס האָט אָנגענומען אַ קליין שופלעלע ערד פון דער שיסל, ווי צום פאַרזוכן, און עס אַריינגעשאָטן אין קבר אַריין, פון וואַנען עס האָט אָפּגעקלונגען טעמפּ, מיט אַ פרעמדן ווידערקלאַנג, ווי פון יענער וועלט. יעדער האָט שנעל אויסגעליידיקט דאָס שופלעלע און עס צוריק

אַריינגעלייגט אין דער שיסל, ווי אַן אָפּגעבריטער. מען האָט גלייך אַריינגע־לייגט אין אַנדערער שיסל אַ שיינע מטבע, אָדער פּאַפּירגעלט, מען האָט נישט געזשאַלעוועט, ווי מען וואָלט זיך געוואָלט אויסקויפן מיט דעם.

צו ביסלעך איז דער עולם אַוועק פון זעליקס צוגעמאַכטן קבר, ווער פּאַמעלעך און ווער גיך. די גרעסטע טייל באַגלייטערס האָבן זיך געאײַלט צום אויטאָבוס און צו די פּריוואַטע וועגענער. די אויטאָ־באַזיצער זענען אַוועק מיטן געדאַנק, אַז עס איז נישט קיין חכמה, מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק מיטן וואָגן...

די לעצטע באַגלייטערס, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרלאָזט דעם בית־עולם, זענען געווען אַ גרופּע עלטערע לייט, פּענסיאָנירטע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געאײַלט. נישט געווען צו וואָס. זיי זענען געגאַנגען אין די שטילע בית־עולם־אַלייען מיט געלאַסענע שלאַבעריקע טריט. דער רעגן האָט אויפגעהערט און אין דער זייט פונעם הויפּט־טויער, צו דער גאַס־צו, האָט אַ שטיק הימל זיך אויסגעלייטערט, זיך אַרויסגעמאַכט פון די גראָבע טריבע וואָלקנס, ווייזנדיק אַ העל־בלאַסן צינענעם גלאַנץ. די אַלטע יידן זענען גע־גאַנגען מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, געווען פאַרטאָן אין שמועסן צווישן זיך, נישט באַמערקנדיק די פייכטע בית־עולם־ערד אויף זייערע שיך־שפּיצן, וואָס זיי טראָגן אַוועק מיט זיך. מען האָט גערעדט וועגן זעליקן, אים נאָכגעזאָגט פון מאָל צו מאָל אַ שבח, דערמאָנט זיינע מעלות, און אַז מ׳איז אַרויפגעקומען אויך אויף אַ חסרון, האָט מען פלוצלינג אָפּגעהאַקט. מ׳האָט זיך פאַרקרעקט. מען האָט דעם חסרון ממש געוואָלט פאַרבאַהאַלטן אין אַ צווידייטיק הוסטעלע, אים אַריינגעמען אין אַ דין דיסקרעט כריפּעלע: „קכע״ און „מנע״... „נו, יאָ... איז וועגן דעם... — זאָל ער דאַרטן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן... מילא, נו, לאָמיר שוין זיין געזונט... נו, און צוריק געשמועסט, וועלכער מענטש האָט דאָס נישט קיין חסרון? אפילו די זון האָט אויך פלעקן אויף זיך״... — און מ׳איז ווייטער געגאַנגען און מ׳האָט גערעדט און גע־רעדט, ווי מען וואָלט געוואָלט אַזוי פאַררעדן די ציין דעם מלאך־המוות. מ׳האָט זיך באַמיט אַפילו צו מאַכן זיך אַ לבֿ, צו פאַרגרינגערן זיך דאָס שווערע, נאָך־לוויהדיקע געמיט דורך דערציילן זיך אַ מעשה, אַ חכמה, דורך זאָגן מוסר די מענטשן פאַר זייערע פירעכצער, דורך אויסרעדן זיי פאַר זייער געיעג אַרויפצואַרבעטן זיך.

— אַז נאָר מען וויל זיך באַווייזן און איבערשטייגן איינער דעם אַנדערן — האָט זיך אָנגערופן אַ ייִד — מען מיינט, אַז מען מוז זיך נאָר רוקן צו די שיינע, רייכע קאַרטיעס; נישט אַנדערש, נאָר צו שאַנז־עליזיי מוז מען זיך שטופּן מיט אונדזער ביסל קבצנות. און וויפל מען האָט, איז נאָך אַלץ ווינציק. האָט איינער אַן אויטאָ, איז דאָך שוין, דאַכט זיך גענוג, האַ? נו שוין, זיך אָפּ. ניין — מוז ער דווקא האָבן צוויי, מער נאָך פאַרן אַנדערן. נו, וווּהין אָבער פירט דאָס? מען זעט דאָך שוין באַשיינפּערלעך ווו דאָס פירט... הכלל, מען מיינט, אַז נאָר דאָס געלט איז שוין אַלץ...

— איר זאָגט דאָס? — האָט אַ צווייטער ייִד זיך אָנגערופן — וועל איך אייך איבערגעבן עפּעס גאָר אַ וואָזשנע זאַך. איר מעגט עס הערן. אַנומלט האָב איך געהערט אויפן בעלוויל דערציילן זייער אַ שיינע מעשׂה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן טאַקע דאָ, אויפן בית־עולם. צו אַ פרישן מת קומט צו דער מלאך־הדומה און קלאַפּט אָן ביי אים אין קבר: „וואָ פּאַפּיע"... ער האָט, הייסט עס, פאַרלאַנגט ביי יענעם די פּאַפּירן, געוואָלט זען זיין נאָמען. יענער אָבער, זעט אויס, האָט נישט געוואָלט, מען זאָל וויסן ווער ער איז, מסתמא האָט ער געהאַט סיבות דערפאַר, האָט ער געזאָגט אַ תירוץ, אַז ער האָט פאַרגעסן זיינע פּאַפּירן אין דער היים אין אַ וועסטאָן ביים איבערטאָן זיך. ער האָט דאָך אָבער געוווסט, אַז דאָס איז קעגן רעגולאַמין, נישט צו האָבן ביי זיך די פּאַפּירן און מען קען באַשטראָפט ווערן דערפאַר אַזוי גוט אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט, האָט ער אַרויסגענומען אַ שיינע סומע געלט און זי געוואָלט אָפּשטעקן דעם מלאך־הדומה אין יד אַריין, ער זאָל מאַכן אַ שווייג. דער מלאך־הדומה אָבער, זעט אויס אַן אָרנטלעכער יונג, האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען; ער האָט זיך בשום־אופן נישט געלאָזט שמירן און ער האָט צוריקגעוויזן די ממתקים, זאָגנדיק צום בעל־דבר: „ר' ייִד, באַהאַלט אייערע פאַר זו, דאָ גייען מער נישט אָן די שטיק, דאָ איז דער עולם־האמת. דאָ קען מען שוין מיט קיין געלט גאָרנישט אויפטוען"...

— נו, יאָ. נו יאָ. אַזוי איז עס... — האָבן די ייִדן אונטערגעברומט — טאַקע אַ שיינע מעשׂה — און זיי זענען ווייטער געגאַנגען.

ביי די זייטן פון די אַלייען, ווו זיי האָבן זיך געלאָזן פאַרבייגעשלייכט, זענען געשטאַנען די גרויסע גראַניט־מצבות פון די קאַוואַס, טייל באַשטעלט אונטן מיט אָנדענק־טעוועלעך פון בלאָסן מירמלשטיין מיט אויסגעקריצטע

נעמען פון אומגעקומענע אויף דעפּאָרטאַציע. דאָ און דאָרט איז אויפן ראַנד פונעם שטיין אונטן, אין דער פּאַרטיפונג, געווען אומגעלייגט אַ וואַזאָנדל מיט פּאָרדאַרטע בלימעלעך, וואָס דער ווינט האָט אומגעוואָרפן. די אַלטע לייט האָבן געלאָזט הינטער זיך דעם מאָנומענט פון ייִדישן קאָמבאַטאַנט, וועלכער שטייט אַ שטאָלטנער און שטאָלצער הינטער גרויסע שטיינערנע לוחות, מיטן צעפליגלטן שינעל פון זיין רעגימענט פון וואָלאָנטערן. פון די מצבה־שטיינער אַראָפּ האָבן דעם געזעמל ייִדן נאָכגעיאָגט די שפּיציקע מגן־דודס, די „פּה נקברס" און די דוכנדיקע הענט פון כהנים, וואָס האָבן געוווּנקען צו זיי און זיי גערופן צו זיך מיט די פינגער... מחנות דורכגעווייקטע בלעטער מיט אַ קאָליר פון פּאַרזשאַווערט בלעך, וואָס דער נאָוועמבער־ווינט האָט זיי אָנגעיאָגט פון אַלע זייטן, האָבן זיך אָנגענומען איינס ביי ס'אַנדערע אין געשלאָסענע רעדער און רייפן. זיי האָבן אַרומגעקרייזט די טריט פון די לעצטע לוויה־באַגלייטערס און דראָענדיק זיי, זיי אַרומגערינגלט און זיי נישט געלאָזט גיין ווייטער... פון די בלעטער אַרויס האָט עפּעס אָפּגעקלונגען אַ געהיימנישפולער יעמערלעכער ניגון, ווי ס'וואָלט זיך געטראָגן פון זיי אַ בת־קול פון פּאַרוואָגלטע נשמות, וואָס זוכן אַ תיקון, טוליענדיק זיך צו מענטשלעכע טריט. די ייִדן האָט דורכגענומען אַ פּריקרע געפיל. זיי האָבן זיך גענומען אונטעראיילן אין שטאָט אַריין. זיי האָבן שוין וואָס שנעלער געוואָלט זיין אויף יענער זייט בית־עולם־טויער. דער ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם אָפענעם שטח, האָט זיי איצטער געפּאַטשט אין פּנים אַריין, זיי פּאַרהאַקט דעם אָטעם און געהאַמעוועט זייער גאַנג, ווי אויך ער וואָלט זיך פּאַרנומען נישט אַרויסצולאָזן זיי פון בית־עולם... זיי זענען געגאַנגען איינגעבויגענע און איינגעשרומפּענע, מיט צעפלויגענע קלאַפּנדיקע פּאָלעס און מיט אויפגעבלאָזענע פּאַרדרייטע הויזן. פון אַ בוים איז אַ פויגל איבערגעפלויגן צו אַן אַנדערן בוים. די צווייג, וואָס דער פויגל האָט פּאַרלאָזט, האָט נאָכגעגעבן און לאַנג זיך געטרייסלט אַ נאַקעטע און דאַרע. גראָבע, שאַרפע רעגן־טראָפּנס זענען געפאַלן פון איר מיט עזותקייט אויף שטערנס, נאָקנס און שפּיץ־נעז, צום ערגערניש און צום פּאַרדרוס פון די זקנים.

# אויסטייטש פון ווערטער *

אַנטערעמאַן — לוויה.

אַראַנדיסמאַן — שטאָטטייל, באַצירק.

אַטעליע — וואַרשטאַט, קליינע פאַבריק.

ביען שאָ — זייער הייס.

בעלאָט — דערדל (קאַרטן־שפּיל).

ביסטראָ — קליינע קאַפע, שענק.

ביידע „באַשעס" — פון באַשאָ — מאַטורע. ערשטע און צווייטע מאַטורע.

גאַרסאָן — קעלנער, קאַפע־באַדינער.

דאָסיעס — קאַרטאָטעקעס, אַקטן.

„דעמי" — אַ גלאָז ביר.

האָטעל דע וויל — ראַטהויז.

„וואָטיערס" — פאַריזדישטער אויסדרוק פון וואָטיר — וואָגן.

וועסטאָן — רעקל.

טורנע — רונדע.

לאָזש — דירה פון הויז־וועכטערין.

„מאָן רעוו" — מיין חלום.

מאָקעטן — טעפּיכער פון איינהייטלעכן קאָליר.

מאַראָקיניערס — בייטל־מאַכערס.

---

* דער אויסטייטש איז נוגע פראַנצויזישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זענען איינגעוואָרצלט אין יידישן שטייגער. יענע ווערטער, וואָס ווערן אומדירעקט אויסגעטייטשט אין טעקסט, קומען דאָ נישט אַריין.

מעטעק — זידל־וואָרט אויף אויסלענדער.

מערד — טינוף, דאָס שטאַרקסטע פראַנצויזישע אויפרעגונגס־־וואָרט און זידל־וואָרט.

מערי — מוניציפּאַליטעט.

מעמע — באָבע.

סאָ וואַ — נישקשה, בסדר.

סאַזש — געהאַרכזאַם, רויק.

סאָלדן — בראַקירטע סחורה.

עטאַבליסמאַן — פירמע, אונטערנעמונג.

קאַדאָ ד׳אַניווערסער — געבורטסטאָג־מתנה.

קאַוואָ — געמיינזאַם קבר, פאַמיליען־קבר.

קאַמיאָן — לאַסט־אויטאָ.

קאַמלאָ — גאַסן־הענדלער.

קאָמאַנד־שניידער — פּריוואַט־שניידער.

קאָמפּלע — אַנצוג.

קאָנטואַר — טומבאַנק.

קאָנסיערזשקע, קאָנסיערזש — הויז־וועכטערין.

קאַרטיע — געגנט, קוואַרטאַל.

קופּ — צושניידעריי, שניט.

קופּער — צושניידער.

קרעיאָן — בליישטיפט.

פּאַטראָן — באַלעבאָס.

פּאַרדעסיס — ווינטער־מאַנטלען.

פּורבואַר — טרינקגעלט.

„פּיע־נואַר״ — צונאָמען אויף פּליטים פון אַלזשיריע.

פּלאַקאַר — וואַנט־שאַפע.

פּאַסאַניערס — היים־אַרבעטער.

פּליק — חוזק־נאָמען אויף אַ פּאָליציאַנט.

# אינהאַלט


דער בלינדער און זיין באַגלייטער . . . 9

אַ בינטל בלומען . . . . . . . 31

דער טעלעפאָן קלינגט אין מיטן דער נאַכט . 45

מיין פריינד, דער וועוריק . . . . . 63

דאָס טישטעך . . . . . . . . 81

די פרוי אין שאָטן . . . . . . 107

טראַנספּוזיע . . . . . . . 145

איבער די דעכער פון פּאַריז . . . . . 183

דער סוד . . . . . . . . 239

*

אויסטייטש פון ווערטער . . . . . 337

## ביכער פון זעלבן מחבר

ברויט און בלײַ (לידער), לובלין, 1934
דאָס פּײַפל אין די בערג (לידער), װאַרשע, 1936
אױפֿן אַש פֿון מײַן הײם (פּאָעמע), פּאַריז, 1945
אַ בױם צװישן חורבות (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז, 1947
צװישן רויִנעס און רושטאָװאַניעס (רײזע־אײַנדרוקן פֿון פּױלן), פּאַריז, 1949
אַ רעגנבױגן איבער גרענעצן (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז, 1950
דער ניגון פֿון דורות (דראַמאַטישע פּאָעמע), פּאַריז, 1950
געקליבענע לידער, װאַרשע, 1954
אַ לײטער צו דער זון (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז, 1954
בלומען פֿון באַדױער (לידער און פּאָעמעס), פּאַריז, 1959
גאָלד און פּײַער (משלים און לידער), פּאַריז, 1962
בײַם פּנקס פֿון לובלין (פּאָעמע), פּאַריז, 1966

# פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“

**אריה שמרי / וואָרצלען**
אַנטאָלאָגיע פון ידיש־שאַפן אין ישראל

**ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד**
ראָמאַן

**רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן**
לידער

**מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד־מרדכי**
ידיש — ד. שטאָקפיש

**רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער**
עסייען

**רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן**
לידער

**ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים**
דערציילונגען

**יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן**
לידער

**אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן**
פאָעמע

**משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פאַריז**
דערציילונגען